STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00364

TOGBUKH FUN LODZHER GETO

Salomon Frank

Permanent preservation of this book was made possible by
Lila Fudalowitz
in memory of
the Fudalowitz family of Poland who perished in the Holocaust

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שלמה פראַנק

טאָגבוך פון לאָדזשער געטאָ

ביכער-סעריע

דאָס פּוילישע יידנטום

134
קל״ד

רעדאַקטאָר:

מאַרק טורקאָוו

פֿאַרלאַגס-לייטער:

אברהם מיטלבערג

די רשימה פון די דערשינענע ביכער — צום סוף פונעם בוך

שלמה פראַנק (פרענקל)

טאָגבוך פון לאָדזשער געטאָ

הקדמה: נחמן בלומענטאַל

★

אַרויסגעגעבן דורכן
צענטראַל־פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע
בוענאָס איירעס, 1958 — תשי״ח

דרוקעריי ברידער זלאַטאָפּיאָראָ — סאַן־לויס 3149 — בוענאָס־איירעס.

**
*

אַ סך ייִדן האָבן אין די פינצטערע געטאָ־יאָרן געשריבן זכרונות, אָבער ווייניק מחברים זענען געבליבן לעבן און נאָך ווייניקער זכרונות זענען צו אונדז דערגאַנגען.

איינער פון די, וואָס האָבן זוכה געווען איבערצולעבן דעם היטלער־גיהנום און אָפּצוגעפינען, נאָך דער באַפרייאונג, זיינע כתבים, איז דער לאָדזשער תושב שלמה פראַנק. איך דערמאָן זיך ווי ער איז געקומען צו־לויפן אין דער צענטראַלער ייִדישער היסטאָרישער קאָמיסיע, וואָס האָט אָקאָרשט אָנגעהויבן צו שטעלן אירע ערשטע טריט אין דער נאָר־וואָס באַפרייטער שטאָט לאָדזש, בעת די מלחמה איז נאָך אָנגעגאַנגען, מיט דער פריילעכער בשורה: „איך האָב געפונען מיינע נאָטיצן, וואָס איך האָב באַ־האַלטן ערגעץ אין אַ לאָך פון געטאָ, אין די זומער חדשים פון יאָר 1944, איידער די געטאָ איז ליקווידירט געוואָרן און איידער איך אַליין בין אַרויס־געשיקט געוואָרן מיטן רעשט ביסל לאָדזשער ייִדן אין דעם לאַגער, פון וועלכן ס׳איז נישטאָ קיין צוריק״.

איך האָב זיך געוואָרפן לייענען די האַלב־צעריסענע העפטן, אין וועל־כע די טינט־שריפט איז צעשוואומען געווען פון פייכטקייט און איך בין אויפגעציטערט געוואָרן פון דעם בילד פון דער נישט־ווייטער פאַרגאַנ־גענהייט, וואָס היינט דאַכט זיך עס אונדז אויס ווי אַ נישט־רעאַלער קאָשמאַר.

שלמה פראַנק איז נישט קיין היסטאָריקער. ער גיט אונדז אויך נישט קיין געשיכטלעכע באַשרייבונג. דאָס האָט ער אַפילו נישט געקענט טון אין יענער צייט און וואָס ער האָט אַפילו נישט געפּרוּווט דאָס צו טון. ער גיט אונדז דערפאַר אַ שטיק פון לעבן גופא, ווי אַזוי די ייִדן האָבן אין יענעם צייט־אָפּשניט געלעבט, ווי אַזוי האָט „די גאָס״ רעאַגירט אויפן גאַנצן אַרום, וואָס זיי האָבן געטראַכט, וואָס געהערט צווישן זיך, ווי אַזוי

זיך געווּיצלט און געלאַכט מיט יאַשטשערקעס און ווי אַזוי ביטער געווײנט אויפן אײגענעם גורל און אויפן גורל פון די נאָענטסטע.

שלמה פראַנק באַנוצט זיך נישט מיט קיין געשיכטלעכע מקורות, נישט מיט קיין וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגס־מעטאָדן, אאַז״וו. דאָס פולע געשיכטלעכע בילד פון יענער עפּאָכע וועט אונדז געבן, מיט דער צייט, די געשיכטע־פאָרשונג, וואָס וועט זיך באַנוצן מיטן געהעריקן וויסנשאַפטלעכן אַפּאַראַט און שעפּן פון די אַלע קוועלן, וואָס זענען באַקאַנט פון יענער צייט און וואָס זענען ערשט באַקאַנט געוואָרן נאָך דער מלחמה.

שלמה פראַנק איז ווייט פון צו געבן אַזאַ פול היסטאָריש בילד און ער האָט זיך אויך נישט אַרײַנגעלאָזט אין פאָרשן און אין באַשרײַבן אַלע פּרטים פון געטאָ־לעבן ער גיט אונדז אָבער דאָס וואָס ער האָט אַליין געזען, אַליין געהערט און אַליין מיטגעמאַכט, אַפּלעבנדיק קאַרגע פינף יאָר אין לאָדזשער געטאָ. זײַנע נאָטיצן, מיט וועלכע איך האָב זיך באַקענט אין אָריגינאַל, גיבן אונדז אַן אויסשניט פון אַ געוויסער ווירקלעכקייט און אַן אויטענטישקייט פון אַ צייט־אָפּשניט וואָס איז אײַנמאָליק אין לעבן פון אַ פאָלק. אַזאַ אויסשניט קען געבן נאָר דער יעניקער, וואָס האָט אַליין מיט זײַן אייגן לייב און לעבן דאָס מיטגעמאַכט און איבערגעלעבט.

דער מחבר שלמה פראַנק האָט געשאַפן די ציגל מיט וועלכע דער היסטאָריקער וועט אַמאָל זיך באַנוצן ביים שרײַבן זײַן געשיכטע, אָבער אויב דאָס ווערק פונעם געשיכטע־פאָרשער האָט אַ פאַרבײַגייענדיקן ווערט, איז אָפּהענגיק פון צייט און סביבה און קען האָבן אַזאַ צי אַנדערע סוביעקטיווע באַפאַרבונג, האָבן די ציגל (די מאָמענט־אויפנאַמען — אויב מיר וועלן זיי אַזוי אָנרופן) אַן אייביקן ווערט. די לאָזן זיך נישט איבעראַנדערשן. דאָס אויסטײַטשן די געשעעניש וועט געטון ווערן דורך דעם געשיכטע־פאָרשער, צי וועט ער דאָס טון הײַנט צי מאָרגן, צי גאָט ווייסט ווען — איז נישט וויכטיק, וויכטיק איז אָבער דאָס, וואָס עס זענען פאַראַן אומבאַרירלעכע יסודות, אויף וואָס עס וועט געבויט ווערן די פאַרטײַטשונג פונעם היסטאָריקער. איינע פון אָט די יסודות, וואָס שייך דער געשיכטע פון דער לאָדזשער געטאָ, איז דאָס טאָג־בוך פון שלמה פראַנק.

נחמן בלומענטאל

תל־אביב, דעם 23סטן מערץ.

אַרײַנפיר־וואָרט

נאָך היטלערס קומען צו דער מאַכט (אין יאָר 1933), האָט דער אַנטיסעמיטיזם אין פּוילן אויפסניי זיך פאַרשטאַרקט. כוליגאַנעס און אויסוורפן האָבן דערפילט, אַז איצטער איז געקומען די צייט זיך אָפּצורעכענען מיט ייִדן. די ענדעקעס, כאַדעקעס און די „נאַרא"־גרופּע האָבן געטון אַלץ כּדי וואָס מער צו פאַרפינצטערן דאָס אַזוי אויך נישט גאָר ליכטיקע לעבן פון די ייִדישע מאַסן אין פּוילן. די פאַשיסטישע באַנדעס, צוזאַמען מיט אַלע מינים פינצטערע דעק־עלעמענטן, האָבן עפנטלעך געהעצט צו פּאָגראָמען. אין אַלע גרעסערע שטעט האָבן די נאַראָדאָווצעס אויפגעשטעלט ספּעציעלע קעמערלעך, וואָס זייער אויפגאַבע איז געווען צו פאַרמיאוסן די ייִדן דאָס לעבן; זיי האָבן אָוועקגעשטעלט פּיקעטן ביי ייִדישע געשעפטן; געשלאָגן ייִדישע סטודענטן בעת די אוניווערזיטעט־לעקציעס; אַרויסגעלאָזן העץ־בלעטער קעגן די ייִדישע קרעמער און בעל־מלאכות, אד"גל. אַ חוץ דעם זענען כּסדר פאָרגעקומען סתם אָנפאַלן אויף דער ייִדישער באַפעלקערונג, וואָס האָבן אומזיכער געמאַכט דאָס ייִדישע לעבן און געקאָסט נישט ווייניק ייִדישע קרבנות.

דאָס האָט אָנגעהאַלטן ביז היטלער איז ברוטאַל אָנגעפאַלן אויף פּוילן. דעמאָלט האָט די פינצטערע, העצערישע אַגיטאַציע פאָרמעל אויפגעהערט, דאַקעגן אין געהיים האָבן זיך אַלע אַנטיסעמיטישע עלעמענטן פאַראייניקט, כּדי שפּעטער אַ סוף־צו־מאַכן מיט דעם פּוילישן ייִדנטום.

**
*

די דייטש־פּוילישע מלחמה איז אויסגעבראָכן פּלוצים, אַ טאָג פריער האָט נאָך קיין מענטש נישט געוווּסט, אַז מאָרגן, פרייטיק, דעם 1טן סעפּטעמבער 1939, וועט דער פּוילישער הימל רויט ווערן פון פייער און אויף די פּוילישע פעלדער וועלן שוין ליגן מאַסן דערהרגעטע און פאַרווּנדעטע.

עטלעכע טעג שפּעטער האָט שוין די ראַדיאָ געמאָלדן, אַז דאָס דייטשע מיליטער שטייט ביי די טויערן פון לאָדזש. די זעלביקע ראַדיאָ האָט אויך באַפוילן, אַז אַלע מענער, אין עלטער פון 16 ביז 60 יאָר, אַלע די, וועלכע זענען פעיק צום מאַרש, זאָלן פאַרלאָזן די שטאָט. עס האָט זיך געשאַפן אַ מוראדיקע פּאַניק. צענדליקער טויזנטער מענער און פרויען, איבערהויפּט ייִדישע, האָבן איילנדיק פאַרלאָזט די שטאָט, איבערלאָזנדיק זייערע נאָענטסטע אויף גאָטס באַראָט. שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז געווען אַ דייטשע פּראָוואָקאַציע, כדי צו באַשווערן דעם צוריקטריט פון פּוילישן מיליטער. די אַנטלויפנדיקע האָבן פאַרלייגט כמעט אַלע וועגן. דער גרעסטער טייל האָט זיך געשלעפּט צופוס און נישט געוווסט ווו זייער ציל איז. כמעט מער ווי אַ העלפט מענטשן זענען שפּעטער מיט אַ פּאָר טעג, אויסגעמאַטערטע און אויסגעשעפּטע, צוריקגעקומען קיין לאָדזש, ווייל עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַלע וועגן זענען שוין דורך די דייטשן באַזעצט געוואָרן און עס איז נישטאָ ווו צו לויפן. כדאי דערביי צוצוגעבן, אַז אַנטלאָפן זענען טאַקע בלויז ייִדן.

די צענדליקער טויזנטער לאָדזשער דייטשן און דייטשע קאַטאָליקן האָבן שוין פון פריִער אויס געוווסט ווען די דייטשע מאָרד־אַרמיי מאַרשירט אַריין אין דער שטאָט. זיי האָבן אַפילו געוווסט ווער עס וועלן זיין די ערשטע קרבנות. זיי האָבן אין דער שטיל, נאָך אונטער דער פּוילישער הערשאַפט, צוגעגרייט אַ רשימה פון די רייכסטע ייִדישע פאַבריקאַנטן, פון די רייכסטע סוחרים, פון די ייִדישע געזעלשאַפטלעכע טוער, פון די ייִדישע זשורנאַליסטן, אאַז״וו. אומעטום, אין אַלע לאָדזשער קאָמונאַלע אינסטיטוציעס, האָבן אין דער אַנפירונג זיך געפונען דייטשן אָדער פאָלקסדייטשן, וואָס האָבן פון פריִער אויס צוגעגרייט די נייטיקע רשימות פאַר די נאַציס.

מיטן אַנקום פון אָקופּאַנט האָט זיך אָנגעהויבן דער מאָרד און רויב איבער דער ייִדישער באַפעלקערונג. די זינדלעך פון די לאָדזשער דייטשן האָבן, צוזאַמען מיט די געקומענע אָקופּאַנטן, געווילדעוועט אין אַלע ייִדישע שטובן, זיי האָבן געוווסט אַלץ וואָס עס טוט זיך אין יעדן ייִדישן הויז.

אַ טעות האָבן געהאַט די אַלע וועלכע האָבן געמיינט, אַז לאָדזש, די שטאָט פון דעם באַוווסטזיניקן פּראָלעטאַריאַט, וועט זיך ווי געהעריק פאַר־

טיידיקן, די אַרבעטער וועלן שטעלן אַ ווידערשטאַנד און יעדעס הויז וועט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ פעסטונג. אַרויסגעוויזן האָט זיך פונקט פאַרקערט: די אַרבעטער האָבן זיך נישט קעגנגעשטעלט; זיי זענען שוין געווען פאַר־סמט פון דער לאַנג־יעריקער אַגיטאַציע אַז די יידן זענען שולדיק אין פוילנס אומגליק. עס איז זיי אַגב אויך באַצייטנס צוגענומען געוואָרן די מעגלעכקייט זיך צו פאַרטיידיקן. די אַרבעטער־שטאָט, לאָדזש, האָט זיך נישט אַנטקעגנ־געשטעלט דער אַריינקומענדיקער דייטשער אַרמיי. לאָדזש איז איבערגעגעבן געוואָרן צו די דייטשן מיט דיוועסיע און פּראָוואָקאַציע. דעם שונא אין דער האַנט איז די שטאָט אַריינגעפאַלן אַ גאַנצע, מיט אַלע אירע מענטשן, אוצרות און איינריכטונגען.

***

ווי נאָר די דייטשן האָבן זיך באַזעצט אין דער שטאָט, האָבן זיי קודם כל מודיע געווען די פּאָליאַקן, אַז די יידן זענען הפקר, אַז מיט די יידן וועלן זיי קענען מאַכן וואָס זיי ווילן. פאַר רויבן, מאָרדן, שענדן און אומברענגען אַ יידן וועט מען נישט באַשטראָפט ווערן. דערויף האָבן די פינצטערע כו־ליגאַנעס שוין לאַנג געוואַרט און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ מוראדיקער געיעג אויף יידישע נפשות. יידן זענען אין מיטן דער נאַכט אַרויסגעשלעפּט געוואָרן פון די בעטן. יידן האָט מען פון די וווינונגען, אַזוי ווי זיי שטייען און גייען, אַרויסגעטריבן. די הויז־דאָזאָרצעס זענען איבער נאַכט געוואָרן די באַלעבאַטים פון די יידישע הייזער. יידן האָבן געמוזט טאַנצן אויף די גאַסן, שרייען אויפן קול: „איך בין אַ פאַרשאָלטענער ייד". יידן האָבן גע־מוזט אויסלעקן מיט דער צונג דאָס שמוציקע רינשטאָק־וואַסער. אויף די גאַסן האָבן די מערדער געזוכט פרומע יידן, וואָס טראָגן בערד. ווען זיי האָבן געכאַפּט אַזאַ איינעם, איז אָך און ווי געווען צו אים און אָפט אפילו צו זיין גאַנץ הויזגעזינט. די מערדער האָבן זיך נישט באַגנוגנט מיט ווייַ־טון אים אַליין, זיי האָבן אויך געצוווּנגען די פרוי און קינדער, אַז זיי זאָלן זען ווי זייער פאָטער ווערט פאַר זייערע אויגן געשענדעט.

צען טעג נאָכאַנאַנד האָט אַזאַ שרעקלעכער מוראדיקער כוליגאַניזם געבושעוועט אויף אַלע לאָדזשער וועגן און גאַסן. שפּעטער ווען עס האָט זיך אַ ביסל איינגעשטילט, האָט מען געזען ווי אַזוי עס זעט אויס דער

אָנהייב פון דעם גרויסן בראַך און חורבן. אַ גרופּע פון טויזנט געכאַפּטע ייִדן, פרויען און מענער, האָט מען פאַרשפּאַרט אין פּאָזנאַנסקיס פאַבריק. די ייִדן האָבן דאָרט געמוזט ראַמען, קערן און רייניקן דעם גאַנצן גרויסן פאַבריקס־לאָקאַל. ביים ראַמען האָט מען זיי מערדערלעך געשלאָגן. אין דער פאַבריק פון די ברידער ראָזנבלאַט, אויף קאַראָלאַ גאַס, האָט מען פאַרשפּאַרט 600 ייִדישע מענער און פרויען. זייערע יסורים איז נישט מעגלעך צו באַשרייבן. ביי עטינגאַנען אין דער פאַבריק האָבן די דייטשן געבראַכט ייִדן, געכאַפּטע אונטערוועגנס. דאָרט האָט מען זיי אויסגעטאָן נאַקעט, צוגענומען זייערע מלבושים און זיי פאַרטיילט צווישן דער אַרומי־קער קריסטלעכער באַפעלקערונג. שפּעטער האָט מען די ייִדן געצוווּנגען צו טאַנצן און צו זינגען ייִדישע לידער. דער הויפּט־מערדער פון די קרוב טויזנט ייִדן איז געווען דער וויצע־קאָמענדאַנט פון דער דאָרטיקער פייער־לעשער אָפּטיילונג, אַ געוויסער לודוויק, וואָס האָט געקענט ריידן און שרייבן ייִדיש און האָט אַפילו געלייענט ייִדישע צייטונגען. אָט דער מערדער איז שפּעטער געוואָרן דער שעף פון דער קרימינאַל־פּאָליציי ביי דער לאָדזשער וואַיעוואָדסטווע. די אַלע ייִדן זענען דורך דעם דאָזיקן מערדער פאַרפּיי־ניקט געוואָרן צום טויט. קיינער פון זיי האָט מער נישט געזען זיין היים.

***

ווי נאָר דער ערשטער דייטשער שטיוול האָט באַטראָטן די שטאָט לאָדזש האָט אַ היפּשער טייל פון די לאָדזשער ייִדן פאַרשטאַנען, אַז זיי זענען פאַרמשפּט צום אונטערגאַנג, און אַז יעדער ווידערשטאַנד וועט אין לאָדזש נישט מעגלעך זיין. אויב עס וועלן זיך געפונען אַזעלכע וואָס וועלן יאָ שטעלן אַ ווידערשטאַנד, וועט עס גורם זיין צו גאָר גרויסע ליידן און צו גאָר גרויסע פּיינען, וואָס אַזעלכע האָט דאָס ייִדישע פאָלק נאָך נישט איבערגעלעבט.

די מערדער האָבן נאָר אויסגעקוקט, אַז עס זאָל זיך געפינען עמיצער וואָס זאָל זיי שטעלן אַ ווידערשטאַנד. „דאַן וואָלט די לאָדזשער קאַנאַליזאַ־ציע פאַרשטאָפּט געוואָרן פון ייִדיש בלוט" — אַזוי האָט דערקלערט דער פּאָליציי־פּרעזידענט שעפער.

***

אַנטקעגן אַלע געטאָס אין פּוילן, איז לאָדזש געווען די אומגליקלעכ־סטע. לאָדזש האָט נישט געהאַט קיין פּוילישע באַפעלקערונג, וואָס זאָל וועלן מיט עפּעס העלפן די ייִדן. אַרום דער געטאָ איז באַזעצט געוואָרן אַ באַפעל־קערונג פון לויטער דייטשן און פאָלקס־דייטשן, וואָס זייער אויפגאַבע איז באַלד פון אָנהייב אָן געווען צו דערנידעריקן, צו באַלעסטיקן און מער באַ־ליידיקן די געטאָ־ייִדן.

לאָדזש האָט נישט געהאַט קיין וועלדער אַרום ווו צו אַנטלויפן, ווו זיך אויסצובאַהאַלטן און ווו צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד.

לאָדזש איז געבליבן אָן אויפריכטיקע און ערלעכע כלל־טוער, די אמתע מוטיקע כלל־טוער זענען, ווי נאָר דער דייטש איז אַריינגעקומען, אַנטלאָפן. אַ גרויסער טייל געזעלשאַפטלעכע טוער, אַרבעטער־עסקנים, מיט נעמען וואָס האָבן דערוועקט דרך־ארץ, האָבן אַלץ איבערגעלאָזט, אַפילו זייערע פרויען און קינדער און זענען אַנטלאָפן קיין סאָוועט־רוסלאַנד, אי־בערלאָזנדיק די קהילה אויף הפקר. אויב עס זענען יאָ פאַרבליבן אַ פּאָר כלל־טוערס, וואָס האָבן שפּעטער געבילדעט דעם ערשטן קהילה־ראָט, זע־נען זיי דורך אַ געהיימער האַנט דענונצירט געוואָרן און דער סוף פון די מענטשן איז געווען אַ טרויעריקער; אַ טייל איז אומגעקומען אין ראַדאָ־גאָשטשער תפיסה און אַ צווייטער טייל איז פאַרשלעפּט געוואָרן און עד היום ווייסט קיינער נישט ווו זייער געביין איז אַהינגעקומען. דעריבער האָט געקענט קומען צו דער מאַכט אַזאַ סאַדיסט, ווי חיים רומקאָווסקי און אַזאַ אויסוווּרף ווי שלום הערצבערג.

דער אינערלעכער געטאָ־רעזשים איז געווען אַ ברוטאַלער, אַ פאַר־ברעכערישער. די הערשער אין געטאָ זענען געווען מענטשן וואָס האָבן נאָר פאַרזאָרגט זיך אַליין, מענטשן וואָס זענען געגאַנגען איבער טויטע, אַבי זייערס זאָל נישט געמינערט ווערן, מענטשן וואָס דער כלל, דער פּיין און צער פון דער מאַסע האָט זיי נישט אינטערעסירט. און איבער די אַלע גרעסערע און קלענערע מושלים האָט געהערשט אַ מענטש, וואָס האָט נאָך פון פאַרן קריג געהאַט סאַדיסטישע נייגונגען און אַ שלעכטע רעפּוטאַציע.

פון צייט צו צייט זענען דאָך פאַרגעקומען אין דער געטאָ פאַקטן, וואָס קענען באַטראַכט ווערן ווי ליכטיקע מאָמענטן אין דעם אַלגעמיינעם חושך.

דאָס זענען: די שטרייקן פון די אַרבעטער אין די טישלער־ און שניידער־רעסאָרטן, וועלכע זענען דערגאַנגען צו עפנטלעכע דעמאָנסטראַציעס; די ריכטער וואָס האָבן מוטיק און אָן פּחד דערקלערט: „מיר וועלן אונדזערע אומגליקלעכע ברידער נישט משפּטן צום טויט, זיי זענען שוין גענוג גע־שטראָפט געוואָרן מיט אַ געטאָ, מיט הונגער און מיט שאַנד־צייכנס אויף זייערע רוקנס"; דאַן — די ראַדיאָ־הערערס, די ראַדיאָ־פאַרשפּרייטער, וואָס זייערע ביולעטינען זענען געלייענט געוואָרן, מיט דורשט, דורך טויזנטער פאַרמשפּטע צום טויט. וויפל מוט און כּוח האָבן די ידיעות געגעבן די אומגליקלעכע געטאָ־שקלאַפן! די ראַדיאָ־הערער האָבן געוווּסט, אַז זייער לעבן הענגט אויף אַ האָר, אַז זיי שטעלן נישט אײַן בלויז זייער אייגן לעבן, נאָר אויך דאָס לעבן פון זייערע פאַמיליעס און דאָך האָבן זיי מיט גרויס אַחריות צוגעשטעלט דער געטאָ־באַפעלקערונג, אָן שום באַלוינונג, טאָג־טעגלעך די ראַדיאָ־ידיעות.

***

צו באַשרייבן אַלץ וואָס עס האָט פּאַסירט ביז איך נישט געווען בכוח. איך האָב נאָר פאַרצייכנט דאָס, וואָס מײַנע אייגענע אויגן האָבן געזען און וואָס איך אַליין האָב אין דער געטאָ מיטגעמאַכט און איבערגעלעבט. איך בין געווען אויף די ערטער ווו דאָס אומגליק האָט פּאַסירט, געערדט מיט אַלע געטאָ־גדולים, געשטראָפט און געוואָרנט, געבעטן זיך בײַ די, וועלכע האָבן זיך פאַרגעסן, סײַ די וועלכע האָבן געזאָגט, אַז „סײַ ווי סײַ וויגט מען אַ טויט קינד", דעריבער מעג מען שוין אַלץ טון. נישט איין מאָל האָב איך געוויינט און געשריבן. געוויינט ווי אַ קליין קינד און געבעטן זיך בײַ מײַן פרוי, שיינע־חיה, ע"ה, אַז זי זאָל מיר דערלויבן ווייטער צו פאַר־צייכענען, ווייל טאָמער וועט יאָ עמיצער איבערבלייבן, זאָל ער וויסן, ווי אַזוי עס האָט אויסגעזען די לאַדזשער געטאָ, און ווי אַזוי ברידער האָבן געהאַנדלט קעגן ברידער. עס זענען געווען טעג, וואָס זענען געווען שווערער ווי בלײַ, פינצטערער ווי דער פינצטערסטער טויטן־גרוב. אַז מען דערמאָנט זיך נאָר אין זיי, ווערט מען נאָך היינט אויפגעשווידערט. די טעג פון כאַפּן קליינע קינדער אין דער אויסזידלונגס־אַקציע; די טעג פון אַרויסנעמען אַלע קראַנקע פון די שפּיטעלער און זיי אָפּשיקן גלייך אין די טויטן־קאַ־

מערן; די טעג ווען מען האָט געפירט טויזנטער יידן קיין כעלמנאָ; טעג פון דער אַלגעמיינער אויסזידלונגס־אַקציע און נאָך און נאָך קלענערע און גרעסערע אומגליקן, וואָס קיין שום מענטשלעכער מוח קען אַזעלכעס נישט באַגרייפן.

אייניקע מאָל בין איך אין דער צייט פון די אומגליקן אויך קראַנק געוואָרן און איין מאָל זייער שווער. איך בין דריי חדשים געלעגן אין בעט און געבעטן זיך, ביי די וועלכע האָבן מיך באַזוכט, אַז זיי זאָלן עפּעס דער־ציילן, וואָס איך האָב שפּעטער מיט שרעק פאַרשריבן. די מורא מיינע איז נישט בלויז געווען פאַר רומקאָווסקין מיט זיינע מושלים, נאָר אויך פאַר דער „קריפּאָ" מיט אירע יידישע אַגענטן, פאַר דער געסטאַפּאָ מיט זייערע מוסרים, טיילמאָל אַפילו אויך פאַר מיין אייגענער פרוי און קינד. זיי האָב איך אַ תקיעת־כף געגעבן, אַז איך וועל מער נישט שרייבן, דאָס וואָס איז אָנגעשריבן וועט באַהאַלטן ווערן און ווייטער וועל איך נישט שרייבן. איך האָב אָבער נישט געקענט איינרוען: ס'טייטש, פאַרוואָס נישט ווייטער פאַר־צייכענען דעם גרויסן חורבן פון לאָדזשער יידנטום, פאַרוואָס זאָל די וועלט שפּעטער נישט וויסן ווער עס זענען געווען אונדזערע מערדער און ווער אונדזערע רעטער און איך האָב טאַקע, טראָץ אַלעם, פאַרשריבן מיינע איי־בערלעבונגען.

צום גרויסן באַדויערן איז ביזן היינטיקן טאָג מיר נישט געלונגען אויסצוגעפינען די מאַנוסקריפּטן פון די יאָרן 1940 און 1943, אָגב זענען די מאַנוסקריפּטן פון די צווייי יאָר יאָ געווען אין דער לאָדזשער היסטאָ־רישער קאָמיסיע, ווו ספּעציעלע אָנגעשטעלטע פון דער קאָמיסיע, אונטער דער אויפזיכט פון דירעקטאָר ד"ר פיליפּ פרידמאַן און די וויצע־דירעק־טאָרן נחמן בלומענטאל און ד"ר קערמיש, האָבן פון זיי געמאַכט קאָפּיעס. איך וויל גלויבן און האָפן, אַז די קאָפּיעס, וואָס געפינען זיך אין דער היסטאָרישער קאָמיסיע אין פוילן, וועלן דאָך נאָך אָפּגעשיקט ווערן צום ריכטיקן באַלעבאָס.

שלמה פראַנק

ירושלים, דעם 1/1, 1945.

1941

דעם 1טן יאַנואַר, 1941.

היינט איז געוואָרן 16 חדשים, זינט די מלחמה איז אויסגעבראָכן. וויפל מענטשלעכע קרבנות האָבן שוין די 16 חדשים אָפּגעקאָסט דער לאָדזשער ייִדישער באַפעלקערונג! וויפל זענען אויסגעגאַנגען פון הונגער און קעלט! און וויפל הייליקע נשמות פאַרלאָזן היינט זייערע אויסגעמוטשעטע און אויסגעהונגערטע קערפּערס! און צום סוף איז נאָך, ווער ווייסט, ווי ווייט און ווער ווייסט וויפל פורעניות מיר וועלן נאָך דורכמאַכן.

דעם 2טן יאַנואַר.

אַ גרופּע פון 60 אַרבעטער איז היינט פאַרטאָג אַרויסגעשיקט געוואָרן אויפן בית־עולם, כדי צו פאַרגרעסערן דעם טעמפּאָ ביים גראָבן קברים, ווייל וויפל מען גראָבט איז אַלץ צו ווייניק. עס בלייבן ליגן צענדליקער טויטע, וואָס קאָנען דעם זעלבן טאָג נישט קומען צו קבר ישראל.

די ייִדישע געטאָ־פּאָליציי האָט היינט געפונען ליגן די פרוי ראָזאַ מערינא, אַלט 36 יאָר, נישט ווייט פון איר וווינונג — אַ פאַרפרוירענע.

דעם 3טן יאַנואַר.

אין שפּיטאָל אויף לאַגעווניצקאַ איז היינט געשטאָרבן דער פּאָליציאַנט דוד קאַלסקי, וועלכער האָט זיך געראַנגלט מיטן טויט קנאַפּע 4 וואָכן. דוד קאַלסקי איז געשאָסן געוואָרן אויף זיין וואַך־פּאָסטן ביי די דראָטן. ער האָט איבערגעלאָזט אַ פרוי מיט צוויי קליינע קינדער. צווישן די וועלכע האָבן אָפּגעגעבן דעם אומגעקומענעם דעם לעצטן כבוד איז אויך געווען דער פּרעזעס רומקאָווסקי. אַ דייטשער וואַך־פּאָסטן, וואָס איז געשטאַנען ביים טויער אויף לימאַנאָווסקיעגאָ ראָג ריבנאַ, האָט היינט צוגערופן צוויי ייִדישע

קינדער און זיי געגעבן אַ פּעקל ברויט מ ...ר, דערבײַ האָט דער דײַטש זיי באַפֿוילן מער דאָ זיך נישט צו דרי .

אַ צווייטער דײַטשער וואַך־פּאָסטן, ...ט איז געשטאַנען בײַ די דראָטן אויף דרוקארסקא, האָט באַמערקט ווי אַ הון איז פֿון דער אַרישער זײַט אַריבער אין געטאָ אַרײַן, האָט ער נישט לאַנג געטראַכט און די הון דערשאָסן.

דעם 5טן יאַנואַר.

זייער אַ שווערער טאָג איז הײַנט געווען; פֿיר מענטשן זענען פֿאַרפֿרוירן געוואָרן. לײַדער איז נישט פֿעסטגעשטעלט געוואָרן ווער די מענטשן זענען. מען גלויבט, אַז דאָס זענען די וועלכע זענען ערשט נישט־לאַנג אָנגעקומען פֿון די קליינע שטעטלעך אַרום לאָדזש. די מענטשן פֿאַלן אָן געשרייַ, אַזוי ווי שטילע טויבן.

דעם 6טן יאַנואַר.

הײַנט פֿאַרטאָג זענען ווידער געפֿונען געוואָרן צוויי יונגע, פֿאַרפֿרוירענע מענטשן: לייבל סטאָלער און וואַלקאַן מאַרדיאַן. ביידע זענען געפֿונען געוואָרן אין זייערע פֿינצטערע שטיבלעך. ביידע האָבן איבערגעלאָזט אויסגעדאַרטע האַלבטויטע פֿרויען און קינדער. אויף די פֿרויען האָט דאָס אומגליק קיין שום אײַנדרוק נישט געמאַכט, ווײַל אויך זיי שטייען שוין בײַם ראַנד פֿון קבר.

דעם 7טן יאַנואַר.

די „גיכע הילף” האָט הײַנט אין די שפּיטעלער געבראַכט 110 מענטשן, צווישן זיי — 22 קינדער, וואָס האָבן קוים געלעבט. אַלע זענען געווען אַזוי אָפּגעשוואַכט און אַזוי פֿאַרפֿרוירן, אַז זיי האָבן נישט געוווּסט ווו זיי געפֿינען זיך און וואָס מען טוט מיט זיי.

אויף ריבנא נומ׳ 6, איז הײַנט געעפֿנט געוואָרן די צענטראַלע וווינונגס־אָפּטיילונג. די אָפּטיילונג אַרבעט אָן אויפֿהער, ווײַל נישט ווו, נישט ווען ווערט די געטאָ פֿאַרקלענערט, גאַסן ווערן אָוועקגענומען, אַנדערע קומען צו. עס קומען אויך פֿון צײַט צו צײַט צו וואַרשטאַטן, אַרבעטס־שאַפּן, אַרבעטס־לאַגערן. די הויפּט־אַרבעט פֿון דעם וווינונגס־אַמט איז אײַנצופּרעסן

איינצוקוועטשן פריש־אָנגעקומענע מענטשן. נישט קוקנדיק אויף דעם גרויסן דחקות, הונגער און נויט מוז יעדער געטאָ־איינוווינער צאָלן דירה־געלט.

דעם 9טן יאַנואַר.

ווידער אַ ייִד דערשאָסן געוואָרן ביי די דראָטן: איציק קאַזשוך, אַ לוסטיקער יונג, שטענדיק געוויצלט זיך, געלאַכט פון דער גאַנצער וועלט, אַפילו פון די דייטשן, וואָס היטן די געטאָ. גייענדיק צו אַ פריינט האָט אַ דייטשער וואַך־פּאָסטן אים צוגערופן און דערנאָך געהייסן לויפן און בעת ער איז געלאָפן איז ער דערשאָסן געוואָרן פון הינטן. ווען די ייִדישע פּאָליציי האָט אים אויפגעהויבן האָט ער נאָך געלעבט און געפרעגט וו״ די קויל האָט אים געטראָפן.

דעם 10טן יאַנואַר.

די פרוי חנה בירענצווייג איז היינט געפונען געוואָרן אַ טויטע. זי איז געשטאָרבן פון הונגער און קעלט. אויפן טיש פון דער אומגליקלעכער פרוי האָט מען געפונען אַ בריוו צו רומקאָווסקין. זי שרייבט: „איך וואָלט קיינמאָל אין מיין לעבן נישט געגלויבט, אַז ייִדן זאָלן אַזוי שלעכט זיין. די שכנים האָבן מיך באַגנבעט, זיי האָבן מיר צוגענומען מיין ברויט־צוטיילונג. שוין אייניקע טעג ווי איך עס נישט קיין שטיקל ברויט. איך גיי אויס פון הונגער און קעלט״. אין זעלביקן בריוו בעט זי דעם פּרעזעס, אַז ער זאָל באַשטראָפן די שלעכטע שכנים.

דעם 11טן יאַנואַר.

היינט איז פאָרגעקומען אַ גרויסע דעמאָנסטראַציע פון פרויען און קינדער. די דעמאָנסטראַנטן האָבן געפאָדערט ברויט. זיי האָבן געשריגן: — „גיב אונדז ברויט, מיר הונגערן! מיר גייען אויס פאַר נויט! אונדזערע מענער ווערן געשוואָלן פון הונגער און קעלט. אונדזערע קינדער שטאַרבן פאַר דער צייט. אַ טויט דעם פּרעזעס! אַ טויט די אַלע וועלכע האַלטן מיט אים!״ ביים צעטרייבן די דעמאָנסטראַנטן זענען דריי פרויען שווער פאַר־

ווונדעט געוואָרן. די פרויען זענען אָפּגעפירט געוואָרן אין שפּיטאָל. איינע, די פרוי רבקה בירקעל, איז אין שפּיטאָל געשטאָרבן.

דעם 13טן יאַנואַר.

דער פראָסט איז היינט גאָר שטאַרק. מיט וואָס צו הייצן איז נישטאָ. מען באַקומט נישט קיין שום ברען־מאַטעריאַל. נאָך גוט, וואָס אין געטאָ געפינען זיך הילצערנע הייזער און פּלויטן. צום ערשט האָבן די געטאָ־איינוווינער אָנגעהויבן צו פאַרברענען די שענק, בעטן, שטולן אד״גל. אַלץ וואָס איז פון האָלץ איז געגאַנגען אין אויוון אַריין. און ווען דאָס מעבל האָט מער נישט געסטייעט, האָט מען זיך גענומען צו די הילצערנע פּלויטן און הייזער, אַזוי אַרום זענען אין געטאָ במשך אַ קורצער צייט פאַרשווונדן געוואָרן הונדערטער פּלויטן, הילצערנע הייזער און הילצערנע בית כסאס.

דעם 14טן יאַנואַר.

אַ שרעקלעכער טאָג איז היינט. מענטשן פאַלן ווי די פליגן. עס איז נישטאָ קיין איין הויז ווו עס זאָל נישט זיין קיין טויטער. אומעטום הערט מען יאָמערלעכע געוויינען, געשרייען. מיט פאַרבראָכענע הענט לויפן אַרום די וועלכע לעבן נאָך און בעטן זיך, אַז מען זאָל צונעמען די טויטע, וועלכע ליגן שוין עטלעכע טעג אין די שטובן. אויף מקבר צו זיין היינט אַ טויטן מוז מען האָבן גרויסע פּראָטעקציע. אויב נישט מוז דער טויטער ליגן אַזוי לאַנג ביז עס קומט זיין ריי. דער רוב מענטשן שטאַרבן היינט פון הונגער און קעלט. זייערע שוואַכע הערצער קענען נישט אויסהאַלטן דעם שווערן ווינטער מיט די גרויסע פרעסט. ליידער איז נישטאָ מיט וואָס צו ראַטע־ווען. עס איז נישט מעגלעך אַזויפיל אָפּגעשוואַכטע הערצער צו דערמונטערן. די קעלט און דער הונגער זענען אונדזערע גרעסטע שונאים. ביידע האָבן זיך געגעבן די הענט און געשווירן, צו פאַרניכטן דעם יידישן קיבוץ פון דער שטאָט, לאָדזש.

דעם 15טן יאַנואַר.

די שפּייז־ראַציעס וואָס ווערן פאַרטיילט דער באַפעלקערונג קלעקן קוים אויף צוויי טעג אין דער וואָך. די איבעריקע פינף טעג מוז מען הונגערן. די

פראָדוקטן וואָס ווערן שוין יאָ פאַרטיילט זענען פון ערגסטן סאָרט. דער גרעסטער טייל — פאַרפוילטע, פאַרפרוירן און פאַרשימלט. חוץ לזה באַקומט קיינער נישט די גענויע וואָג. די פאַרטיילער גנבענען. ווען מען ברענגט די פּראָדוקטן אַ היים זעט מען ערשט די בראָך: צו יעדער צוטיילונג פעלט אַ היפּשע וואָג.

דעם 16טן יאַנואַר

די נײַ־געשאַפענע זאָנדער־פּאָליציי, אונטער דער אָנפירונג פון באַקאַנטן אויסוואָרף שלום הערצבערג, האָט היינט אָנגעהויבן דורכצופירן מאַסן־רעוויזיעס אין די ייִדישע הייזער. אין אייניקע ערטער האָט די זאָנדער־פּאָליציי געפונען און צוגענומען אַ סך באַהאַלטענע טעקסטיל און לעדער־שטאָפן. פאַר אַ קליינעם טייל פון דעם צוגענומענעם האָט מען באַצאָלט, דאָס איבעריקע איז קאָנפיסקירט געוואָרן לטובת דער געטאָ־קאַסע, אינטערעסאַנט צו פאַרצייכענען, אַז דער פרעזעס האָט באַפוילן צו אַרעסטירן אַלע וועלכע וועלן קומען צו אים פּראָטעסטירן קעגן דער האַנדלונג פון דער זאָנדער־פּאָליציי. ווער איז די זאָנדער־פּאָליציי? צו וואָס האָט זי רומקאָווסקי געשאַפן? דער גאַנצער געטאָ־סדר איז געבויט לויטן מוסטער פון היטלער־דייטשלאַנד. אַזוי ווי היטלער האָט באַשאַפן עטלעכע סאָרטן פּאָליציי, האָט אויך רומקאָווסקי אין געטאָ באַשאַפן עטלעכע סאָרטן פּאָליציי. ווי נאָר די געטאָ איז געשלאָסן געוואָרן האָט ער צו זיך געצויגן אייניקע געטאָ־מענטשן און האָט זיי פאַרגעלייגט צו גרינדן אַ פּאָליציי־קאָמאַנדע וועלכע זאָל זיין פאַראַנטוואָרטלעך נאָר פאַר אים. אין אָנהייב איז אין דער דאָזיקער קאָמאַנדע אַריינגעטראָטן אַ פאַרשיידנאַרטיקער עלעמענט, מיט אַ ניקשהדיקן איבערגעוויכט פון דער אונטערוועלט. אַ פּאָר חדשים שפּעטער האָבן זיך אויך געמאָלדן מענטשן פון דער בעסערער סביבה, דערונטער אויך פּאַרטיי־מענטשן, וואָס זענען פאַרן קריג געווען אַקטיוו אין דער געזעלשאַפט. זעענדיק, אַז די פּאָליציי־קאָמאַנדע פירט נישט אויס דאָס, וואָס ער וויל און וואָס ער מיינט, האָט רומקאָווסקי אָרגאַניזירט אַן איבערפּאַל קאָמאַנדע, אַ פּאָליציי פון לויטער שטאַרקע, אונטער דער אָנפירונג פון קאָמיסאַר יוטקע און קאָמיסאַר פּרענקעל. יוטקע, אַ געוועזענער אָנפירער פון דער לאָדזשער רעוויזיאָניסטישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע. פּרענקעל, אַ דייטשער ייִד, וואָס

האָט געפירט האַנדלס־געשעפטן מיט דער טשעכישער רעגירונג. די איבער־פאַל־קאָמאַנדע האָט נישט געוווּסט פון קיין רחמנות. זי האָט זיך טיף איינגעקריצט אין פיין־זכרון פון יעדן לאָדזשער געטאָ־ייִד. נישט איינער איז געבליבן אַן אייביקער קאַליקע, (אויב ער איז בכלל לעבן געבליבן). דורך דער צייט האָט זיך די לאַגע אין געטאָ פאַרערגערט. דער פּרעזעס איז געוואָרן ברוטאַלער, די מענטשן ערגער, דער הונגער האָט יעדן פאַרביטערט דאָס לעבן. דער פּרעזעס האָט דאַן איינגעזען, אַז די ביידע מינים פּאָליציי טויגן אויף כפרות. איז וואָס טוט מען? איז ער געפאַלן אויף אַ פרישע המצאה: שאַפן אַ מין עס־עס־פּאָליציי, וואָס זאָל זיין איבער אַלע פּאָליציי־אישע קאָמאַנדעס. אַזוי אַרום זענען אין דער געטאָ אַנטשטאַנען דריי סאָרטן פּאָליציי, מיט דריי באַזונדערע קאָמאַנדעס.

די דייטשע וואַך, אויף זגערזשער גאַס נומ׳ 57, האָט היינט 9 אַזייגער אין אָונט געשאָסן צו שמוגלערס. איינער איז געטראָפן געוואָרן און איז אויפן אָרט געבליבן ליגן אַ טויטער. די איבעריקע זענען נעלם געוואָרן אין געטאָ.

פון באַלוטער־מאַרק האָט היינט די אַפּראָוויזאַציע־אָפּטיילונג אַרויס־געפירט עטלעכע פורן מיט בוראַקעס. אויפן וועג האָט אַ גרויסע מחנה פרויען און קינדער אָפּגעשטעלט אַ וואָגן, אָוועקגעשלעפּט דעם פורמאַן אין אַ זייט און צעראַבירט דעם גאַנצן וואָגן מיט בוראַקעס. ווען פּאָליציי איז אָנגעקומען און געגומען צעיאָגן די מאַסע איז אויף טויט צעטראָטן געוואָרן די 60־יעריקע פרוי, רבקה זיידמאַן.

דעם 17טן יאַנואַר.

די געטאָ־פאַרוואַלטונג, ווי אויך דער פּרעזעס, האָבן היינט אויסגע־קלעפּט גרויסע פּלאַקאַטן. אין ביידע פּלאַקאַטן ווערט די באַפעלקערונג גע־וואָרנט, אַז זי זאָל זיך האַלטן רויק, נישט דעמאָנסטרירן, נישט ראַבעווען און נישט מאַכן קיין גרויל־פּראָפּאַגאַנדע. יעדער איינער וואָס וועט געכאַפּט ווערן ביי אַזאַ פאַרברעכן וועט באַשטראָפט ווערן מיט תליה.

די פּלאַקאַטן זענען אויסגעקלעפּט געוואָרן, ווייל עס קורסירן אַרום קלאַנגען, אַז די געטאָ־באַפעלקערונג גרייט זיך צו מאַכן אַ הונגער־דע־מאָנסטראַציע.

דעם 18טן יאַנואַר.

דער 66־יעריקער מענדל קורץ, דער 42־יעריקער אבא פּאָמעראַנץ און דער 40־יעריקער איציק קארענא זענען היינט געפונען געוואָרן טויטע אויף פאַרשידענע גאַסן. זיי זענען אומגעקומען פון הונגער און קעלט.

די צאָל קברים־גריבער אויפן בית־עולם איז היינט פאַרטאָפּלט געוואָרן. דאָס איז דערפאַר ווייל עס האָט זיך פאַרשטאַרקט די קינדער־שטערבלעכקייט. די פינף טויטן־וואָגנס וואָס קורסירן אין געטאָ זענען שוין ווייניק. מען האָט אָנגעהויבן אויך באַנוצן איינפאַכע לאַסט־וואָגנס. דאָס באַגראָבן קומט פאַר מאַסנווייז.

היינט פרי האָט אברהם גאָלדקאָפּ, אַרויפגייענדיק אויף דער זגערזשער בריק, פּלוצים באַקומען אַ האַרץ־שלאַג און איז געפאַלן טויט. ער האָט די טעג געזאָלט באַקומען אַ פּאָסטן אין דער אַפּראָוויזאַציע־אָפּטיילונג.

דעם 19טן יאַנואַר.

אין שניידער רעסאָרט אויף יאַקובאַ איז אויסגעבראָכן אַ שריפה. עס זענען פאַרברענט געוואָרן עטלעכע הונדערט מיליטערישע מונדירן, ווי אויך דער מאַגאַזין פון רויען פאָדעם. די ייִדישע און דייטשע פייערלעשער האָבן פאַרלאָשן די שריפה. די געסטאַפּאָ האָט געהייסן אַרעסטירן אַלע דריי רעסאָרט־וועכטער.

אברהם שמולעוויטש, 60 יאָר אַלט, און יעקב קינסטלער, 57 יאָר אַלט, זענען היינט געשטאָרבן ביי זייער אַרבעט אין רעסאָרט. ביידע האָבן איבערגעלאָזט פרויען און קינדער.

דער בית־עולם־אינטענדענט ה׳ ביאַלער, האָט מיר מיטגעטיילט, אַז אין פאַרלויף פון היינטיקן טאָג זענען געקומען צו קבורה 72 מענער און 18 פרויען. די קינדער זענען נאָך נישט געקומען צו קבר ישראל. זיי וועלן ליגן ביז מאָרגן.

דעם 20סטן יאַנואַר.

דער פראָסט איז היינט געפאַלן. הלוואי וואָלט שוין דער הונגער אַזוי געפאַלן, ווי דער פראָסט, דעמאָלט וואָלט אונדז שוין אפשר בעסער געווען.

היינט זענען געבראַכט געוואָרן צו קבר ישראל 160 טויטע. דאָס איז די גרעסטע צאָל זינט די געטאָ עקזיסטירט.

כדאי צו פאַרצייכענען, אַז אויפן יידישן בית־עולם האָט מען נישט בלויז באַגראָבן יידן, נאָר אויך פאַרשידענע קריסטן, וואָס זענען שטילער־הייט געבראַכט געוואָרן דורך דער געסטאַפּאָ, דערשאָסן געוואָרן און באַגראָבן געוואָרן אויפן יידישן בית־החיים. אין די לעצטע חדשים זענען אַזעלכע עקזעקוציעס פאָרגעקומען כמעט יעדן טאָג.

דעם 21סטן יאַנואַר.

די 27־יעריקע פריידע אונגער האָט זיך היינט אין דער פרי גענומען דאָס לעבן. ווי די שכנים האָבן דערציילט האָט זי שוין פון לאַנג באַשלאָסן צו באַגיין זעלבסטמאָרד. פון דער גאַנצער משפחה אירער איז זי איינע אַליין געבליבן. זי האָט געטענהט צו די שכנים: — צוליב וואָס זאָל איך וואַרטן ביז דער מלאך־המות וועט קומען צו מיר. אַ סך לייכטער וועט מיר זיין, ווען איך וועל גיין צו אים.

דער פּרעזעס האָט היינט מודיע געווען, אַז פון פרייטיק אָן וועלן אַלע געטאָ־איינוווינער באַקומען צוגעטיילט צו 40 דעקאָ ברויט. די ידיעה האָט שטאַרק דערפרייט די אויסגעהונגערטע.

דעם 22סטן יאַנואַר.

די טישלער־אַרבעטער האָבן היינט פאַרשטרייקט. זיי האָבן אויסגעוויילט אַ קאָמיסיע פון 5 מאַן צו קאָנפערירן מיטן פּרעזעס וועגן זייערע פאָדערונגען. ווי נאָר דער פּרעזעס האָט זיך וועגן דעם דערוווּסט, האָט ער גערופן דעם לייטער, ה' בערנאַרד פרוינד, און אים באַפוילן נישט נאָכצוגעבן די פאָדערונגען פון די אַרבעטער, „ווען אַפילו דאָס זאָל קאָסטן קרבנות". נאָך דעם ווי פרוינד האָט די אַרבעטער איבערגעגעבן די ווערטער פון פּרעזעס האָבן אַלע פאַרלאָזט די פאַבריק. מיטיק־צייט האָט די איבערפאַל־פאָליציי־קאָמאַנדע באַזעצט די פאַבריק און יעדן אַרבעטער וואָס איז געקומען עפּעס דערליידיקן אַרעסטירט אויף אַ פּאָר שעה. ווען אַן אַרבעטער האָט פּראָטעסטירט האָט מען אים מערדערלעך געשלאָגן.

דעם 23סטן יאַנואַר.

היינט האָבן די שניידער־אַרבעטער מיטגעטיילט זייערע קאָמיסאַרן, אַז אויך זיי וועלן אָנהייבן שטרייקן, אויב מען וועט זיי נישט געבן די צוגע־זאָגטע 50 דעקאָ ברויט ווי אַ צוגאָב פאַר שווערער אַרבעט. די שניידער־אַרבעטער האָבן אויסגעקלעפּט אַ שריפטלעכן אויפרוף און גערופן אַלע געטאָ־איינוווינער צו סאָלידאַריזירן זיך און וואַרפן די אַרבעט און גלייכ־צייטיק באַזייטיקן די פאַרשטעלטע ברידער־מערדער מיטן פּרעזעס בראש. פּאָליציי שטייט אויף דער וואַך און וואַרט אויף די באַפעלן.

דעם 24סטן יאַנואַר.

היינט האָבן די אַרבעטער פון אַלע שניידער־רעסאָרטן געוואָרפן די אַרבעט. דער פּרעזעס האָט דערקלערט: — איך וועל נישט נאָכגעבן, איך וועל אויך נישט אויפנעמען קיין שום דעלעגאַציע. ווער עס וועט וועלן אינ־טערווענירן לטובת די אַרבעטער, דער וועט באַקומען פון מיר פּעטש און אויב עס וועט נייטיק זיין וועל איך רופן די געסטאַפּאָ און זי וועט שוין מאַכן אָרדענונג.

דעם 25סטן יאַנואַר.

אויף פראַנציסקאַנער נומ׳ 60 איז די פריילין בלומע ליכטענשטיין אַראָפּגעשפּרונגען פון דריטן שטאָק און איז געבליבן טויט אויפן אָרט. די סיבה פון זעלבסטמאָרד איז הונגער.

דער שטרייק האָט זיך היינט פאַרשאַרפט. דער פּרעזעס וויל נישט נאָכגעבן. ער דראָט מיט ערנסטע קאָנסעקווענצן. די שטרייקער האָבן אויס־געקלעפּט אייניקע פּלאַקאַטן געשריבן אין צוויי שפּראַכן, דייטש און יידיש, מיט דעם פאָלגנדיקן אינהאַלט: „מיר ווילן נישט קיין באַלוינונג אין געלט. אונדזערע קינדער הונגערן. מיר פאַלן ביי דער אַרבעט ווי די פליגן. מיר ווילן אַרבעטן און עסן צו דער זעט. נידער מיט דער פּאָליציי. אַ טויט דעם פּרעזעס. אַ טויט אַלע זיינע מיטהעלפער". צוליב די שטרייקן איז די לאַגע זייער אָנגעשטרענגט. דער פּרעזעס באַמיט זיך, אַז די דייטשע מאַכט זאָל דערפון נישט וויסן.

אויפן באַלוטער־מאַרק האָבן זיך די דייטשן היינט אַ ביסל פריילעך געמאַכט. ווען די ייִדישע טרעגערס זענען געקומען צו זייער נאַרמאַלער אַרבעט האָבן זיי באַקומען, אַ טייל מיט שטעקנס און אַ טייל מיט שפּיץ־רוטן, מוראדיק געשלאָגן. דאָס שפּיל האָט אַזוי אָנגעהאַלטן צוויי שעה, ביז ביבאָוו איז געקומען און האָט כלומרשט געשריען און געפרעגט וואָס דאָ קומט פאָר?

דעם 27סטן יאַנואַר.

דער פראָסט איז היינט ווידער שטאַרקער געוואָרן, די לאַגע איז זייער אַ טרויעריקע. מענטשן שטאַרבן מאַסנווייז. דער הונגער דערגרייכט שוין דעם העכסטן גראַד. ריזיקע פּראָטעסטן פון דער גאַנצער געטאָ־באַפעלקערונג קעגן די מושלים און קעגן דער פּאָליציי. נאָכמיטיק האָט דער פּרעזעס גערופן די הויפּט־לייטערס פון די שניידער־ און טישלער־רעסאָרטן, די ה״ה פּרוינד, שוואַרצאַווסקי, טערקעלטויב, ראָזנער, ווינאָגראַד, פּויזנערזאָן, וואַרשאַווסקי, עקשטייך, גלאַזער, גאַניק, זבאַר, ווישינסקי, ראַדזשעיעווסקי, נאַכטשטערן און פּשעבישעוויטש. דער פּרעזעס האָט אַפּעלירט און געבעטן, אַז זיי זאָלן ווירקן אויף זייערע אַרבעטער, צוטרעטן צו דער אַרבעט, אויב נישט וועלן זיי אַליין אויך צוגעצויגן ווערן צו דער פאַראַנטוואָרטלעכקייט. פּרוינד און שוואַרצאַווסקי, הערנדיק, וואָס דער פּרעזעס פאַרלאַנגט פון זיי, האָבן אויפן אָרט דערקלערט, אַז זיי רעזיגנירן פון זייערע אַמטן. די אַרבעטער ווילן האָבן אַ ביסל מער צו עסן — האָבן זיי געזאָגט — איז דער בעסטער אויסוועג זיי נאָכצוגעבן. — גוט — האָט דער פּרעזעס דערקלערט — זאָגט זיי, אַז איך וועל עפּעס נאָכגעבן. זאָלן צו מיר, נאָך היינט, קומען די אַרבעטער־פאָרשטייער, וועל איך מיט זיי ריידן. דערמיט האָט זיך די זיצונג פאַרענדיקט.

אויסערגעוויינלעכע קלאַנגען קורסירן היינט אַרום אין געטאָ. מען דערציילט, אַז דער פּרעזעס האַנדלט אונטער מיט ביבאָוון, וועגן עפענען די געטאָ אויף צוויי שעה אין טאָג, כדי די קריסטן זאָלן קענען אַריינברענגען פּראָדוקטן פאַר די געטאָ־איינוווינער. הלוואַי וואָלט דאָס אמת געווען...

מען רעדט אויך שטאַרק, אַז די גאַנצע געטאָ־אַפּראָוויזאַציע זאָל צו־

געגומען ווערן פון די ייִדישע הענט. דער לייטער־אַמט פון באַלוטער־מאַרק זאָל די פּראָדוקטן אַליין פאַרטיילן צו דער באַפעלקערונג.

דעם 28סטן יאַנואַר.

דער שטרייק האָט זיך איינגעבראָכן. עטלעכע טישלער־אַרבעטער האָבן מער נישט געקענט אויסהאַלטן דעם שווערן הונגער און האָבן היינט גע־בראָכן דעם שטרייק. זיי זענען געקומען אין די רעסאָרטן מיט טרערן אין די אויגן און געבעטן, אַז מען זאָל זיי צולאָזן צו דער אַרבעט, ווייל זיי קענען מער נישט צוקוקן ווי זייערע קינדערלעך הונגערן. די אַרבעטער זענען באַלד אויפגענומען געוואָרן און די אַרבעט האָט זיך אָנגעהויבן.

אַ דייטשע קאָמיסיע פון דער קרימינאַל־פּאָליציי האָט היינט אין דער פרי באַזוכט דאָס אַרעסטאַנטן־הויז אויף טשאַרניעצקי גאַס. די קאָמיסיע האָט רעווידירט די אַרעסטאַנטן־קאַרטאָטעקע.

דעם 29סטן יאַנואַר.

4 יונגע מענטשן זענען היינט געפונען געוואָרן טויט אויף די גאַסן. די נעמען פון די 4 קרבנות זענען: דער 15־יעריקער הערש קלעשעווסקי; דער 16־יעריקער ברוך טענענבוים; דער 14־יעריקער חיים בילעוויץ און דער 18־יעריקער חנן היימאַן. ביי דעם לעצטן האָט מען געפונען אין טאַש אַ טויטן פויגל. וואַרשיינלעך האָט ער אים געכאַפּט אויפצועסן.

היינט אין די מיטאָג־שעהן זענען אַרויסגעקלעפּט געוואָרן צוויי גרוי־סע פּלאַקאַטן. אין איין פּלאַקאַט טיילט דער פּרעזעס מיט, אַז פון מאָרגן אָן וועט יעדער געטאָ־איינוווינער באַקומען צוגעטיילט אַ קילאָ קוילן, צוויי קילאָ האָלץ און די אַרבעטער, וועלכע אַרבעטן ביי שוואַרצער אַרבעט, וועלן באַקומען אַ ספּעציעלן צוגאָב פון 58 דעקאָ פערד־פלייש, ווי אויך צוויי קילאָ קאַרטאָפל.

אין צווייטן פּלאַקאַט דראָט דער פּרעזעס אַלע וועלכע ווילן נישט צו־טרעטן צו דער אַרבעט, אַלע וועלכע שעדיקן די אינטערעסן פון דער געטאָ און אַלע וועלכע פאַרשפּרייטן גרויל־פּראָפּאַגאַנדע.

אַ גרופּע חסידים האָבן היינט אַריינגעשיקט דעם פּרעזעס אַן אולטי־מאַטום, אַז אויב ער וועט נישט צוטיילן די חסידים מער ברויט און קאַר־

טאָפל וועלן זיי איינאָרדענען אַ גרויסע פאָלקס־דעמאָנסטראַציע מיט זייערע פרויען און קינדער. דער פרעזעס האָט, לייענענדיק דעם חסידישן אולטי־מאַטום זיך שטאַרק צעלאַכט און באַפוילן שלום הערצבערגן, אַז ער זאָל אויספאָרשן ווער עס זענען די אולטימאַטום־שרייבער און זיי אַרעסטירן.

דעם 30סטן יאַנואַר.

דער שניידער־ און טישלער־שטרייק האָט זיך היינט פולשטענדיק איינגעבראָכן. דער פרעזעס האָט נישט נאָכגעגעבן. די אַרבעטער האָבן מער נישט געקענט אויסהאַלטן. דער שווערער הונגער האָט זיי געצוווּנגען צו קאַפּיטולירן. זיי זענען געקומען מאַסנווייז צו דער אַרבעט. אַ טייל האָבן פּשוט געציטערט פון הונגער. די צוריקגעקומענע האָבן מער גאָרנישט געפאָדערט. זיי האָבן אויך צו קיינעם קיין וואָרט נישט אויסגערעדט. מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ איז יעדער צוגעטרעטן צו זיין וואַרשטאַט. הערנדיק, אַז די רעסאָרטן זענען פול געוואָרן מיט די צוריקגעקומענע אַרבעטער, האָט דער פרעזעס באַפוילן יעדן צו געבן טאָפּלטע און געדיכטע זופּ. אין אָוונט האָבן די אָנפירער פון די אַרבעטער אַרויסגעלאָזט אַן אויפרוף, אין וועלכן עס זאָגט זיך: חברים אַרבעטער! אויסגעהונגערטע יידישע מאַסן! בכדי נישט צו פאַלן פון הונגער און קעלט האָבן מיר ליידער געמוזט נאָכקומען דעם פרעזעס און זיינע פאַרשאָלטענע נאָכשלעפּער. וואָס האָבן מיר דען פאַר־לאַנגט? נישט חלילה קיין אוממעגלעכס. מיר האָבן פאַרלאַנגט: 1) העכערן די לוינען פון די שווער־אַרבעטער; 2) פאַר אַ טייל געלט געבן די אַרבע־טער פּראָדוקטן; 3) אַ שטיקל ברויט צו דער זופּ, וואָס מען באַקומט ביי דער אַרבעט; 4) אַ בעסערע און מענטשלעכערע באַהאַנדלונג. דאָס זענען געווען אונדזערע פאָדערונגען. ליידער האָבן די אויבער־הערן אונדזערע פאָ־דערונגען אָפּגעוואָרפן און אונדז נאָך געדראָט, איינצוזעצן אין תפיסה. מער האָבן מיר נישט געקענט צוקוקן ווי אונדזערע קינדער גייען אויס פון הונ־גער און קעלט. מיר האָבן נישט געהאַט קיין אַנדערן אויסוועג און מעג־לעכקייט. אַ טויט די יידישע פאַררעטער! אַ טויט זייערע מיטשלעפּער! די נקמה וועט זיי נישט אויסמיידן. אונטערגעשריבן אַלע אַרבעטער־רעסאָרטן.

דעם 31סטן יאַנואַר.

דער פראָסט האַלט היינט 20 גראַד. די קעלט מאַכט ציטערן יעדן געטאָ־איינוווינער. דער חודש איז געווען אַ שרעקלעכער. דער בית־עולם אינטענדענט ביאַלער האָט דעם חודש אין טויטן־בוך איינגעשריבן 1.218 טויטע. געווען זענען אין דעם חודש 86 געבורטן.

ד״ר שיקער, דער פאַרטרעטער פון פּרעזעס, איז היינט אין דער מיטאָג־שעה צוריקגעקומען פון וואַרשע. ער איז געפאָרן ברענגען אין דער לאָדזשער געטאָ אַריין אַ פּאָר דאָקטוירים. ער איז צוריקגעקומען אָן זיי. קיינער פון די וואַרשעווער דאָקטוירים האָבן נישט געוואָלט קומען אין דעם לאָדזשער גיהנום פון מרדכי חיים רומקאָווסקי. אינטערעסאַנט וועט זיין צו פאַרצייכענען די דערציילונג פון ד״ר שיקער וועגן דעם ווי אַזוי ער האָט דורכגעמאַכט די רייזע, מיט וועמען ער האָט זיך אין וואַרשע געטראָפן און וואָס די וואַרשעווער יידן זאָגן. „7 אַזייגער פרי איז צו מיר געקומען דוד גערטלער. ביידע זענען מיר איינגעשטיגן אין אַ דראָזשקע, וואָס האָט אונדז געפירט צום באַלוטער־מאַרק. נאָך אַ שעהעדיקער אינטערווענץ זענען מיר איבערגעגעבן געוואָרן צוויי פּאַפּירן, איין פּאַפּיר צו דער געסטאַפּאָ און אַ צווייט שטיקל פּאַפּיר צו דער יידישער וואַרשעווער קהילה. ביידע דאָקו־מענטן זענען געווען פאַרחתמעט מיט די סטעמפּלען פון דער געסטאַפּאָ. מען האָט מיך געהייסן אויסטאָן די געלע לאַטע און פאָרן צום געטאָ־טויער. דאָרט זענען שוין געשטאַנען צוויי ציווילע געסטאַפּאָווצעס, זיך העפלעך באַגריסט און געפרעגט צי איך בין ד״ר שיקער. מיין ענטפער איז געווען יאָ. זיי האָבן דאַן צו מיר געזאָגט: „זי פאָרן מיט אונז ביז צום באַן־הויף, נאָכהער מאַכן זי די רייזע זעלבסט״. איך ווייס נישט צי איך בין אַליין גע־פאָרן, איך גלויב, אַז ביז אין דער וואַרשעווער געטאָ אַריין האָט מען מיך שטאַרק געהיט. אין וואַרשע האָב איך זיך געטראָפן מיט אייניקע פריינט, מיט די דאָקטוירים ענגעל, מאַרגוליס, פינקעל א״אַ. די דריי זענען שוין געווען גרייט מיט מיר מיטצופאָרן. אין דער לעצטער מינוט האָבן זיי אָבער רעזיגנירט. — די יידן אין וואַרשע לעבן איבער דאָס זעלבע וואָס מיר, אין דער קהילה טוט זיך חושך. דער רעש איז דאָרט זייער גרויס, אַזוי גרויס, אַז איינער פאַרשטייט נישט דעם צווייטן. די באַפעלקערונג איז אויי־

סערגעווײנלעך אויפגערעגט. נישט געקוקט אויף דעם גרויסן הונגער, מאַכן דאָרט ייִדן גוטע געשעפטן. זיי האַנדלען מיט אַלץ... צענדליקער ייִדן גייען טאָג־טעגלעך אַרויס און אַרײַן אין דער געטאָ; די צוויי ייִדישע געסטאַפּאָוו־צעס, קאָהן און העלער, זענען די גרעסטע אַפּנעמער פון גאָלד, בריליאַנטן און אַנדערע ווערט־זאַכן. דאָס וואַרשעווער ייִדנטום איז נישט אָרגאַניזירט; דער גרעסטער טייל לעבט אין פיל ערגערע באַדינגונגען ווי מיר אין דער לאָדזשער געטאָ. אמת איז, אַז פון דער לאָדזשער געטאָ קען מען נישט אַרויס, דערפאַר אָבער האָבן מיר גרעסערע שאַנסן איבערצולעבן און אויסצוהאַלטן".

דעם 1טן פעברואַר.

דאָס וועטער איז געוואָרן לינדער, אָנגענעמער. דער פּרעזעס האָט הײַנט געהאַלטן אַן אויפקלערונגס־רעדע. באַלד ביים אָנהייב פון זיין רעדע האָט ער צוגערופן זיין ליבלינג, דעם קאָמיסאַר אייזמאַן, אים עפּעס אײַנ־געראַנט אין אויער, ביידע האָבן זיך צעלאַכט און דער פּרעזעס האָט אָנגע־הויבן ריידן: „איר ווילט דאָך אַודאי וויסן ווי מיר האַלטן אויף דער וועלט, דערקלער איך אייך, אַז עס גייען אויף אונדז זייער שווערע צייטן. מיטן עסן וועט פּאַרלויפיק נישט בעסער ווערן. איך בין דערין נישט שולדיק, ווייל איך האָב אַרום זיך זייער אַ סך גנבים, מען באַגנבעט מיך און מען באַגנבעט אייך. דאָס וואָס איך באַקום, וואָלט גענוג געווען פאַר אייך, איז אָבער די צרה וואָס דער גרעסטער טייל פון מיינע באַאַמטע זענען גנבים, און מיט אַ הויז־גנב איז שווער צו קעמפן. די רעגירונג האָט הײַנט מיר באַפוילן, אַז איך זאָל אויסליידיקן דעם גאַנצן דרום טייל פון געטאָ. איך גלויב, אַז אין ערך 8.000 ייִדן וועלן מוזן פאַרלאָזן די דאָזיקע גאַסן. איך וואָרן אייך אָבער, אַז קיינער זאָל אויף זיין אייגענער האַנט גאָרנישט טאָן. אויב איך וועל זיך דערוויסן, אַז עס האָבן זיך געפונען מענטשן, וואָס האָבן אויף אייגענער האַנט זיך אַרויסגעצויגן, וועל איך ביי זיי צונעמען די ברויט־קאַרטן. אַלץ וועט דערליידיקט ווערן לויט אַ סדר. צום סוף וויל איך אייך איבערגעבן, אַז פון 3טן פעברואַר אָן וועט יעדער געטאָ־אײַנ־וווינער באַקומען אַ צוגאָב פון 20 דעקאָ ברויט אויף אַ קאָפּ. און איצט גייט אַהיים".

דעם 2טן פעברואַר.

דער פּרעזעס האָט היינט געשיקט אַ בריוו אין דער הויפּט־פּאָליציי־קאָמאַנדע און באַפוילן, אַז די קאָמאַנדע זאָל רעדוצירן 300 פּאָליציאַנטן. דער באַפעל האָט שטאַרק געטראָפן די פּאָליציסטן. אין דעם בריוו שרייבט דער פּרעזעס: „ווען איך האָב זיך געווענדט צו דער געטאָ־באַפעלקערונג, אַז זיי זאָלן זיך אויפפירן מענטשלעכער און לייטישער, בכדי אויסצומיידן די פּאָליצייאישע רוט, האָט מען מיך אויסגעלאַכט. מען האָט געגנבעט אויף וואָס די וועלט שטייט. מען האָט נישט אין אַכט גענומען מיינע אַלע וואָרענונגען. צוליב דעם האָב איך געמוזט שאַפן אַ פּאָליצייאישע אויפזיכט. ביים שאַפן די געטאָ־אויפזיכט זענען אָנשטאָט 500 פּאָליציסטן צוגענו־מען געוואָרן 1.000. איצט, ווען איך האָב איינגעזען, אַז אויך דאָס העלפט נישט, טאָ צו וואָס דאַרף איך האָבן אַזויפיל פּאָליציאַנטן? זאָלן זיי בעסער גיין אַרבעטן“.

ביי דער געלעגנהייט איז אינטערעסאַנט איבערצוגעבן, אַ זייער כאַ־ראַקטעריסטישן פאַקט: ווען די מעלדונג צו שאַפן די געטאָ־פּאָליציי איז אַרויסגעהאַנגען געוואָרן, האָבן זיך צום סעקרעטאַר יעקב ראַטנער געמאָלדן 5.000 מענטשן וואָס האָבן זיך געבעטן מען זאָל זיי צונעמען אין דער געטאָ־פּאָליציי. ווען דער פּרעזעס האָט איינגעזען, אַז עס האָבן זיך געמאָלדן אַזוי פיל קאַנדידאַטן, האָט ער געשאַפן אַ ספּעציעלע קאָמיסיע אָפּצוקלייבן די פּאַסיקע. די קאָמיסיע־מיטגלידער זענען געווען: יעקב ראַטנער, לעאָן ראָזענבלאַט, יצחק בלעמער און שלום הערצבערג.

דעם 3טן פעברואַר.

די דייטשע מאַכט האָט היינט אָפּגערופן די שווערע גזירה, אַז די ייִדן פון דרום־טייל געטאָ זאָלן פאַרלאָזן זייערע וווינונגען. די גזירה איז אָפּגע־לייגט געוואָרן ביז 1טן מאַי. דערווייל האָבן ייִדן זיך געפרייט. אַ קלייני־קייט! 8.000 ייִדן האָבן יעדן טאָג געוואַרט אויף זייער אומגליק און דאָ, נאָדיר פּלוצים אַזאַ נישט דערוואַרט גליק.

אין דער געטאָ איז היינט ווידער אָנגעקומען אַ קאָמיסיע וואָס האָט באַזוכט אַלע פאַבריקן און אויסגעפרעגט די אַרבעטער, צי זיי האָבן גענוג

צו עסן. דער גרעסטער טייל אַרבעטער האָט אויפן אָרט געענטפערט: „פון דער אַרבעט זענען מיר צופרידן. ווען נישט דער הונגער וואָלטן מיר אַ סך מער פּאַרטיק געמאַכט. מיט איין וואָרט: מיר אַרבעטן און הונגערן. אין איין וואָך זענען 15 אַרבעטער געשטאָרבן ביי זייערע וואַרשטאַטן. ליידער וויל מען אונדז נישט פאַרשטיין. ווען עס האַנדלט זיך וועגן עסן וויל מען מיט אונדז נישט ריידן". די קאָמיסיע האָט זיך אינטערעסירט מיט פּאַרשיידענע ענינים. אין דער שול־אָפּטיילונג, אויף פראַנצישקאַנער נומ' 27, האָט זי געפרעגט דעם אָנפירער, א. טאַבאַקסבלאַט, וויפל קינדער עס גייען אין דער שול און צי זיי לערנען אויך דייטש?

דעם 4טן פעברואַר.

ווידער זענען היינט אַרויסגעהאָנגען געוואָרן צוויי פּלאַקאַטן. אין איין פּלאַקאַט בעט דער פּרעזעס, אַז די באַפעלקערונג זאָל זיך באַרויִקן, ווייל קיין עוואַקואַציע וועט דערווייל נישט פאָרקומען. ער האָט אויסגעפּועלט זי אָפּצולייגן ביזן 1טן מאַי. דער צווייטער פּלאַקאַט מעלדעט, אַז די באַפעלקערונג וועט אויף די קאַרטן באַקומען 6 קילאָ קוילן; 2 קילאָ האָלץ און צו 2 קילאָ קאַרטאָפל אויף אַ קאָפּ.

אויפן בית־עולם האָבן זיך היינט אָנגעזאַמלט 150 טויטע. זיי וואַרטן אויף זייער ריי צו קומען צו קבר ישראל. די קרבנות מערן זיך. דער גרעסטער טייל פאַלט איצט פון קעלט. עס פאַרגייט נישט קיין טאָג, אַז די פּאָליציי זאָל נישט מעלדן וועגן פאַרפרוירענע. דאָס מאַכט שוין אויף קיינעם נישט קיין איינדרוק.

דעם 5טן פעברואַר.

20 הויכע אָפיצירן פון דער ווערמאַכט זענען היינט אָנגעקומען אין געטאָ אַריין. זיי האָבן פילמירט די יידישע אַרבעטער ביי זייערע וואַרשטאַטן. דערנאָך האָבן זיי באַזוכט דעם טישלער־רעסאָרט און געשמועסט מיטן לייטער ב. פּרוינד. שפּעטער אויך דעם שניידער־רעסאָרט און באַטראַכט די אויסגעפאַרטיקטע מונדירן. צו דעם לייטער פון שניידער־רעסאָרט האָבן זיי געזאָגט: יאָ, ווען נישט דער קריג, וואָלטן מיר נישט געוווּסט, אַז איר זענט אַזעלכע גוטע פאַכמענער.

דעם 6טן פעברואַר.

אַ גרויסע פרייד האָט היינט געהערשט אין געטאָ. שטעלט אייך פאָר: דער פּרעזעס האָט באַפוילן, אַז די בעקערס זאָלן אויף פרייטיק דעם 7טן פעברואַר צוגרייטן גאַנצע ברייטלעך פאַר די פיזישע אַרבעטער און פאַר די עפנטלעכע אַרבעטער. די פרייד איז געווען אַזוי גרויס, אַז איינער דעם צווייטן האָט געדריקט די האַנט און געווינטשן מזל־טוב: „היינט וועלן מיר עסן גאַנצע ברייטלעך". גלייכצייטיק האָט ער אויך דערקלערט, אַז אויף דער נייער וואָך, אין טאָג פון חמשה עשר בשבט, וועט יעדער געטאָ־איינוווינער באַקומען אַ מתנה. אַזוי שפּילט ער זיין ראָל. פון צייט צו צייט גיט ער אַ גלעט און שטילט איין דעם פאַרביטערטן כעס קעגן אים.

צוליב דעם וואָס די בית־עולם־אַרבעטער באַווייזן נישט אויסצוגראָבן די נייטיקע קברים, האָט דער פּרעזעס באַפוילן, אַז די אַרעסטאַנטן פון אַלע רעווירן זאָלן יעדן טאָג אַרויסגעשיקט ווערן אויפן בית־עולם גראָבן קברים. אַזוי אַרום האָט זיך די צאָל גרעבער פאַרגרעסערט מיט נאָך 200 מאַן. צוזאַמען אַרבעטן איצט 350 מאַן. די אַרעסטאַנטן ווערן יעדן טאָג געפירט צו דער אַרבעט דורך דער יידישער פּאָליציי.

דעם 7טן פעברואַר.

דער פראָסט האָט היינט אַ ביסל נאָכגעלאָזט. דאָס וועטער לייטערט זיך אויס. דער שניי הייבט אָן ווערן ווייכער. די אָפּגעשראָקענע הערצער באַרויקן זיך אַ ביסל. אין די בריוו וואָס קומען כסדר אָן פון אַנדערע געטאָס שרייבט מען, אַז ביי זיי איז נישט אַזוי שלעכט. עסן איז פאַראַן. די לאָדזשער געטאָ איז צום מערסטן געשלאָגן: זי איז פאַרריגלט און פאַרשלאָסן: עס זענען נישטאָ קיין גוים וואָס זאָלן העלפן. דער יודן־ראַט, מיט רומקאָווסקין אין דער שפּיץ, איז דאָס גרעסטע אומגליק פאַרן לאָדזשער יידנטום. דער הונגער איז אויסערגעוויינלעך גרויס, די ענגשאַפט און די שמוציקייט פאַראורזאַכט אַ סך קרבנות. רפואות צו העלפן די קראַנקע איז נישטאָ. די וואָך אַרום געטאָ איז אַ מערדערישע. דאָס אַלץ צוזאַמען נעמט צו דעם גאַנצן לוסט צו לעבן.

שלמה פראַנק

דעם 8טן פעברואַר.

היינט דעם 8טן פעברואַר איז געוואָרן אַ יאָר ווי די דייטשע מאַכט האָט באַפוילן אַריינצוטרייבן די לאָדזשער ייִדן אין געטאָ אַריין. דער באַפעל, וואָס איז דעמאָלט געגעבן געוואָרן, איז אונטערגעשריבן געוואָרן דורך דעם פּאָליציי־פּרעזידענט שעפער. די שווערע גזירה האָט געמאַכט גליווערן דאָס בלוט ביי אַלע לאָדזשער ייִדן. עס איז פּשוט שווער מיט אַ מענטשלעכער פּעדער גענוי צו שילדערן די צעטומלטקייט און די שרעק פון דעם גרויסן ייִדישן ישוב. צענדליקער טויזנטער צעשראָקענע ייִדן האָבן הענדום־פּענדום געגומען פּאַקן זייער האָב־און־גוטס און צוזאַמען מיט זייערע קליינע קינדערלעך עס אַרויפגעלייגט אויף קליינע שליטלעך אין וועלכע זיי אַליין האָבן זיך איינגעשפּאַנט. אַזוי האָט מען זיך „אַריבערגעצויגן" אויף באַלוט, דאָס באַשטימטע וווין־אָרט פאַר ייִדן.

די געוואָלדן און די געשרייען אין יענעם טאָג האָט מען געקענט הערן אויף קילאָמעטער ווייט. דאָס יאָמערלעכע קלאָגן פון די קליינע קינדער האָט געריסן ביים האַרצן. טאָמער איז דאָס נאָך ווייניק געווען, זענען גע־שטאַנען אונדזערע „האַרציקע" שכנים און האָבן מיט שפּאָט און געלעכטער באַגלייט יעדן ייִדן, וואָס איז אַרויס פון זיין וווינונג. די שפּאָטישע זידלע־רייען פון די פּאָליאַקן האָבן נאָך מער פאַרביטערט און שווער געמאַכט דאָס ייִדישע געמיט. נישט איין ייִד איז געשטאַנען אַ פאַרלוירענער און נישט געוווסט וואָס פריִער צו טון און וואָס פריִער צו ראַטעווען. עס זענען געווען ייִדן, וואָס זענען אַזוי צעטומלט און אַזוי אומבאַהאָלפן געווען, אַז זיי האָבן פון זייערע וווינונגען גאָרנישט מיטגענומען אין דער געטאָ אַריין.

דער גאַנצער וועג פון גייערס־ראַיאָן ביז צו די באַלוטער גאַסן, זענען פול געווען מיט האַנט־שליטנס און האַנט־וועגעלעך, וואָס זענען געשלעפּט געוואָרן פון נעכטיקע שיינע באַלעבאַטים, פון נעכטיקע שיינע גבירים, פון ייִדן וואָס האָבן ערשט נעכטן געשפּילט אַ גרויסע געזעלשאַפטלעכע ראָל. און וואָס איז, מ׳שטיינס געזאָגט, געלעגן אין די שליטנס? אַ ביסל וועש, אַ ביסל בעטגעוואַנט און אויף אַלע מטלטלים — די קליינע איבערגעשראָקענע קינדער, וואָס האָבן געוויינט און נישט פאַרשטאַנען וואָס עס געשעט דאָ. די גוייִשע קינדער זענען נאָכגעלאָפן נאָך די שליטנס און געשפּאָט און גע־

זידלס: דאַבזשע וואַס — טילקאָ ניעמצי פּאָטראַפּיאַן זראָביטש ז׳וואָמי פּאָזשאָנדעק! דער גרעסטער טייל יידן האָט בכלל נישט געטאָרט עפּעס מיטנעמען פון די וווינונגען, די מערדער זענען געשטאַנען מיט רעוואָל־ווערן אין די הענט און געדראָט צו דערשיסן אויפן אָרט, אויב עמיצער וועט עפּעס מיטנעמען פון דער וווינונג. דער טאָג וועט אייביק פאַרבלייבן אין זכרון. די וועלכע האָבן אים איבערגעלעבט וועלן אים קיינמאָל נישט פאַרגעסן.

דעם 9טן פעברואַר.

דער פראָסט האָט היינט געפּלאַצט. אַ דינער רעגן גייט און מאַכט גליטשיק די וועגן. פון די דעכער שיט זיך שניי און אויסהיטן זיך פון פאַלן איז זייער שווער.

דער מיטן וועג פון די צוויי הויפּט־גאַסן אין געטאָ געהערט נישט צו די יידן, ער געהערט צו דער העכערער ראַסע, צו די וועלכע מעגן פאָרן מיטן טראַמוויי, מיט דער באַן און מיט אַלעם וואָס זייער האַרץ גלוסט. די געטאָ, ווי אַ גאַנצע, איז דורכגעשניטן געוואָרן און די צוויי גאַסן אַלעק־סאַנדראָווסקי און זגערזשער, וווּ עס פאָרן אַדורך די טראַמווייען, זענען געוואָרן די הויפּט־גאַסן פון דער געטאָ. יעדן טאָג פאָרן אַדורך אויף די צוויי גאַסן, אויסער די טראַמווייען, אויך הונדערטער אויטאָס מיט פולער לאַדונג צום מזרח־פראָנט.

היינט איז געעפנט געוואָרן די פינפטע אַפּטייק. בעתן עפענען די אַפּטייק האָט דער פּרעזעס דערקלערט, אַז אין גיכן וועלן געעפנט ווערן נאָך צוויי אַפּטייקן, ווייל דער געדראַנג נאָך מעדיצינען און רעצעפּטן איז זייער גרויס. דאָס מוז מען זען אויסצומיידן. די מענטשן זענען דערביי פאַרנומען גאַנצע טעג. אויסער דעם וועלן אויך געעפנט ווערן נאָך צוויי שפּיטאָלן. איין שפּיטאָל פאַר ווענערישע קרענק און דער צווייטער שפּיטאָל פאַר טובערקולאָזע קינדער.

דעם 10טן פעברואַר.

היינט האָט די געסטאַפּאָ צום ערשטן מאָל דערלויבט, אַז יידן זאָלן אַרויסגעשיקט ווערן אויסער דער געטאָ אויף אַרבעט. די אַרבעט איז צו

צענעמען די הייזער, וואָס גרענעצן זיך מיט דער געטאָ. די אַרבעטער דאַרפֿן באַגלייט און געהיט ווערן דורך דער ייִדישער פּאָליציי. ווען די אַרבעטער פֿון דער ערשטער גרופּע זענען אין אָוונט צוריקגעקומען, האָבן זיי דער־ציילט, אַז די גאַסן וואָס גרענעצן זיך מיט דער געטאָ, זענען אַזוי ווי אָפּגעשטאָרבענע. קיין איין קריסט גייט אויף די גאַסן נישט דורך. זיי האָבן אָבער געזען ווי פֿון די פֿענצטער האָט מען אַרויסגעקוקט צו זיי. בעת זיי זענען דורכגעגאַנגען דאָס שול־געסל, ווו עס איז אַמאָל געשטאַנען די גרויסע אַלטשטאָטישע שול, האָבן זיי ערשט רעכט געזען דעם גרויסן חורבן פֿון דעם מקום קדוש. וואָס איז אַמאָל געווען דער שטאָלץ פֿון לאָדזשער ייִדנטום.

דעם 11טן פֿעברואַר.

דער הימל האָט זיך אויסגעלייטערט. די ייִדישע הויזוועכטער רייניקן און קערן אָוועק דעם שניי און די בלאָטעס. די געטאָ־מענטשן גלייכן זיך אַ ביסל אויס. זיי בעטן, אַז דער ווינטער זאָל מער נישט צוריקקומען, ווייל קעלט און הונגער זענען די גרעסטע שונאים פֿון די געטאָ־שקלאַפֿן. אין פֿאַרלויף פֿון אַ פּאָר טעג זענען פֿון קעלט אומגעקומען 116 נפֿשות, דערונ־טער 22 קינדער.

די קאָאָפּעראַטיוון האָבן היינט אין דער פֿרי אָנגעהויבן אַרויסגעבן די הונגער־צוטיילונג, (אַזוי האָבן די געטאָ־איינוווינער אַ נאָמען געגעבן די היינטיקע שפּייז־ראַציע). צוליב דעם וואָס אַ גרויסע צאָל קאַרטאָפֿל איז פֿאַרפֿרוירן געוואָרן, האָט די געטאָ באַפֿעלקערונג היינט קיין קאַרטאָפֿל נישט באַקומען. צוליב דעם איז דער יקרות אויסערגעוויינלעך געשטיגן, אַ קילאָ קאַרטאָפֿל — 22 מאַרק; אַ קילאָ זאַלץ — 6 מאַרק; אַ קילאָ קאַשע — 10 מאַרק; אַ ברויט פֿון צוויי קילאָ — 12 מאַרק. דאַקעגן דער פּרייז אויף האָלץ און קוילן איז געפֿאַלן אויף גאַנצע 50 %.

דעם 12טן פֿעברואַר.

דער פּרעזעס האָט היינט פּלוצים באַפֿוילן צו שליסן אַלע שניידער־וואַרשטאַטן. פֿאַרוואָס דער פּרעזעס האָט דאָס געטון איז קיינעם נישט באַ־

זווסט. מין הסתם וועט מען אין איניקע טעג אַרום דאָס אויך וויסן. דער־וויל איז ביטער. די פּאָליצײַ שטייט אויף דער וואַך און וואַרט אויף באַפעלן.

אַ דײַטשע פילם־גרופּע האָט זיך היינט באַוויזן אויף די געטאָ־גאַסן. די הויפּט־אַרבעט אירע איז געווען ביי די געטאָ־טויערן, ווו דער וואַך־פּאָסטן הייסט עפענען דאָס טויער און צומאַכן דאָס טויער. ביים טויער אויף לימאַנאָווסקי־ריבנע, האָבן זיי אָפּגעשטעלט אַ וואָגן מיט ברעטער, וואָס איז געשלעפּט געוואָרן פון צוויי אָקסן און באַפוילן די דורכגייער צוגיין צום וואָגן. ווען עס האָבן זיך שוין געהאַט אָנגעזאַמלט אַרום דעם וואָגן אַן ערך 40 מאַן, האָבן זיי געהייסן די ייִדן שטופּן דעם וואָגן און שטייען: זויאַ, וויאָ.

דעם 13טן פעברואַר.

די שנײַדער־שאָפּן זענען נאָך פאַרמאַכט. אַן אַרבעטער־דעלעגאַציע האָט געבעטן, אַז דער פרעזעס זאָל זיי אויפנעמען. די דעלעגאַציע איז פון פרע־זעס אַוועק מיט גאָרנישט. זי האָט איבערגעגעבן, אַז דער פרעזעס וויל מיט איר בכלל נישט ריידן. „ווען ער האָט אונדז געזען — האָבן די דעלעגאַטן דערציילט — האָט ער זיך פאַרשלאָסן און געשריען: גייט פון מיר אַוועק, איך וויל מיט אייך נישט ריידן“.

דעם 14טן פעברואַר.

גרויסע רייען ביי די ברויט־קאָאָפּעראַטיוון. די באַפעלקערונג נעמט היינט אָפּ דאָס ברויט פאַר צוויי טעג, פאַר פרייטיק און שבת. און צוליב דעם — די גרויסע רייען. די אָרדענונג ביי די קאָאָפּעראַטיוון האַלט די ייִדי־שע פּאָליצײַ און דאָ קען מען ערשט זען ווער און וואָס די ייִדישע פּאָליצײַ איז. איך בין געווען אויף פיר פאַרטיילונגס־שטעלן: אויף לימאַנאַווסקי גאַס, אויף בזשעזשינער גאַס, אויף דער ריבנע גאַס און אויף וואַלבאַרסקע גאַס. איך מוז ליידער פעסטשטעלן, אַז ביי אַלע פיר שטעלן האָב איך מצד די פּאָליציאַנטן נישט געזען קיין ביסל רחמנות, לגבי דער באַפעלקערונג. למשל: אויף וואַלבאַרסקע זענען געשטאַנען 6 פּאָליציאַנטן, צווישן זיי איי־נער אַ געוויסער פרידמאַן, אָט דער פרידמאַן האָט איינפאַך געשלאָגן יעדן איינעם וואָס איז אים געקומען אונטערן האַנט נישט קוקנדיק צי דאָס איז

אַ פרוי, אַ קינד אָדער אַן עלטערער מענטש. אויב עמיצער האָט אים געמאַכט אַ באַמערקונג האָט ער יענעם פשוט געממיתט ביז בלוט. אויף ליימאנאווסקי־גאַס האָבן 4 פּאָליציאַנטן געהאַלטן אָרדענונג, צווישן זיי איז געווען איינער מיטן נאָמען זיסמאַן. זאָל גאָט שומר און מציל זיין, וואָס פאַר אַ נפש דאָס איז. אַ פרוי איז ברוטאַל אַרויסגעשטויסן געוואָרן דורך אַ צווייטער פרוי פון איר ריי, איז די פרוי צוגעלאָפן צום פּאָליציאַנט זיסמאַן בעטן ביי אים גערעכטיקייט, אָבער אָנשטאָט אויסצוהערן וואָס די פרוי וויל, האָט ער מיט אַזאַ רוגזה זי אַ שטויס געגעבן, אַז זי איז געפאַלן אויפן ברוק און געשפּאָלטן זיך דעם קאָפּ. און ווען די אַנדערע 3 פּאָליציאַנטן האָבן אים אויסגעזידלט, האָט ער זיך אויסגעדריקט: — „וועט זיין מיט אַ קורווע ווייניקער“. אָט אַזעלכע פאַרברעכער־טיפּן געפינען זיך אין די רייען פון רומקאָווסקיס פּאָליציי און די פּאָליציאַנטן זענען פאַר אים די בעסטע. די פּאָליציאַנטן שפּילן אַ גרויסע ראָל. פאַר זיי האָבן אַלע מורא, אַפילו די קאָמיסאַרן, ווייל די פּאָליציאַנטן טראָגן אַלץ צו צום פּרעזעס. צום גליק זענען נישט אַלע אַזוי ביטער־שלעכט. אויך דער פּרעזעס האָט שפּעטער איינגעזען, אַז מען מוז אייניקע פּאָליציאַנטן באַזייטיקן, ווייל דאָס קען ברענגען גרויס שאָדן און דאָס האָט ער דווקא נישט געוואָלט.

דעם 15טן פעברואַר.

אויסערגעוויינלעכע קלאַנגען קורסירן היינט אין געטאָ. למשל: „די רויטע מאַרשירן פאָראויס, אַמעריקע איז אַרויס אין קאַמף קעגן דייטשלאַנד“. מען טרייסט זיך מיט קלאַנגען. וואָס צום עסן איז נישטאָ, איז אָנשטאָט אַ וועטשערע — אַ באָבע־מעשה. אַזוי לויפן אַוועק טעג און נעכט מיט האַרץ־חלשות און מיט זיסע האָפענונגען, אַז מאָרגן וועט ווערן בעסער. אַ געוויסער יאַנקעלע האָט אַפילו דערויף פאַרפאַסט אַ לידל.

דו גייסט אַרום מיט סברות
דו עסט די זופּ, וואָס טויג אויף כפּרות,
די קאַרטאָפל אין קעלער פוילן
די שיך זענען אָן זוילן,
דו ווילסט, אַז משיח זאָל שוין קומען,

טאָגבוך פון לאָדזשער געטאָ

דערהווייל טוט פון אונדז דאָס בלוט רינען.
אוי טאַטעניו זיסער,
העלף דעם שניידער און דעם שוסטער,
ווייל זיי זענען אמתע פּאָלקס־מענטשן.
טו זיי גאָטעניו מיט רחמים בענטשן.

דעם 16טן פעברואַר.

דער שניי שמעלצט זיך, דער רעגן העלפט צו, אַז ער זאָל וואָס שנעלער זיך אָפּטראָגן פון דער געטאָ. די קינדערלעך הייבן אָן גיין אין די שולן. דער פּרעזעס האָט היינט אויסגעקלעפּט אַ ספּעציעלן פּלאַקאַט אין וועלכן עס ווערט געזאָגט:

ליבע קינדער!

איר ווייסט ווי ליב איך האָב אייך. נאָך אין די צייטן פון מיין יתומים־הויז האָב איך שטענדיק נאָר געזאָרגט און געטראַכט וועגן אייך. היינט איז מיר צוגענומען געוואָרן די מעגלעכקייט אייך צו העלפן. אָבער איך האָף, אַז בעסערע צייטן וועלן דאָך קומען, דאַן וועל איך האָבן צוריק די זעלבע מעגלעכקייטן. דערווייל, קינדערלעך, גייט אין שול, זאָל די שול זיין אייער וואַרעמע היים. לערנט אייך און וואַקסט אויס גוטע מענטשן. דרייט זיך נישט אויף די גאַסן אַרום. שפּאַצירט נישט ביי די דראָטן. ווער עס מוז פאַרביי־גיין די דראָטן זאָל גיין שנעלער און נישט טראַכטן. אין די ראַמען פון מיינע מעגלעכקייט וועל איך פאַר אייך ווי אַ פאָטער זאָרגן.

אונטערגעשריבן

דער עלצטער פון די יידן
חיים רומקאָווסקי.

דעם 17טן פעברואַר.

אַ גרופּע דייטשן, צי געסטאַפּאָווצעס אָדער פון דער ווערמאַכט, איז נישט באַוווּסט, זענען געקומען און געהייסן זיך פירן צום יידישן שפּיטאָל אויף לאַגעווניצקא 36. ווען זיי זענען דאָרט אָנגעקומען האָבן זיי גערופן דעם פאַרטרעטער יאַקובאָוויטש און מיט אים עפּעס גערעדט. זיי האָבן זיך געגוי אַרומגעקוקט און אויסגעפאָרשט יעדע זאַך באַזונדער. דערנאָך, ווען

די דייטשן זענען אַוועק האָט מען אָנגעהויבן שמועסן, אַז דאָס שפּיטאָל ווערט צוגענומען. אויב יאָ, וועט דאָס זיין זייער אַ שווערער קלאַפּ פאַר דער גאַנצער געטאָ.

דעם 18טן פעברואַר.

היינט איז דער ערשטער טאָג, ווי די זון האָט זיך באַוויזן אין איר גאַנצער פּראַכט און אָנגעהויבן צו וואַרעמען די געטאָ־שקלאַפן. פרויען זע־נען מיט זייערע קינדערלעך אַרויס אין דרויסן. די קינדער האָבן אָנגעהויבן פריילעכער צו שטיפן. די וואַרעמקייט האָט אַריינגעבראַכט אַ סך האָפע־נונג און הייטערקייט צווישן די געטאָ־מענטשן. עס איז אָבער אָנגעקומען אַ נייע צרה: צוליב דעם שווערן ווינטער האָבן די געטאָ־איינוווינער צעגו־מען אַלע בית כיסאס. דאָס האָלץ איז פאַרברענט געוואָרן, כדי זיך אָנצו־וואַרעמען. איצט פאַרשפּרייט די אומריינקייט אַ שלעכטן ריח.

דעם 19טן פעברואַר.

אַ דעלעגאַציע פון הויך־ראַנגיקע אָפיצירן האָט היינט באַזוכט דעם טישלער־רעסאָרט. צווישן די אָפיצירן איז אויך געווען דער קאָמענדאַנט פון דער „קריפּאָ" (קרימינאַל־פּאָליציי). דער לייטער פון דעם טישלער־רעסאָרט ה׳ פרווינד האָט זיי אַרומגעפירט אין אַלע אָפּטיילונגען. די דעלע־גאַציע האָט זיך פאַרהאַלטן זייער פריינטלעך. געדריקט די האַנט פון ה׳ פרווינד און צוגעזאָגט צו שיקן אַ סך אַרבעט. אייניקע אָפיצירן האָבן אַפילו געטיילט סיגאַרעטן. וואָס דאָס זאָל באַטייטן, איז קיינעם נישט קלאָר.

די שטערבלעכקייט איז אַ ביסל קלענער געוואָרן. אויפן בית־עולם זענען אַלע מתים היינט געקומען צו קבורה. דאָס גראָבן די קברים קומט אָן לייכטער, ווייל די ערד איז געוואָרן ווייכער.

דעם 20סטן פעברואַר.

שוין עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד ווי עס איז וואַרעם. דער שניי צעגייט און מאַכט אָן גרויסע בלאָטעס. טראָץ דעם זענען אַלע צופרידן.

דער פּרעזעס האָט היינט נאָכמיטיק גערופן אייניקע רעסאָרט־לייטערס, אָפּגענומען פון זיי באַריכטן וועגן דער אַרבעט פון זייערע רעסאָרטן. שפּע־

טער זיי מכבד געווען מיט אַ גוט סעודהלע און יעדן איינעם איבערגעגעבן נייע אינסטרוקציעס. נאָכן פֿאַרענדיקן דאָס עסן, האָט דער פּרעזעס געהאַלטן, ווי זיין שטייגער איז, אַ רעדע. צוגעזאָגט, אַז עס וועט זיין בעסער. ער גלויבט — האָט ער געזאָגט — באמונה שלימה, אַז עס וועט נאָך זיין גוט. מען דאַרף האָבן געדולד און קריגן פֿון די דייטשן וואָס מער אַרבעט. ביים סוף פֿון זיין רעדע האָט ער מיטגעטיילט, אַז די שפּייז־ראַציע וועט פֿאַרגרעסערט ווערן. יעדער געטאָ־איינוווינער וועט פֿון מאָרגן אָן באַקומען צוגעטיילט צו 6 קילאָ קאַרטאָפֿל אויף אַ קאָפּ. אויך קאַשע, ריבן, מייערן און בוראַקעס וועט יעדער באַקומען אַ גרעסערע צוטיילונג ווי ביז איצט. די צוטיילונג פֿון סאַכאַרין, קאַווע און זאַלץ וועט געהעכערט ווערן ערשט אין צווייטן חודש. איך גלויב — האָט ער צוגעגעבן — אַז דער עולם וועט אויפֿהערן צו הונגערן".

די גאַס איז באַלד געוואָר־געוואָרן, וואָס דער פּרעזעס האָט געזאָגט און עס איז געוואָרן ששון ושמחה.

דעם 21סטן פֿעברואַר.

ווען די באַפֿעלקערונג האָט אָנגעהויבן צו באַקומען די נייע שפּייז־צוטיילונג האָט זי ממש אויפֿגעלעבט. אַ קלייניקייט! 6 קילאָ קאַרטאָפֿל אויף אַ קאָפּ. די קללות האָבן אויפֿגעהערט. ענדלעך, ענדלעך — האָבן די געטאָ־פּרויען געטענהט — וועלן מיר האָבן פֿאַר די קינדערלעך אַ פּאָר זאַטע מיטיקן. צוליב דער צוטיילונג האָבן די „שוואַרצע" אויפֿגעשרויפֿטע פּרייזן געפּלאַצט. די שוואַרץ־הענדלער האָבן פֿאַרקויפֿט די סחורה אונטערן פּרייז. מיט איין וואָרט: עס איז געוואָרן אַ שמחה. האָט אָבער דער רבונו של עולם געזען, אַז די יידעלעך פֿרייען זיך שוין אַ ביסל צו פֿיל, וואָס טוט ער? האָט ער אַ דריי געטון מיטן וועלט־קנעפּל און עס איז געוואָרן אַ וועטער, וואָס אַזוינס איז שוין לאַנג נישט געווען. שניי, רעגן, ווינט האָבן זיך פֿאַראייניקט און גענומען ווילדעווען אויף די געטאָ־גאַסן אויף וואָס די וועלט שטייט. אַזוי האָט דאָס וועטער אָנגעהאַלטן גאַנצע צוויי טעג. ערשט זונטיק האָט זיך דער ווילדער שטורעם־ווינט איינגעשטילט.

שלמה פראַנק

דעם 23סטן פעברואַר.

זייער אַן אינטערעסאַנטער פאַל האָט היינט פּאַסירט אויפן באַלוטער־מאַרק. דער לויטענאַנט לאוז, וועלכער פירט אָן מיט דער געטאָ־אַפּראָוויזאַציע, האָט עפנטלעך אויסגעזידלט דעם פרעזעס. פאַרוואָס ער שטילט נישט איין דעם הונגער אין געטאָ. ער האָט געשריגן: „דו ביסט דער שולדיקער, וואָס דיינע יודן הונגערן, דו פאַרפלוכטער הונד. מיר שיקן אַריין גענוג שפּייז און גענוג געמיזע די יודן זאָלן נישט הונגערן". דער פרעזעס איז וויס געוואָרן ווי קאַלך און האָט גאַרנישט געענטפערט, געשטאַנען און אויסגעהערט די זידל־ווערטער און פאַר גרויס פאַרדרוס, געביסן די נעגל פון די פינגער.

אויף מאַסאַרסקא 13, ביי דעם פורמאַן אורקאַ גאָטליב, איז געפגרט אַ פערד. געוויר ווערנדיק, אַז אין שטאַל ליגט אַ געפגרט פערד, האָבן זיך שכנים ביינאַכט אַריינגעגנבעט אין שטאַל און מיט מעסערס צעשניטן דאָס פערד אויף שטיקלעך און מיט פרייד זיי אַהיימגעטראָגן. צומאָרגנס אין דער פרי איז דערפון געוויר געוואָרן דער פרעזעס. קודם כל האָט ער באַפוילן צו אַרעסטירן דעם פורמאַן און אַלע זיינע שכנים. נאָך אַ גענויער אויספאָרשונג איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז דאָס פערד־פלייש האָבן געגעסן 8 פאַמיליעס וועלכע וווינען אויף דעם זעלבן הויף.

דעם 24סטן פעברואַר.

אויף די הויפן קומען גאַסן־זינגער און זינגען ביי־פאַרפאַסטע געטאָ־לידער. טייל זענען זייער טרויעריקע און מאַכן דעם עולם וויינען. אַמ־מיינסטן ווערן געזונגען לידער וועגן פרעזעס מיט זיינע מיטהעלפער, איבער די קוכן מיט זייערע טיילערס און איבער דער געטאָ־פּאָליציי.

דאָס ליד וועגן פרעזעס זינגט זיך אַזוי:

רומקאָווסקי חיים
פירט אונדז אויפן בית־החיים,
טראַכט און שילט
יעדן יידן וואָס עסן וויל,

טאָגבוך פון לאָדזשער געטאָ

קומען וועט אַ צייט
ווען רומקאָווסקי מיט דיינע לייט,
וועלן ליגן אין דער תפיסה
דאַמאָלס יידעלעך וועלן מיר
מאַכן אַ סעודה אַ זיסע.

דאָס ליד וועגן די קוכן:

זופּ, זופּ, זופּ
פון אויבן ביז אַראָפּ,
מען עסט נישט
מען טרינקט נישט,
מען שלאָפט נישט אַ גאַנצע נאַכט
מען קלערט נאָר אַריין
די זופּ זאָל זיין געדאַכט.

דאָס ליד וועגן דער פּאָליציי:

יידישע פּאָליציי
אוי איז דאָס אַ שאַנד און אַ וויי,
בעסער שטאַרבן פריי
איידער אַריינצופאַלן צו זיי.

דעם 25סטן פעברואַר

היינט האָט דער פּרעזעס צוזאַמענגערופן אַן אויסערגעוויינלעכע זיצונג. אין דער זיצונג האָבן זיך באַטייליקט אַלע בייראַט-מיטגלידער, ווי אויך אַלע פאָרשטייער פון די אַרבעטס-רעסאָרטן. באַלד ביים אָנהייב האָט דער פּרעזעס דערקלערט: „זייט וויסן, אַז וואָס איך וויל מאַכן בעסער, ווערט דערפון ערגער. מען שטערט מיר. דעריבער וויל איך איר זאָלט אויפקלערן אייערע אַרבעטער אין אייערע רעסאָרטן, אַז די לאַגע איז געוואָרן טרויעריק. מען דאַרף עפּעס טון, כדי דעם שווערן הונגער צו לינדערן". דאָס מאָל האָבן כמעט אַלע זיך אַרויסגעזאָגט. זיי זענען מער נישט געזעסן ווי די מומיעס, אויסגעהערט און אַוועקגעגאַנגען. דאָס מאָל האָט יעדער לויט דער ריי, גענומען אַ וואָרט און געזאָגט זיין מיינונג. ה׳ באָום, פון מזרחי, האָט

געזאָגט, אַז מ׳זאָל שאַפן אַ ספּעציעלן אויבער־ראַט וואָס זאָל זיך פאַרנעמען בלויז מיט דער אַפּראָוויזאַציע און מיט דער פאַרטיילונג. ה׳ בודזינער האָט פאָרגעלייגט, אַז עס זאָל געשאַפן ווערן אַ ספּעציעלער געריכט, וואָס זאָל משפטן די וועלכע גנבענען. ה׳ משה פרידריך האָט געהאַלטן, אַז מען זאָל אויפלייזן די אַפּראָוויזאַציע־צענטראַלע און מען זאָל שאַפן אַ געזעלשאַפט וואָס זאָל האָבן איין־איינציקע אויפגאַבע: פאַרטיילן דאָס וואָס עס קומט פון דרויסן אין דער געטאָ אַריין און זען, אַז יעדער געטאָ־איינוווינער זאָל באַקומען זיין צוטיילונג אין זעלבן טאָג אונטער דער קאָנטראָל פון געזעל־שאַפטלעכע טוער. נאָך אייניקע פאַרשטייער האָבן אַריינגעטראָגן פאַרשידע־נע פאָרשלאָגן. צום סוף איז אָנגענומען געוואָרן ה׳ באומס פאָרשלאָג און עס איז אויפן אָרט אויסגעוויילט געוואָרן אַן אויבער־ראַט פון די פאָלגנדיקע ה״ה: גערנאָוסקי, פּערעלשטיין, דעזערמאַן, קעניגסבערג, ליטווין, קאָמענ־דאַנט ראָזענבלאַט, שיפער, שפּער און אַדוואָקאַט נאַפּטאַלי. דער לעצטער איז באַשטימט געוואָרן ווי דער סעקרעטאַר פון אויבער־ראַט. דער אויבער־ראַט האָט פון היינט אָן געדאַרפט ווערן דער פאַקטישער אָנפירער אין דער לאָדזשער געטאָ. ביים סוף פון דער זיצונג האָט אָבער דער פרעזעס דער־קלערט: „אַלע באַשלוסן פון אויבער־ראַט וועלן ערשט דאַן האָבן דעם ריכטיקן ווערט, ווען איך וועל זיי באַשטעטיקן. אויב עס וועלן אָנגענומען ווערן אַזעלכע פאָרשלאָגן וואָס וועלן נישט קענען אויסגעפירט ווערן, וועלן זיי דורך מיר אַנולירט ווערן״. דערמיט האָט זיך די ערשטע, גרויסע גע־זעלשאַפטלעכע זיצונג געשלאָסן.

דעם 26סטן פעברואַר.

היינט האָט דער ניי־געשאַפענער אויבער־ראַט אַרויסגעקלעפּט אַ רשימה מיט די נעמען פון 83 אומגעקומענע יידן, וואָס ביזן היינטיקן טאָג ווייסט מען נישט, ווו זייער געביין איז אַרויסגעקומען. אַ טייל פון די יידן זענען ביינאַכט אַרויסגענומען געוואָרן פון די בעטן און אַ טייל זענען פאַר־שיקט געוואָרן. אויף אַלע אָנפראַגן ביי דער געסטאַפּאָ, ווו די מענטשן געפי־נען זיך, קומט נישט קיין ענטפער.

אין דער געטאָ זענען פאַראַנען דריי בריקן: די צענטראַלע־בריק, וואָס געפינט זיך ביי דעם גרויסן קלויסטער, עק זגעזשער־בזשעזשינסקא און

לוטאָמערסקאָ. ביי דער זייט פון דער בריק געפינט זיך די יידישע פּאָליציי־קאָמאַנדע מיטן זיין אָרט פון הויפּט־קאָמענדאַנט, לעאָן ראָזענבלאַט. אויף דער צווייטער זייט פון דעם קלויסטער געפינט זיך די דייטשע קרימינאַל־פּאָליציי (קריפּאָ). ביי דער זייט פון קלויסטער געפינט זיך די יידישע רע־זערוו־פּאָליציי, ווי אויך דער גאַנצער אַפּאַראַט פון דער קהילה. די צענט־ראַלע איינקויף־שטעלע, אונטער דער לייטונג פון די דריי הערן: ליפּנאָווסקי, בלויגרונד און גערזאָן, אַלע דריי זענען פאַרן קריג געווען אָנגעזעענע סוחרים. וועגן זייער אַרבעט הערט מען נישט אין דער געטאָ קיין שום שלעכט וואָרט, אַלע דריי זענען מענטשן מיט יידישע הערצער.

אין הויז ווייטער געפינט זיך די געטאָ־פּאָסט, אונטער דער לייטונג פון אינזשעניער גראַוּוער און אַנדערע קהילה־אַנשטאַלטן.

דעם 27סטן פעברואַר.

ווידער פּלאַקאַטן. דאָסמאָל אַ ווענדונג צו אַלע געטאָ־איינוווינער, אַז זיי זאָלן זיך צואיילן און אויסטוישן די אַלטע ברויט־קאַרטן, כדי אויף זייער אָרט צוקריגן נייע. דער אויפרוף מעלדעט: „יעדער געטאָ־איינוווינער דאַרף ווי אַמשנעלסטן זיך באַזאָרגן מיט נייע ברויט־קאַרטן. ווער עס וועט זיי צום טערמין נישט אַרויסנעמען וועט פאַרלירן זיין רעכט אויף ברויט־קאַרטן“.

לויט דער נייער פאַראָרדענונג פון פּרעזעס איז היינט אויפגעזאַמלט געוואָרן די יידישע רעזערוו־פּאָליציי. אַ טייל פון איר איז איבערגעשיקט געוואָרן צו די שוין עקזיסטירנדיקע פּאָליציי־רעווירן און אַ צווייטער טייל איז בכלל באַזייטיקט געוואָרן פון דער פּאָליציי. דער שעף פון דער רע־זערוו־פּאָליציי משה סעמיאַטיצקי, דווקא איינער פון די באַליבטסטע פּאָלי־ציי־קאָמיסאַרן, איז איבערגעשיקט געוואָרן אויף מאַרישין.

דעם 28סטן פעברואַר.

אין האַרץ פון געטאָ, אויף עק לוטאָמיערסקע־בזשעזשינער און זגער־זשער שטייט פאַראיינזאַמט דער גרעסטער קאַטוילישער קלויסטער פון דער לאָדזשער וואָיעוואָדסטווע. ער איז נישט אַרומגעצוימט. ער איז נישט פאַר־שטעלט. ער איז אויך נישט פאַרשלאָסן. ווען די פּאָליאַקן זענען אַוועק פון

געטאָ־ראַיאָן האָבן זיי פון דעם קלויסטער אַרויסגעפירט בלויז אייניקע הייד ליקע בילדער. די ערשטע טעג האָבן די קאַטוילישע גייסטלעכע אייניקע מאָל אָנגעפרעגט די געטאָ־מאַכט צי דער קלויסטער ווערט נישט דורך די יידן געשענדעט? צי ער ווערט נישט באַגנבעט? די געטאָ־פאַרוואַלטונג, האָט אַכטונג געגעבן, אַז דעם קלויסטער זאָל גאָרנישט געשען. אויך רומקאָווסקי האָט באַקומען אייניקע מאָל בריוו פון דער קאַטוילישער ליצמאַנשטעטער פּאַראַפיע, ווו מען האָט אים געבעטן, אַז ער זאָל אַכטונג געבן אויפן קאַד טוילישן הייליקטום. כדאי צו פאַרצייכענען, אַז צוזאַמען מיט די פּאָליאַקן האָבן אויך פאַרלאָזט דעם קלויסטער די הונדערטער שוואַרצע קראָען, וואָס האָבן געהאַט זייערע היימען אויף די שפּיצן פון דעם קלויסטער.

דעם 2טן מערץ.

דער פּרעזעס האָט היינט באַפוילן, אַז אַלע פּאַקעטן וואָס קומען אָן אין דער געטאָ פון אויסלענדישע קרובים, זאָלן קאָנפיסקירט ווערן, די גזירה פון פּרעזעס האָט געמאַכט זייער אַ שווערן איינדרוק אויף דער געטאָ־באַפעלקערונג. הונדערטער מענטשן וואָס זענען געקומען אויף דער פּאָסט, כדי אָפּצונעמען זייערע פּאַקעטן, האָבן דעם שווערן קלאַפּ נישט געקענט אַריבערטראָגן און אָנגעהויבן אויפן קול צו שרייען: „מערדער... גיט אונדז אָפּ די פּאַקעטן!" אַ סך יידן האָבן אַפילו אָנגעהויבן צו זידלען דעם פּרעזעס און געדראָט, אַז זיי וועלן נקמה נעמען. „ער איז דער מער־דער פון אונדזערע פרויען און קינדער — האָבן זיי געשריגן — אַ טויט דעם פּרעזעס. זאָל דאָס שוין איינמאָל פאַר אַלע מאָל נעמען אַ סוף". אַ המון פון 400 פרויען, מענער און קינדער האָבן געמאַכט אַ שטורמישע דעמאָנסטראַציע. די דעמאָנסטראַנטן זענען צוגעקומען ביז צום פּלאַץ פון דער אַפּראָוויזאַציע און דאָרט האָט איינער פון דער מאַסע אָנגעהויבן רעדן צום עולם. אין אַ פּאָר מינוט אַרום זענען פון אַלע זייטן־גאַסן אָנגעקומען די איבערפּאַל־קאָמאַנדע און די זאָנדער־פּאָליציי און אָנגעהויבן צעיאָגן די מאַסע. זיי זענען געקומען מיט אַזאַ שטורעם, אַז אין פלוג האָבן אַלע גע־מיינט, אַז דאָס זענען געסטאַפּאָוצעס וואָס זענען ספּעציעל אַרויסגערופן געוואָרן. שפּעטער אַ ביסל האָט מען ערשט דערזען ווער די שלעגערס זע־נען. די שלעגערייען זענען פאָרגעקומען אויף די הויפן, אויף די פּלעצער

און אויף די גאַסן. עס זענען צעטרעטן געוואָרן פרויען, קינדער און זקנים. דער גאַנצער אַפּראָוויזאַציע־פּלאַץ איז פאַרגאָסן געוואָרן מיט יידיש בלוט.

אויסער דעם זענען צענדליקער אַרעסטירט געוואָרן און אָפּגעשיקט געוואָרן צו שלום הערצבערגן אין דער צענטראַלער תפיסה.

צוויי שעה שפּעטער איז אויף דעם זעלבן אָרט אָנגעקומען אַ פּאַרשטייער פון דער געסטאַפּאָ און דער קאָמענדאַנט ל. ראָזענבלאַט האָט ראַפּאָרטירט וואָס דאָ איז פאָרגעקומען. דערנאָך האָט ראָזענבלאַט באַקומען אינסטרוקציעס ווי אַזוי ער דאַרף זיך אויפפירן אין אַזאַ פאַל: נישט וואַרטן נאָר גלייך רופן די געסטאַפּאָ. זיי וועלן שוין וויסן ווי אַזוי אָרדענונג צו מאַכן. זיי קענען דאָס אַ סך בעסער ווי די זאָנדער־פּאָליציי. מיט אַ פּאָר שעה שפּעטער האָט מען געפרעגט איינעם פון די קאָמיסאַרן פון דער זאָנדער־פּאָליציי, פאַרוואָס זיי האָבן זיך אַזוי ברוטאַל אויפגעפירט. האָט ער געענטפערט — מיר האָבן באַקומען אַ באַפעל פון דער געסטאַפּאָ, מיט אַ וואָרענונג, אַז אויב דער פּלאַץ וועט נישט אָפּגערייניקט ווערן אין פאַרלויף פון 10 מינוט, וועלן זיי קומען און שיסן יעדן וואָס וועט זיך געפינען אויפן פּלאַץ. דעריבער האָבן מיר געמוזט פאַר יעדן פּרייז צעיאָגן די מאַסע.

דעם 3טן מערץ.

היינט האָט זיך ווידער געשטעלט אַ היפּש פרעסטל. דערצו איז נישטאָ וואָס צו עסן. מען גייט אַרום אַ גאַנצן טאָג מיט אַ צוקערל אין מויל. דאָס הייסט, אויף געטאָ־לשון: „אַ דערכאַפּעניש“. אָט פון אַזאַ „דערכאַפּעניש“ גייען דערווייל אויס די מענטשן ווי ליכט.

דער חודש פעברואַר האָט אַ סך קרבנות איינגעשלונגען. אויף 52 געבורטן זענען געשטאָרבן 1.064. ווי לאַנג אַזאַ מצב קען אָנהאַלטן איז קיינעם נישט באַוווּסט. די טרייסטערס ווערן מיד און ווערן אויך אויסגעלאַכט. פון טאָג צו טאָג וואַקסט די אויפרעגונג, די פּאָליציי־לייט וואָס האָבן געזאָלט זיין די היטערס פון געזעץ, די היטערס פון מענטשלעכקייט און מאָראַל, זענען אַליין שרעקלעך פאַרדאָרבן. זיי גנבענען און גזלענען אויף וואָס די וועלט שטייט און פירן זיך בכלל אויף ווי דאָס פאָלק וואָלט געווען זייערע שקלאַפן און זיי די אויבער־הערן, די אויסדערווײלטע.

דעם 4טן מערץ.

היינט האָט דער שטאָט־פּרעזידענט מיטגעטיילט דעם פּרעזעס, אַז אַלע געטאָ־ איינוווינער מעגן ברענען עלעקטריש ליכט אַזוי לאַנג ווי זיי ווילן, נאָר מיט אַ באַדינג, אַז יעדעס לעמפּל דאַרף נישט האָבן מער ווי 15 וואָלט. דאָס באַפרייען די געטאָ פון דער פינצטערניש־גזירה האָט אַ סך געבראַכט נאָכצוקלערן וועגן דעם וואָס דאָס זאָל באַטייטן. דערווייל האָבן ייִדן ליכט. מען דאַרף זיך מער נישט איילן מיטן עסן, מיטן גיין שלאָפן ווי פריִער אין די טעג פון דער פינצטערניש. דאָס איז אַ גרויסע פאַרלייכטערונג. שכנים האָבן אָנגעהויבן זיך צו באַזוכן, מער זיך צו אינטערעסירן איינער מיטן אַנדערן, וואָס מען טוט און וואָס מען האָט בדעה צו טון.

דעם 5טן מערץ.

דער פּרעזעס האָט היינט באַפוילן, אַז אַלע אַרבעטס־רעסאָרטן זאָלן אויפנעמען פּאָליציי־קאָמיסאַרן, דאָס הייסט, אַז אַלע אַרבעטער וועלן פון היינט אָן דאַרפן דורכגיין אַ פּאָליציי־קאָנטראָל. די ציווילע קאָנטראָל ווערט אויפגעלייזט, דער באַטייט דערפון איז יעדן געטאָ־איינוווינער גוט באַקאַנט. פון היינט אָן, אויב אַן אַרבעטער וועט זיך פאַרזינדיקן, וועט ער קריגן קלעפּ, תפיסה אד״גל.

דעם 6טן מערץ.

דער פּרעזעס האָט אין גרויסע פּלאַקאַטן היינט מיטגעטיילט, אַז אין אייניקע טעג אַרום וועלן אין דער געטאָ איינגעפירט ווערן פאָלקס־קיכן. די קיכן וועלן זיין פאַר די וועלכע האָבן נישט אויסצוקויפן זייערע צו־טיילונגען. זיי וועלן דאַרפן ברענגען די לעבנסמיטל־קאַרטן אין דער קיך אַריין און דאָרט וועלן זיי באַקומען עסן צו דער זאַט. (אַזוי האָט מען בפירוש געלייענט „עסן צו דער זאַט״). ווען דער עולם האָט דאָס געלייענט האָבן טויזנטער מענטשן אָנגעהויבן זיך צו פאַררעגיסטרירן אין די ניי־געשאַפענע פאָלקס־קיכן. דער געדראַנג איז געווען זייער גרויס. אויף אַ טייל ערטער האָט מען געמוזט אַרויסרופן פּאָליציי צו האַלטן די אָרדענונג. בעתן שאַפן די קיכן האָבן זיך באַלד אָנגעהויבן מיאוסע זאַכן. פּראָטעקציע און כּאַבאַר

האָבן געשפּילט די הויפּט־ראָל, ביים אָנגענומען ווערן אין אַזאַ קיך. אויסער דעם האָבן זיך אויך געשאַפן פּאַרטיי־קיכן און אַן אינטעליגענטן־קיך. יעדע פּאַרטיי האָט גערופן אירע מיטגלידער אין אירע קיכן אַריין און יעדע פּאַרטיי האָט צוגעזאָגט, אַז נאָר ביי איר וועט מען זיין צופרידן און מען וועט עסן צו דער זאַט. וואָס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן? פאָלקס־קיכן זענען טאַקע געשאַפן געוואָרן. מען האָט אין די קיכן אַריינגעלייגט שווערע טויזנטער מאַרקן, דערביי האָט מען אויך נישט פאַרגעסן צו שאַפן קאָמיסיעס, אויבער־קאָמיסיעס, קאָנטראָל־קאָמיסיעס און אויך אַ ספּעציעלע קיכן־קאָמיסיע. חוץ מזה האָט מען געשאַפן אינטעליגענטן־קיכן, פּועלי־ציוניסטישע־קיכן, אַ בונדישע קיך און אַ קאָמבאַטאַנטן־קיך. אָבער פאַר די מאַסן איז געווען אַ קרענק. צו פרעסן האָבן געהאַט די אַלע אויבנאויסגערעכנטע קאָמיסיעס, די אַלע וועלכע האָבן זיך געפּאַרעט אַרום דעם אָרעמען קעסל. זיי האָבן געגעסן מיט צוויי מיילער און דאָס וואָס זיי האָבן נישט געקענט אויפעסן אויפן אָרט, האָבן זיי פאַרקויפט צו זייערע באַקאַנטע און נאָענטע. אַזוי האָבן אויסגעזען אַלע פּאַרטיי־ און אינטעליגענטן־קיכן, ביז די זאָנדער־פּאָליציי האָט די אַלע אַפערעס אויפגעדעקט און אַ גרויסן טייל פון די קיכן פאַרמאַכט.

דעם 7טן מערץ.

היינט האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען די „געטאָ־צייטונג". דער ערשטער נומער האַלט 4 קליינע זייטן. עס זענען פאַראַנען בלויז מעלדונגען, אויפרופן, דראָאונגען און סתם מיטטיילונגען. די זשורנאַליסטן און דיכטער וועלכע געפינען זיך אין געטאָ אַרבעטן אין דער צייטונג נישט מיט. מען האָט זיי אויך נישט איינגעלאַדן. אין דער געטאָ־צייטונג האָט געזאָלט מיטאַרבעטן אַ גרעסערע גרופּע יידישע זשורנאַליסטן מיט וועלכע מען האָט געפירט אונטערהאַנדלונגען. די גרופּע האָט צווישן זיך געמאַכט אַן אָפּמאַך, אַז אַלע פאַרבליבענע שרייבער זאָלן אין דער צייטונג מיטאַרבעטן און נעמען אַ געהאַלט אַזוי ווי אַ רעסאָרט־אַרבעטער. האָט זיך אָבער שפּעטער אַרויסגעוויזן, אַז געבראָכן דעם אָפּמאַך האָט דווקא אַ מענטש וואָס איז פאַרן קריג געווען דער קאָרעספּאָנדענט פון דעם וואַרשעווער „היינט", ה׳

ראַזנשטיין. ער האָט אויף זיך גענומען איינער אַליין צו מאַכן די גאַנצע געטאָ־ציַיטונג.

דעם 9טן מערץ.

ווען די דייטשע מאַכט האָט אַלע ייִדן אַריינגעטריבן אין דער געטאָ אַריין, האָט זי פאַר איר געברויך איבערגעלאָזט אויסערן געטאָ אַ פּאָר צענדליק פּריווילעגירטע ייִדן, וועלכע האָבן באַקומען דאָקומענטן פון דער געסטאַפּאָ, אַז די באַזיצערס פון די דאָקומענטן איז דערלויבט צו פאַר־בלייבן אין ליצמאַנשטאָט, לטובת דער געסטאַפּאָ און דער ווערמאַכט. דער דאָקומענט איז גילטיק ביז צום אָפּרופן. היינט זענען ביי די דאָזיקע ייִדן צוגענומען געוואָרן די דאָקומענטן און מען האָט זיי אויף אַ זייער „איידעלן" אופן, צוזאַמען מיט זייערע פרויען און קינדער, ווי אויך מיט פיל געפּעק, אַריינגעפירט אין דער געטאָ.

וואָס דערציילן די ייִדן?

— די גאַנצע צייט פון אונדזער אויפהאַלט אין ליצמאַנשטאָט האָבן מיר געהאַט געגנוג צום עסן. עס האָט אונדז גאָרנישט געפעלט; פון די וווי־נונגען האָבן מיר נישט געטאָרט אַרויסגיין. נאָר נאָכן באַקומען אַ ספּע־ציעלע דערלויבעניש, וואָס איז אונדז פון צייט צו צייט געגעבן געוואָרן, האָבן מיר אויף געמעגט אַרויסגיין אויף איינצוקויפן שפּייז אָדער אויף אַ שליחות פאַר דער ווערמאַכט.

די הויפּט־אַרבעט אונדזערע איז באַשטאַנען אין סאָרטירן די אָנגע־זאַמלטע שמאַטעס, וואָס זענען אַריינגעשיקט געוואָרן פון פאַרשידענע שטעט און שטעטלעך אַרום לאָדזש. אייניקע פון אונדז האָבן אויך, פון צייט צו צייט, באַזוכט דאָס געטאָ און פון דאָרט אַרויסגענומען די שוין אויססאָר־טירטע שמאַטעס. דערביי האָבן די מענטשן וואָס האָבן באַזוכט דאָס געטאָ געמאַכט פאַרשידענע „לינקע" געשעפטן, געהאַנדלט מיט וואַליוטע, גע־האַנדלט מיט לעבנס־מיטל און אויך מיט דאָקומענטן פאַר יחידי סגולה. די גרופּע האָט געהייסן „אַפּפּאַל־גרופּע" צו דער דיספּאָזיציע פון געסטאַפּאָ.

אין אַ געוויסן פרימאָרגן האָט מען כמעט אַלע ייִדן פון דער גרופּע, וועלכע האָבן פון צייט צו צייט באַזוכט די געטאָ, אַרעסטירט. זיי זענען

אָפּגעשיקט געוואָרן אין דער תפיסה אויף קאָפּערניק־גאַס. וואָס מיט זיי איז געוואָרן איז קיינעם נישט באַוווּסט. די צווייטע גרופּע האָט זיך שטאַרק גע־היט, אַז זי זאָל נישט אַריינפאַלן און האָבן דעם זעלבן סוף. די געטאָ־באַפעלקערונג האָט אויף די פאַרבליבענע אָנגעהויבן צו קוקן מיט גרויס פאַרדאַכט. אַ טייל האָבן אַפילו געהאַלטן, אַז מען מוז זיך פאַר זיי היטן, זיי זענען נישט אַזוי „בלוי־ווייס" ווי מען שטעלט זיך פאָר. אויב עס איז פאַקטיש אַזוי, איז די זאַך זייער טרויעריק, ווייל צווישן דער גרופּע געפינען זיך אַזעלכע יידן, וואָס האָבן פאַרן קריג געשפּילט אַ גאַנץ גרויסע גע־זעלשאַפטלעכע ראָל.

דעם 10טן מערץ.

היינט איז דערקלערט געוואָרן אויסנאַם־צושטאַנד אין געטאָ. די לאַגע איז זייער אָנגעשטרענגט. דער פּרעזעס האָט דערקלערט: „איך וועל קעמפן אויף טויט און לעבן קעגן אַלע שטערער. איך וועל אויסראָטן די אַלע וועל־בע ווילן איופּרודערן דאָס געטאָ. די רו־שטערער וועל איך אויסרייסן מיטן וואָרצל". דעם גרעסטן צאָרן האָט דער פּרעזעס אויסגעלאָזט צום „בונד". אַלע בונדאָוצעס ווערן באַזייטיקט פון זייערע אַרבעטס־פּלעצער. זיי ווערן רעגיסטרירט אַוועקגעשיקט צו ווערן. צוויי טויזנט מאַן זענען שוין פאַר־שריבן געוואָרן. אין אייניקע טעג אַרום וועלן זיי ווערן פון געטאָ אַרויס־געשיקט. אויך ווערן פאַררעגיסטרירט פורמאַנעס, פישערס און קצבים.

די צוויי גרעסטע געטאָ־שונאים, משוגעת און זעלבסטמאָרד, האָבן זיך פאַראייניקט און נעמען יעדן טאָג צו פרישע קרבנות. דער גרויסער הונ־גער האָט אַרומגענומען אַלע שיכטן. אַפילו די וועלכע אַרבעטן אין דער פּאָליציי, די קוימענקערער, נאַכט־וועכטער, אַדמיניסטראַטאָרן הונגערן שטאַרק, מיט איין וואָרט: די גאַנצע געטאָ הונגערט. טויזנטער שטאַרבן און טויזנטער פאַלן יעדן טאָג און חלשות און בעטן זיך: ראַטעוועט אונדז מיט אַ שטיקל ברויט.

דעם 11טן מערץ.

דער אויסנאַם־צושטאַנד איז אָפּגערופן געוואָרן. דערווייל איז שטיל.

דער פרעזעס טראַכט צו באַקן מצות פון קאָרן־מעל. צי דאָס וועט זיך איינגעבן וועט מען ערשט זען.

דער ליצמאַנשטעטער פּאָליציי־פּרעזידענט האָט צוגעשיקט אַ בריוו צו רומקאָווסקין, אַז ער דאַרף האָבן 1.000 יונגע פרויען צו פאַרשידענע אַר־בעטן אין דער שטאָט. די פרויען דאַרפן קומען מאָרגן 10 אַזייגער אין דער פרי אויפן באַלוטער־מאַרק און פון דאָרטן וועלן זיי אָפּגעשיקט ווערן אין דער שטאָט אַריין.

פון די הייזער אַרום דער געטאָ ווערן אַלע פּאָליאַקן עוואַקויִרט. די עוואַקואַציע נעמט אַרום אַן ערך 50 טויזנט נפשות. די עוואַקואַציע קומט פאָר אין מיטן העלן טאָג. די קינדער וויינען ווען מען זעצט זיי אַרויף אויף די וואָגנס. קיין מענער זעט מען נישט. בלויז פרויען און קינדער, ווי אויך אַלטע לייט. צווישן די עוואַקויִרטע געפינען זיך אויך אַזעלכע פּאָליאַקן, וואָס האָבן ערשט מיט איניקע טעג צוריק געשפּאָט און געלאַכט פון די געטאָ־יידן, זאָגנדיק: „גוט אויף אייך, איר יעזוס מערדער". איצט פילן די שונאים אונדזערע אויך אַ ביסל דעם טעם פון זיין געררודפט. דאָך איז די עוואַקואַציע פון די פּאָליאַקן נישט אַזוי ברוטאַל און געמיין ווי אונדזער גירוש אין געַ־טאָ אַריין.

דעם 12טן מערץ.

אַלץ וואָס געהערט צו אַ נאָרמאַלער שטאָט־פאַרוואַלטונג איז אויך פאַ־ראַן אין דער געטאָ. אויסער פּאָליציי פון אַלע מינים געפינען זיך אויך: נאַכטוועכטער, הויזוועכטער, קוימענקערערס, פייערלעשער, ריכטערס. אוי־סער דעם פעלן אויך נישט קיין כוח־גייערס. טעלער־לעקערס און סתם ברודער־מערדער, וואָס לעבן אויפן חשבון פון צוויטן. פון די לעצטע וועט נאָך אויסקומען אַ סך צו שרייבן. דערווייל מוז מען דאָס מויל האַלטן און זיין זייער פאַרזיכטיק.

דעם 13טן מערץ.

די אַפּראָוויזאַציע איז ווידער געוואָרן שלעכט. עס איז נישטאָ וואָס צו פאַרטיילן. די פאַרטייל־פלעצער זענען געשלאָסן. די שטימונג איז אַ גע־וואַלדיק פאַרביטערטע און אַ פאַרטרויערטע. כמעט אַלע געטאָ־יידן זענען

איצט געוואָרן פּעסימיסטיש. מען גלויבט שוין זיך אַליין נישט. יעדער איינער איז נידערגעשלאָגן.

וואָלף פינקעלשטיין, אַ 13־יעריק קינד, האָט זיך אַוועקגעשטעלט נישט ווייט פון די געטאָ־דראָטן, כדי צו כאַפּן אַ קוק אויף דעם דורכפאָרנדיקן טראַמוויי; ער איז דורך אַ מערדערישן וואַך־פּאָסטן אויפן אָרט דערשאָסן געוואָרן. דאָס קינד האָט באַקומען צוויי קוילן אין קאָפּ. ווען די עלטערן האָבן זיך דערפון דערוווּסט, זענען ביידע, דער פאָטער און די מוטער, אַרויסגעלאָפן פון זייער וווינונג און גלייך צוגעלאָפן צו די דראָטן ווו זייער קינד איז געלעגן און געבעטן זיך ביים וועכטער, אַז ער זאָל זיי אויך דערשיסן. יידישע פּאָליציי־לייט האָבן די אומגליקלעכע עלטערן מיט כוח אַוועקגעשלעפּט פון די דראָטן און זיי געראַטעוועט פון אַ זיכערן טויט.

דעם 14טן מערץ.

נאָך דעם, ווי די צוויי טויזנט פאַררעגיסטרירטע אַרבעטער זענען שוין געווען פאַרזאַמלט אויפן באַלוטער־מאַרק, איז פּלוצים אָנגעקומען אַ מיטטיילונג, אַז אַלע זאָלן צוריק אַהיימגיין און וואַרטן ביז מען וועט זיי נאָכאַמאָל רופן.

אין די מיטיק־שעהן זענען היינט אָנגעקומען 460 מענער און פרויען. זיי זענען אָנגעקומען פון פאַרשידענע ערטער אַרום לאָדזש. צווישן זיי זענען אויך געווען צוויי מענער, צוויי פרויען און אַ דריי־יעריק קינד. זיי אַלע, אויסער דאָס קינד, זענען געווען געשלאָסן אין קייטן. מיט אַ שעה שפּעטער זענען די פיר מענטשן אָפּגעפירט געוואָרן אויפן בית־עולם און זענען דאָרט דערשאָסן געוואָרן. ווער די מענטשן זענען געווען און פאַרוואָס מען האָט זיי ערשט אין לאָדזש דערשאָסן, איז נישט באַוווּסט.

פון וואַרשע זענען היינט אָנגעקומען 6 דאָקטוירים. די דאָקטוירים דערציילן, אַז אין וואַרשע לעבן די ייִדן מיט מער מוט ווי אין לאָדזש. עס זענען אין וואַרשע פאַראַנען אָרגאַניזירטע יוגנטלעכע וואָס טוען געהיימע אַרבעט. אַ גרויסער טייל פון דער וואַרשעווער ייִדישער באַפעלקערונג האַנדלט און מאַכט גוטע געשעפטן. זיי האָבן נישט געוווּסט, אַז אין דער לאָדזשער געטאָ הערשט אַזאַ שרעקלעכער הונגער. מען האָט זיי, ווען זיי זענען נאָך געווען אין וואַרשע, דערציילט, אַז אין לאָדזש איז עסן פריי,

מען באַקומט עס אין די געשעפטן. דאָס וואַרשעווער ייִדנטום — דערציילן די דאָקטוירים — לעבט מיט האָפענונג. וואַרשעווער ייִדן גלויבן, אַז עס וועט אין גיכן קומען אַ ראַדיקאַלע ענדערונג. די געטאָ איז געטיילט אין צוויי וועלטן. איין וועלט לעבט און ווילט זיך, האָט גענוג צום עסן, גייט אין ייִדישן טעאַטער, גייט אין ניי־געעפנטע קאַבאַרעטן אאַז״וו. דאַקעגן די צווייטע וועלט הונגערט מוראדיק און שטאַרבט אויף די גאַסן. עס פאַרגייט נישט קיין טאָג, אַז מען זאָל נישט געפינען אויף די וואַרשעווער געטאָ־גאַסן טויטע, צווישן זיי — קינדער. ליידער, האָבן די דאָקטוירים ווייטער דערציילט, געפינען זיך אין וואַרשע אַ סך, מען קען דרייסט זאָגן, זייער אַ סך, ייִדישע מוסרים, וואָס פאַרביטערן דאָס לעבן. די מוסרים שטאַמען פון אַלע שיכטן און מען מוז זיך פאַר זיי היטן. עס געפינען זיך אויך געזעלשאַפטלעכע גרופן, וואָס העלפן דער נויט־ליידנדיקער באַפעלקערונג. זיי טוען דאָס מיט גרויס מסירת־נפש. אויך די פאַרטייען טוען פאַר זייערע מיטגלידער זייער אַ סך. די נויט וואַקסט אָבער יעדן טאָג.

דעם 15טן מערץ.

פלוצים אַן אַלאַרם אין דער געטאָ. אַלע גלעקער אין די פּאָליציי־רעווירן קלינגען. פון אומעטום הערט מען רופן: שיקט ווי אַמשנעלסטן הילף!

וואָס איז געשען?

קיין אויסטערליש איז חלילה נישט געשען, די געסטאַפּאָ האָט קיינעם גאָרנישט מיטגעטיילט און האָט פלוצים באַזעצט די צוויי איינגענג פון דער קאָשטשעלני־האַלע און געמאַכט רעוויזיעס אין אַלע געוועלבער, צונעמענדיק אַלץ וואָס זיי האָבן געהאַלטן פאַר נייטיק. טויזנטער מענטשן זענען זיך צוזאַמענגעלאָפן און אָנגעהויבן אויפן קול צו וויינען. זעענדיק אַז עס קומען וואָס אַמאָל מער מענטשן, האָבן זיי גערופן די ייִדישע פּאָליציי, אַז זי זאָל צעטרייבן די מאַסע, אויב נישט, וועלן זיי שיסן.

די אויסדערווילטע פון דער אַזויגערופענער „בעסערער געזעלשאַפט", האָבן היינט איינגעאָרדנט אַ קאָנצערט אונטער דער אָנפירונג פון באַקאַנטן אַרטיסט פולאווער. אויפן קאָנצערט איז געווען דער פרעזעס מיט זיין גאַנצער סוויטע. נאָכן קאָנצערט האָט דער פרעזעס געזאָגט: — „הערט ייִדן, די וועלכע אַרבעטן ערלעך, די וועלן האָבן פון מיר אַלץ, איך וועל זיך באַמִיען

צו זען, אַז די מענטשן זאָלן נישט הונגערן. דאַקעגן די וועלכע גנבענען און זענען נישט ערלעך, די וועלן שטאַרבן און איך וועל אויף זיי קיין רחמנות נישט האָבן, די זענען פאַראורטיילט און פאַראורטיילטע האָבן אין אַזאַ צייט קיין רעכט נישט צו לעבן".

דעם 17טן מערץ.

דער פּרעזעס האָט היינט מיטגעטיילט, אַז ער האָט געפּועלט מען זאָל דערלויבן די געטאָ־ייִדן צו באַקן מצות. באַקומען וועלן מצות די מענטשן, וואָס וועלן זיך פריִער רעגיסטרירן. די בעקערס וועלן מוזן ביי שוואַרצע ליכט שווערן אַז זיי וועלן נישט גנבענען.

היינט איז געוואָרן אַ יאָר ווי עס איז אין דער געטאָ געשאַפן געוואָרן די ייִדישע פּאָסט. אין טאָג ווען די מעלדונג איז אַרויסגעהאָנגען געוואָרן האָבן זיך פאַרשריבן 300 יונגע־לייט אַלס פּאָסט־טרעגער. דער אָרגאַניזאַטאָר אינזשעניער גראַוווער, אַ מענטש מיט אַ ייִדיש האַרץ, האָט פאַרשטאַנען, אַז אין אַזאַ שווערער, פינצטערער צייט דאַרף מען זען, אַז ייִדן זאָלן באַקומען פון זייערע אויסלענדישע קרובים טרייסט־ווערטער. ווי אַזוי מאַכט מען דאָס? מען שאַפט אַ פּאָסט־אָפּטיילונג אין דער געטאָ, מען קאַרגט נישט קיין מי, מען אָרגאַניזירט אַרום זיך אייניקע גוטע, פעיקע מענטשן און עס ווערט אין פאַרלויף פון 5 טעג אויפגעשטעלט אַ פּאָסט־אַמט מיט אַלע נייטיקע איינריכטונגען, וואָס אַזאַ אַמט באַדאַרף. נאָך אַ פּאָר וואָכן אַרבעט, האָט דער זעלבער אינזשעניער גראַוווער דערפירט די פּאָסט צו אַזאַ מדרגה, אַז אַלע רעסאָרטן האָבן געדאַרפט דאָרט קומען זיך לערנען ווי אַזוי מען אַרבעט. די געטאָ־פּאָסט איז געוואָרן אַ קאָלאָסאַלער ענין און אַ גרויסע טובה פאַר אַלע געטאָ־איינוווינער. פאַקטיש האָט די פּאָסט עקזיסטירט נישט מער ווי ביז יוני 1942, אָבער די קורצע צייט פון איר עקזיסטענץ האָט זי פאַרן ייִדישן לאָדזש אַ סך אויפגעטאָן. בריוו וואָס זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן פון דער געטאָ זענען צענזורירט געוואָרן דורך ספּעציעלע באַאַמטע. אין די ערשטע צייט פון איר עקזיסטענץ זענען אַן ערך 6.000 פּאַקעטן אָנגעקומען אין דער לאָדזשער געטאָ אַריין. טייל פּאַקעטן זענען אויך געקומען פון סאָוועט־רוסלאַנד. דער גרעסטער טייל פּאַקעטן זענען געקומען פון פאַרשידענע קלענערע שטעט אַרום לאָדזש. עס האָט אויך געטראָפן אַז צוויי

משפחות האָבן באַקומען פּאַקעטן פון וואַרשע. אין די פּאַקעטן איז געווען: ברויט, קאַרטאָפל, פעטס, הייל־מיטלען און ווורשט. די דייטשן האָבן נישט געשטערט. זיי האָבן די פּאַקעטן געבראַכט אויפן באַלוטער־מאַרק און פון דאָרט זענען זיי אָפּגענומען געוואָרן דורך די יידישע פּאָסט־באַאַמטע. נאָך אַ פּאָר חדשים נאָרמאַלער, ערלעכער אַרבעט, האָט מען אין דער פּאָסט אָנגעהויבן גנבענען. די גניבות האָבן אַזוי אָנגעהאַלטן אייניקע וואָכן, ביז עס איז געקומען דער פּרעזעס און האָט באַפוילן, אַז אַלע פּאַקעטן, אַזוי ווי זיי קומען נאָר אָן פון באַלוטער־מאַרק, זאָלן זיי קאָנפיסקירט און געשטעלט ווערן צו זיין דיספּאָזיציע. זעענדיק וואָס דער פּרעזעס האָט געטון האָט דער עולם אַרויסגעשיקט בריוו, אַז מען זאָל מער קיין פּאַקעטן נישט שיקן. איצט אַרבעט די פּאָסט אַ ביסל לאַנגזאַמער. וועגן די פּאַקעטן, וועלכע קומען אָן ווערט אַפילו די אַדרעסאַטן מער נישט מיטגעטיילט. זיי ווערן איבערגעגעבן צו דער זאָנדער־פּאָליציי אונטער דער אויפזיכט פון די זאָנדער־קאָמיסאַרן.

דעם 18טן מערץ.

די געטאָ־פאַרוואַלטונג האָט אַרויסגעגעבן היינט אַ פאַראָרדענונג, אַז אַלע וועלכע באַזיצן האַנט־וועגעלעך זאָלן זיי רעגיסטרירן. גלייכצייטיק מעלדעט די זעלבע פאַראָרדענונג, אַז אַלע וועלכע פירן מיסט וועלן פון היינט אָן פאַרעכנט ווערן ווי שווער־אַרבעטער. יעדער מיסט־פירער וועט באַקומען צוויי מאַרק אַ טאָג, צוויי זופּן און יעדע וואָך אַ צוגאַב־טאַלאָן פון ברויט, קאַרטאָפל און פערד־פלייש.

אינטערעסאַנט: די וועלכע פירן דאָס מיסט זענען דווקא מענטשן, וואָס האָבן פאַרן קריג געפירט אַ געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט. צווישן די מיסט־פירער זענען פאַראַן: געוועזענע פאַבריקאַנטן, געוועזענע סוחרים, געוועזענע קליינהענדלער. אין אַ טייל וועגעלעך זענען איינגעשפּאַנט גאַנצע משפחות, קינדער צוזאַמען מיט זייערע עלטערן. און אַזוי לעבן די אַמאָליקע יידישע סוחרים פון דער פּיעטריקאָווער, נאַוואָמיעיסקאַ און אַנדערע גאַסן. זייער אַרבעט איז זייער אַ שווערע און דערצו נאָך — אַ שמוציקע. מען זעט טיילמאָל ווי די מיסט־שלעפּער קענען פון אָרט זייער וואָגן נישט רירן. זיי שטרענגען זיך שטאַרק אָן, כדי דעם שווערן וואָגן צו ברענגען אויף דעם

געהעריקן אָרט. דאָרט אויף דעם אָרט שטייט אַ קאָנטראָלער און גיט אַכטונג אַז דער וואָגן זאָל זיין פול. אויב דער קאָנטראָלער געפינט איין, אַז דער וואָגן איז נישט קיין פולער, באַקומען די מענטשן שוין דעם טאָג נישט די צווייטע זופּ.

דעם 19טן מערץ.

היינט האַלב 10 אַזייגער פאַרמיטיק זענען זיך צוזאַמענגעקומען אַלע בעקערס וואָס וועלן באַקן מצות אויף פסח, כדי אָפּצוגעבן אַן עפנטלעכע שבועה. נאָך אַ האַלבער שעה וואַרטן איז אָנגעקומען דער פּרעזעס און אַלע בייראַט־מיטגלידער. ווען אַלץ איז שוין געווען פאַרטיק איז אַרויסגערופן געוואָרן דער פּרעזעס פון געריכט, אַדוואָקאַט יאַקאָבזאָן און די צוויי געטאָ־פּראָקוראָרן, אַדוואָקאַט ווייסקאָפּף און אַדוואָקאַט בינשטאָק. די שבועה איז פאָרגעקומען ביי אָנגעצונדענע ליכט. אָפּגענומען די שבועה האָט דער גאַנצער ראַבינאַט מיטן עלצטן פון די רבנים, הרב פיינער. ווען די ליכט האָבן שוין געברענט און אַלע אַרום זענען שטיל געוואָרן, האָט הרב פיינער אָנגעהויבן מיט די ווערטער: — „אין נאָמען פון אַלמעכטיקן גאָט און פון זיין הייליקער תורה, דאַרפט איר, די וועלכע גייען מקיים זיין די מצוה פון באַקן מצות — שווערן... ווען דער רב האָט אַרויסגעזאָגט דאָס וואָרט „שווערן” האָבן אַ טייל פון עולם אָנגעהויבן צו ציטערן און געפרעגט: רבי, פאַרוואָס גראָד מוזן מיר שווערן? פאַרוואָס נישט די אַלע וועלכע שטייען אין דער שפּיץ פון דער אַפּראָוויזאַציע? די וועלכע פרעסן שוין לאַנג אויפן חשבון פון אומגליקלעכן פאָלק? פאַרוואָס הייסט דער פּרעזעס זיי נישט שווערן? פאַרוואָס גיבן די מענטשן נישט אָפּ קיין דין־וחשבון פון זייער אָפּגעטוענע מעשים־טובים?

זעענדיק, אַז עס איז געוואָרן אין מיטן דער שבועה אַ שטיקל טומל, האָט זיך דער פּרעזעס אויפגעשטעלט און דערקלערט: — ווער עס וועט פּרוּוון נאָך איין וואָרט צו ריידן, דעם וועל איך אויפן אָרט הייסן אַרעסטירן.

די שבועה איז פאָרגעקומען און די בעקערס האָבן מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ נאָך געזאָגט וואָרט ביי וואָרט דעם הרב פיינער.

דעם 20סטן מערץ.

אַ גרויסע דייטשע מיליטערישע קאָמיסיע האָט היינט באַזוכט די געטאָ. די הויפּט־אויפגאַבע פון דער קאָמיסיע איז געווען נאָכצופאָרשן די אויסער־געוויינלעכע צאָל טויט־פאַלן אין געטאָ. די קאָמיסיע האָט אונטערזוכט אַלע שפּיטאָלן, אַלע אַרבעטס־פּלעצער. דערנאָך געמאַכט אַ שפּאַציר אויף די געטאָ גאַסן. אויף דער לוטאָמירסקאַ־גאַס האָבן זיי אָפּגעשטעלט אַ בלאָנדע פרוי און זי געפרעגט צי זי קען „שפּרעכן דויטש". די פרוי האָט געענט־פערט: „איך בין פון האַמבורג, געבוירן אין לייפּציק, מיין מוטער־שפּראַך איז נאָר דויטש". איינער פון די קאָמיסיע־מיטגלידער האָט זי געפרעגט, ווי עס גייט איר דאָ אין דער געטאָ, האָט די פרוי אַרויסגענומען אַ בילד און געוויזן ווי אַזוי זי האָט אויסגעזען אין האַמבורג און ווי אַזוי זי זעט אויס היינט. „איך האָב פאַרלוירן 20 קילאָ; מיין מאַן פאַרמאָגט אין זיין באַזיץ אַן אייזערנעם קרייץ, באַקומען פּערזענלעך פון גענעראַל לודענדאָרף. היינט ליגט ער שווער קראַנק און קען זיך נישט העלפן". מען האָט דייטלעך געזען ווי דער פרעגער האָט חרטה געהאַט אויפן גאַנצן עסק. ער האָט צוויי מאָל זיך אַרומגעקוקט און געמאַכט מיט דער האַנט, אַז העלפן קען ער ליידער נישט. ער האָט געפרעגט ווי די פרוי הייסט און ער האָט נאָטירט איר נאָמען. דער זעלבער האָט שפּעטער גערעדט מיט יאַקובאָוויטשן וועגן דער פרוי. די קאָמיסיע איז באַשטאַנען פון 70 מאַן.

דעם 21סטן מערץ.

מזל־טוב יידן. דער פּרעזעס מרדכי־חיים רומקאָווסקי איז היינט אַלט געוואָרן 64 יאָר. און ווען אַ פּרעזעס פון אַ שטאָט ווערט עלטער, מוזן דאָך זיינע משרתים פון אַלע מינים מאַכן אַ לחיים. אַזאַ געלעגנהייט טאָר מען נישט דורכלאָזן. אַ קלייניקייט! דער מלך פון דער לאָדזשער געטאָ איז על־טער געוואָרן מיט אַ יאָר. דאַרפן זיינע אונטערטאַנען אים צוטראָגן אַ שיינע מתנה. מען דאַרף האַלטן פייערדיקע רעדעס, מען דאַרף לויבן דעם אַלמעכ־טיקן פאַר זיין גענאַד אַאַז"ו. און בכדי דאָס זאָל אַרויסקומען מיט גרויס פּאַראַד, האָט מען גענומען דעם גרעסטן זאַל אין דער געטאָ, אויף קראַ־וויעצקאַ־גאַס און מען האָט אים אויסגעפּוצט, איינגעלאַדן אַלע לייטערס פון די רעסאָרטן, אַלע קאָמיסאַרן פון די אַרבעטס־פּלעצער. דעם אויבנאָן האָבן

פאַרנומען רומקאָווסקי מיט זיין פרוי, דער ברודער יוסף מיט זיין פרוי, קאָ־מענדאַנט ראָזענטאַל מיט דער פרוי, ד״ר שיקער, יאַקובאָוויטש מיט דער פרוי, שטשענשליווע מיט דער פרוי, ריינגאָלד, ראָזענזאַן, דאַנציקער, יאַאַ־כימאָוויטש און זייבערט. די טישן זענען געווען געדעקט מיט זיסוואַרג, מיט סאַנדוויטשן, מיט ווייַן און בראָנפן. עס איז אויך דערלאַנגט געוואָרן אַ זי־סער קאָמפּאָט מיט טשאָלנט.

דער ערשטער האָט גענומען דאָס וואָרט ד״ר שיקער. ער האָט אויס־געדעכנט די פאַרדינסטן פון דעם בעל־היובל. אַ דאַנק זיין ענערגיע האָט מען דערגרייכט און דער געטאָ אַ סך זאַכן וואָס אַנדערע געטאָס האָבן דאָס נישט. מיר האָבן אַ גוט־אָרגאַניזירטן שפּיטאָל־וועזן מיט גוטע פּראַק־טישע דאָקטוירים. ווען נישט די קאָרופּציע און לאַפּוווקע־נעמער, וואָס שע־דיקן די געטאָ־אינטערעסן, וואָלט אַ סך בעסער געווען און עס וואָלטן אַזוי פיל טויט־פאַלן נישט געווען אין דער לאָדזשער געטאָ. דער רעדנער האָט פאַרגעסן, אַז אַלע לאַפּוווניקעס זיצן דאָ מיט אים ביי איין טיש און געפינען זיך אויף דער שמחה מיט אים צוזאַמען.

דער צווייטער רעדנער, מ. קארא, אַ געוועזענער ציוניסטישער עסקן, האָט זיך נישט געשעמט און אָנגערופן רומקאָווסקי „דער געטלעכער שליח פאַרן לאָדזשער יידישן קיבוץ״.

אַ שאַנדע! זאָל די שאַנדע אויף אייביק פאַרשריבן ווערן.

עס האָבן נאָך גערעדט שטשענשליווע, יאַאַכימאָוויטש א״אַ.

דערנאָך האָט דער „אויסגעהונגערטער עולם״ גענומען זיך צו די פּלע־שער וויין. מען האָט געווונטשן דעם פּרעזעס לחיים, ער זאָל זוכה זיין צוריק אַרויסצופירן די געטאָ־יידן אין דער שטאָט אַריין. דער פּרעזעס האָט אַלע־מען באַדאַנקט און דאָסמאָל דווקא קיין שום רעדע נישט געהאַלטן.

דעם 22סטן מערץ.

דאָס איינגעפירטע שנעל־געריכט אַרבעט בייטאָג און ביינאַכט, און וואָס מער מענטשן עס ווערן געשטעלט צום שאַנד־סלופּ, אַלץ מער מערן זיך די קאַנדידאַטן צום געריכט. דאָס אינטערעסאַנטסטע איז, וואָס דאָס שנעל־געריכט האָט היינט איינגעפירט שמיץ־שטראָף אויפן הוילן לייב פאַר

קליינע קינדער. — דער אמתער מיטלאַלטער. פאַר גנבענען אַ פּאָר קאַרטאָפל וועט מען אין דעם לאָדזשער געטאָ געבן שמיץ. און די אמתע גנבים וועלן ווייטער פראַנק און פריי זיך אַרומדרייען און אָפּלאַכן פון אַלעמען.

היינט האָט דער פּרעזעס אין אַ פּלאַקאַט מיטגעטיילט, אַז פון מאָרגן אָן וועט געגעבן ווערן פאַר יעדן געטאָ־איינוווינער צו 8 קילאָ קאַרטאָפל און נאָך פאַרשידענע זאַכן. אָבער וואָס קומט אַרויס? ווו מען גייט און ווו מען שטייט הערט מען, אַז עס איז נישטאָ קיין געלט אַרויסצונעמען די צו־טיילונג. מענטשן האָבן שוין פון פריער אויס געוווּסט, אַז עס וועט אַזוי זיין. עס וועלן זיין צוטיילונגען און דער עולם וועט נישט האָבן קיין געלט זיי אַרויסצונעמען.

דעם 23סטן מערץ.

היינט איז אַרויס דער דריטער נומער „געטאָ צייטונג". אייגנטלעך איז די צייטונג פאַרטיק געוואָרן פרייטיק, נאָר אין דער גאַס אַריין איז זי געקו־מען ערשט זונטיק.

פון ערשטן ביזן לעצטן זייטל נאָר וועגן עלצטן פון די ייִדן. ער און ווידער ער. די ערשטע זייט, צו זיין געבוירן־טאָג — אַ מתנה דעם פּרעזעס, געשריבן פון קיינעם נישט; די צווייטע זייט אַן אַרטיקל „נעכטיקע הענדלער און היינטיקע פּויערים", אונטערגעשריבן „דער עלצטער פון די ייִדן". די דריטע זייט ווידער אַן אַרטיקל „הונגערן וועט איר נישט", אונטערגעשריבן „דער עלצטער פון די ייִדן". ווען מיר האָבן אָנגעהויבן צו לייענען דאָס אַרטיקל, האָבן אַלע אָנגעהויבן לאַכן. דער פּרעזעס זאָגט שוין ווידער צו „ביי מיר וועט איר נישט הונגערן" און דווקא ווען ער זאָגט צו קומט אַן אומגליק אויף דער געטאָ. דעמאָלט ווייסן אַלע, אַז עס גייען אויף אונדז פרישע צרות. דאָס פערטע, פינפטע און זעקסטע זייטל זענען פול מיט וואָרענונגען און מיט די נעמען פון די, וועלכע זענען געשטעלט געוואָרן צום שאַנד־סלופּ פאַר גנבענען. אויף דער לעצטער זייט פון דער צייטונג געפינט זיך אַ לידל פון גראַף קאלי: „דער פּרעזעס צווישן זיינע קינדער". דאָס איז די געטאָ צייטונג.

דעם 24סטן מערץ.

הײַנט האָט די געטאָ־פּאָליצײַ געפונען באַהאַלטן אונטער אַ בעט אַ צווײ־יאָריק קינד, אײַנגעוויקלט אין זעק. דאָס גופל איז שוין געווען אין אַ צעפוילטן צושטאַנד. ווען די פּאָליצײַ האָט געפרעגט די עלטערן פאַר־וואָס זײ האָבן נישט קובר געווען זײער קינד, האָבן זײ געענטפערט גאָר פּשוט: „עס איז אונדז אַ שאָד געווען צו פאַרלירן די 40 דעקאָ ברויט, וואָס מיר האָבן באַקומען פאַר אים. דאָס קינד וועט סײ ווי מער נישט לעבעדיק ווערן. מיר האָבן געוואָלט אַליין אויפן הויף דאָס קינד קובר זײַן, נאָר די שכנים האָבן אונדז געשטערט".

דעם 25סטן מערץ.

הײַנט אין דער פרי איז אין עלטער פון 70 יאָר געשטאָרבן דער פּאָל־קאָווניק ד"ר קאַמעלהאַרד. פאַרן קריג איז ער געווען אויבער־אַרצט אין מיליטערישן שפּיטאָל. דער דאָזיקער ייִד האָט קײנמאָל נישט געוווּסט, אַז ער געהערט צום ייִדישן פאָלק. די היטלעריסטן האָבן אים באַהאַנדלט ווי אַלע גערודפטע לאָדזשער ייִדן: באַזײַטיקט פון שפּיטאָל, אַרויסגעוואָרפן פון זײַן פּרעכטיקער וווינונג, אַנגעטאָן אַ געלע לאַטע און אַרײַנגעטריבן מיט זײַן משפּחה אין דער געטאָ אַרײַן. ווען ער איז אָנגעקומען אין דער געטאָ, האָט אים דער פּרעזעס זײער פײַן אויפגענומען, געגעבן אַ שײנע וווינונג און אַ גוטן פּאָסטן אין אײנעם פון די געטאָ־שפּיטאָלן. און כאָטש עס האָט אים אין דער געטאָ גאָרנישט געפעלט, האָט ער זיך שטענדיק באַקלאָגט, אַז אים איז טאָפּלט ביטער: ווײַל די ייִדן זענען אים פרעמד און פון די גויִים ווערט ער נישט אָנערקענט.

דעם 26סטן מערץ.

הײַנט זענען פון דער געטאָ אַרויסגעשיקט געוואָרן 500 יונגעלײַט קײן דײַטשלאַנד. אין עטלעכע טעג אַרום דאַרפן נאָך 500 אַרויסגעשיקט ווערן. מען שיקט זײ אויף אַרבעט קײן פּויזן. צווישן די אַוועקגעשיקטע זענען פאַ־ראַן אַ סך געוועזענע פּאָליציאַנטן, וועלכע זענען מיט אײניקע וואָכן צוריק באַזײַטיקט געוואָרן פון דער פּאָליצײַ.

די טראַמווײען וועלכע קורסירן איבער די צוויי געטאָ־גאַסן פאַרן

היינט שוין אין פאַרטונקלונג. היינט איז אויך אויסגעלאָשן געוואָרן יעדע צווייטע גאַס־לאָמפּ אין דער געטאָ.

דער פּרעזעס האָט היינט גערופן עטלעכע פּאָליציי־קאָמיסאַרן און זיי איבערגעגעבן, אַז ער האָט באַשלאָסן פאַר יעדן פּרייז אַרויסצושיקן פון דער געטאָ אַלע „ווילע־יונגען“, אַלע „שטאַרקע“ און די אונטערוועלט. ער וויל זיי מער נישט האָבן אין דער געטאָ, נישט זיי ווילן אַרבעטן, און נישט זיי ווילן אַרבעטן. „כוח־גייערס האָב איך גענוג אייגענע“. — וועמען ער האָט געמיינט, ווייסט קיינער נישט. ווען די לייט זענען דערפון געוואויר געוואָרן זענען זיי אַריינגעפאַלן אין אַ מוראדיקער פּאַניק. זיי האָבן אָנגעהויבן לויפן ווי די פאַרסמטע מייז פון איין רעסאָרט צום צווייטן, בעטנדיק מען זאָל זיי פאַרשרייבן ווי שטענדיקע אַרבעטער. אויסער דעם האָבן זיי געדראָט מיט נקמה די אַלע וואָס ווילן זיי נישט העלפן. זייערע אינטערווענצן האָבן גאָרנישט געהאָלפן. איצט וואַרטן זיי אויף דעם וויטערדיקן גורל.

דעם 27סטן מערץ.

היינט זענען ווידער 500 ייִדן אַוועקגעשיקט געוואָרן קיין דייטשלאַנד אויף אַרבעט. צווישן די 500 האָבן זיך אויך געפונען 20 פרויען. די פרויען זענען דווקא געווען זייער מונטער. איידער צו שטאַרבן אין דער געטאָ פון הונגער — האָבן זיי געזאָגט — שוין בעסער צו שטאַרבן אין דער פרעמד און נישט זען דעם צער פון די נאָענטסטע. ווער קען וויסן, אפשר זענען זיי געראַטעוועט?

היינט איז געשטאָרבן ד״ר פּאַקשיינסקי, איינער פון די גרעסטע דאָקטוירים־קליניקער, וואָס לאָדזש האָט פאַרמאָגט. אין געטאָ האָט ער יעדן איינעם געטרייסט. ביי די קראַנקע נישט געוואָלט נעמען קיין געלט פאַר די וויזיטן. ווען איינער האָט אים געוואָלט באַצאָלן פאַר אַ וויזיט, פלעגט ער זאָגן: „שפּעטער וועל איך פאַר אַלעם נעמען באַצאָלט, איצט נישט“. ער איז אויך געווען אַ פאַרשפּרייטער פון ראַדיאָ־ידיעות. אַלע דאָקטוירים האָבן זיך דערוווּסט די לעצטע נייעסן פון אים. צום סוף האָט ער אַליין נישט אויסגעהאַלטן. אין עלטער פון 65 יאָר איז ער היינט, דעם 27סטן מערץ, געשטאָרבן אין שפּיטאָל.

די מצות וואָס מען האָט היינט אָנגעהויבן צו באַקן, זענען פון 65 %

קאָרן־מעל און 35 % ווייצן־מעל. נישט די גאַנצע באַפעלקערונג האָט זיך פאַרשריבן צו נעמען מצות אויף פסח. לויט די רעגיסטראַציע־בויגנס האָט מען פעסטגעשטעלט, אַז קוים 40 % האָבן זיך פאַרשריבן אויף מצות. די איבעריקע ווילן עסן ברויט, אַזוי ווי אַ גאַנץ יאָר. די אויפרופן פון ראַבי־נאַט און פון אַנדערע פרומע, אַז דער עולם זאָל אין דער פינצטערער שווע־רער צייט תשובה טון, האָבן נישט געהאַט קיין גרויסע פעולה.

דעם 28סטן מערץ.

היינט איז דערשינען דער 4טער נומער געטאָ־צייטונג. די גאַנצע צייַ־טונג פון דער ערשטער זייט ביז דער לעצטער, איז פול מיט דער גרויסקייט פון פּרעזעס. אויף דער ערשטער זייט שרייבט דער פּרעזעס גופא: „מאַכט יום־טוב במנוחה. איך שלאָף נישט גאַנצע נעכט איבער אייך. איך זאָרג ווי אַזוי אייך זאָט צו מאַכן. איך וויל, אַז אַלע אין דער געטאָ זאָלן האָבן אַרבעט און עסן". אונטערגעשריבן דער עלטצטער פון די ייִדן — חיים רומקאָווסקי.

דעם 29סטן מערץ.

דער פּרעזעס האָט געהאַלטן וואָרט. אַלע דריי „פּ" (פּורמאַנעס, פּישער, פּליישער) זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן פון געטאָ. בעת זיי האָבן זיך גע־זעגנט האָט זיך געטון חושך. די פרויען האָבן געשריען, די קינדער האָבן געוויינט, די פּאָליצײַ האָט געיאָגט. די אַרויסגעשיקטע האָבן געזידלט אויף וואָס די וועלט שטייט. די געשרייען און געוואָלדן האָבן אַזוי לאַנג אָנגע־האַלטן ביז עס איז געקומען ביבאָוו מיט זיינע צוויי געהילפן. דעמאָלסט איז אַזוי שטיל געוואָרן, אַז מען האָט געקענט הערן דאָס קלאַפּן פון יעדן האַרץ. ביבאָוו האָט זיך נאָכגעפרעגט ווער זיי זענען און וואָס פאַר אַן אַרבעט זיי האָבן געטון אין געטאָ?

דעם 30סטן מערץ.

פרייטיק, דעם 28סטן מערץ, איז אין עלטער פון 74 יאָר געשטאָרבן איינער פון די עלצטע לאָדזשער רבנים, הרב משה דאמב. דער נפטר איז שטאַרק באַליבט געווען ביי די לאָדזשער ייִדן. די לוויה איז פאַרגעקומען

היינט זונטיק דעם, 30סטן מערץ. דאָס ערשטע מאָל זייט עס עקזיסטירט די לאָדזשער געטאָ האָט מען געזען אַזאַ גרויסע לוויה. קיין הספדים האָט מען נישט געמאַכט, ווייל דער נפטר האָט נאָך ביים לעבן געבעטן, אַז מען זאָל דאָס נישט טון.

אויף מארישין זענען היינט דורך דער געסטאַפּאָ דערשאָסן געוואָרן צוויי יונגע מענטשן, ווער די מענטשן זענען איז נישט באַוווסט. זיי זענען דערשאָסן געוואָרן אויף דער צווייטער זייט פון געטאָ־דראָטן.

דעם 31סטן מערץ.

שוין עטלעכע טעג ווי עס פאַלט אַ שניי און אַ רעגן. זיי שאַפן גרויסע שוועריקייטן ביים אַפּראָוויזירן די געטאָ־באַפעלקערונג. ה׳ מאַזשעגנזשניק, דער לייטער פון גרינצייג פאַרטייל־שטעל, האָט מיר דערקלערט, אַז ער איז שטאַרק באַזאָרגט. דאָס גרינצייג פוילט און פאַרטיילן עס קען מען נישט. פאַרוואָס? ווייל די מענטשן וואָס שלעפּן די וואָגנס מיט גרינצייג צו די פאַרטיילונגס־פונקטן קענען צוליב דעם שלעכטן וועטער נישט שלעפּן די שווערע משא. ער האָט צוויי מאָל אָנגעפרעגט דעם קאָמיסאַר רייגגאָלד וואָס ער זאָל טון, האָט יענער געענטפערט, אַז „די פּאָליציי וועט ער אין די וואָגנס נישט איינשפּאַנען״.

איך האָב אויך געפרעגט דעם לייטער פון די בעקערייען, ה׳ מרדכי לייזעראָוויטש, וואָס ער האָט בדעה צו טון, אַז דאָס ברויט זאָל צוגעשטעלט ווערן אין די קאָאָפּעראַטיוון? ער האָט מיר געענטפערט: „מיר טוען אַלץ, אַז די קאָאָפּעראַטיוון זאָלן נישט בלייבן אָן ברויט. היינט האָבן מיר זיך פאַרשאַפט אַ גרויסן שליטן, איינגעשפּאַנט אין אים 12 אַרבעטער פון אונ־דזער רעסאָרט און זיי פירן דאָס ברויט צו די קאָאָפּעראַטיוון. אמת איז, אַז דאָס איז זייער אַ שווער שטיקל אַרבעט. אָבער דאָס איז אונדזער נאַציאָנאַ־לער חוב״. איך מוז זיך מודה זיין, אַז איך האָב דאָס ערשטע מאָל געהערט אַזעלכע ווערטער פון אַ געטאָ־לייטער.

עס זענען היינט אַרויסגעהאָנגען געוואָרן צוויי מעלדונגען: איין מעל־דונג טיילט מיט, אַז אַלע מענער אין עלטער פון 35 ביז 60 יאָר זאָלן זיך רעגיסטרירן. די צווייטע מעלדונג טיילט מיט, אַז פון מאָרגן אָן מוזן זיך

רעגיסטרירן אַלע מענער און פרויען אין עלטער פון 18 ביז 35 יאָר. איין גאַט אין הימל ווייסט, וואָס די דייטשן מיינען מיט די נייע רעגיסטראַציעס.

דעם חודש איז די שטערבלעכקייט גאָרנישט פאַרקלענערט געוואָרן. געוועזן 55 געבורטן, געשטאָרבן זענען 1.023 נפשות. לויט דעם קאָנטראָל־בוך פון בית־עולם, זענען פון 1.023 נפשות געווען 70 % מענער און 30 % פרויען.

דעם 1טן אַפּריל.

היינט איז געטוישט געוואָרן די וואַך אַרום דער געטאָ. ביז היינט זע־נען די וואַכליט געווען האַמבורגער דייטשן. נישט אַלע זענען זיי געווען שלעכטע. עס האָבן צווישן זיי זיך אויך געפונען אייניקע, וואָס האָבן אונדז באַדויערט. די איצטיקע זענען בייערן, זייער שלעכטע מענטשן. ביי אַ לאַדע וואָס כאַפּן זיי זיך באַלד צו דער ביקס.

ביים צענעמען דאָס הויז פון נאָוואָמיעיסקא 28 האָבן געאַרבעט צוויי יינגלעך. שטייענדיק אויפן 5טן שטאָק, האָבן זיי זיך אָנגעהויבן קריגן. אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט און איינער האָט דעם צווייטן אַ פעסטן שטויס געטון. דער וואָס האָט געקריגן דעם שטויס איז אַראָפּגעפאַלן און געבליבן טויט אויפן אָרט. דער שטויסער איז אַרעסטירט און איינגעזעצט געוואָרן אין דער תפיסה פון שלום הערצבערגן.

פּלוצים האָט דער פּרעזעס היינט מיטגעטיילט, אַז אַלע פרויען וואָס אַרבעטן אין די רעסאָרטן פון טישלעריי, טראַנספּאָרט, בוי, דרוקעריי, טרי־קאָטאַזש, שטריקעריי, אַלט־מאַטעריאַלן און שטעפּעריי, וועלן באַזייטיקט ווערן פון זייער אַרבעט. פאַרוואָס די פרויען פון די רעסאָרטן ווערן באַ־זייטיקט איז קיינעם נישט באַוווּסט.

אין דער געטאָ קומט איצט פאַר אַ רעגיסטראַציע פון מענער, רעגיסט־ראַציע פון פרויען און יוגנוואַרג קיין דייטשלאַנד. מיט איין וואָרט: מען צעמישט דעם מוח פון דעם געטאָ־ייִד. אויב ס'איז דיר ווייניק דער הונגער, די קעלט, דער טרויער, פּיין, רדיפות, גזירות, האָסטו איצט אַ פרישׂ פּעקל צרות: רעגיסטראַציעס. און צו וואָס די רעגיסטראַציעס וועלן ברענגען, איז קיינעם נישט באַוווּסט.

שלמה פראנק

דעם 2טן אַפּריל.

די לעצטע צוויי וואָכן קומען כסדר פּאַר משפּטים. איין משפּט איז גרעסער פון צווייטן. די משפּטים קומען פּאַר, סיי בייטאָג און סיי ביינאַכט. הכלל, דאָס גאַנצע געטאָלע ווערט געמשפּט. וועגן די משפּטים און וועגן די ריכטער ווערט אין דער געטאָ אַ סך גערעדט.

ווער זענען די ריכטער?

עטלעכע פון זיי זענען פאַרן קריג געווען אַפּליקאַנטן ביי לאָדזשער אַדוואָקאַטן. דער ברייטער עולם האָט זיי נישט געקענט. אַפילו פון זיי נישט געהערט. נישט זיי האָבן אַמאָל וועמען פאַרטיידיקט און נישט די געזעל־שאַפט האָט זיי אַמאָל אָנפאַרטרויט אַ משפּט. זיי זענען געווען לערן־ייִנגלעך ביי דער יוסטיץ.

עס זענען אויך פאַראַן אַנדערע געטאָ־ריכטער: געוועזענע האַנדלס־אַנגעשטעלטע, סוחרים און אַזעלכע וואָס האָבן פאַרן קריג געהאַט אַ שייכות מיטן געזעלשאַפטלעכן לעבן. אויב עס זענען יאָ פאַראַן צוויי־דריי אמתע ריכטער זעען זיי זיך נישט אָן. זיי ווערן גענוצט צו קליינע משפּטים, צו אַזעלכע וואָס עס לוינט אַפילו נישט צו פירן געריכטס־פּראָטאָקאָלן.

ווער־זשע זענען די פאַרברעכער?

דער גרעסטער טייל זענען אַרבעטער פון רעסאָרטן, אָדער אַרבעטער אין די קאָאָפּעראַטיוון. דערנאָך קומען קינדער־פאַרברעכער און שמוקלער. אַ קליינער טייל — גנבים פון האָלץ, ברויט און קאַרטאָפל. צווישן די פאַר־ברעכער געפינען זיך טיילמאָל, אויך מערדער און גנבים פון גרויסן פאַרמאָגט.

געמשפּט ווערט מען אין דער געטאָ פאַר יעדער קלייניקייט. דער וואָס ווערט נאָר געכאַפּט און האָט נישט קיין „פּלייצע”, קיין באַשיצער און האָט אויך נישט צו שטופּן אין דער יד אַריין, דער איז שוין אַ פאַרפאַ־לענער, דער איז שוין אַ צעבראָכענער, דער איז שוין אַן אומגליקלעכער. ער ווערט געמשפּט. געמשפּט און גערודפט. די שטראָפן זענען פאַרשידענע. ביז אַ חודש אַרעסט זיצט דער באַשטראָפטער אָפּ אין זיין רעוויר. ביז דריי חדשים ווערט דער פאַרמשפּטער אָפּגעשיקט אין דער צענטראַלער תפיסה און די וועלכע באַקומען אַ גרעסערע שטראָף, ווערן אויך איינגעזעצט אין

דער צענטראַלער תפיסה ווי שווערע פאַרברעכער. זיי ווערן אין דער געטאָ לאַנג נישט געהאַלטן. ביי יעדן אַרבעטער־טראַנספּאָרט וואָס ווערט אַוועקגעשיקט קיין דייטשלאַנד ווערן זיי מיטגעשיקט.

דעם 3טן אַפּריל.

היינט האָט זיך ענדלעך באַוויזן די ליבע זון. נאָך עטלעכע וואָכן קעלט, רעגן, שניי, איז די זון היינט אַרויסגעקראָכן פון איר פוטער־פּאָס און אָנגעהויבן צו וואַרעמען די אויסגעמוטשעטע און אויסגעפּרוירענע געטאָ־שקלאַפן. היינט האָבן די געטאָ־איינוווינער געעפנט זייערע פענצטער, כדי אַ פרישע פרילינג־זון זאָל זייערע שטובן אַ ביסל אויסוואַרעמען און אַרויסציִען דעם ווינטער־שימל. היינט, צום ערשטן מאָל, האָבן מאַמעס זייערע קליינע, שוואַכע אויסגעבלייכטע קינדערלעך אַרויסגעפירט אויף קינדערוועגעלעך, כדי זיי זאָלן אין זיך איינאָטעמען פרישע לופט. ענדלעך, ענדלעך הייבן די געטאָ־מענטשן אָן אויסצוגלייכן זייערע איינגעהויקערטע רוקנס און זיי לויבן דעם באַשאַפער פאַר דעם, וואָס איין צרה איז שוין אַוועק.

דעם 4טן אַפּריל.

די געטאָ־וואָך האָט זיך היינט פלוצים געטוישט. די אָנגעכמורעטע בייערן זענען אָפּגעשיקט געוואָרן אויפן רוסישן פראָנט און אויף זייער אָרט זענען געקומען די זאַקסן. באַלד אין ערשטן טאָג, ווען זיי האָבן זיך באַוויזן אויף זייערע וואַך־פּאָסטנס, האָבן זיי געשמייכלט צו די דורכגייער. אייניקע האָבן אַפילו געענטפערט אויף אַ גוט־מאָרגן. צי אַלע זענען אַזוי, וועט מען ערשט שפּעטער זען. דערווייל זענען די געטאָ־יִדן צופרידן. אַ קלייניקייט — די דייַטשן לאַכן! די דייטשן זענען העפלעך! אפשר, גאָטעניו, גייען אויף אונדז שוין בעסערע צייטן?

דעם 5טן אַפּריל.

„יידישער אויספאָרשונגס־אַמט“ — אַזוי הייסט די אינסטיטוציע, וועלכע פאַרשט דאָס נישט נאָרמאַלע געטאָ־לעבן. יעדער קרימינעלער פאַרברעכן מוז דורכגיין דעם אויספאָרשונגס־אַמט. איידער עס איז געשאַפן געוואָרן דער אויספאָרשונגס־אַמט זענען אין געטאָ געווען עטלעכע פּאָלי־

ציאַנטן, מיט אַ געווייסן פּיטשאַלער אין דער שפּיץ, וואָס האָבן אויף דער אייגענער האַנט אויסגעפאָרשט די וועלכע מען האָט חושד געווען אין קרי־מינעלע פאַרברעכנס. דאָס הויז ווו די אויספאָרשונג איז פאָרגעקומען איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שעכט־הויז. מ'האָט ביי דער אויספאָרשונג גע־שלאָגן מיט גומענע שטעקנס, מיט אייזערנע הענטשקעס (טויטן־שלעגערס). ביי יעדער אויספאָרשונג האָט מען די געוואַלדן געהערט ווי ווייט. ווייַ איז געווען צו איינעם, וואָס איז פון דעם שעכט־הויז באַפרייט געוואָרן און האָט עמיצן דערציילט וואָס פּיטשאַלער מיט זיין באַנדע האָט אים געטון. אין אַ פּאָר טעג אַרום איז ער צוריק גערופן געוואָרן און ער האָט שוין מער די ליכטיקע שיין נישט געזען. ער איז פאַרהאַלטן געוואָרן אַלס שווערער פאַרברעכער, איז איבערגעגעבן געוואָרן צו דער דיספּאָזיציע פון דער געס־טאַפּאָ און פון דאָרט אויף יענער וועלט.

שפּעטער, ווען דאָס געטאָ־לעבן האָט זיך אַ ביסל נאָרמאַליזירט, זענען צום פּרעזעס דערגאַנגען ידיעות וועגן פּיטשאַלערס אויספאָרשונגס־מעטאָדן. בסוד־סודות האָט ער אַהין אַריינגעשיקט זיינעם אַ מענטש, וואָס האָט געגנבֿט צו אַלעם זיך צוגעקוקט און שפּעטער איבערדערציילט דעם פּרעזעס אַלץ וואָס דאָרט געשעט. ער האָט איבערגעגעבן, אַז די אויספאָרשער מאַכן מיאוסע געשעפטן, נעמען כאַבאַר. ביי יעדן געפינען זיך שטיקער מאַנו־פאַקטור־סחורות, פאַרשידענע אַריינגעשמוקלטע זאַכן. אַ שיינע פרוי קומט אינטערווענירן פאַר איר מאַן, אָדער פאַר איר ברודער, זאָגט מען איר: — יאָ, מיר קענען אים באַפרייען נאָר מיט אַ באַדינג, איר דאַרפט זיך מיט אונדז אַ ביסל שפּילן. אויב איר זענט מסכים, ווערט דער פאַרהאַלטענער נאָך היינט באַפרייט. אויב אַ פרוי האָט אָפּגעוואָרפן דעם פאָרשלאָג זענען די מענער געהאַלטן געוואָרן אין אַרעסט אַזוי לאַנג, ביז זיי זענען קראַנק געוואָרן.

אַזאַ באַריכט האָט דער פּרעזעס באַקומען פון זיין געהיימען שליח.

באַלד ווי ער האָט זיך איבערצייגט, אַז אַלץ איז אמת, האָט ער גערופן צו זיך זיינע פיר איבערגעגעבענע מענטשן: הערצבערג, אייזמאַן, בלעמער און ראָזענבלאַט און איז מיט זיי אַראָפּגעפאָרן אין אויספאָרשונגס־אַמט. אויפן אָרט האָט ער געפּאַטשט דעם קאָמיסאַר פּיטשאַלער, אייניקע פּאָלי־ציאַנטן אַרעסטירט און צעלאָזט די גאַנצע שייקע און אויפן אָרט נאָמינירט

דעם ה׳ בלעמער ווי דעם לייטער פון דעם נייעם אויספאָרשונגס־אַמט. פיטשאלער מיט נאָך צוויי פון דער באַנדע זענען אָוועקגעשיקט געוואָרן אויף שווערער אַרבעט קיין דייטשלאַנד. נאָך דעם ווי בלעמער האָט איבער־גענומען דעם אויספאָרשונגס־אַמט אין זיין האַנט אַריין האָט ער קודם באַ־זייטיקט דעם גאַנצן פריַערדיקן אַפּאַראַט און דער אַמט איז געוואָרן אַ נאָר־מאַלע אינסטיטוציע. בלעמער האָט בכלל נישט געהאַלטן פון שלאָגן. זיינע מעטאָדן זענען געווען גאָר אַנדערע. ער האָט גערעדט צום געוויסן פון דעם אַרעסטאַנט. ער האָט גערופן די הויז־מענטשן פון דעם אַרעסטאַנט און ביי זיי געבעטן, אַז זיי זאָלן איבערצייגן דעם אַרעסטאַנט, אַז זיין עקשנות וועט אים נישט העלפן. אויב דאָס צווייטע מיטל האָט אויך נישט געפועלט, איז דער אַרעסטאַנט באַפרייט געוואָרן אונטער אַן אָבסערוואַציע, אַזוי צי אַזוי, דער נייער אויספאָרשונגס־אַמט האָט אַ דאַנק דעם ה׳ בלעמער זיך רע־האַביליטירט.

דעם 6טן אַפּריל.

דער פאַרטרעטער פון ביבאָוו, האַנץ ריבע, האָט זיך היינט אָנגעשיכורט. נו — אַז אַ גוי איז שיכור, איז אָדער ער שלאָגט ייִדן, אָדער ער קושט ייִדן. האָט דער גוי היינט אַרומגעכאַפּט די פריילין פוקס, געקושט זי און געלויבט זי ביזן זיבעטן הימל אַריין.

ביבאָוו, שאַומבערג און טשאַרנילא האָבן זיך דערפון דערוווסט האָבן זיי אַלע דריי, גענומען דעם האַנץ ריבע אין אַ באַזונדער חדר אַריין, אויס־געמקלט אים און אים פאַרשלאָסן ביז עס איז געוואָרן פינצטער. דאַן איז ער מיט זיי אָפּגעפאָרן אין דער שטאָט אַריין.

באַמערקונג:

ביבאָוו, ריבא, טשאַרנילא און שאַומבערג זענען די הויפּט־פיגורן פון דער געטאָ־פאַרוואַלטונג; ביבאָוו איז איבער זיי אַלע. אין דער געטאָ־פאַר־וואַלטונג געהערן אויך: שטראָובע, קיילער, שווינד און שולץ. פון דער גאַנצער גרופּע האָט נאָר איין שטראובע קיין איין מאָל נישט אויפגעהויבן אַ האַנט צו שלאָגן אַ ייִדן. ער איז בכלל נישט קיין נאַצי־מיטגליד. די אי־בעריקע שלאָגן ביי יעדער געלעגנהייט ייִדן.

שלמה פראַנק

דעם 7טן אַפּריל.

דער עולם איז היינט געוואָרן, אַז אַ פּאַרציע מצות וועט קאָסטן 3 מאַרק און מען וועט מער נישט פּאַרטיילן ווי צוויי און אַ האַלבן קילאָ אויף אַ פּערזאָן. די שטימונג איז אַ געדריקטע. ביי אַלע קאָאָפּעראַטיוון האָט מען געזען מענטשן, וואָס האָבן אַגיטירט, אַז מען זאָל די מצות נישט אויס־לייזן. „זאָלן זיי פאַרברענט ווערן מיט זייערע מצות! זאָלן זיי דערשטיקט ווערן!‟ אַזעלכע זידל־ווערטער האָט מען געהערט אומעטום. דער עולם האָט פריִער געהאָפט, אַז אויף פּסח וועט דער פּרעזעס באַווייזן אַ זשעסט: ער וועט פּאַרטיילן מער מצות און נעמען ווייניקער געלט. וואָס האָט זיך אַרויס־געוויזן? פּונקט דאָס פּאַרקערטע. די מצות־נעמער באַקומען ווייניקער ווי די וואָס וועלן ווייטער עסן ברויט און באַצאָלן וועלן זיי אַ טאָפּלטן פּרייז. אַלע מכות וואָס געפינען זיך אין דער הגדה זענען מקוים געוואָרן אויף דעם ייִדישן לאָדזש: פינצטער חושך, מגפות, משוגעת, שרעק, הונגער און רדיפות.

איידער מען האָט די מצות געקריגן אין די קאָאָפּעראַטיוון האָט מען זיי שוין געקענט קויפן אויפן „שוואַרצן מאַרק‟. פּאַר 5 מאַרק האָט מען געקריגן וויפל מצות מען האָט געוואָלט. מען שמועסט, אַז דאָס איז מיט דער שטילער הסכמה פון פּרעזעס. ער ווייסט דערפון און מאַכט זיך נישט הערן און נישט זען. אָט אַזוי חוזקט מען אָפּ פון די געטאָ־ייִדן. פּאַר יום טוב שרייבט דער פּרעזעס אין זיין געטאָ־צייטונג: „אויף יום טוב וועט איר האָבן עסן צו דער זעט. איך בין אייער פּאָטער; איך וועל דערפאַר זאָרגן‟, און ווען עס קומט דער יום טוב, זעט יעדער אַז ער איז אָפּגענאַרט געוואָרן. און פון וועמען אָפּגענאַרט? פון זיינע מיטברידער. נישט אומזיסט האָבן די געטאָ־זינגערס, ערב יום טוב, אָנגעהויבן צו זינגען: „הוליעט, הוליעט בייזע ווינטן, פריי באַהערשט די וועלט‟...

דעם 8טן אַפּריל.

היינט איז די געטאָ אויפגעציטערט געוואָרן. די געהיימע ראַדיאָ־סטאַנציע „שוויט‟ האָט מודיע געווען, אַז דאָס דייטשע מיליטער איז אַריין קיין יוגאָסלאַוויע און קיין גריכנלאַנד.ביידע פעלקער שטעלן אַ העפטיקן ווידערשטאַנד. עס איז דאָ פון וואָס צו ריידן. ווי תמיד, ביי אַזעלכע ידיעות,

שאַפן זיך באַלד פאַרטייען, מיינונגען און ריכטונגען. דיסקוסיעס וועגן דער געשעעניש קומען פאַר אומעטום. דערווייל גייט צו פּסח און דער עולם האָט נישט פון וואַנען צו נעמען אויף יום טוב.

דעם 9טן אַפּריל.

די מלחמה מיט די גריכן און יוגאָסלאַוון האָט אַזוי צעשרויפט די געטאָ־יידן, אַז עס איז פשוט נישט מעגלעך פּטור צו ווערן פון די קלאַנגען וואָס קורסירן אַרום אויף איר חשבון. עס זענען פאַראַן יידן וואָס האַלטן אַז אַט, אַט איז שוין אויס מלחמה און מען ווערט פּטור די געטאָ. אַ צווייטע גרופּע, דאַקעגן, האָט פאַרלוירן די גאַנצע האָפענונג. זי זאָגט, אַז פון דער געטאָ וועט מען שוין קיינמאָל נישט אַרויס. דער דייטש וועט די צוויי פעלקער באַזיגן אַזוי ווי ער האָט באַזיגט פּוילן, טשעכיען און אַנדערע מלוכות, און די מלחמה וועט זיך ציִען און ציִען מי יודע ווי לאַנג.

היינט האָט מען אַרויסגעשיקט פון דער געטאָ 200 יידן, צווישן זיי אַלע וועלכע האָבן באַקומען שטראָפן פון שנעל־געריכט. זיי זענען אָפּגעשיקט געוואָרן קיין דייטשלאַנד אויף אַרבעט. ביי זייער געזעגענען זיך האָט מיר פשוט געשניטן דאָס האַרץ און די טרערן האָבן זיך מיר געקייקלט פון די אויגן. טאַטעשי, האָט אַ קינד געשריען, האַלט דיך פעסט, זאָלסט זיך נישט איינברעכן, פאַר אונדז זאָלסטו נישט זאָרגן.

דעם 10טן אַפּריל.

פון סאָוועט־רוסלאַנד זענען היינט אָנגעקומען צענדליקער בריוו צו פאַרשידענע משפחות. די בריוו־שרייבער טרייסטן זייערע קרובים און גיבן אָנצוהערן, אַז אַלץ וועט זיך באַלד ענדיקן צום גוטן. אין אייניקע בריוו איז אַפילו דייטלעך געשריבן, אַז דאָס „חזרל״ (רוסלאַנד) דערנענטערט זיך און וועט אייך אין קורצן באַזוכן. צו די משפחות גרינבערג, פרענקעל, קליין און גאָטעסגענאַדע זענען אָנגעקומען שפּייז־פּאַקעטן פון זייערע קינדער, וועלכע געפינען זיך אין טיף רוסלאַנד.

די זאָנדער־פּאָליציי האָט היינט אַרומגערינגלט דעם פּאָסט־אַמט און אויפן אָרט אַרעסטירט 4 פּאָסט־באַאַמטע. איידער זיי זענען אַרעסטירט געוואָרן איז ביי זיי אין די וווינונגען דורכגעפירט געוואָרן אַ שטרענגע רעווי־

זיע. שפּעטער האָט דער פּאָליציי־קאָמענדאַנט, ראָזענבלאַט, דערציילט, אַז די 4 הויכע פּאָסט־באַאַמטע האָבן סיסטעמאַטיש געגנבעט. זיי האָבן גע־עפנט שפּייז־פּעקלעך און בכלל זיך אַזוי אויפגעפירט ווי זיי וואָלטן געווען די באַלעבאַטים פון דער פּאָסט. ראָזנבלאַט האָט אויך דערציילט, אַז מיט עטלעכע וואָכן צוריק זענען פון פּראָג אָנגעקומען 60 פּאַקעטן און פּאַרטיילט זענען געוואָרן 20. די איבעריקע 40 פּאַקעטן זענען אַוועקגעקומען, ווייל די אַדרעסאַטן זענען שוין געווען אויף דעם עולם האמת.

דעם 11טן אַפּריל.

די דייטשע מאַכט האָט היינט דורך דער פּאַרמיטלונג פון קאָמענדאַנט ראָזענבלאַט מודיע געווען, אַז די ייִדישע פּאָליציי זאָל מער אַכטונג געבן אויף דער פאַרטונקלונג. אויב דער באַפעל וועט נישט ווי געהעריק אָפּגע־היט ווערן, וועלן די דייטשן אַליין פּאַטרולירן די געטאָ־גאַסן און דאָס וועט פּאַר די געטאָ־איינוווינער זיין פיל ערגער. אַ געדריקטע שטימונג הערשט היינט אין געטאָ. דייטשע מלחמה־באַריכטן מאַכן אַפּאַטיש. עס גלוסט זיך מער נישט מוטשען מיט דעם מיאוסן געטאָ־לעבן. די דייטשע ראַדיאָ טיילט מיט, אַז די „דייטשע העלדישע אַרמייען האָבן באַזעצט בענגאַזי, סאַלאָניקי און האַלטן אַפּ גרויסע זיגן אין יוגאָסלאַוויע. אונדזערע אַרמייען מאַרשירן פּאַרויס. ליביע באַזעצט; גריכנלאַנד קאַפּוט; יוגאָסלאַוויע צעבראָכן". דער ספּיקער לאַכט פון דער צוגעזאָגטער ענגלישער און אַמעריקאַנער הילף: „די ענגלענדער קענען זיך זעלבסט נישט העלפן. אויך זייער סוף איז באַנעט". עס פּאַרשטייט זיך, אַז ייִדן הערן אַזעלכע ווערטער ווערן זיי נישט בלויז אַפּאַטיש נאָר אויך משוגע.

היינט איז ווידער דערשינען אַ נומער „געטאָ צייטונג". ווידער וואָרע־נונגען און שטראָפן. אויף דער ערשטער זייט פון דער צייטונג געפינט זיך אַ גרויסער אַנאָנס: „דער פּרעזעס ווינטשט אַלע ייִדן אין געטאָ אַ פריילעכן יום־טוב". ציניש און פרעך! אין אַזאַ יום־כיפור־שטימונג, אין אַזאַ געדריק־טער אַטמאָספער, ווען טויזנטער ייִדן שטאַרבן בוכשטעבלעך יעדן טאָג פון הונגער, ווען ער, דער „חשובער" פּרעזעס האָט נישט באַוויליקט צו באַ־זאָרגן זיינע אונטערטאַנען מיט אַ ביסל יום־טוב־פּראָדוקטן, מיט אַ ביסל

מער קאַרטאָפל, מיט אַ ביסל מער מצות, האָט ער נאָך די חוצפה צו שרייבן, אַז ער ווינטשט אַלע ייִדן אין געטאָ אַ גוטן יום־טוב.

דאָס קען נאָר באַווייזן אַ דיקטאַטאָר, אַ ציניקער. דער גאַנצער נומער איז פול מיט לויב־געזאַנגען פאַרן פּרעזעס. עס איז אויסגערעכנט וואָס ער האָט שוין באַוויזן אויפצוטון, און וואָס ער וועט נאָך אין קורצן באַווייזן אויפצוטון פאַרן ווויל פון די לאָדזשער ייִדן. דער עולם האָט נאַטיר־לעך אַן אַנדערע מיינונג. קיינער קען אָבער נישט אַרויסזאָגן דאָס וואָס ער טראַכט. די מורא איז גרויס. פאַר יעדער קריטישער באַמערקונג קען מען זען די עלטער־באָבע און דערנאָך מוז די נשמה געזעגענען זיך מיטן בינטל אויסגעדאַרטע ביינער.

דעם 12טן אַפּריל.

ווען מען קוקט זיך צו צו די געטאָ־קינדער, צו זייער אַרט לעבן, צו זייער אויסזען, צו זייער רעזיגנירטקייט, פּלאַצט דאָס האַרץ פון צער און ווייטיק. נאָך מער טוט דאָס האַרץ ווי ווען מען זעט, אַז דער גאַנצער יונגער דור איז אַ פאַרלוירענער, די עלטערן קענען זיך מיט זייערע קינדער נישט קיין עצה געבן. זיי זעען און קענען נישט העלפן. די קינדער וואַקסן שוואַ־כע, אויסגעדאַרטע מיט אַ שטענדיקער האַרץ קלעמעניש. וויפל מאָל אין טאָג פאַלן זיי פון שוואַכקייט אַוועק, און וויפל מאָל אין טאָג בעטן זיך די קינדער: „מאַמעניו, גיב אונדז אַ שטיקעלע ברויט, אָדער אַ צוקערל, כדי דאָס האַרץ צו דערכאַפּן?" אַזוי פאַרגייט אַ טאָג נאָך אַ טאָג און די קליינע הונגעריקע משהלעך און שרהלעך ווערן וואָס אַמאָל שוואַכער, ביז זיי קענען שוין מער אויף זייערע פיסלעך נישט גיין און זיי פאַלן אַוועק מאַסנווייז ווי אונטערגעהאַקטע זאַנגען.

דעם 13טן אַפּריל.

10 מינוט נאָך 9 אַזייגער אין אָוונט איז דער פרומער חיים ראָזענטאַל, פון זגערזשער נומער 16, געגאַנגען מיט אַ טשייניקל נאָך אַ ביסל וואַרע־מער קאַווע. אויף צוריקוועגס, ווען ער איז שוין געווען נאָענט פון זיין הויז, האָט אים באַמערקט דער וואַך־פּאָסטן, וואָס איז געשטאַנען נישט ווייט פון דאָרט. און האָט אויף אים צוויי מאָל געשאָסן און אים אַוועקגעלייגט אַ

טויטן אויפן אָרט. שפּעטער האָבן די קינדער איבערגעגעבן, אַז זיי האָבן געבעטן זייער פֿאָטער אַ ביסל וואַרעמע קאַווע, האָט ער לאַנג נישט גע־טראַכט און גענומען דאָס טעפּל כדי ברענגען פֿאַר די אָפּגעשוואַכטע קינ־דער אַ ביסל וואַרעמס. אַזוי האָט אים דאָס אומגליק געטראָפֿן.

היינט איז אויף די מויערן פֿון געטאָ דערשינען אַ פֿרישע מעלדונג: אַלע ייִדן אין עלטער פֿון 18 ביז 60, דאַרפֿן זיך רעגיסטרירן און געבוי אָנגעבן זייער וווין־אָרט.

דעם 14טן אַפּריל.

די פּאָליציי־כראָניק מעלדעט, אַז אין פֿאַרלויף פֿון 4 וואָכן איז נישט פֿאָרגעקומען קיין איין זעלבסטמאָרד. דאָס איז דער ערשטער חודש פֿון דעם יאָר, אין וועלכן עס איז קיין זעלבסטמאָרד־פֿאַל נישט נאָטירט געוואָרן.

דער פּרעזעס האָט היינט באַפֿוילן, אַז אַלע תּפֿיסה־לייטערס, זאָלן אויף פּסח באַפֿרייען די אַרעסטאַנטן. דער באַפֿעל איז חל פֿון היינט אָן. דאַקעגן די וועלכע וועלן מאָרגן אַרעסטירט ווערן וועלן מוזן זיצן אין אַרעסט אום יום טוב. דערהערנדיק די ידיעה איז געוואָרן לעבעדיק. ביי אַלע תּפֿיסות האָבן זיך פֿאַרזאַמלט די קרובים און אָפּגעוואַרט זייערע נאָענטסטע.

דעם 17טן אַפּריל.

ווידער איז היינט אונטערגעהאַקט געוואָרן אַ יונג פֿריש צאַפּלדיק לעבן: שלמה וועקסלער איז 9 אַזייגער אין דער פֿרי געגאַנגען נאָרמאַל צו זיין אַרבעט. ער איז דורכגעגאַנגען די זגערזשער גאַס, נישט ווייט פֿון די דייטשן. אָפּגייענדיק אַ שטיקל וועג הערט ער ווי דער וואַך־פּאָסטן רופֿט אים צו זיך. פֿון שרעק האָט דאָס ייִנגל אָנגעהויבן צו לויפֿן. אין דעם זעלבן מאָמענט האָט ער געקריגן צוויי קוילן אין רוקן און איז געפֿאַלן אויפֿן ברוק. ער האָט נאָך באַוויזן זיך אויפֿצוהייבן און געפּרוווט ווייטער לויפֿן, אָבער אַ דריטע קויל האָט אים געטראָפֿן און ער איז געבליבן ליגן טויט, אויסשריי־ענדיק „מאַמע, מאַמע".

דעם 18טן אַפּריל.

דער לייטער פֿון דער געזונטהייטס־אָפּטיילונג, ד"ר שיקער, האָט אין

№ 6 — דער עלטסטער פון די יידן אין ליצמאַנשטאַט

געטאָ־צייטונג

פאַר אינפאָרמאַציע, פאַראָרדנונגען און באַקאַנטמאַכונגען

פרייז 10 פעניג

אַדרעס פון רעדאַקציע: דאַוראָסקאַ 1

אינטערעסאַנטן ווערן אָנגענומען יעדן דינסטאָג פון 5 ביז 7 אָוונט

Litzmannstadt-Getto, den 11. April 1941

ליצמאַנשטאַט־געטאָ, פרייטאָג, ערב פסח, 11 אַפּריל 1941

הילפס־קאָמיסיע פאַר אינדוסטריע און אַרבעט אין געטאָ

[illegible] פאַרגאַנגענעם דינסטאָג האָט דער פּרעזעס ביי רומקאָווסקי געדופן אַ ברייטערע קאָנפערענץ, אין [illegible] עס האָבן זיך באַטייליקט די ה"ה: יוסף רומקאָווסקי, ד. וואַרשאַווסקי, ב. ליסווין, מ. יאַקובאָוויטש, ש. קליגער, ד. ראַדזשעיעווסקי, מ. בוקעט, ב. קאָפּעל, ה. ליפשיץ, ס. באַהאַריער, מ. קאַם, [illegible] ב. זאַנאַבענד, י. כימאָוויטש, איגוס, [illegible], ל. גלאַזער, ז. לובלינסקי, מ. אַמזעל, [illegible] ווייזבערג, ד. נאַכטשטערן און ג. [illegible]

אין זיין אַריינפירונגס־וואָרט האָט דער פּרעזעס [illegible] באַגריסט די פאַרזאַמלטע און דערקלערט דעם ציל פון דער קאָנפערענץ.

מיר געפינען שוין איבער אַ יאָר צייט אין געטאָ. [illegible] אַ צייט פריער איידער מיר זיינען אַריין אין געטאָ האָב איך אָנגעהויבן טון צו טראַכטן איבער די מיטלען און וועגן, ווי אַזוי מיר זאָלן קענען [illegible] און לעבן. און איך בין געקומען צו דער [illegible], אַז דער איינציקער וועג איז — אַרבעט. [illegible] דעם זאָגן מעג בין איך געגאַנגען ביז איצט און וועל אויך ווייטער גיין. און ווירקלעך, מיט [illegible] אַרבעט האָבן מיר באַוויזן, אַז מיר האָבן [illegible] פאַרלוירן די פעיקייטן צו בויען און צו שטאַרקן אונדזער עקזיסטענץ. די 21 מוזונס [illegible] (אין די רעסאָרטן און ביי פאַרשיידענע [illegible] אַרבעטן) און באַאַמטע זיינען ציפערן, [illegible]

אונדזער רוי־פּראָדוקט איז די אַרבעט. [illegible] נישט אין די אַלע מינים פּליאַסקעס, וואָס [illegible] מאַרשפּרייטן. מיר קענען אָבער [illegible] נאָר דורך אַרבעט.

[illegible] מיר וועלן אָבער בלייבן ביים [illegible], וואָס עקסיסטירט ביים היינטיקן טאָג [illegible] נישט קיין פּראָגרעס, וועט עס הייסן, אַז מיר זיינען [illegible], און דאָס איז מער אַנדרו נישט געווענן.

[illegible] די רעסאָרט־אָנפירער און [illegible] פאַרגעבן [illegible] און אַרבעטן נאָר [illegible] דעם געטאָ. מיר [illegible] פּראָדוקציע [illegible] די אַרבעט איז אונדזער [illegible]

מיר [illegible] אין דער [illegible]. [illegible] צו שאַפן אַ [illegible] הילפס־קאָמיסיע, וואָס זאָל [illegible] און אַלזייטיק זיך [illegible] איבער דעם, וואָס, נאָך מיר קענען [illegible] פון אַרבעט. מיר מוזן שאַפן [illegible] פון די רוי־מאַטעריאַלן, וואָס געפינען זיך אין געטאָ. אַ דאַנק דער אַרבעט [illegible] די [illegible] און [illegible] [illegible]. [illegible] די אַרטיקלען, פאַר [illegible] אין געטאָ אַ [illegible] די רעשט [illegible]

> אַלע מיינע שוועסטער און ברידער
> אין געטאָ ווינטש איך אַ גוטן יום־טוב.
> **מרדכי חיים רומקאָווסקי**

[illegible] וועלן מיר, [illegible], [illegible] פון דעם געטאָ.

קאָנגרעס, וואָס דער פּרעזעס, [illegible] שאַפן: אַ הילפסקאָנ־קאָמיסיע, וואָס זאָל באַשטיין פון: 1) אַ פּרעזידיום פון 6 פּערזאָן, פון די ה"ה: ד. וואַרשאַווסקי, יוסף רומקאָווסקי, ע. ליפמאַן, א. יאַקובאָוויטש, ש. קליגער און ד. ראַדזשעיעווסקי. 2) אַ סאַך־קאָמיסיע פון 5 פּערזאָן מיט די ה"ה: מ. בוקעט, ב. קאָפּעל, ה. ליפשיץ, מ. באַהאַריער און מ. קאַם. און 3) אַ סאַך־ביוראָ פון די היסטאָרישע 11 פּערזאָן, פאַרשטייער פון פאַרשיידענע אַרבעטס־רעסאָרטן, די ה"ה: א. [illegible], ח. [illegible], נאַבלענד, י. כימאָוויטש, ס. [illegible], איגוס, י. גוטמאַן, ל. גלאַזער, ז. [illegible], מ. [illegible], איגוס, ז. ווייזבערג, ד. נאַכטשטערן און ב. [illegible].

מיר אַלע מוזן וויסן, אַז מיר [illegible] און [illegible] וואָס אַ מאָל מערער. [illegible] פאַר דער אַרבעט לטובת דעם גאַנצן געטאָ.

איך ווענד זיך צו אייך, מיינע הערן, מיט דער בקשה צו פאַרציכטן אויף אַלע מינים אַמביציעס. יעדער גוטער און אָריגינעלער געדאַנק מוז דאָך אייך אַלע אונטערגעשטיצט ווערן. ער דאַרף אויסגעשליפן און אויסקריסטאַליזירט ווערן. אַלע מינים פּראָיעקטן, וואָס וועלן שוין איינגעטראָגן און וועלן נאָך [illegible] אייגנליסן, [illegible] באַטראַכט ווערן, ווייל עס איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז די אונגוהאַלטן אין זיך אַ [illegible] קערן. און נאָך אַ בקשה, אַ פּראַקטישע, האָב איך צו אייך: [illegible] זיך נישט [illegible] נאָר מיט [illegible] און פּראַקטישע אַרבעט. [illegible] מיט דער סאַך־קאָמיסיע [illegible] — [illegible] מיט דעם סאַך־ביוראָ.

די קאָמיסיע מוז זיך באַקענען מיט דער אַדמיניסטראַטיווער זייט פון די אַרבעטס־רעסאָרטן. אַלע [illegible] און [illegible] דאַרף די סאַך־שטעלן פאַר דעם פּרעזידיום.

מיט [illegible] [illegible] באַציאונג [illegible] דער [illegible]. [illegible] אַרבעטס־צווייגן, [illegible] שטאַרקן דאָס געטאָ [illegible] די [illegible].

און איצט — [illegible] דער פּרעזעס זיין [illegible] [illegible] דעם [illegible]

דער [illegible] דאָס [illegible] ב' [illegible] [illegible] די [illegible] פון א' [illegible] [illegible] דער־

ביי דערקלערט ער, אַז די אויפגאַבע פון דער [illegible] קערפּערשאַפט [illegible] נישט נאָר [illegible] אין אויפזוכן נייע אַרבעטס־פּלענער און פּלעצער נאָר אויך אין דער פאַרבעסערונג און פאַרגרעסערונג פון די שוין־עקסיסטירנדיקע אַרבעטס־רעסאָרטן, [illegible] עס איז נאָך [illegible] אַ סך אויפצוטון.

ה' כימאָוויטש האַלט, אַז די נייע קערפּערשאַפט [illegible] אויפמערקזאַם אַריינקוקן און העלפן צו באַזייטיקן די פעלערן, וואָס [illegible] אין די פאַרשיידענע רעסאָרטן.

ה' ליפשיץ דריקט אויס זיין באַוואונדערונג פאַר די [illegible] פּלענער און אַרבעטן פון פּרעזעס. דער איינציקער קענער פון געטאָ־פּראָבלעם, מיט דער [illegible] ה' פּרעזעס איז די אויסגעצייכנטע קאָנסטיטוציע פון דער נייער קערפּערשאַפט שוין געשאַפן געוואָרן. איצט דאַרף קומען די קאָנסטרוקציע. די אידעע איז אַלעמען פאַרשטענדלעך, די איינצלהייטן—קימען. דער רעדנער גלויבט, אַז אַלע ווי איינער וועלן מיטהעלפן דעם פּרעזעס אין זיין [illegible] אַרבעט.

דער פּרעזעס באַמערקט דערביי, אַז מען מוז שפּאָרן פון נייע קוואַלן, בכדי מיר זאָלן ווערן האָט מער פּראָדוקציע. אין אַלע שטיינער מוז מען קלאַפּן, כדי צו אַנטדעקן פרישע און לעבעדיקע קוואַלן, וואָס זאָלן זיין אימשטאַנד צו באַפרוכפּערן דעם אַרבעטס־באָדן פון געטאָ.

ה' זאָנאַבענד [illegible], אַז עס פעלן נישט אין געטאָ קיין גוטע בעלי־מלאכות, וואָס ווילן אַרבעטן טריי און ערלעך, עס מוז אָבער אָפּגעשטעלט ווערן די נישט־באַרעכטיקטע אַרבעטס־קאָנקורענץ, וואָס איז אַ רעזולטאַט דערפון, וואָס פאַרשיידענע רעסאָרטן אַרבעטן אויף איינע און די זעלביקע אַרטיקלען.

ה' גלאַזער איז נישט מסכים מיטן [illegible] פון [illegible]. ער איז ביי אַ פאַרקערטער מיינונג: ביי די איצטיקע אַרבעטס־באַדינגונגען איז די [illegible] קאָנקורענץ אַ גוטיקער שטוים־פּונקט [illegible] אַ בעסערע און גרעסערע פּראָדוקציע, ווייל אין געטאָ [illegible] נאָר איין גרויסער אַרבעטס־רעסאָרט — וווּ אַלע דאַרפן אַרבעטן [illegible] [illegible].

ה' לובלינסקי האַלט, אַז די [illegible] סאַך־קאָמיסיע מוז זאָרגן דערפאַר, אַז אַלע [illegible] אַרבעטן זאָלן זיין קאָנצענטרירט אין די [illegible] רעסאָרטן און נישט צו צעשפּליטערן [illegible] די זעלבע פּראָדוקציע אין פאַרשיידענע רעסאָרטן.

פּרעזעס רומקאָווסקי [illegible] [illegible] די פראַגע פון [illegible] און [illegible], אַז דער ראַוויקן [illegible] ער [illegible] [illegible] [illegible]. די [illegible] אין אַלע אַרבעטס־צווייגן, אַפילו [illegible] די [illegible] נישט נאָר נישט [illegible] קיין [illegible]. [illegible] אויך אַ קליינעם [illegible]. [illegible] דאָס איז [illegible] פון דער [illegible].

[illegible] פון ה' [illegible] [illegible] דער אַרבעט [illegible] [illegible].

שפיטאָל אויף לאַגעווניצקאַ, צוזאַמענגערופן אַ דאָקטוירים־באַראַטונג, צו דער באַראַטונג זענען געקומען כמעט אַלע דאָקטוירים. איינער נאָכן צווייטן האָבן זיי דערציילט וועגן די גרויליקע קראַנקהייטן, וואָס הערשן אין געטאָ. קיין הילף קעגן די קראַנקהייטן איז נישטאָ. אייניקע דאָקטוירים האָבן אויך איבערגעגעבן, אַז אַ סך קראַנקע ווילן זיך נישט לאָזן היילן. זיי ווילן וואָס פריִער שטאַרבן. אין אַ טייל שטובן ליגן צו 4־5 קראַנקע אין די בעטן און איינער פרעגט דעם צווייטן: „ווען וועלן מיר שטאַרבן?״ גאָר אַ סך קראַנקע ליגן, געשוואָלענע, אין די בעטן און קענען זיך פון אָרט נישט רירן. חוץ מזה זענען פאַראַן אַזעלכע קראַנקע, וואָס קיין שום דאָקטאָר קען נישט פעסטשטעלן דעם דיאַגנאָז פון זייער קרענק. צום סוף פון דער קאָנפערענץ האָט ד״ר שיקער איבערגעגעבן אַ קליינע אינפאָרמאַציע וועגן די וויזיטן פון די דאָקטוירים אין די פריוואַטע וווינונגען, אין משך פון 1טן מאַי 1940, ביזן הייַנטיקן טאָג, האָבן די דאָקטוירים באַזוכט 71.102 קראַנקע. די אַמבולאַנס האָט געגעבן מעדיצינישע הילף אויפן אָרט צו 94.355 קראַנקע. די גיכע־הילף איז אַרויסגערופן געוואָרן 17.056 מאָל. טייל דאָקטוירים אַרבעטן, סיי בייטאָג און סיי ביינאַכט, צוליב דעם שווערער פאַראַנטוואָרטלעכער אַרבעט זענען טאַקע אין אַ קורצער צייט געשטאָרבן זעקס דאָקטוירים: דראַבין, רעזניק, דווארעצקאַ, קארמאַן, פאַקשיינסקי און קאַמעלהאר. ביים סוף האָט ד״ר שיקער געבעטן די דאָקטוירים, אַז זיי זאָלן נישט מיד ווערן אין דער ברידערלעכער פאַראַנטוואָרטלעכער אַרבעט, ווייל זיי ראַטעווען דאָס אייגענע פאָלק, דאָס פאָלק וואָס באַקומט נישט פון דער ציוויליזירטער וועלט קיין הילף.

דעם 19טן אַפּריל.

אַ שווערע שטימונג הערשט הייַנט אין געטאָ. טאָמער איז נאָך ווייניק דאָס אַלץ וואָס מיר לעבן איבער אויף אַן אָרט, זענען הייַנט אָנגעקומען שרעקלעכע נייעסן פון פראָנט. איין ידיעה איז פיינלעכער פון דער צווייטער. אויף דער ערשטער זייט פון דער ליצמאַנשטעטער צייטונג איז געדרוקט מיט פעטע שריפט: „גענעראַל ראָמעל פאַריאָגט די ענגלענדער ביז צו דער עגיפּטישער גרענעץ. ליביע אין די הענט פון אונדזער מיליטער״. טאַטע זיסער אין הימל, אויב דאָס אַלץ איז אמת, קען דאָך חלילה דער לעצטער

שאַנס אונדזערער פאַרלוירן גיין? ווען די דייטשן מאַרשירן אויף ארץ־ישראל, דאַן זענען מיר שוין אויף אייביק פאַרלוירן.

דעם 20סטן אַפּריל.

היינט זענען אַרויסגעהאַנגען געוואָרן פענער אויף אַלע הייזער און אויף אַלע טראַמווייען. די שמחה איז אַזוי גרויס, אַז כמעט אַלע דייטשן זענען שיכור. ביבאָוו מיט זיינע אַלע געהילפן, שאומבורג, שטאובע, ריבי און שווינד האָבן זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס, ווען זיי זענען אָנגעקומען אויפן באַלוטער־מאַרק, האָבן זיי געזונגען „דייטשלאַנד, דייטשלאַנד איבער אַלעם". שווינד האָט צוגערופן אַ יידישן פּאָליציאַנט און אים געפרעגט, פאַר וואָס ער לאַכט נישט? די דייטשע אַרמיי, זאָגט ער, גייט דאָך פאַרויס און ווען מיר וועלן זיגן וועט פאַר יידן פיל בעסער זיין. דער פּאָליציאַנט האָט אין אָנהייב נישט פאַרשטאַנען וואָס יענער וויל פון אים, ער האָט אויך נישט געוווּסט וואָס ער זאָל טון, לאַכן אָדער וויינען. דער סוף איז געווען: דער פּאָליציאַנט האָט באַקומען צוויי פייערדיקע פעטש און אַ ברייטל אַ צוגאָב.

די ליצמאַנשטעטער צייטונג איז מודיע, אַז היינט דעם 20סטן אַפּריל איז דער געבורטסטאָג פון פירער, דער היינטיקער טאָג וועט ברענגען ניייע גרויסע זיגן, די ענגלענדער וועלן דעם היינטיקן טאָג גוט געדענקען. די צייטונג האָט מיט קיין איין וואָרט נישט דערמאָנט די יידן, אַזוי ווי עס וואָלטן בכלל שוין נישט געווען קיין יידן אין אייראָפּע.

דעם 21סטן אַפּריל.

פיר גרויסע פּלאַקאַטן זענען היינט אויסגעקלעפּט געוואָרן אויף די געטאָ מויערן. אַלע פיר פּלאַקאַטן זענען געווען נומערירט.

פּלאַקאַט נומער 1 מעלדעט: אַז אין געטאָ הערשט אַ שטאַרקער אַנטי־סאַניטאַרער מצב און ער מוז ווי אַמשנעלסטן באַזייטיקט ווערן, בכדי אויס־צומיידן אַנשטעקנדיקע קראַנקהייטן, וואָס קענען ביי אַזאַ לאַגע אָננעמען אַן עפּידעמישן כאַראַקטער. אין דער ערשטער ריי מוז געזאָרגט ווערן וועגן די בית כסאס און מיסטקאַסטנס, וואָס זענען אין דער צייט פון ווינטער צעראַבירט געוואָרן אויף ברען־האָלץ. די אַלע אומריינע אָפענע לעכער,

מוזן פאַרדעקט ווערן, בכדי נישט צו דערלאָזן גלייך פון אָנהייב זומער דאָס מערן זיך פון אינזעקטן, וואָס פאַרשפּרייטן עפּידעמישע קראַנקהייטן. דער זעלבער פּלאַקאַט טיילט אויך מיט, אַז פון היינט אָן און ווייטער ווערט שטרענג פאַרבאָטן, יעדער מין פּריוואַטער פאַרקויף פון האָלץ. דער, ביי וועמען די פּאָליציי וועט געפינען האָלץ, וועט שטרענג באַשטראָפט ווערן און אַרויסגעשיקט ווערן אויף צוואַנגס־אַרבעט.

באַקאַנטמאַכונג נומער 2: דער פּרעזעס מעלדעט, אַז אַלע געטאָ־איינוווינער וועלן פון היינט אָן באַקומען די ברויט־צוטיילונג נישט אַזוי ווי פריער, נאָר יעדער וועט באַקומען צוגעטיילט אויף פינף טעג, אַ ברויט פון צוויי קילאָ.

באַקאַנטמאַכונג נומער 3: „דערמיט פאָדער איך אויף אַלע רעגיסטרירטע און נישט רעגיסטרירטע באַזיצער פון האַנט־וועגעלעך זיך נאָכאַמאָל צו מעלדן אין דער אַלגעמיינער רעגיסטראַציע־אָפּטיילונג, וועלכע הייבט אָן צו אַרבעטן שוין פון מאָרגן אָן. די וועלכע וועלן נישט אויספירן דעם באַפעל וועלן באַשטראָפט ווערן און זייערע וועגעלעך וועלן קאָנפיסקירט ווערן לטובת דער קהילה".

באַקאַנטמאַכונג נומער 4: „ווער עס וועט נישט אָפּהיטן די אַלע פאַראָרדענונגען, וועט נישט בלויז אַליין באַשטראָפט ווערן, נאָר אויך זיין גאַנצע משפחה.

אויף די אַלע באַקאַנטמאַכונגען איז אונטערגעשריבן דער פולער נאָמען פון פּרעזעס: מרדכי חיים רומקאָווסקי.

דעם 22סטן אַפּריל.

אָן אויסערגעוויינלעכער דאָפּל־מאָרד איז היינט אַנטדעקט געוואָרן אין דער געטאָ. די געשיכטע פון דעם גרויזאַמען מאָרד איז אַזאַ:

מיט וואָכן צוריק איז דער אַמאָליקער הויז־אַדמיניסטראַטאָר, פון פּיעטריקאָווער־גאַס נומער 17, משה טשיינאַק, אַרומגעגאַנגען שטאַרק אויפגערעגט און נישט געענטפערט קיינעם ווען מען האָט אים געפרעגט וואָס ער מאַכט. ער האָט זיך אַרומגעקריגט מיטן ווייב, מיטן זון, מיט די שכנים, געשאָלטן די גאַנצע וועלט. ביז אין אַ געוויסן טאָג האָט אים אָנגעכאַפּט אַ טייוולאָנישער געדאַנק צו דערמאָרדן זיין פרוי חיה און זיין 17־יעריקן זון.

אויסנוצנדיק דעם מאָמענט ווען די שכנים זענען געשלאָפן, האָט ער גענו־מען אַ שווערע האַק און מיט איין זעץ איבערן קאָפּ געטויט זיין אומגליקלעכע פרוי. אָפּרוענדיק זיך אַ פּאָר מינוט האָט ער שפּעטער נאָכאַמאָל גענומען די זעלבע האַק און איז צוגעגאַנגען צו זיין זונס בעט, צום ערשט זיך אין אים גוט איינגעקוקט און דערנאָך אויסגעפירט איבער אים דעם זעלבן ברוטאַלן מאָרד. נאָכן אָפּטון דאָס שטיקל אַרבעט, האָט ער אַראָפּגעשלעפּטביידע טויטע קערפּערס אין קעלער אַריין. אויף די פראַגן פון די שכנים, ווו עס איז די פרוי און דער זון, האָט ער געענטפערט, אַז זיי זענען אַרויס פון געטאָ.

דערווייל האָט דער מערדער אָפּגענומען די פּראָדוקטן פון זיינע צוויי קרבנות, אַזוי לאַנג, ביז די זאַך האָט אַרויסגערופן ביי די שכנים אַ פאַר־דאַכט. איין שכן האָט געזען ווי ער שטייט אויפן באַזאַר און פאַרקויפט די וועש פון זיין פרוי. אַ צווייטער שכן האָט באַמערקט ווי ער שלעפּט אין אָוונט זאַמד אין צימער אַריין. דערנאָך האָבן אַלע שכנים אָנגעהויבן צו פילן אַ מיאוסן ריח אין קאָרידאָר. דער שלעכטער ריח איז געוואָרן וואָס אַמאָל שטאַרקער. איין שכן האָט זיך נישט געפוילט און גערופן פּאָליציי צוזאַמען מיט דער סאַניטאַרער קאָמיסיע. די פּאָליציי האָט נאָך אַ גענויער אונטערזוכונג אַנטדעקט דעם גרויזאַמען דאָפּל־מאָרד, אויסגעפירט דורך אַ ייִדן אין דער געטאָ. דער מערדער איז געשלאָסן געוואָרן אין קייטן און איינגעזעצט געוואָרן אין דער צענטראַלער תּפיסה.

בשעת מען האָט דעם מערדער געפירט אין תּפיסה האָבן הונדערטער מענטשן זיך געריסן צו אים און געוואָלט אים לינטשן אויפן אָרט. ווען ער איז שוין געזעסן אין תּפיסה זענען טויזנטער מענטשן געקומען און גע־וואָלט אים אָנקוקן. אויך די געסטאַפּאָ איז דריי מאָל געקומען צו פאָרן און נאָכגעפרעגט און נאָכגעפאָרשט וועגן דעם מאָרד און דעם מערדער.

דעם 23סטן אַפּריל.

די גאַנצע וואָך האָט זיך דער מלאך־המות אַרומגעדרייט אין דער געטאָ און געפאָכעט מיט דער שווערד אויף רעכט און לינקס. דעם גרעסטן טייל קרבנות האָבן געגעבן די שפּיטאָלן. עס זענען פאַרצייכנט געוואָרן הונדערט טויטע, עטלעכע זעלבסטמאָרדן, צוויי צופאַל־אומגליקן און פיר

דערשאָסענע. די שפּיטאָלן האָבן היינט אויך צום ערשטן מאָל פאַרצייכנט איניקע פאַלן פון פלעק־טיפוס.

דעם 24סטן אַפּריל.

די „ליצמאַנשטעטער־צייטונג" האָט היינט געשריבן וועגן דעם גרוי־זאַמען געטאָ־מאָרד בזה הלשון: „מיר ווייסן ווער עס זענען די ייִדן. נאָר דאָס דייטשע פאָלק האָט גרינטלעך קענען־געלערנט דעם ייִד, ווער ער איז און פון וואַנען ער שטאַמט. דער ייִד איז אין אַלגעמיין אַ מערדער. אויב ער קען נישט מאָרדן — רויבט ער. אויב קען ער נישט רויבן — גנבעט ער, און ווען ער ווערט געשטערט צו רויבן און מאָרדן — שווינדלט ער. אָט דאָס זענען די ייִדן, וואָס לעבן אין אייראָפּע אַזוי ווי די אינזעקטן וואָס באַשמוצן די ערד. די אייראָפּעיִשע פעלקער וועלן אונדז דאַנקבאַר זיין, ווען מיר וועלן דאָס יודן־געזינדל פון אייראָפּע באַזייטיקן".

די געסטאַפּאָ איז היינט אָנגעקומען מיט אַ פילם־אַפּאַראַט, כדי צו פילמירן דאָס אָרט, דעם מערדער, די שכנים און דעם גאַנצן שטח אַרום דעם אָרט, וווּ דער מאָרד איז פאָרגעקומען. דאָס וועט פאַר זיי זיין אַ גוטער העץ־מאַטעריאַל קעגן ייִדן.

דער מערדער האָט אין דער תפיסה היינט געוויינט. ער האָט מיט קיינעם נישט געוואָלט רעדן. די אַרעסטאַנטן האָבן אים געפרעגט, פאַרוואָס ער האָט דערמאָרדעט זיין זון הענעך? האָט ער אויסגעבראָכן אין אַ געוויין. אַזוי פירט ער זיך אויף גוט. ביי דער ערשטער אויספאָרשונג האָט ער גענוי איבערגעגעבן און געוויזן ווי אַזוי ער האָט אויסגעפירט דעם מאָרד.

היינט גאַנץ פרי זענען פון דייטשלאַנד צוריקגעקומען 40 אַרבעטער. זיי האָבן דערקלערט, אַז דאָרט ווו זיי זענען געווען האָט זיך די אַרבעט פאַרענדיקט. אין אַלגעמיין האָט מען זיי נישט שלעכט באַהאַנדלט. אויפן צוריקפאָר האָט יעדער איינער באַקומען אַ ספּעציעלן ברויט־צולאָג מיט סיגאַרעטן.

די פרוי אסתר פרידמאַן איז היינט געפונען געוואָרן טויט. לויט ווי די דאָקטוירים האָבן פעסטגעשטעלט, האָט זיך די פרוי פאַרסמט.

דעם 25סטן אַפּריל.

די געסטאַפּאָ האָט היינט מיטגעטיילט, אַז די געטאָ־גרענעצן וועלן געענדערט ווערן. דער קרומער־בויך אַרום די גאַסן: דרעוונאָווסקאַ, לעשנאַ, אַפּיצערסקאַ און קאַראַלאַ וועט אויסגעשניטן ווערן פון געטאָ. דערפאַר וועט די געטאָ־מלוכה באַקומען נאָך אַ שטיקל לאַגעווניצקאַ מיט די צוויי נעבן־גאַסן און דאָס וועט שאַפן אַ גלייכן גרענעץ־פּאַס. די צוויי נעבן־גאַסן האָבן אַפילו נישט קיין נעמען. די ייִדן איז קיין גרויסער אונטערשיד נישט, וואָס די געסטאַפּאָ טוט. ווו מען וועט אונדז לייגן, דאָרט וועלן מיר ליגן און וואַרטן אויפן טויט, ווייל אונדזער לאַגע איז שוין אַזוי ביטער, אַז עס איז שוין אַלץ איינס.

היינט איז דערשינען דער אַכטער נומער „געטאָ־צייטונג". אַלע אַר־טיקלען, אויפרופן און קאָמוניקאַטן זענען מיט דער אונטערשריפט פון חיים רומקאָווסקי. אויף דער לעצטער זייט איז אָפּגעדרוקט אַ באַפעל צו אַלע געטאָ־איינוווינער: „דער שטאָט־פּרעזידענט פון ליצמאַנשטאַט, מאַכט באַ־קאַנט, אַז פון מאָרגן אָן, דעם 26סטן אַפּריל, דאַרפן די געטאָ־איינוווינער זיך נישט באַווייזן אויף די גאַסן פון 9 אין אָוונט ביז 6 אין דער פרי. פאַר נישט אויספירן דעם באַפעל דראָט יעדן געטאָ־איינוווינער טויט־שטראָף".

דעם 26סטן אַפּריל.

היינט איז געוואָרן אַ יאָר זינט עס איז אָרגאַניזירט געוואָרן דער שניי־דער־רעסאָרט. מיט אַ יאָר צוריק האָט דער פּרעזעס צוזאַמענגערופן די אַמאָליקע פאָרשטייער פון אַלע שניידער־פאַכן און זיי אויפגעקלערט די לאַגע מיט פאָלגנדיקע ווערטער: „זייט וויסן, איר שניידער פון אַלע מינים, אַז איך האַנדל אונטער מיט דער דייטשער מאַכט, אַז איר זאָלט באַקומען אַרבעט און אויב מיר וועט דאָס געלינגען וועט אייך זיין ווויל און גוט. איר וועט האָבן צו עסן צו דער זאַט. אייערע פרויען און קינדערלעך וועלן מער נישט דאַרפן הונגערן. דאָס וועט זיין מיין גרעסטע סאַטיספאַקציע. דאָס אַלץ קען געשען אונטער איין באַדינג — איר וועט מוזן זיין געהאָרכזאַם, אויספירן אַלע מיינע באַפעלן, אויפפירן זיך אָנשטענדיק. די מאַשינען אייע־

רע ווי אויך אַלע שניידערישע געצייגן מוזט איר אַריינברענגען אין דעם אַלגעמיינעם רעסאָרט, דערפאַר וועל איך שוין פאַר אייך זאָרגן".

דער גרעסטער טייל פון די שניידער האָבן לאַנג נישט געטראַכט און מסכים געווען אויף אַלץ וואָס דער פּרעזעס האָט פאָרגעלייגט. איבער דריי־הונדערט שניידערס האָבן גענומען זייערע וואַרשטאַטן און זיי איבערגעגעבן דעם פּרעזעס רומקאָווסקי. ער, דער פּרעזעס, האָט זיין וואָרט געהאַלטן; אַר־בעט איז געווען. בייטאָג און ביינאַכט האָט מען געאַרבעט, — נאָר עסן לאַוו דווקא. די שניידער האָבן אָנגעהויבן צו הונגערן, געאַרבעט און געהונגערט. נישט בלויז די פרויען און קינדער האָבן געהונגערט, נאָר אויך די אַר־בעטער ביי די וואַרשטאַטן. יעדן טאָג האָבן זיך געמערט פּראָטעסטן קעגן דער באַהאַנדלונג. עס איז נישט אַוועק אַ טאָג, אַז אַ שניידער אָדער אַ פּרעסער זאָל נישט אַוועקפאַלן ביי דער אַרבעט אין חלשות און, ווען עמיצער האָט פּראָטעסטירט, אָנגעהויבן רעדן אויפן קול, האָט מען אים גלייך איינ־געזעצט אין דער צענטראַלער תפיסה און ער האָט באַקומען אַ שווערע שטראָף, ווי אַ שטערער און צעברעכער פון אחדות. נישט קוקנדיק דערויף וואָס דער רעזשים איז געווען אַ שלעכטער און דער הונגער אַ גרויסער, האָבן דאָך די שניידער באַוויזן אַ סך אויפצוטון פאַרן וויל פון געטאָ. אַ דאַנק זייער אַרבעט און מי, איז די געטאָ אויפגעהאַלטן געוואָרן נאָך אַ יאָר און נאָך אַ יאָר. די דייטשן האָבן די געטאָ־שניידערס באַדאַרפט האָבן, די יידישע אַרבעט איז געווען גוט און באַצאָלט האָט מען די יידן אַ קרענק, וואָס האָט געהייסן „שווינדזוכט". אַ יאָר איז אַוועק, ווי די לאָדזשער שניי־דערס האָבן זיך אונטערגעוואָרפן דעם רומקאָווסקי־יאָך און געהאָרכזאַם אויסגעפירט יעדן באַפעל, געליטן געהונגערט און געשטאָרבן ביי דער אַרבעט.

דעם 27סטן אַפּריל.

היינט איז ווידער צוריקגעקומען אַ גרעסערע גרופּע אַרבעטער פון דייטש לאַנד. דאָס מאָל זענען אַלע געווען דערשלאָגן, צעבראָכן און באַליי־דיקט. צוריקגעשיקט האָט מען זיי, ווייל זיי זענען קראַנק געוואָרן ביי דער אַרבעט. פאַר קראַנקע יידן איז קיין אָרט אין דייטשלאַנד נישטאָ. די גרופּע קראַנקע האָט מען צוריקגעשיקט אין געטאָ אַריין. אויפן גאַנצן וועג, דער־

ציילן די אַרבעטער, האָט מען זיי געשלאָגן און באַליידיקט, אויף איין באַן־סטאַציע, נישט ווייט פון לאָדזש, האָט די וואַך, וואָס האָט זיי געהיטן, צוגע־רופן גאַסן־קינדער און געהייסן זיך אַ ביסל פריילעך מאַכן מיט די פאַר־שאָלטענע יידן. די קינדער האָבן, ווילדע, מיט שטיינער און שטעקנס, גע־שלאָגן יעדן איינעם איבערן קאָפּ. דערביי איז די וואַך געשטאַנען און גע־לאַכט אויף וואָס די וועלט שטייט.

דעם 28סטן אַפּריל.

אין דער געטאָ איז פאַראַן איין איינציקער ייִד, וואָס טראָגט נישט די געלע לאַטע, דער ייִד הייסט: ר. ריבאָווסקי. פאַר דער מלחמה איז דער ייִד געווען אַ טאַנץ־מייסטער. פאַרוואָס דער ייִד האָט זוכה געווען צו אַזאַ גדולה איז קיינעם נישט באַוווּסט. דאָס וואָס מיר ווייסן יאָ איז, אַז ער אַרבעט אין דער קריפּאָ. שפּאַצירט זיך אַרום איבער די געטאָ־גאַסן מיט אַ גרויסן וואָלף־הונט, פאָרט פון צייט צו צייט אין דער שטאָט אַריין און ברענגט פאַר זיינע שכנים פאַרשידענע זאַכן. טיילמאָל ברענגט ער אויך מעדיקאַמענטן, וואָס מען באַקומט נישט אין געטאָ פאַר קיין שום פּרייז.

צוליב דעם וואָס דער פּרעזעס האָט גענומען שטאַרק רודפן די האָלץ־גנבים האָט זיך איצט געמאַכט אַ שרעקלעכער יקרות אויף האָלץ, אַ קילאָ האָלץ קאָסט פון 12 ביז 15 מאַרק. פון וואַנען זאָל מען נעמען אַזוי פיל געלט? צוליב דער שווערער רומקאָווסקי־גזירה באַקומען נישט די קינדער, ווען זיי שטייען אויף, קיין ביסל וואַרעמס אין מויל אַריין. עס פּאַסירן צו־ליב דעם טראַגישע און אויך קאָמישע סצענעס, אַזוי, למשל, זעט מען ווי מענטשן לויפן באַלד אין דער פרי אויף די זאַמל־פּונקטן, דאָרט וווּ מען קען אָפּקאָכן דאָס ביסעלע וואַסער. עס פאַרשטייט זיך, אַז יעדער איינער וויל זיין דער ערשטער, איילט מען זיך, יאָגט מען זיך, ביז איינער פאַלט אויפן צווייטן, דאָס ביסעלע וואַרעמע קאַווע ווערט אויסגעגאָסן. פאַרביי־טערטע גייען די מענטשן אַהיים אָן קאַווע און קילן זייער האַרץ מיט קללות. אַזוי געשעט כמעט יעדן טאָג. יעדן טאָג הערט מען אַ ביטערן אויסגעשריי: אוי, מיין ביסעלע קאַווע, וואָס וועל איך איצט געבן די קינדער צו טרינקען?

שלמה פראַנק

דעם 29סטן אַפּריל.

היינט איז ווידער אַרויסגעשיקט געוואָרן אַ גרויסע גרופּע ייִדן קיין דייטשלאַנד. דאָס מאָל זענען אויך מיטגעפאָרן אייניקע פרויען. דער גרעס־טער טייל פון די אַרויסגעשיקטע האָבן אויסגעזען ווי זיי וואָלטן ערשט היינט אַרויס פון שפּיטאָל. אַלע זענען געגאַנגען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ אַזוי ווי שעפּסן צו דער שחיטה. אַלע האָבן געוויינט אויפן קול. אַ שרעקלעך בילד איז דאָס געווען. 400 מענער און פרויען האָבן אויפן קול געוויינט. ווען דער לייטער פון דערווירטשאַפטס־אָפּטיילונג, ה׳ זיבערט, האָט גע־פּרוווט באַרויִקן די מענער, זאָגנדיק צו זיי, אַז מענער דאַרפן זיך פעסטער האַלטן און נישט וויינען, האָבן עטלעכע אויסגערופן: קומט מיט אונדז מיט. פאַרוואָס פאָרסטו נישט? זייבערט האָט זיך באַלד אָפּגעטראָגן און דער גאַנצער טראַנספּאָרט איז אָפּגעשיקט געוואָרן.

אַ שטאַרקע בהלה צווישן די באַוווסטזיניקע געטאָ־ייִדן. זיי שלאָפן נישט גאַנצע נעכט, מען זיצט אין גרופּעס און מען טראַכט אַריין אין דער לאַגע. מען האָט מורא, אַז דער דייטשער בלוטיקער שטיוול זאָל חלילה נישט אַריינמאַרשירן קיין ארץ־ישראל. די פרומע זאָגן טאָג און נאַכט תהילים און בעטן דעם אלמעכטיקן, אַז דאָס זאָל נישט געשען, אַז די לעצטע טרייסט אונדזערע זאָל נישט פאַרלוירן ווערן.

דער פּרעזעס האָט היינט צונויפגערופן אַן אויסעראָרדנטלעכע זיצונג אויפן באַלוטער־מאַרק. גערופן צו דער זיצונג זענען געוואָרן בלויז די פאָר־שטייער פון די ווירטשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס. דער פּרעזעס האָט דער־קלערט, אַז די היינטיקע זיצונג איז אַ דרינגנדיקע. דער זומער איז שוין דאָ. דער געטאָ דראָעט אַ גרויסע סכנה פון פאַרשיידענע עפּידעמיעס. אין פאַל ווען מיר וועלן נישט אָננעמען תיכף ומיד די ענערגישע פאַרהיטונגס־מיטלען וועלן מיר אין דער געטאָ האָבן אַזעלכע שווערע עפּידעמיעס, אַז מענטשן וועלן פאַלן ווי די פליגן. עס וועט נישט זיין ווער עס זאָל ראַטע־ווען. איר ווייסט דאָך — האָט דער פּרעזעס פאָרגעזעצט זיין רעדע — אַז אין ווינטער האָבן הפקר־יונגען חדשים־לאַנג גערויבט און פונאַנדערגענומען אַלע הילצערנע בית כסאס. זיי האָבן דאָס געטון כדי צו מאַכן געלט. אין אייניקע נעכט זענען אויף קעלבאַך־גאַס צעלייגט געוואָרן דריי הילצערנע הייזלעך. עס זענען אַרויסגעריסן געוואָרן ביי שכנים טירן, לאָדנס, פענצ־

טער און אַלץ וואָס עס האָט נאָר געשטאַמט פון האַלץ. נעמענדיק דאָס אַלץ אין אַכט, האָב איך באַשלאָסן — זאָגט דער פּרעזעס — זיך אַנטקעגן צו שטעלן דער דערמאָנטער גנבים־באַנדע. איך וועל זיך נישט אָפּשטעלן פאַר די האַרבסטע שטראָפן. איצטער מוזן מיר אָנגעמען די געהעריקע שריט אויפצובויען די דעמאָלירטע קלאָזעטן און מיסטקאַסטנס וואָס בילדן דעם הויפּט־מקור פון פאַרשפּרייטן כלערליי עפּידעמיעס. איך לייג פאָר צו שאַפן צוויי קאָמיסיעס: 1) אַ סאַניטאַרע קאָמיסיע וואָס דאַרף אויסאַרבעטן אַ גע־בויעם פּלאַן, ווי אַזוי צוריק־אויפצובויען די קלאָזעטן; 2) אַ יורידישע קאָ־מיסיע, וואָס זאָל באַשטימען די שטראָפן פאַר די פאַרברעכער, וואָס וועלן געכאַפּט ווערן ביים פונאַנדערנעמען די בוי־אָביעקטן.

דערמיט איז די ספּעציעלע זיצונג אויפן באַלוטער־מאַרק, אונטערן פאָרזיץ פון פּרעזעס, געשלאָסן געוואָרן.

כדאי צו פאַרצייכענען, אַז די צוויי קאָמיסיעס זענען אויפן אָרט נישט אויסגעוויילט געוואָרן. דער פּרעזעס האָט זיך אַרומגעזען, אַז עס פעלן אים אַ פּאָר מענטשן, וואָס ער וואָלט געוואָלט האָבן אין די קאָמיסיעס. די מענטשן זענען נישט געקומען צו דער זיצונג. זיי האָבן מיטגעטיילט, אַז זיי פילן זיך נישט גוט. נו, וואָס טוט דער פּרעזעס? די זיצונג האָט ער דורכגעפירט, אָבער די קאָמיסיעס וועט ער שפּעטער נאָמינירן.

דעם 30סטן אַפּריל.

דער חודש אַפּריל, וואָס איז שוין געווען פאַרצייכנט ווי אַ לייכטער חודש, האָט, לײדער, אויך געהאַט 804 טויטע אויף 26 געבורטן.

דעם 1טן מאַי.

1טער מאַי! דער יום־טוב פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־סאָלידאַריטעט! ווו איז היינט די דאָזיקע סאָלידאַריטעט? די ייִדן געפינען זיך אין אַ געטאָ. כדאי צו דערמאָנען, אַז דעם באַפעל צו שאַפן דאָס געטאָ האָט געגעבן דער פּאָליצײ־שעף שעפער ימ״ש. דאָס אָרט איז שפּעטער פאַצוימט געוואָרן מיט שטעכל־דראָט און אַרומגעשטעלט געוואָרן מיט אַ באַוואָפנטן באַטאַליאָן וואָס גיט אַכטונג, אַז די ייִדן זאָלן נישט אַריין און אַרויס פון געטאָ. אין זעלבן באַפעל האָט דער פּאָליצײ־פּרעזידענט געמאָלדן, אַז פון

היינט אָן און ווייטער טאָר קיין שום פּריוואַטע פּערזאָן נישט האַנדלען מיט די ייִדן וואָס באַוווינען דאָס געטאָ. אויך די געטאָ־איינוווינער טאָרן נישט פירן קיין שום האַנדל מיט די, וועלכע וווינען אויסערן געטאָ. פאַר איבער־שרייטן דאָס געזעץ דראָעט טויט־שטראָף.

עטלעכע טעג אײדער די וואָך איז געשטעלט געוואָרן אַרום געטאָ האָבן אַלע ייִדן, וועלכע האָבן באַוווינט די גרענעץ־גאַסן, מאַסנוויז פאַר־לאָזט זייערע וווינונגען. אַזוי אַרום האָט זיך געשאַפן אַ דאָפּלטע שרעקלעכע ענגשאַפט, וואָס האָט באַלד ביים אָנהייב געבראַכט קרבנות.

אַוועק אַ יאָר מיט 5 חדשים! מיט אַזויפיל טרויעריקע איבערלעבענישן, מיט אַזויפיל גרויזאַמקייט, געמיינקייט, צער און פּיין. אין דער פינצטערער צייט איז נישט אַדורך קיין איין טאָג, אַז דער מלאך־המות זאָל נישט האָבן אַריינגעקומען אין אַ ייִדישער שטוב. וויפל מיתות־משונות זענען אין דער צייט פאָרגעקומען? וויפל רשעות האָט די צייט באַוויזן צו זען? וויפל ווילד־קייט פון פרעמדע און שלעכטקייט פון אייגענע, רדיפות פון פרעמדע און געמיינקייטן פון אייגענע? וויפל מאַמעס האָב באַוויינט זייערע געשוואָלענע קינדערלעך, וואָס האָבן געהונגערט ביז דער טויט האָט זיי אויסגעלייזט?

אַוועק איז אַ שווידער־צייט. קיין שום געטאָ־מענטש איז ניט אימשטאַנד צו געדענקען אַלץ, וואָס אַרום אים איז געשען. אַ צייט פון מאָרדן, אַ צייט פון אויסערגעוויינלעכע ליידן. דער בית־עולם־אויפזעער, ה׳ ביאלער, האָט אין זיין טויטן־בוך איינגעשריבן 6.164 טויטע. ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן האָט לאָדזש געציילט 250 טויזנט ייִדן. דעמאָלט איז די שטערבלעכקייט געווען נישט מער ווי 8 ביז 10 טעגלעך. ווען די געטאָ איז פאַרמאַכט גע־וואָרן זענען נאָר געבליבן 150 טויזנט ייִדן. דאָך האָט די שטערבלעכקייט דערגרייכט אַזעלכע קאָשמאַרע ציפערן.

דעם 2טן מאַי.

היינט זענען צוריקגעקומען אין געטאָ אריין פון דייטשלאַנד 91 אַר־בעטער. די אַלע צוריקגעקומענע זענען ביי דער אַרבעט קראַנק געוואָרן. אינטערעסאַנט איז, אַז קיין איינער פון די צוריקגעקומענע וויל נישט דער־ציילן, ווו זיי האָבן געאַרבעט און ווי אַזוי עס האָט אויסגעזען די באַהאַנד־לונג. זיי בעטן זיך נאָר, אַז מען זאָל זיי לאָזן צוריק געזונט ווערן און קומען

צו די כוחות. מער אויף קיין אַרבעט וועלן זיי שוין נישט פאָרן, אַפילו ווען עס וועט זיי אויסקומען צו שטאַרבן אויפן אָרט. צווישן די צוריקגעקומענע געפינען זיך אויך אייניקע וואָס זענען אין געטאָ באַשטראָפט געוואָרן פאַר גניבות. זיי זאָגן, אַז ווער עס גנבעט אין געטאָ, דער איז נישט בלויז אַ גנב, נאָר אויך אַ מערדער פון זיין פאַמיליע און פון זיין פאָלק.

טרויעריק און שיין איז געווען צו זען ווי די משפחות פון די צוריקגעקומענע האָבן זיך באַגעגנט. איינער איז אַרויפגעפאַלן אויפן צווייטן, גע־האַלדזט, געקושט זיך, געוויינט און געלאַכט. די קינדערלעך האָבן פאַר פרייד, ווען זיי האָבן געזען צוריק זייערע פאָטערס, גענומען טאַנצן אויף די גאַסן און געזונגען: „רומקאָווסקי חיים, גיט אונדז קלאַיען, ער גיט אונדז גראָפּן אַזוי ווי מאָן, פאַרצייטנס האָבן ייִדן געגעסן מן“.

דעם 3טן מאַי.

היינט איז דאָס געטאָ אויפגעטרייסלט געוואָרן. צוויי זעלבסטמאָרדן אויף איין אָרט! האַלב 9 אין דער פרי האָט זיך פלוצים דערהערט אַן אויס־געשריי: ראַטעוועט! איידער דער דערשראָקענער עולם איז צו זיך געקומען האָט מען שוין פון דערווייטנס באַמערקט, ווי דער דייטשער וואַך־פּאָסטן, וואָס שטייט ביי דער בריק אויף לוטאָמיערסקאָ־זגערזשער העלפט אָפּראַ־טעווען אַ יונגן מענטשן, וואָס איז אָקאָרשט אַראָפּגעשפּרונגען פון דער בריק און האָט אויפן אָרט צעבראָכן הענט און פיס. דער וואַך־פּאָסטן האָט שטאַרק באַדויערט דעם זעלבסטמערדער און האָט דערביי געזאָגט: „אַלץ איז שולדיק דער פאַרשאָלטענער קריג. ווען נישט די קריג, וואָלט איך אַזאַ פאַר־צוויפלטן זעלבסטמאָרד נישט געזען“. מען האָט דייטלעך געזען, אַז ער האָט עגמת־נפש. מיט צוויי שעה שפּעטער איז, אויף דעם זעלבן אָרט, ווידער פאָרגעקומען אַ זעלבסטמאָרד. אויך דער צווייטער האָט זיך פון דער בריק אַראָפּגעוואָרפן און אויך געבליבן ליגן אַ צעשמעטערטער אויפן ברוק. ביידע זעלבסטמערדער האָבן איבערגעלאָזט פרויען און קינדער. ביידע האָבן קיינעם נישט באַשולדיקט אין זייער פאַרצווייפלטן שריט. ביי דעם ערשטן האָט מען געפונען אַן אַרבעטס־דאָקומענט, פון שוסטער־רע־סאָרט, אויסגעשטעלט אויפן נאָמען, מאיר ווילק. ביי דעם צווייטן האָט מען גאָרנישט געפונען.

שלמה פראַנק

דעם 4טן מאַי.

„טישלער־רעסאָרט" — אַזוי הייסט די אַרבעטס־אָרגאַניזאַציע וואָס הײנט איז אַ יאָר ווי זי איז געשאַפן געוואָרן אין געטאָ. דער רעסאָרט איז פונקט אַזוי אויפגעשטעלט געוואָרן, ווי דער שניידער־רעסאָרט. יעדער טישלער האָט זיין וואַרשטאַט געבראַכט אין דעם אַלגעמיינעם רעסאָרט אַריין און אַזוי אַרום איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַ מאָדערנע טישלעריי־פאַבריק. די ריכטיקע טעטיקייט פון דעם רעסאָרט הייבט זיך אָן ערשט פון 20סטן מאַי 1940.

הגם קיין אָפיציעלער אַרבעטס־רעסאָרט האָט נאָך דעמאָלט נישט עקזיסטירט, האָבן שוין די טישלער זיך צוביסלעך אָרגאַניזירט און געאַרבעט פאַר דער קהילה און פאַר די פאַרשידענע געטאָ־אַמטן. נאָך אייניקע וואָכן האָט די דייטשע שטאָט־פאַרוואַלטונג אָנגעהויבן באַשטעלן פאַרשידענע מעבל־שטיק ביי די יידישע טישלערס אין געטאָ. היות די באַשטעלונגען זענען גוט אויסגעפירט געוואָרן, האָט אויך די געסטאַפּאָ און אַנדערע מיליטערישע אינסטיטוציעס אָנגעהויבן צו מאַכן פאַרשידענע באַשטעלונגען. נאָך דעם ווי עס איז געוואָרן אַ סך אַרבעט האָבן זיך די טישלערס פאַראייניקט און געמאַכט פון דעם קליינעם רעסאָרט אַ גרעסערע טישלעריי־פאַבריק. דעם 18טן יוני 1940 איז געלייגט געוואָרן דער גרונטשטיין פון דעם גרויסן מאָדערנעם טישלער־רעסאָרט אויף דרוקאַרסקאַ 12, אונטער דער אָנפירונג פון באַקאַנטן אַמאָליקן האַנטווערקער־דירעקטאָר ב. פּרוינד. ביים אָנהייב האָט דער רעסאָרט געאַרבעט מיט ווייניק מענטשן. בס"ה זענען געווען באַשעפטיקט 50 אַרבעטער. זייער אַרבעט איז געווען ביוראָ־מעבל. צוליב די גרעסערע באַשטעלונגען איז די צאָל אַרבעטער דרייפאַכיק פאַרגרעסערט געוואָרן. דער רעסאָרט האָט פאַרנומען דעם גאַנצן דריי־שטאָקיקן בנין אויף דרוקאַרסקאַ 12. צוליבן ווּקס פון די באַשטעלונגען האָט זיך געעפנט אַ צווייטע טישלער־פאַבריק אויף רייטערס־גאַס. דאָרט איז פאַרריכט און באַנייט געוואָרן אַלט מעבל, וואָס איז געבראַכט געוואָרן מחוץ דעם געטאָ און וואָס איז גערויבט געוואָרן פון יידישע שטובן.

אינעם ערשטן טראַנספּאָרט אַלט־מעבל, וואָס איז געקומען אין דער געטאָ אַריין האָט מען אין די שופלאָדן נאָך געפונען פאַרשידענע יידישע

צייטונגען, בילדער־אַלבומען, סידורים, מחזורים, יידישע בריוו, טליתים, ווי אויך מזוזות.

דעם 1טן מערץ 1941 איז אין לאָקאַל אויף סודקא 19, געעפנט געוואָרן אַ דריטע טישלער־פאַבריק.

שפּעטער איז אויך ביי דעם אַלגעמיינעם גרויסן טישלער־רעסאָרט אויפגעשטעלט געוואָרן אַ קליינע שלאָסעריי און אַ שמידעריי. איין טישלער־אָפּטיילונג האָט אויך אויסגעאַרבעט אַ גרעסערע צאָל אַזויגערופענע האַלב־פאַבריקאַטן: הילצערנע זוילן, קלעצער, קאָפּיטעס און שטיפטן. דאָס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן נאָר פאַרן געברויך פון די שוסטער־וואַרשטאַטן אין געטאָ.

אין אַלע דריי טישלער־רעסאָרטן זענען ביזן היינטיקן טאָג באַשעפטיקט 1.800 אַרבעטער, פאַכמענער און געהילפן. די פאַכמענער זענען טישלער, דרעקסלער, פּאָלירער, שניצער, צייכענער, מאָלער און לאַקירער. חוץ מזה, זענען אויך באַשעפטיקט יוגנטלעכע, וועלכע דער פּרעזעס וויל אויסלערנען אַ מלאכה און מאַכן פאַר זעלבסטשטענדיקע אַרבעטער.

פאַר דער אָנפירונג פון אַלע דריי טישלער־רעסאָרטן איז פאַראַנט־וואָרטלעך דער הויפּט־דירעקטאָר ב. פּרווינד; פאַר די אויסאַרבעטונג זענען פאַראַנטוואָרטלעך די מייסטערס מיט זייערע געהילפן.

דאָס אַלץ איז ווויל און פיין. די דייטשן זענען צופרידן, די פאַבריקן גייען. די רעגירונג לויבט די יידישע אַרבעט. די קהילה פאַרדינט דערביי שטיקער גאָלד. אַ דאַנק די טישלער־אַרבעטער האָט דער פּרעזעס אַ סך דערגרייכט, אַפילו לויב־אַרטיקלען אין דער ליצמאַנשטעטער צייטונג. נאָר די אַרבעטער צוזאַמען מיט זייערע מייסטערס, זיי הונגערן, זיי שטאַרבן ביים וואַרשטאַט, זיי ווערן טראַקטירט ווי די ערגסטע שקלאַפן. זיי ווערן מורא־דיק אויסגענוצט. די אַרבעטער באַקומען נישט צו דער צייט זייער געהאַלט, באַקומען נישט די צוגעזאָגטע טאָפּלטע זופּן, באַקומען נישט די מעגלעכקייט זיך אָפּצורוען, ווערן געהאַלטן און טראַקטירט ווי גנבים. פאַר יעדן פּראָ־טעסט ווערן זיי דורך רומקאָווסקין מיט זיינע געהילפן געטריבן עד לחרמה. דאָס איז דער טישלער־רעסאָרט, ווו עס אַרבעטן די בעסטע יידישע פאַכ־מענער, וואָס זייערע וואַרשטאַטן זענען געווען פאַרן קריג אַ שיינדל פאַר

דער גרויסער שטאָט לאָדזש און איצט אַרבעטן זיי ווי פאַרברעכער און שטאַרבן ביי זייער אַרבעט.

דעם 5טן מאַי.

יעדן טאָג מערן זיך טויט־פאַלן, דווקא פון אַזעלכע מענטשן וואָס האָבן נעכטן געחוזקט און געלאַכט פון אַלעם. די צאָל פון די אָפּטימיסטן אין געטאָ ווערט וואָס אַמאָל קלענער.

גאַנץ איראָפּע געפינט זיך אונטערן דייטשן שטיוול. וואָס לענגער עס פאַרציט זיך די מלחמה אַלץ טרויעריקער ווערט אונדזער גורל. דעריבער שפּרינגען מענטשן פון די פענצטער, שפּרינגען פון די בריקן. זיי סמען און הענגען זיך און קיין שום כוח קען די דאָזיקע מענטשן נישט אָפּראַטעווען פון זעלבסטמאָרד.

צווישן די 150 טויזנט יידן געפינען זיך 300 אויסדערווילטע. אָט די קליקע פירט זיך אויף אַזוי ווי דער שונא וואָלט זי נישט געמיינט. די דאָזיקע לייט פרעסן און זויפן מיט צען מיילער. זייערע הערצער זענען פון שטיין, זיי פילן נישט דעם פאָלקס־צער. זיי פאַרברענגען יעדע נאַכט אין הולאַנקעס, זיי רעגירן מיט כוח, מיט חוצפּה און מיט חניפה. זייערע נעמען זענען דעם אַנגעוויטיקטן פאָלק גוט באַקאַנט. זיי זענען איינגעקריצט אין יעדן יידישן האַרץ. זאָל נאָר די וועלט אויסגעלייזט ווערן וועלן אָט די פאָלקס־פאַררעטער, די ברידער־מערדער, טייער באַצאָלן, הלוואי גאָטעניו, ווי דערלעבט מען שוין דאָס.

דעם 6טן מאַי.

שוין אַ לענגערע צייט, אַז די קראַנקן־שוועסטער פון אַלע שפּיטאָלן זענען ברוגז מיטן פּרעזעס. זיי האָבן שוין אייניקע מאָל געבעטן דעם פּרעזעס, אַז ער זאָל זייער לעבן אַ ביסל פאַרלייכטערן. יעדעס מאָל אָבער ווען זיי האָבן גערעדט צום פּרעזעס האָט ער זיך געמאַכט נישט הערן און אויסגעלאַכט זייערע פאָדערונגען. זיי האָבן געבעטן, אַז אַנשטאָט די 12 שעה וואָס זיי אַרבעטן אין טאָג, זאָלן זיי נאָר אַרבעטן 10 שעה. די קינדער זייערע אָדער די עלטערן פון די קראַנקן־שוועסטער זאָלן באַקומען אַ צוגאָב־זופּ, כדי זיי צו דערהאַלטן ביים לעבן, ווייל די שוועסטערס קענען

זיך נישט קיין עצה געבן אזוי ווי אַנדערע אין דער געטאָ, זיי מוזן שטיין אויף דער וואַך און היטן די קראַנקע. אַלע זייערע בקשות זענען דורכן פּרעזעס אָפּגעוואָרפן געוואָרן. די קראַנקן־שוועסטערס האָבן שוין אויפגע־הערט צו בעטן, און האָבן אָנגעהויבן פאָדערן און דראָען, אַז אויב מען וועט זיי נישט נאָכגעבן וועלן זיי וואַרפן די אַרבעט.

איידער זיי האָבן אָנגענומען דעם לעצטן באַשלוס, האָבן זיי געשיקט אַ דעלעגאַציע צום פּרעזעס. די דעלעגאַטן האָבן געבעטן דעם פּרעזעס, אַז ער זאָל נישט זיין איינגעשפּאַרט און זאָל עפּעס נאָכקומען. אָנשטאָט זיי צו ענטפערן, האָט ער זיי אַרויסגעטריבן און געשאָלטן מיט די ביטערסטע קללות. נאָכדעם ווי די דעלעגאַטן זענען צוריקגעקומען און דערציילט וועגן זייער דורכפאַל, האָבן די קראַנקן־שוועסטער אויסגערופן אויף מיטוואָך דעם 7טן אַ וואָרענונגס שטרייק. הערנדיק וועגן דעם, האָט דער פּרעזעס, דורך זיין ברודער יוסף באַפוילן, קורץ און שאַרף: „אויב איר וועט שטרייקן איין שעה, וועל איך אייך דורך דער פּאָליציי צווינגען צו גיין צו דער אַרבעט און דערביי וועט מען אייך גוט די ביינער צעברעכן, חוץ מזה וועל איך אייך האַלטן אין דער תפיסה אַזוי לאַנג, ביז איר וועט אויף די קני זיך בעטן און צוזאָגן, אַז איר וועט שוין גוט און פרום זיין". אָט די תשובה האָבן די קראַנקן־שוועסטער באַקומען פון פּרעזעס, נישט קוקנדיק אויף דעם האָבן זיי דערקלערט אַ שטרייק און זענען נישט געקומען צו דער אַרבעט.

24 שעה האָט דער פּרעזעס געוואַרנט און נישט אָנגענומען קיין דראַס־טישע מיטלען. נאָכדעם האָט ער גערופן די דעלעגאַטן און זיי אויפגעקלערט פאַרוואָס עס קומט זיי נישט קיין בעסערע באַהאַנדלונג. אייניקע דעלעגאַטן האָבן דעם פּרעזעס געענטפערט, אַז זיי און זייערע פאַמיליעס הונגערן, און אַז נישט איינמאָל פאַלן קראַנקן־שוועסטער ביי דער אַרבעט אין חלשות.

אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט, דער פּרעזעס איז שטאַרק אין כעס געוואָרן און ער האָט די דעלעגאַטן אַרויסגעטריבן און באַפוילן, אַז אַלע שפּיטאָלן זאָלן באַזעצט ווערן דורך דער פּאָליציי. נישט אַריין און נישט אַרויס לאָזן די קראַנקן־שוועסטערס. די וועלכע געפינען זיך אין די שפּיטאָלן נישט אַרויסלאָזן און צווינגען זיי צו אַרבעטן אָן איבעררייס. ביז זיי וועלן פאַלן פון די פיס.

די פּאָליציי, פאַרשטייט זיך, האָט דעם באַפעל אויסגעפירט און דווקא זייער שטרענג, אַזוי אַז צענדליקער קראַנקן־שוועסטערס האָבן געחלשט. אויב דאָס איז נאָך געווען ווייניק איז פלוצים אין שפּיטאָל אויף וועסאלא אָנגעקומען דער פּרעזעס מיט איינעם „ווילע־יונגען" און ער האָט באַפוילן, אַז אַלע קראַנקן־שוועסטער זאָלן זיך פאַרזאַמלען אין איין צימער. ווען אַלע זענען שוין געווען פאַרזאַמלט, האָט ער גערעדט צו זיי בזה הלשון: „איר טרעט צו אַרבעטן אָדער נישט? רעדן מיט אייך וועל איך נישט. ווער עס וועט וועלן מיט מיר רעדן וועט באַקומען פּעטש. די קראַנקן־שוועסטער האָבן קיין איין וואָרט זיך נישט אָנגערופן. געשטאַנען און געשוויגן.

פינף מינוט זענען אַריבער. אַ טויטע שטילקייט האָט געהערשט אין זאַל. פלוצים האָט דער פּרעזעס אַרויסגעכאַפּט ביי איינעם פון זיינע באַגלייטער דעם שטעקן און האָט אָנגעהויבן צו שלאָגן די קראַנקן־שוועסטער. די געוואַלדן זענען דערגאַנגען ביזן זיבעטן הימל. אויך די „ווילע־יונגען" האָבן מיט די שטיוול ברוטאַל געקאָפּיעט און געשלאָגן די שוועסטערס ביז בלוט. דער פּרעזעס האָט פריער נישט אויפגעהערט צו שלאָגן ביז דער שטעקן איז אים אַרויסגעפאַלן פון זיין האַנט. עס זענען באַלד געקומען צו לויפן פון אַלע אָפּטיילונגען דאָקטוירים און האָבן אָנגעהויבן צו ראַטעווען די אומגליקלעכע קראַנקן־שוועסטער פון די שלעגערס הענט. בסך הכל זענען מערדערלעך צעשלאָגן געוואָרן 18 קראַנקן־שוועסטער, צווישן זיי 6, וואָס האָבן געמוזט פאַרבלייבן אין שפּיטאָל אויף עטלעכע טעג.

נישט קוקנדיק דערויף, זענען די קראַנקן־שוועסטער ווייטער נישט צוגעטרעטן צו דער אַרבעט. פון די קראַנקע זענען אַ טייל געשטאָרבן. צוליב דעם איז געוואָרן אַ גרויסע בהלה. מענטשן, וואָס האָבן געהאַט זייערע משפּחה־מיטגלידער אין די שפּיטאָלן, זענען געקומען צו לויפן און געבעטן, אַז מען זאָל זיי אַרויסגעבן די קראַנקע. זיי ווילן נישט אַז צוליב דעם קאַפּריז פון פּרעזעס זאָלן זייערע נאָענטע שטאַרבן. די לאַגע איז געוואָרן וואָס אַ טאָג ערגער. די קראַנקע האָבן אָנגעהויבן אויפן קול צו בעטן הילף און קיין הילף איז נישט געקומען. טייל קראַנקע האָבן זיך צוגערוקט צו די פענצטער און געשריען: ראַ־טע־וועט יידן! מיר ווילן פון דאַנען אַרויס. די געוואַלדן פון די קראַנקע האָבן אַזוי אָנגעהאַלטן צוויי טעג ביז דאָס האַרץ פון פּרעזעס איז ווייכער געוואָרן. ער האָט אויפגענומען אַ דעלעגאַציע פון

דאָקטוירים און זיי געמאָלדן, אַז פון מאָרגן אָן וועלן די קראַנקן־שוועסטער באַקומען אַ גרעסערן געהאַלט און דאָפּלטע זופּן. די דאָקטוירים האָבן דאָס באַלד איבערגעגעבן די קראַנקן־שוועסטער און די לעצטע זענען צוגעטרעטן צו דער אַרבעט. אַזוי אַרום האָט זיך געענדיקט אַ טרויעריק קאַפּיטל, וואָס האָט געמאַכט אַ שרעקלעכן איינדרוק אין געטאָ.

דעם 7טן מאַי.

דער אויפשטאַנד אין איראַק קעגן די ענגלענדער האָט אַ סך פאַרדרוס פאַרשאַפט די געטאָ־יידן, וואָס אָן אמת ווייסן מיר, אַז ענגלאַנד וועט זיך אָן עצה געבן מיט די „העלדישע" איראַקער! און דאָך! רבונו של עולם, טאָמער האָבן מיר ווייניק צרות דערפון וואָס די ענגלענדער כאַפּן קלעפּ אין אייראָפּע און אין אַפריקע, איז צוגעקומען אָן אויפשטאַנד אין אַזיע, ביי די טויערן פון ארץ־ישראל.

דעם 8טן מאַי.

אַ גרויסער טומל אין געטאָ. דער אַפּראָוויזאַציע־לייטער, ה' שטשעגנש־ליווע, האָט זיך היינט אָנגעגעבן אין דימיסיע. עס קורסירן אַרום פאַרשי־דענע קלאַנגען; איינער זאָגט, אַז צו דער דימיסיע האָט גורם געווען דער פּאָליציי־קאָמיסאַר ריינגאָלד; אַ צווייטער זאָגט, אַז דער פּרעזעס האָט אים שוין לאַנג געוואָלט באַזייטיקן, נאָר צוליב פאַרשידענע אָלטע, פאַרמלחמה־דיקע מעשים איז דעם פּרעזעס נישט געווען באַקוועם דעם אַמאָליקן האַנדלס־שותף צו באַזייטיקן; אַ דריטער זאָגט, אַז דער ייד האָט דעם קאָפּ אויף דער ריכטיקער זייט. ער וועט שוין האָבן צום עסן אַזוי לאַנג ווי דאָס געטאָלע וועט זיין, טאָ צו וואָס איינרייסן מיט דער גאַנצער וועלט? דערווייל איז לעבעדיק אין געטאָ. „מיניסטאָרן" גייען און „מיניסטאָרן" קומען, פּונקט ווי אין אַ נאָרמאַלער מלוכה.

אינטערעסאַנט וועט אָבער זיין איבערצוגעבן, וואָס דער בעל־הדבר אַליין דערציילט וועגן זיין דימיסיע: „איך בין שוין זאַט, איך קען מער ניט איבערטראָגן די אַלע קאַפּריזן פון פּרעזעס. ער ווייסט נישט וואָס ער וויל, איז דאָ צופיל עסן, הייסט ער שפּאָרזאַם זיין, נישט טיילן צופיל. איז דאָ ווייניק עסן, הייסט ער טיילן. לאָז אַ צווייטער אויך פאַרזוכן דעם טעם צו

זיין אַ לייטער איבער אַ שפּייכלער פון עסן, ווען אַרום דעם שפּייכלער שטייען אויסגעשטעלט טויזנטער הונגעריקע מענטשן און בעטן זיך: גיב אונדז עסן. די הויפּט־צרה איז וואָס דעם פּרעזעס כאַפּט אָן יעדעס מאָל אַן אַנדער משוגעת. ער זידלט מיינע מיטאַרבעטער, צי זיי האָבן זיך יאָ פאַרזינדיקט, צי זיי האָבן זיך נישט פאַרזינדיקט. און צום סוף — די איבער־קאָנטראָל פון פּאָליצייאישע קאָמיסאַרן. ווער דאַרף דאָס האָבן? הלוואי וואָלט זיך דער פּרעזעס נישט אַריינגעמישט, וואָלט פיל בעסער געווען. די פאַרטיילונג וואָלט געווען אַ נאָרמאַלע צו דער צייט. איצט גיי, און וויים ווער עס איז גערעכט...

היינט האָט דער פּאָליציי־פּרעזידענט פון ליצמאַנשטאָט פאַראָרדנט, אַז אַלע יידן וועלכע וווינען אין דעם קוואַרטאַל פון דרעוונאָווסקאַ, וואָס נעמט אַרום די גאַסן גענעראַלסקאַ, לעשנאַ, מאַיאָווא און אַפּיצערסקאַ, מוזן ביזן 20סטן מאַי פאַרלאָזן די וווין־ערטער. גלייכצייטיק ווערט געמאָלדן, אַז פאַר דעם דאָזיקן קוואַרטאַל ווערט אָפּגעגעבן די יידן אַ צווייטער קוואַרטאַל, פון די גאַסן, לאַגעווניצקאַ, סאַקאַזשעווסקי און די צוויי קליינע נעבן־געסלעך. אַלע וועלכע וווינען אין ערשטן קוואַרטאַל דאַרפן זיך איבערציִען נאָר אין דעם נייעם אָנגעוויזענעם אָרט.

דעם 9טן מאַי

ווי אַ דונער אין ווינטער האָט געווירקט אין געטאָ די דערהאַלטענע ידיעה, אַז דער סאָוועטישער פּרעמיער־מיניסטער מאָלאָטאָוו איז באַזייטיקט געוואָרן פון זיין אַמט און זיין אָרט האָט פאַרנומען סטאַלין בכבודו ובעצמו. די צערודערונג איז געווען זייער גרויס. אַ טייל יידן האָבן פּאַר פרייד פּשוט געוויינט. זיי האָבן דערקלערט, אַז איצט וועט רוסלאַנד אַריינטרעטן אין קריג און עס וועט אַ סוף זיין צום דייטש.

דעם 10טן מאַי

דער גאָו־לייטער גרייזער האָט היינט באַזוכט די געטאָ. דער פּרעזעס חיים רומקאָווסקי האָט דעם גאַסט אויפגענומען מיט גרויס כבוד אויפן באַלוטער מאַרק. איבער אַ שעה האָט געדויערט דער שמועס צווישן ביידע. שפּעטער האָבן די „הויכגעשעצטע געסט" צוזאַמען מיטן פּרעזעס באַזוכט

אייניקע אַרבעטס־רעסאָרטן, דערנאָך האָט גרייזער העפלעך געדאַנקט דעם פּרעזעס, געדריקט אים די האַנט און דערקלערט, אַז די אַרבעט פון געטאָ־ליצמאַנשטאַט איז ווייט, ווייט באַוווּסט אין דייטשלאַנד. ער האָט געזאָגט: „איך וואָלט נישט געגלויבט ווען איך זע נישט מיט מיינע אויגן די אויפריכטיקע און גוטע אַרבעט". און צוריק געשמועסט — פאַרוואָס זאָל די אַרבעט נישט זיין גוט? זי קאָסט כמעט גאָרנישט, די אַרבעטער זענען פּשוטע שקלאַפן, וואָס שטאַרבן ביי דער אַרבעט שטיל אַוועק.

היינט זענען אָנגעקומען פון אזאָרקאָוו אין דער געטאָ אַריין 600 ייִדן. זיי דערציילן אַז די ייִדן איז דאָרט ביז היינט נישט שלעכט געווען. עסן איז די גאַנצע צייט געווען צו דער זאַט. אַ סך האָבן באַקומען ביי דער אַרבעט גוט צו עסן און אויך אַ פּאָר גראָשן אויף ציגאַרן. אַנדערע האָבן ביי דער אַרבעט געקריגן געשלאָגן. אַ טייל פון דער אזאָרקאָווער געטאָ־ייִדן זענען געשיקט געוואָרן קיין דייטשלאַנד און אַ טייל אין דער לאָדזשער געטאָ אַריין.

צוליב דעם גרויסן דוחק אין ברען־מאַטעריאַל זענען טויזנטער מענטשן געוואָרן קוילן־גרעבער. אומעטום, וווּ נאָר אַ שטיקל פרייער פּלאַץ, האַלט מען אין איין גראָבן, אפשר וועט גאָט העלפן און מען וועט געפינען אַ ביסל שוואַרצע בריליאַנטן. דאָס גראָבן קומט פאָר פון פרי ביז שפּעט אין אָוונט. דאָס אָרט וווּ איינער האָט אַנטדעקט אַ ביסל קוילן ווערט געהיטן פון דעם אַנטדעקער אַ גאַנצע נאַכט, כדי אַ צווייטער זאָל זיך חלילה צו דעם אוצר נישט צוכאַפּן. עס קומען אויך פאָר צווישן די אַנטדעקער קריגערייען און געשלעגן. פאַרשטייט זיך, אַז קיין וואַגאָנען קוילן ווערן אויף די ערטער נישט אַנטדעקט. דערפאַר אָבער ווען עס קומט דער אָוונט, זעט מען ווי די שוואַרצע קוילן־גרעבער טראָגן אין קליינע בייטלעך די אָנגעזאַמלטע שוואַרצע בריליאַנטן.

דעם 11טן מאַי.

היינט זענען צוריקגעקומען פון דייטשלאַנד צוויי הונדערט אַרבעטער. כמעט אַלע צוריקגעקומענע זענען געווען שרעקלעך נידערגעשלאָגן און אויסגעמאַטערט. זיי האָבן מיט קיינעם נישט געוואָלט ריידן. ווען מען האָט איינעם געפרעגט: פאַרוואָס זענט איר אַזוי פאַרביטערט? האָט ער געענט־

פערט: — פאָרט אַהין, וועט איר זיך אַלץ דערוויסן. מיר דאַנקען גאָט, אויב אַזעלכער איז פאַראַן, וואָס מיר געפינען זיך שוין אויפן אָרט.

דעם 12טן מאַי.

די עוואַקואַציע פון די זעקס טויזנט ייִדן, וואָס וווינען אין די גאַסן וואָס ליגן נאָענט ביי דער געטאָ־גרענעץ מאַכט אַ שווערן איינדרוק. מען זעט ווי לעבעדיקע מתים שלעפּן זיך מיט זייער האָב און גוטס אויף די דאַרע אויסגעקרומטע רוקנס. דאָס אַריבערציִען זיך קומט פאָר אַ גאַנצן טאָג און עס וועט אַזוי אָנהאַלטן היינט, מאָרגן און איבערמאָרגן. פריִער, ווען עס איז פאָרגעקומען די גרויסע אַלגעמיינע עוואַקואַציע, ווען דאָס גאַנצע לאָדזשער ייִדנטום האָט מיט שרעק און בהלה געמוזט זיך אַריינשטופּן אין די ענגע שמוציקע געטאָ־געסלעך, האָבן נאָך די מענטשן אויסגעזען גוט. יעדער איינער האָט נאָך געהאַט צו עסן. אַ גרויסן טייל איז נאָך דעמאָלט געלונגען, מיטצוברענגען אין דער געטאָ אַריין אַ ביסל פאַרמעגן און מיט דעם האָט מען זיך געראַטעוועט. היינט, ווען דער גאַנצער קיבוץ הונגערט, איז פיל ביטערער, פיל טרויעריקער צוצוזען, ווי די טויזנטער אומגליקלעכע, באַהאָנגענע מיט זעק און בעטגעוואַנט, קריכן ווי שקעלעטן אין אַ טויטן־טאַנץ. אויך קינדער גייען נישט ליידיק. זיי זענען באַהאָנגען מיט פאַרשידענע שמאַטעס, טאָרבעס און אַנדערע קלייניקייטן. אויך קראַנקע ווערן געשלעפּט, אויך זיי ווערן עוואַקויִרט. זיי ווערן געטראָגן דורך קרובים. נישט איינער פון זיי גוססט אויפן וועג און באַווייזט שוין נישט צו זען זיין נייע וווינונג. די טרעגער פאַרבלייבן אין אַ פאַרלעגנהייט, ווייסן נישט וואָס צו טון און ווי זיך נוהג צו זיין מיט דעם עוואַקויִרטן פרישן מת. איך האָב געפרעגט אַ מאַמע פון פיר קינדערלעך, וואָס האָבן געשלעפּט אַ קינדער־בעטל און אין דעם קינדער־בעטל איז געלעגן אַ ביסל קיכן־געשיר און ביי יעדע פאָר טריט האָבן זיי זיך אָפּגערוט — ווו איז אייער מאַן? פאַרוואָס העלפט ער אייך נישט שלעפּן די זאַכן? די פרוי האָט מיט אַ שווערן זיפץ מיט געענטפערט: — מיין מאַן לעבט אַ גוטן טאָג. ער געפינט זיך אין סאָוועטרוסלאַנד. ער האָט זיך לייכט געמאַכט דאָס לעבן, איך, מיט מיינע קינדער, גייען אויס פאַר הונגער. איך לעב נאָר פון דעם וואָס איך פאַרקויף

טויער נומער 3. אין יאָר 1940 זענען די טויערן געהיטן געוואָרן דורך ס. ס.־מענער. דאָס טויער האָט זיך געפונען ראָג לוטאָמיערסקאַ־זגערזשער. צווישן די צוויי ס. ס.־לייט, שטייט אין דער מיט אַ יידישער פּאָליציאַנט.

די ראַל־קאָמיסיע וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער אויסראָטונגס־אַקציע אין דער לאָדזשער געטאָ.



ביי אַ פֿייערונג וואָס איז איינגעאָרדנט געוואָרן ביים שניידער־רעסאָרט, פֿון רעכטס: דר׳ וואַרשאַווסקי מיט זיין פֿרוי, דער פּרעזעס מיט זיין פֿרוי, ליטווין און גלאַזער.

דער פּרעזעס חיים רומקאָווסקי באַטראַכט אַ מתנה־בוך, וואָס איז אים געגעבן געוואָרן פֿון בעקער־רעסאָרט. פֿון רעכטס: שטייט טשענשליווע, אין דער מיט דער פּרעזעס און פֿון לינקס קאָמיסאַר ריינגאָלד.

די הויפּט־לייטונג פון דער אַפּראָוויזאַציע אין דער געטאָ; אין דער מיט זיצן טשעבישליוע און רייגאָלד.

די ווייסע גוואַרדיע וועלכע האָבן אָנגעפירט מיט דער פאַנאַנדערטיילונג פון דער אַפּראָוויזאַציע אין דער געטאָ.



די ערשטע געגרינדעטע קיך פאַר קינדער, דער פּרעזעס עסט צוזאַמען מיט אַ גרופּע קינדער.

ביבאָוו דער הויפּט־לייטער פון דער געטאָ־באַרוואַלטונג, אין אַ געשפּרעך מיט רומקאָווסקין. דאָס געשפּרעך איז פאָרגעקומען אין יאָר 1941.

רומקאָווסקי (X) באַגעגנט זיך מיטן נאַצי־תליין הימלער בעת זיין באַזוך אין לאָדזש.

די נאַציס האָבן איינגעאָרדנט אַזעלכע חוזק־מאַניפעסטאַציעס איבער די גאַסן.

די נאַציס פירן דורך אַ מאַסן־ספּעקטאַקל מיט פרומע לאָדזשער יידן.

דער גירוש פון לאָדזשער יידן.

אויס מיינע זאַכן. אָריינגעקומען בין איך אין דער געטאָ מיט אַ רייכטום און היינט צו טאָג פאַרמאָג איך אָט דאָס וואָס איר זעט.

דעם 13טן מאַי.

היינט האָט דער פּרעזעס באַפוילן צו אַרעסטירן דעם הויפּט־ריכטער פון שנעל־געריכט ה׳ אַלעקסאַנדער בראַנאַוסקי. דער פּרעזעס האָט געהייסן אים אײַנזעצן און אים האַלטן צו זיין דיספּאָזיציע אַזוי לאַנג, ווי ער וועט עס געפינען פאַר נייטיק. שווערע אָנקלאַגעס זענען דערגאַנגען צום פּרעזעס וועגן דעם הויפּט־ריכטער. מענטשן דערציילן אָבער, אַז בראַנאַווסקי זאָל האָבן דעם פּרעזעס צוגענומען זיין געליבטע. דאָס זאָל זיין זיין גרויסער חטא.

דעם 14טן מאַי.

היינט האַלב 10 אין דער פרי, איז דער פּרעזעס אין דער באַגלייטונג פון דער פריילין שיפּראָוו אָפּגעפאָרן קיין וואַרשע. דער צוועק פון דער רייזע איז צו ברענגען עטלעכע דאָקטוירים אין דער לאָדזשער געטאָ אַריין.

די גרויסע צאָל קראַנקע, וואָס האַלט אין איין וואַקסן, צווינגט דעם פּרעזעס צו פאָרן און צו פאַרזאָרגן דאָס געטאָ מיט נאָך אייניקע דאָקטוירים.

די געטאָ־פּאָליציי האָט היינט באַקומען אַ באַפעל פון דער ווער־מאַכט, אַז די פּאָליציי זאָל איינאָרדענען און אָרגאַניזירן נייטיקע פייער־לעש־מכשירים, כדי אויסצומיידן עווענטועלע בראַנד־שאָדנס אַלס רעזולטאַט פון לופט־אָנגריפן. צום באַפעל איז אויך צוגעגעבן אַ גענויע אויפקלערונג, ווי אַזוי זיך נוהג צו זיין אין דער צייט ווען דער שונא וועט אָנגרייפן די שטאָט און ווי זיך צו שיצן פון דער געפאַר.

דעם 15טן מאַי.

די געהיימע געטאָ־ראַדיאָ האָט היינט אויפגעכאַפּט אַ ידיעה, וואָס האָט אין אייניקע סעקונדן עלעקטריזירט דאָס גאַנצע געטאָ. דער ברענגער פון דער ידיעה, ה׳ וועקסלער, האָט גענוי געהערט, ווי די דייטשע, שפּעטער די ענגלישע און דערנאָך די פּוילישע געהיימע ראַדיאָ־סטאַנציעס, האָבן איבערגעגעבן, אַז דער פאַרטרעטער פון היטלערן, מיניסטער העס, האָט געמאַכט ויברח קיין ענגלאַנד. די ידיעה האָט געווירקט, גלייך ווי מען וואָלט

אַלע ייִדן אין דער געטאָ מיט איינמאָל אַריינגעזעצט אַ נייע נשמה. אין אַלע אַרבעטס־רעסאָרטן האָבן די אַרבעטער אָנגעהויבן פאַמעלעכער צו אַרבעטן און עס איז געוואָרן אַ שושקעריי: אפשר דאָך, אפשר איז שוין געקומען די צייט באַפרייט צו ווערן? עס איז מיר פשוט אוממעגלעך צו באַשרייבן די גרויסע פאָלקס־פרייד וואָס איז אַנטשטאַנען. טויזנטער ייִדן האָבן שוין געזען, ווי זיי ווערן באַפרייט, האָבן זיך געווונטשן מזל טוב, צע־קושט זיך מיט די שכנים, געזונגען פרייהייטס־לידער. עס איז געוואָרן אַ גאַנצע איבערקערעניש. טויזנטער, גרויס און קליין, האָבן פאַר פרייד פאַר־געסן אָפּצונעמען די קוכן־זופּ. מען איז געלאָפן הערן אָדער זען אַ שטיקל צייטונג און געקוקט אין הימל אַריין צי די ענגלענדער לאָזן זיך שוין נישט אַראָפּ און פאַרנעמען נישט די שטאָט מיט דער געטאָ. מענטשן האָבן פאַר־געסן, אַז זיי זענען הונגעריק, זיי האָבן פאַרגעסן אין זייערע צרות, אין זייערע קראַנקע לונגען. מען האָט געהאַלטן אין איין רעדן וועגן דער באַ־פרייאונג, וואָס וועט אַ ליאַדע טאָג קומען.

דעם 16טן מאַי.

אַ געדיכטער שניי איז היינט געפאַלן פון הימל. דער שניי איז געפאַלן ביז אין די מיטאָג־שעהן. נאָך מיטיק האָט זיך די זון צוביסלעך אַדורכגע־ריסן דורך די וואָלקנס און געבערענגט אַ ביסל וואַרעמקייט די געפרוירענע פאַרפינצטערטע, אויסגעהונגערטע געטאָ־ברואים.

דעם 17טן מאַי.

אויפן בית־עולם ליגן דריי הונדערט טויטע און וואַרטן אויף זייער ריי צו קומען צו קבר ישראל. די טויטע ליגן שוין עטלעכע טעג. יעדער איינער איז פאַרזען מיט אַ פּירקאַנטיקן ווייסן צעטל. זיי ליגן אַזוי ווי אַמאָל די געשאָכטענע גענדז אויפן באַזאַר. אַ שווערן איינדרוק מאַכט ווען מען זעט ווי די משפחות פון די מתים וואַרטן אָפּ גאַנצע טעג, כדי צו זיין ביי דער קבורה פון זייערע נאָענטסטע, און צום סוף מוזן זיי אַוועקגיין מיט פאַרביטערטע הערצער, ווייל אויך די טויטע מוזן וואַרטן אויף זייער ריי.

אַ געלער, גרויסער פּלאַקאַט האָט היינט מיטגעטיילט, אַז פון מאָרגן אָן וועט די געטאָ־באַפעלקערונג באַקומען צוגעטיילט צו 6 קילאָ קוילן אויף

אַ פּערזאָן, 2 קילאָ האָלץ און 10 דעקאָ פערד־פלייש. די צוטיילונג מוז אָפּגענומען ווערן במשך פון דריי טעג.

צום סעקרעטאַריאַט פון פּרעזעס זענען אָנגעקומען דריי בריוו. דער אינהאַלט פון זיי איז פאָלגנדיקער:

בריוו נומ׳ 1. — פון דער פרוי חיה וויגדעראַוויטש. זי שרייבט: — „איך בעט דעם פּרעזעס, אַז ער זאָל רופן מיין מאַן און אים אויפפאָדערן, אַז ער זאָל נישט צונעמען דאָס ברויט פון די קינדער. אַלע מיינע רייד צו אים העלפן נישט. אפשר וועט דער פּרעזעס ביי אים פועלן".

בריוו נומ׳ 2. — שרייבט די פרוי לאַלאַ גרינבערג. — „זאָל דער גרויסער פּרעזעס וויסן, ווי אַזוי איך ווער באַהאַנדלט פון מיין מאַן. ער עסט אויף מיין ברויט און ווען איך פרעג אים, „פאַרוואָס עסט דו אויף מיין ברויט?" שלאָגט ער מיך און שיקט מיך אין דער ערד אַריין. איך קען דאָס מער נישט אויסהאַלטן. זאָל דער פּרעזעס ביי אים פועלן, אַז ער זאָל נישט צונעמען מיין שטיקל ברויט, ווייל איך וועל דאָס נישט אויסהאַלטן".

בריוו נומ׳ 3. — שרייבט זיסל פרענקל. — „איך בעט דעם פּרעזעס, אַז ער זאָל שיקן פּאָליציי צו אַרעסטירן מיין איינציקן זון מלך. ער האָט נישט קיין רחמנות אויף זיינע אַלטע עלטערן. ווען מיר בעטן אים, אַז ער זאָל צוריקגעבן מיין ברויטקאַרטע שלאָגט ער אונדז און שילט אונדז מיט די ערגסטע קללות. ער זאָגט: „איר האָט שוין גענוג געלעבט. סיי ווי וועט איר באַלד שטאַרבן, איז בעסער וואָס פריער, כל זמן עס זענען נאָך דאָ ברעטער און תכריכים". דער פּרעזעס האָט די אַלע דריי בריוו איבערגעגעבן צו דער פּאָליציי, זי זאָל די זאַך אויספאָרשן און די שולדיקע באַשטראָפן.

8 אַזייגער אין דער פרי האָט זיך דאָס געטאָ־טויער אויף זגערזשער־לוטאָמיערסקאָ ברייט געעפנט און פיר עלעגאַנטע אויטאָס מיט דייטשע געסט זענען אַריינגעפאָרן און זיך אָפּגעשטעלט אויפן באַלוטער־מאַרק. דאָרט איז פאָרגעקומען אַ קורצער געשפּרעך מיט דער פריילין פוקס. אַ ביסל שפּעטער איז אָנגעקומען דער וויצע־פּרעזעס יאַקובאָוויטש און אַלע צוזאַמען זענען אַרומגעפאָרן און באַזוכט אייניקע אַרבעטס־רעסאָרטן.

צום ערשטן האָבן זיי באַזוכט די וועש־קליידער־צענטראַלע אויף דוואָרסקאָ 14. דאָרט זענען זיי אויפגענומען געוואָרן דורכן הויפּט־לייטער

לייבל גלאַזער. מען האָט זיי געוויזן פאַרשידענע מאָדעלן פון דאַמענקליידער, מיליטערישע בלוזעס, רעק, שלאָפרעק און פאַרשידענע אַנדערע קאָנפעקציע־אַרטיקלען. די געסט האָבן אַלץ שטאַרק באַוואונדערט און אויסגעדריקט אַ דאַנק און אָנערקענונג דעם לייטער גלאַזער און זיינע געהילפן. שפּעטער האָבן זיי באַזוכט די וועשעריי־צענטראַלע אויף דרעוונאָווסקי 75. דער לייטער ה' גראַוער האָט געגעבן אַ איבערבליק ווי אַזוי די מיליטערישע פאַרבלוטיקטע וועש ווערט געוואַשן, סאָרטירט און צוריק אָפּגעשיקט אויף די געהעריקע ערטער. די וועש ווערט געוואַשן מיט די נייסטע מאָדערנסטע וואַש־מכשירים. אויך דאָרט האָט זיך די קאָמיסיע גענוי וועגן אַלעם איינפאָרמירט. שפּעטער האָט זי צוגערופן איינצקע אַרבעטער און זיי אויסגעפרעגט צי זיי זענען צופרידן פון דער אַרבעט? דערויף האָבן די אַרבעטער דערקלערט: „פון דער אַרבעט זענען מיר צופרידן, נאָר פון עסן נישט. מיר הונגערן, מען טיילט אונדז נישט צו דאָס וואָס מיר דאַרפן באַקומען פון דער מאַכט". יאַקובאָוויטש, וואָס איז געשטאַנען דערביי, איז, הערנדיק דעם ענטפער, וויים געוואָרן ווי קרייד און האָט געציטערט. ביים טישלער־רעסאָרט האָבן די קאָמיסיע־מיטגלידער צוגערופן דעם פּאָליציי־קאָמיסאַר טערקעלטויב און אים געדאַנקט פאַר דעם אַלעם, וואָס זיי האָבן אין טישלער־רעסאָרט געזען. פון דאָרט זענען זיי צוריקגעפאָרן צום באַלוטער־מאַרק, דאָרט געווײלט ביז שפּעט אין אָוונט און שפּעטער פאַרלאָזט ס׳געטאָ.

דעם 18טן מאַי.

דער פּאָליציי־פּרעזידענט פון ליצמאַנשטאַט, שעפער, האָט היינט צוגעשיקט צו דער געטאָ־פאַרוואַלטונג ווי אויך צו דער געטאָ־פּאָליציי אַ גרויסן פראַגע בויגן מיט די פאָלגנדיקע שאלות:

1 — וויפל פּאָליציי־לייט געפינען זיך אין דער געטאָ?

2 — וואָס איז די באַדייטונג פון יעדער אָפּטיילונג?

3 — וויפל פּאָליציי־רעווירן געפינען זיך און וועלכע זענען די אַדרעסן פון די רעווירן?

4 — וויפל אַרעסט־הייזער האָט די פּאָליציי?

עס איז כדי צו פאַרצייכענען, אַז דער זעלבער ר. שעפּער איז דער זועלכער האָט דעם 8טן פעברואַר 1940 באַפוילן אַז אַלע ייִדן זאָלן אין פאַרלויף פון 48 שעה פאַרלאָזן די שטאָט און זיך באַזעצן אין אַ ספּעציעלן קוואַרטאַל, וואָס איז צוגעטיילט געוואָרן פאַר די ייִדן אין באַלוט. צענד־ליקער טויזנטער ייִדן, כמעט בלויז מענער, מורא האָבנדיק איינגעשלאָסן צו ווערן אין געטאָ, זענען אַנטלאָפן קיין רוסלאַנד, איבערלאָזנדיק זייערע פרויען און קינדער, זייערע אַלטע טאַטעס און מאַמעס אויף גאָטס־באַראָט.

אין יענעם טאָג זענען אומגעקומען 30 ייִדן.

ווען די פּאָליציי האָט אָנגעהויבן מאַכן אַ רעגיסטראַציע האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין דער געטאָ זענען אַריינגעשטופּט געוואָרן קנאַפּע 170 טויזנט נפשות. 20 טויזנט נפשות האָבן אין פאַרלויף פון 3 חדשים פאַרלאָזט די געטאָ און זיך באַזעצט אין פאַרשידענע קלענערע געטאָס אַרום לאָדזש און אויך זיך אַריבערגעכאַפּט קיין וואַרשע.

דער קוואַרטאַל וואָס איז צוגעטיילט געוואָרן דורך דעם פּאָליציי־שעף, האָט אַרומגענומען די פאָלגנדיקע גאַסן: די לענג פון באַוואַמיעיסקאַ פון נומער 30 ביז זגערזשער 96, אַריינגערעכנט די אַלע נעבן גאַסן, אַלטער־מאַרק, סטאַדאַלניאַנאַ, איזראַעלסקאַ, אַ שטיקל קילינסקיעגאַ, דרעוונאָווסקאַ, לוטאָמיערסקאַ, וועסאָלאַ, ריבנאַ מיטן באַזאַר און אַנדערע. די ברייט האָט זיך געצויגן פון לוטאָמירסקאַ 125 ביז בזשעזשינער 108, אַריינגערעכנט אַ גרויסער צאָל קליינע נעבן־געסלעך, וואָס אייניקע האָבן זיך געצויגן ביז מאַרישין און ביז צום בית־החיים. די הויפּט־גאַסן פון געטאָ זענען געווען, בזשעזשינער, לוטאָמיערסקאַ, זגערזשער און לימאַנאָווסקיעגאַ. אויף די לעצ־טע צוויי זענען די טראָטואַרן פריי, דאַקעגן דער מיטל־וועג איז געווען פאַרצוימט מיט שטעכל־דראָט.

וואָס דערציילן די ליטווישע און לעטישע ייִדן וואָס זענען דאַמאָלט איבערגעבליבן אין דער שטאָט? זיי דערציילן: „דער פּאָליציי־שעף שעפּער מיט זיין גאַנצער סוויטע האָבן זיך אַוועקגעזעצט ביים פענצטער פון גראַנד־האָטעל און געפילמירט די סצענע ווי מען יאָגט די ייִדן אין דער געטאָ. די גאַנצע צייט האָבן זיי געהאַלטן אין איין לאַכן און חוזק מאַכן פון די דערשראָקענע ייִדן. שפּעטער האָט זיך די זעלבע גרופּע פאַראייניקט מיט

נאָך אַ צווייטער גרופּע און זיי האָבן אַזוי ווי גאַסן־יונגען געשלאָגן די יידישע מענער, וואָס האָבן זייערע שווערע שליטנס נישט געקענט אַזוי גיך שלעפּן. „יודע, יודע, מאַך דאָס פלינק, ווייל דו באַשמוצט די שטראַסע" — האָבן זיי געשריגן.

דעם 19טן מאַי.

היינט 6 אין אָוונט איז פון דייטשלאַנד צוריקגעקומען אַ גרעסערע גרופּע אַרבעטער. דאָס מאָל זענען נישט צוריקגעקומען קיין קראַנקע, נישט קיין שוואַכע, נאָר פעסטע, געזונטע „חברימלעך" (אַזוי האָט מען זיי גערופן ווען מען האָט זיי געזען) מיט אָנגעפּרעסענע פּיסקעס.

וואָס דערציילן די צוריקגעקומענע? — מיר האָבן געאַרבעט 1 קילאָמעטער ווייט פון דער שטאָט דאַנציק, די באַהאַנדלונג איז נישט געווען קיין שלעכטע. עס האָבן אויך מיט אונדז געאַרבעט אייניקע גריכן און יוגאָסלאַוון. פּלוצים האָבן מיר געהערט אַז אין שטאָט איז פאָרגעקומען אַ דעמאָנסטראַציע פון פרויען און קינדער, וועלכע האָבן געפאָדערט אַז מען זאָל זיי צוריקברענגען זייערע מענער. „די מענער אונדזערע האָט איר פאַר קאַנאָנען־פלייש געמאַכט און אויף זייער אָרט האָט איר יידן אַהערגעבראַכט. נידער מיט די יידן! אַ טויט די יידן! מיר ווילן צוריק אונדזערע מענער! מאַכט וואָס איר ווילט, אונדזערע מענער גיט אונדז צוריק". שפּעטער זענען מיר אויך געוווירר געוואָרן, דערציילן די צוריקגעקומענע, אַז ווי באַלד דער מיניסטער העס איז אַנטלאָפן קיין לאָנדאָן, האָבן זיך אָנגעהויבן מאַסן אַרעסטן, דערונטער אויך פון פיל פרויען. דאָס וויכטיקסטע וואָס די אַרבעטער דערציילן איז, אַז אין קורצן וועלן צוריקקומען קיין לאָדזש אַלע יידישע אַרבעטער, ווייל די דייטשע מאַכט וויל נישט, אַז די פרעמדע, ספּעציעל די יידן, זאָלן וויסן און זען, וואָס עס טוט זיך אין דייטשלאַנד. דאָס פאָרן פון דאַנציק ביז לאָדזש, האָט געדויערט 8 טעג. אויפן גאַנצן וועג, ווו נאָר מיר זענען אָנגעקומען אויף אַ סטאַנציע, זענען מיר מער געשטאַנען ווי געפאָרן, ווייל אַלע וועגן זענען געווען געפּאַקט מיט מיליטער. מען האָט אויך געזען פרישע חורבות פון באָמבאַרדירונגען.

דעם 20סטן מאַי.

אין געטאָ איז היינט דורך דער פּאָליציי פאַרהאַלטן געוואָרן אַ געווי־סער דוד מיטעלמאַן, וועלכער האָט אַ לענגערע צייט, געכאַפּט קעץ, זיי דערהרגעט און דאָס פלייש פאַרקויפט אַלס קאַלבס־פלייש. דאָס געשעפט פון דעם ה׳ מיטעלמאַן האָט אַזוי אָנגעהאַלטן אַ לענגערע צייט ביז דאָס שטריקל האָט זיך איבערגעריסן און דער פאַרשוין איז אַריינגעזעצט גע־וואָרן אין דער צענטראַלער תפיסה. איצט ווערט ער געפּאַרשט דורך שלום הערצבערג.

דעם 21סטן מאַי.

דער פּרעזעס איז היינט צוריקגעקומען פון וואַרשע. ווי נאָר ער האָט דעם פוס געשטעלט אין געטאָ, איז זיין ערשט וואָרט געווען: „וואָס, איר הונגערט? פאַרט קיין וואַרשע, וועט איר זען וואָס עס הייסט הונגער. ביי מיר האָט איר דאָס גן־עדן, אין וואַרשע קענען זיי זיך נישט קיין עצה געבן. יעדער טוט וואָס ער וויל. טויזנטער פאַלן יעדן טאָג פון הונגער. די וואַרשעווער יידן האָבן מיך געבעטן מיט טרערן אין די אויגן, אַז איך זאָל ביי זיי פאַרבלייבן, איך זאָל ווערן זייער עלצטער און איבערנעמען די אָנפי־רונג פון דער וואַרשעווער קהילה״. נאָך די דאָזיקע ווערטער האָט דער פּרעזעס געבעטן, אַז מען זאָל אים צו רו לאָזן, ווייל ער איז שטאַרק מיד. וואָס דער פּרעזעס האָט אין וואַרשע אויפגעטון ווייסט נאָך קיינער נישט. עטלעכע יידישע דאָקטוירים זאָלן די טעג קומען פון וואַרשע קיין לאָדזש. ווען? ווייסט קיינער נישט. די היגע דאָקטוירים זאָגן: „ווען דער פּרעזעס ברענגט אַריין אַ ביסל מער עסן און פאַרטיילט עס דער באַפעלקערונג וואָלט ער נישט באַדאַרפט האָבן פרישע דאָקטוירים, ווייל די פרישע דאָק־טוירים וועלן אויך נישט אויפטון מער ווי מיר״.

דעם 22סטן מאַי.

ווידער האָבן זיך היינט צוויי יונגע מענטשן, אַ מאַן און אַ פרוי, גע־נומען דאָס לעבן. דער גרויזאַמער הונגער וואָס הערשט היינט אין געטאָ איז ממש נישט אויסצוהאַלטן. שוין צוויי וואָכן ווי עס ווערן נישט פאַר־טיילט פאַר דער באַפעלקערונג קיין שום שפּייזן. צוליב דעם טאַקע האָט

זיך דער יקרות מוראדיק צופלאַקערט. דער וואָס וואַרט אויף דער שטיצע און חסד פון רומקאָווסקין, דער הונגערט און גייט אויס פאַר הונגער, וואַרטנדיק אַזוי טאָג איין און טאָג אויס. דעריבער איז קיין וווּנדער נישט וואָס די זעלבסטמאָרדן האָבן זיך אויפסניי אָנגעהויבן צו מערן.

אויף די פעלדער פון מאַרישין האָט מען געפונען ליגן צוויי יונגע מענטשן. ביידע זענען פרעמדע. קיין שום דאָקומענט האָט מען ביי זיי נישט געפונען. אַ ברויט־קאַרטע אויף דעם נאָמען מענדל עק האָט מען געפונען אַ פּאָר טריט ווייטער פון דעם אָרט ווו די קערפּערס זענען געלעגן. זיי זענען באַגראָבן געוואָרן ווי אומבאַקאַנטע.

די געהיימע פּוילישע ראַדיאָ־סטאַנציע „שוויט” האָט היינט מיטגעטיילט, אַז די ענגלענדער מאַרשירן פאָרויס. זיי האָבן שוין באַזעצט צוריק גאַנץ אַביסיניע. דער היילע־סעלאַסיע איז ווידער געוואָרן קעניג איבער זיין אָרעם לאַנד. די איטאַליענער ווערן פון אומעטום אַרויסגעשטויסן.

פון היינט אָן ווערט די געטאָ טאָפּלט באַוואַכט. ביז היינט האָט יעדער וואַך־פּאָסטן געהאַט צו היטן און אַכטונג צו געבן אויף 100 מעטער אַרום דער געטאָ, פון היינט אָן איז דער מרחק פאַרקלענערט געוואָרן אויף 50 מעטער.

די פינפטע אַפּטייק איז היינט געעפנט געוואָרן. דער געדראַנג נאָך רעצעפּטן איז אויסערגעוויינלעך גרויס. די אַפּטייקן אַרבעטן 16 שעה אָן איבעררייס. ביים עפענען די פינפטע אַפּטייק האָט דער פּרעזעס מיטגעטיילט, אַז אין קורצן וועט ער עפענען נאָך צוויי קלענערע אַפּטייקן, איינע פאַר ווענעריש־קראַנקע און די צווייטע, ספּעציעל פאַר קינדער.

דעם 23סטן מאַי

היינט איז ווידער פאַרשטאַרקט געוואָרן די פאַראָרדענונג פון פאַר־טונקלונג. אין יעדן שטאָט, אין יעדן הויז מוז זיין אַ גרופּן־פירער, וואָס זאָל פאַראַנטוואָרטלעך זיין פאַר זיינע הויז־איינוווינער. עס מוז אויך אויף יעדן בוידעם אָנגעשטעלט ווערן אַ באַליע מיט וואַסער, עטלעכע זעק מיט זאַמד און אַלע מכשירים וואָס זענען נייטיק צו אַ באַלדיקער שריפה איינ־לעשונג. די באַפעלקערונג דאַרף שטרענג אַכטונג געבן, אַז קיין פיצל ליכט־שיין זאָל זיך נישט אַנזען אויף דער גאַס. ווער עס וועט זיך נישט

צופּאַסן צום באַפעל, דער וועט שטרענג באַשטראָפט ווערן. די שטרענגקייט פון באַפעל נוצן דערוויל אויס די כוליגאַנעס און זיי שיסן יעדע נאַכט אַריין אין די יידישע הייזער.

דעם 25סטן מאַי.

משה קעלנער, אַ דייטשער פּליט, גייט צו דער אַרבעט און באַקומט פון הינטן אַ קויל אין קאָפּ און פאַלט אַוועק אַ טויטער אויפן אָרט. ביי דעם אומגליקלעכן קרבן האָט מען געפונען אַ דאָקומענט, אַז ער שטאַמט פון פראַנקפורט.

אַ גרופּע יידן, צעשלאָגענע, מיט אונטערגעהאַקטע אויגן, זענען היינט צוריק געקומען פון דייטשלאַנד. אַזוי ווי די גרופּע האָט זיך באַוויזן אין געטאָ, האָבן זיי אַלע ווי קליינע קינדער אָנגעהויבן צו וויינען. אייניקע פון די גרופּע האָבן אויפגעהויבן די הענט צום הימל און געדאַנקט דעם רבונו של עולם, וואָס זיי געפינען זיך שוין צוריק אין געטאָ ביי זייערע פרויען און קינדער.

דעם 26סטן מאַי.

צוויי שרעקלעכע זעלבסטמאָרדן פון צוויי יונגע פרויען: איינע רעניאָ העכט, אַלט 37 יאָר, איז אַראָפּגעשפּרונגען פון דריטן שטאָק, איבערלאָזנדיק אין דער וווינונג אַ דריי־חדשימדיק קינד און אַ מאַן, וואָס אַרבעט אין שנייִדער־רעסאָרט. די צווייטע, ציפּע סקשעפּיצקאַ, 46 יאָר אַלט, האָט אי־בערגעלאָזט דריי קליינע קינדער. דער מאַן פון דער פרוי סקשעפּיצקאַ געפינט זיך אין רוסלאַנד. די פרוי האָט איבערגעלאָזט אַ בריוול — „איך האָב מער נישט געקענט פאַרטראָגן די קרעכצן פון מיינע דריי קליינע קינדער". זיי הונגערן און בעטן זיך יעדן טאָג „מאַמע גיב אונדז אַ שטיקל ברויט". און איך, אומגליקלעכע, אָרעמע מאַמע, קען דאָס מער נישט צוזען. מיין מאַן האָט זיך דאָס לעבן לייכט געמאַכט. איך באַשולדיק אים חלילה נישט. ווען ער וואָלט געוווסט מיין לאַגע, וואָלט ער באַלד צוריקגעקומען. ליידער האָט דער גורל אַזוי געוואָלט. איך מוז שטאַרבן ווייל די ליידן מיינע זענען מער נישט אויסצוהאַלטן. זאָל רומקאָווסקי, דער וואָס „זאָרגט" אַזוי שטאַרק פאַר אָרעמע קינדער, אויך מיינע קינדער פאַרזאָרגן".

דעם 27סטן מאַי.

שוין צוויי טעג און צוויי נעכט, ווי עס האַלט אין איין מאַרשירן דורך די צוויי הויפּט־גאַסן פון געטאָ, זגערזשער און לימאַנאָווסקיעגאָ, מיליטער פון אַלע פאָרמאַציעס. דאָס מיליטער זעט אויס שטאַרק אָפּגעמאַטערט. לויטן אויסזען קומען זיי פון אַ ווייטן וועג. די סאָלדאַטן קוקן אויף די דראָטן ווי אויף אַ בייז ווונדער, אַ סך רופן פון די אויטאָס אַרויס: „ווי העסלעך זעט אויס דער טיר־גאָרטן״. אייניקע זעלבער האָבן אויך איבער די דראָטן אַרייבערגעוואָרפן שטיקלעך ברויט, סיגאַרעטן און שטיקלעך ווורשט. אינטערעסאַנט איז, אַז קיינער פון די אויסגעהונגערטע ייִדן איז נישט צוגעלאָפן כאַפּן די שטיקלעך ברויט, ווייל מען האָט מורא געהאַט, טאָמער איז דאָס נישט מער ווי אַ פּראָוואָקאַציע.

דעם 29סטן מאַי.

היינט אין די מיטאָג־שעהן איז פון דער געהיימער ראַדיאָ־סטאַנציע אָנגעקומען אַ פייערלעכע ידיעה, וואָס האָט באַלד געענדערט די שווערע שטימונג אין געטאָ. דער ברענגער פון דער ידיעה, ה׳ וועקסלער, האָט איבערגעגעבן, אַז דער פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן ה׳ רוזוועלט, האָט דערקלערט קריג דייטשלאַנד.

די ידיעה איז בליץ־שנעל פאַרשפּרייט געוואָרן אין אַלע געטאָ־ווינקעלעך און אומעטום האָבן ייִדן זיך געווונטשן מזל־טוב און פאַר פרייד זיך געקושט.

דעם 30סטן מאַי.

היינט פאַרטאָג זענען פון דער אַרבעט אין דייטשלאַנד צוריקגעקומען די אַזויגערופענע „ווילע־יונגען״, די וועלכע זענען מיט עטלעכע חדשים צוריק אַרויסגעשיקט געוואָרן אויפן באַפעל פון פּרעזעס. ביז צום אָוועקפאָרן זענען זיי פאַר פאַרשידענע געטאָ־פאַרברעכנס געזעסן אין דער תפיסה. ווען די גרופּע איז צוריקגעקומען, זענען זיי צוריק איינגעזעצט געוואָרן אין דער תפיסה, ווי נאָר די פרויען און די קינדער פון די צוריקגעקומענע זענען געוויר געוואָרן, אַז זייערע מענער און טאַטעס זענען צוריקגעקומען פון דייטשלאַנד, איז געוואָרן אַזאַ בהלהדיקער געלויף צו דער צענטראַלער

תפיסה, אַז אַלע פאַרבייגייער, וועלכע זענען געגאַנגען צו זייער אַרבעט אָדער פון דער אַרבעט, האָבן פּאָר שרעק אויך אָנגעהויבן לויפן, נישט ווייסנדיק אַפילו פּאַר וואָס זיי לויפן. ערשט ווען די גאַנצע לויפנדיקע מאַסע איז צוגעקומען צו דער תפיסה האָבן זיי דערזען וואָס דאָ קומט פּאָר. די געוואַלדן, יעלות און קללות פון די פרויען און קינדער, וואָס זענען גע־שטאַנען פון דרויסן, האָבן פשוט פאַרהילכט אַלע אַרומיקע גאַסן. ווען דער פּרעזעס האָט דערקלערט, אַז ער וועט די „ווילע־יונגען" נישט באַפרייען איז אַנטשטאַנען דער אמתער טומל, די בהלה איז געווען אַזוי גרויס, אַז קיין שום פּאָליציי־אישער כוח איז נישט אימשטאַנד געווען זי איינצושטילן.

זעענדיק, אַז די לאַגע ווערט ערנסט און מען הערט נישט וואָס ער רעדט, האָט דער פּרעזעס אַרויסגעכאַפּט פון אַ פּאָליציאַנט זיין פּאַלקע און אָנגעהויבן צו דערלאַנגען אויף רעכטס און אויף לינקס, נישט קוקנדיק וועמען ער טרעפט, פרויען צי קליינע קינדער. ערשט דאַן האָט זיך דער עולם באַרויקט.

דער פּרעזעס האָט געוויזן, אַז ווען מען דאַרף איז ער אויך אַ גוטער שלעגער: „איר, פּאָליציאַנטן, טויגט אויף כפרות. איר האָט נישט געקענט באַרויקן. נאָר איך איינער אַליין האָב באַוויזן, אַז מען קען „ווילע־יונגען" אויך שטיל מאַכן". דערמיט האָט דער פּרעזעס באַוויזן, אַז קיין שטאַרקע וועלן ביי אים אין זיין מלוכהלע נישט עקזיסטירן. שפּעטער האָט זיך דער פּרעזעס באַרימט, אַז ער האָט גאָרנישט געוווסט, אַז ער איז נאָך אַזוי בכוח צו דערלאַנגען און אויב מען וועט דאַרפן, וועט ער אַנלערנען די וועלכע שעדיקן די געטאָ־אינטערעסן.

דעם 31סטן מאַי.

דער בית־עולם איז נישט מער דערזעלבער ווי אַמאָל אין די גוטע פאַרמלחמהדיקע צייטן, ווען דאָס יידישע לאָדזש איז געגאַנגען אויף קבר־אבות און אויפן וועג געטיילט נדבות. היינט איז עס נישט מער דער זעלבער בית־החיים, ווו געוואַלדן און געשרייען האָבן זיך געהערט בעת אַ לויה אָדער בעת אַ יאָרצייט, ווו מען האָט מיט גרויס דרך־ארץ יעדן מת אָן אונטערשיד פון רייך צי אָרעם קובר געווען. היינט איז נישטאָ מער די שרעק, אַז די מתים וועלן נישט מוחל זיין, ווייל אַלץ איז געוואָרן הפקר.

די גרויסע צאָל מתים וואָס ווערן באַגראָבן אָן ברעטער, אָן תכריכים און אָן געשרייען, האָט צוגענומען דעם ציטער פאַרן טויט און דעם דרך־ארץ פאַרן מת.

אַ באַזונדערער שטח אויפן בית־עולם איז אָפּגעטיילט געוואָרן פאַר די וועלכע ווערן געבראַכט צו קבורה אָן אַ נאָמען. דער שטח איז אויך נישט קיין קלײנער. ער האָלט 60 קוואַדראַט מעטער. אויף דעם שטח ווערן באַגראָבן די אַלע וועלכע די דייטשן ברענגען אין געטאָ אַריין און פירן איבער זיי דאָ אויס די עקזעקוציע. עס ליגן דאָ אַ סך נישט ייִדן. איינמאָל האָט מען אַראָפּגעבראַכט 8 מאַן, אין דייטשע מונדירן און זיי דאָ דערשאָסן. זיי ליגן אויך אויף אָט דעם שטח. איידער מען האָט זיי דערשאָסן זענען זיי מיליטעריש דעגראַדירט געוואָרן. ווער זיי זענען געווען און פאַרוואָס זיי זענען דערשאָסן געוואָרן, ווייסט נאָר די געסטאַפּאָ אַליין. אַלע 8 זענען דעמאָלסט באַגראָבן געוואָרן אין איין קבר. דאָקומענטן, בריוו און פאַר־שידענע אַנדערע ווערטזאַכן, וואָס זענען געפונען געוואָרן אין די מונדירן פון די דערשאָסענע, האָבן צוגענומען די צוויי געסטאַפּאָוצעס וואָס האָבן אַכטונג געגעבן אויף דער קבורה ביזן סוף.

דעם 1טן יוני.

היינט איז צום ערשטן מאָל דערלויבט געוואָרן אַז ייִדישע אַרבעטער זאָלן אַרבעטן אויסער דער געטאָ. דריי גרופּן אַרבעטער זענען אַרויסגע־שיקט געוואָרן פונאַנדערצונעמען די הייזער וועלכע גרענעצן זיך מיט דער געטאָ. די אַרבעטער ווערן געהיטן דורך דער ייִדישער פּאָליציי און פון צייט צו צייט באַווייזט זיך אויך אַ דייטשער וואַך־פּאָסטן, וואָס מאַכט איי־ניקע באַמערקונגען און גייט זיך ווייטער זיין וועג. די אַרבעטער דערציילן: „ווען מען גייט דורך די גאַסן ווו עס געפינען זיך די געשענדעטע אַלט־שטאָטישע שול, בלוטיקט דאָס האַרץ.

דעם 2טן יוני.

גרויסע און שטורמישע רייען ביי אַלע קאָאָפּעראַטיוון. די נייע שפּייז־צוטיילונג האָט נישט קיין קאַרטאָפל. צוליב דעם גייען די מענטשן אַרום פאַרזאָרגט. אַ קילאָ קאַרטאָפל אויפן „שוואַרצן מאַרק" קאָסט 22 מאַרק. די

אָרדענונג־האַלטער ביי די קאָאָפּעראַטיוון פאַרשעלטן זיך די יאָרן. פון איין זייט מוזן זיי אויספירן דעם באַפעל פון זייערע עלצטע און פון דער צווייטער זייט באַקומען זיי קללות פון דער אויסגעהונגערטער מאַסע. דער פּרעזעס האָט באַפוילן, אַז אַלע קאָאָפּעראַטיוון זאָלן זיין טעטיק אַן איבעררייס אַ גאַנצן טאָג, כדי די באַפעלקערונג זאָל אָפּנעמען די צוטיילונג.

דער לייטער פון דער באַהייצונגס־אָפּטיילונג, ה׳ לייזער ניימאַן, האָט מיטגעטיילט, אַז אין געטאָ וועט די טעג אַריינקומען אַ גרויסער סכום פון שטיין־קוילן, ברוקעטן, האָלץ־קוילן און טאָרף. צו דעם צוועק וועט מען מוזן צונעמען נאָך אַ קוילן־פּלאַץ. דער פּלאַץ אויף דוואָרסקאָ נומ׳ 4 וועט זיין צו קליין.

דעם 8טן יוני.

היינט האָבן די געטאָ־יידן איבערגעלעבט אַ מוראדיקע שרעק.

וואָס האָט געטראָפן?

קינדער פון צווי הייזער האָבן זיך געשפּילט אין מלחמה. די מלחמה איז געפירט געוואָרן מיט שטיינער. זיי האָבן אַזוי לאַנג זיך געוואָרפן מיט שטיינער ביז אַ שטיין האָט פאַרבלאָנדזשעט אין אַ פענצטער פון אַ דורכפאָרנדיקן טראַמוויי און געטראָפן אין ערשטן וואַגאָן אין וועלכן עס פאָרן די „אויבער־הערן" און אויסגעהאַקט אַ שויב. דער מאַשיניסט, צוזאַמען מיט איינעקע פּאַסאַזשירן, האָבן אָנגעהויבן צו שרייען, אַז די יידן וואַרפן שטיינער אויף די דייטשן וואָס פאָרן אַדורך דאָס געטאָ.

עס האָט לאַנג נישט געדויערט, און אַ גרעסערע גרופּע געסטאַפּאָווצעס, מיט רעוואָלווערן אין די הענט, זענען אָנגעקומען אויפן אָרט און באַפוילן תיכף אָפּצורוימען אַלע יידן פון די צווי גאַסן, גזשעגזשעוו און לימאַנאָווסקיעגאָ, דאָרט ווו די טראַמווייען פאָרן אַדורך. זיי האָבן געגעבן אַ שעה צייט צוצושטעלן דעם שטיינער־וואָרפער אין די הענט פון דער געסטאַפּאָ, ווען נישט וועלן הונדערטער יידן פון דעם טייל געטאָ באַצאָלן מיטן לעבן.

דערהערנדיק דעם באַפעל איז געוואָרן אַ שרעקלעכע בהלה. די יידישע פּאָליציי, אונטער דער אָנפירונג פון קאָמיסאַר קאַל, האָט גענומען ענערגיש אויסצופאָרשן דעם ענין און גלייכצייטיק זוכן דעם שטיינער־וואָרפער. חוץ

מזה האָט זי געהייסן אָפּשטעלן דעם פּוס־פּאַרקער אויף די צוויי גאַסן. שפּעטער אַ ביסל, ווען די זאַך איז געווען אויסגעפּאַרשט געוואָרן, איז דעם געסטאַפּאָ־שעף מיטגעטיילט געוואָרן אַ געניער־באַריכט וועגן דעם פאַר־פאַל און עס איז אויך צוגעשטעלט געוואָרן דעם 11־יעריקער שטיין־וואַר־פער. די געסטאַפּאָ האָט גענומען צו קענטעניש די אויספאָרשונג און דערבײַ דערקלערט, אַז די הונדערט ייִדן וואָס האָבן געזאָלט באַשטראָפט ווערן וועלן קיין שטראָף נישט באַקומען. אָבער אַ קליינע שטראָף וועט די ייִדן פאָרט נישט מײַדן. דערווייל האָבן ייִדן געהאַט איניקע שעהן טויט־שרעק. מאַמעס האָבן אָנגעהויבן צו באַהאַלטן זייערע קינדער און מיט געבראָכענע הענט געבעטן גאָט, אַז ער זאָל באַווייזן אַ נס.

דעם 10טן יוני.

היינט איז אויף אַלע געטאָ־ווענט אויסגעקלעפּט געוואָרן אַ גרויסער געלער פּלאַקאַט מיט אַ באַקאַנטמאַכונג וואָס האָט ווידער פאַרשאַפט יסורים די געטאָ־איינוווינער.

באַקאַנטמאַכונג נומ׳ 278.

אין דער נאַכט פון 27סטן מאַי 1941, איז אויף עק פּיוונע לוטאָמיערס־קאַ, אויסגעשאָסן געוואָרן פון געטאָ אַרויס אַ קול, וואָס האָט געטראָפן דעם דייטשן וואַך־פּאָסטן. ווער דער שיסער איז געווען איז ביזן היינטיקן טאָג נישט פעסטגעשטעלט געוואָרן. פאַר דער דאָזיקער טאַט האָט אַ טייל פון דער געטאָ־באַפעלקערונג געזאָלט שווער־באַשטראָפט ווערן. אין רעזולטאַט פון מיינע אָנגעשטרענגטע באַמיונגען און אינטערווענצן ביי דער מאַכט איז די שווערע שטראָף אַנולירט געוואָרן. דאַקעגן ווערט די שטראָף פאַר־ביטן אויף אַן אַלגעמיינעם שפּערע־טאָג, וואָס וועט פאָרקומען פון פרייטיק דעם 13טן יוני 9 אָוונט, ביז שבת דעם 14טן יוני 8 אַזייגער אין אָוונט.

במשך פון דער דאָזיקער צייט, טאָר קיין איינציקער געטאָ־איינוווינער נישט פאַרלאָזן זיין וווינונג, די עפנטלעכע קיכן וועלן נישט טעטיק זיין. אויף די נישט אַרומגעצוימטע הויפן טאָר קיינער זיך נישט באַווייזן. מען מוז שטרענג אַכטונג געבן, אַז אויך די קינדער זאָלן פאַר קיין שום פאַל נישט פאַרלאָזן די וווינונג. די הויז־וועכטער מוזן פאַרבלייבן אַ גאַנצן טאָג אויפן אָרט, כדי צו קאָנטראָלירן אויב עמעצער פאַרלאָזט נישט די וווינונג

אָדער דרייט זיך נישט סתם אַרום. די טויערן פון אַלע געטאָ־הייזער מוזן דעם טאָג זיין געשלאָסן.

דער דערמאָנטער פאַראָרדענונג אינטערליגט נישט: 1 — פּאָליציי; 2 — פייערלעשער, 3 — קוימענקערער; 4 — דאָקטוירים; 5 — הילפס־פּערסאָנאַל. איך האָב פאַראָרדנט, אַז די דאָקטוירים זאָלן זיין טעטיק אין אַלע געטאָ טיילן. איך פאָדער אויף די געטאָ־באַפעלקערונג, אַז זי זאָל אין איר אייגענעם אינטערעס זיך צופּאַסן שטרענג צו דער פאַראָרדענונג. איך וואָרן נאָכאַמאָל אויסדריקלעך פאַר וועלכע עס איז איבערשרייטונגען. די וואָס וועלן עובר זיין אויף דער פאַראָרדענונג, וועלן דורך מיר שטרענג באַשטראָפט ווערן.

(—) מרדכי חיים רומקאָווסקי
דער עלצטער פון די יידן אין ליצמאַנשטאַט־געטאָ.

דעם 11טן יוני.

זייער אַ גרויסער טייל יידן פאַרנעמען זיך אין דער געטאָ מיט אַרויס־פירן דאָס מיסט. דאָס מיסט פירן קומט פאָר אויף אַ פּרימיטיוון אופן. די וועגעלעך זענען צוזאַמענגעשטעלט פון איינפאַכע בלעכענע באַליעס, אָנגע־שרויפט אָדער צוגעקלאַפּט צו אַ וואָגן פון פיר רעדער. פון פאָרנט זענען איינגעשפּאַנט צוויי מענטשן און פון הינטן שטופּן צוויי מענטשן אונטער דעם וואָגן. דאָס מיסט ווערט אַרויסגעפירט אויף ספּעציעל־אָנגעוויזענע ער־טער. די אַרבעט פון דעם מיסט־רעסאָרט גייט אָן אַ גאַנצן טאָג, פון 7 אין דער פרי ביז שפּעט אין אָוונט. די אַרבעט איז נישט בלויז קיין שווערע, זי איז אויך אַ שמוציקע. אַלץ ווערט געטון מיט די הוילע הענט. די אַרבעט גייט אָן ווינטער און זומער. ווען עס קומען די אָוונט־שעהן קומען די מיסט־אַרבעטער אַהיים. ווי נאָר זיי באַווייזן זיך, שפּירט מען שוין אויף צענדליקער מעטער ווייט פון זיי אַ ריח. די שכנים וועלכע וווינען מיט די דאָזיקע אַר־בעטער באַקלאָגן זיך זייער שטאַרק אויף דעם מיאוסן גערוך. זיי האָבן אָבער נישט קיין אַנדערער ברירה, ווייל זיי ווייסן, אַז ווען נישט די מיסט־אַרבעטער, ווער ווייסט וואָס עס וואָלט געווען. די מיסט־אַרבעטער באַקומען פאַר זייער מיאוסער געטאָ־אַרבעט טאָפּלטע זופּן. יעדע וואָך אַ צוטיילונג פון פאַרשידענע פּראָדוקטן אין גרינציייג, ווי אויך צוויי מאָל אין חודש אַ

ספּעציעלן פליישׂ־צוגאָב. טאַקע צוליב דער בעסערער באַשפּייזונג האָבן אַ סך מענטשן זיך פאַרשריבן צו פירן מיסט אין געטאָ, אַבי נישט צו הונגערן. דער לייטער פון דער אָפּטיילונג, זייבערט, גיט שטאַרק אַכטונג אַז די אַר־בעטער זאָלן באַקומען עסן צו דער זעט. ער האָט אייניקע מאָל אינטער־ווענירט ביים פּרעזעס, אַז ער זאָל האַלטן זיין צוזאָג לגבי דעם סאָרט אַרבעטער. ער האָט זיך אויך באַמיט, אַז די וועלכע זענען קראַנק געוואָרן זאָלן ווי געהעריק געהיילט ווערן.

דעם 12טן יוני.

דייטשע פילם־אַפּאַראַטאָרן זענען היינט אָנגעקומען אין דער געטאָ אַריין. זיי זענען אַרומגעפאָרן איבער אייניקע גאַסן, געהייסן די ייִדישע פּאָליצי־אַנטן, אַז זיי זאָלן לאַכן. געבן דורכגיי־צייכנס צו די אָנגעזאַמלטע דורכ־גייער ביי די געטאָ־טויערן. זיי האָבן אָפּגעשטעלט אייניקע דורכגייער און זיי געהייסן פאַרלאַנגזאַמערן זייערע טריט, געהייסן קינדער לאַכן און אַרומ־לויפן. ביים טויער לימאַנאָווסקיעגאָ־ריבנאַ האָבן זיי זיך לענגער אָפּגע־שטעלט און פילמירט יעדן דורכפאָרנדיקן וואָגן. שפּעטער באַזוכט דעם צווייטן פּאָליציי־רעוויר און געפילמירט דאָס הויז, די פּאָליציי און די דראָטן וואָס טיילן אָפּ די שטאָט פון געטאָ.

היינט 5 אַזייגער אין אָוונט האָט די געטאָ־ביוראָ באַקומען אַ טעלע־פאָנישע מיטטיילונג אַז מאָרגן 5 אַזייגער נאָכמיטיק, וועט די געטאָ באַזוכט ווערן דורך דעם מיניסטער הימלער. די געטאָ־פאַרוואַלטונג האָט מאָמענטאַל זיך פאַרבונדן מיטן פּרעזעס און מיט דער אָנפירערשאַפט פון דער זאָנדער־פּאָליציי. שפּעטער האָבן אַלע פּאָליציי־רעווירן באַקומען גענויען אינסטרוק־ציעס, ווי אַזוי זיך אויפצופירן אין דער צייט ווען הימלער וועט זיין אין געטאָ. די גאַסן מוזן זיין ריין. אויך אַלע אַרבעטס־רעסאָרטן האָבן באַקומען גענויע אָנווייזונגען וועגן זייער האַלטונג אין דער צייט ווען הימלער וועט זיי באַזוכן. הערנדיק, אַז דאָס געטאָ ווערט באַזוכט פון אַזאַ הויכן גאַסט, האָט דער פּרעזעס באַזאָרגט זיין קוטשער מיט אַ ווייסן כאַלאַט און געהייסן איבערלאַקירן זיין דראָזשקע.

צומאָרגנס פּינקטלעך 5 אַזייגער האָבן 6 עלעגאַנטע אויטאָס זיך אָפּגע־שטעלט אויפן באַלוטער־מאַרק. דער פּרעזעס רומקאָווסקי, זיין געהילף,

יאַקובאָוויטש, די צוויי פריילינס פוקס און אייבעשיץ זענען שוין געווען פון פריער, זיי זענען געווען אויסגעפוצט ווי אויף אַ באַל. די גאַנצע געטאָ־פּאָליציי איז געשטאַנען אויף די פיס און אַכטונג געגעבן, אַז עס זאָל חלילה נישט זיין קיין שטערונג. עס האָט לאַנג נישט גענומען און דער פּאָליציי־פּרעזידענט שעפער האָט צו זיך צוגערופן דעם פּרעזעס און אים געזאָגט: „הערן עלטסטער פון די יודן, קומט נענטער וועל איך אייך פאָר־שטעלן פאַרן מיניסטער הימלער".

אין דעם זעלבן מאָמענט זענען צוויי אָפיצירן צוגעגאַנגען צום פּרעזעס רומקאָווסקי און אים צוגעפירט צו דעם אויטאָ אין וועלכן עס איז געזעסן הימלער. רומקאָווסקי האָט אראָפּגענומען זיין פּאַנאַמע־הוט, אויסגעטון די ווייסע האַנטשו און טיף זיך פאַרנייגט און געזאָגט: — איך בין רומקאָווסקי, דער עלצטער פון די יידן אין דער געטאָ פון ליצמאַנשטאַט.

הימלער פרעגט: — ווי גייט עס אייך אין געטאָ?

— אַלץ אין דער בעסטער אָרדענונג הערן מיניסטער.

— ווי זעט עס אויס מיטן עסן? — פרעגט הימלער.

— די אַרבעטער האָבן גענוג צום עסן.

— ווי פילט איר זיך מיטן געזונט?

— אַ דאַנק.

מיט דעם האָט זיך געענדיקט דאָס געשפּרעך אויפן באַלוטער־מאַרק. באַלד האָבן די אויטאָס געריררט פון אָרט און זענען געפאָרן צו די אַרבעטס־רעסאָרטן.

דער ערשטער באַזוך איז פאָרגעקומען אין שניידער־רעסאָרט, אויף לאַגעווניצקאַ נומ' 45. דאָרט איז פאַר הימלערן פאָרגעשטעלט געוואָרן דער לייטער פון רעסאָרט דוד וואַרשאַווסקי. איין אָפיציר האָט געפרעגט וואַר־שאַווסקין צי ס'איז פאַראַן אַ סך אַרבעט? האָט וואַרשאַווסקי געענטפערט: „מיר האָבן נישט אַזוי פיל הענט וויפל אַרבעט עס איז פאַראַן".

דער אָפיציר האָט ווייטער געפרעגט: „וויפל מאַכט דער שניידער־רעסאָרט אַ געלט־אומזאַץ חודשלעך"?

— איך גלייב — ענטפערט וואַרשאַווסקי — אַז פון 80 ביז 100 טויזנט מאַרק.

די אָפיצירן צוזאַמען מיט הימלערן זענען אַריין אין פאַבריקס־לאָקאַל,

זיך צוגעקוקט צו דער אַרבעט און דערנאָך געקלאַפּט ביבאָוון אין דער פּלייצע. שפּעטער האָט די גאַנצע געזעלשאַפט באַזוכט דעם טישלער־רעסאָרט אויף דרוקאַרסקאַ 12 און אויף פּוצקאַ 9. דאָרט אין די צוויי רע־סאָרטן זענען פאַר די געסט פאַרגעשטעלט געוואָרן ב. פּרווינד, ראָזן און שוואַרצאָווסקי. אויך פון דעם באַזוך זענען די געסט געווען שטאַרק צו־פרידן. די גאַנצע צייט האָבן די געסט מער זיך נישט אומגעקוקט אויפן פּרעזעס. געזעגנט זיך מיט ביבאָוון און געהאַלטן אין איין לאַכן. ווען זיי זענען צוריקגעפאָרן צום באַלוטער מאַרק איז דער פּרעזעס נאָכגעפאָרן אויף זיין דראָשקע. עס וויזט אויס, אַז זיי האָבן אין אים אינגאַנצן פאַרגעסן, ווייל די אויטאָס זענען פון דאָרט אַרויסגעפאָרן אַן אַ „זיי־געזונט".

דעם 13טן יוני.

דער פּרעזעס האָט היינט גערופן דעם לייטער פון דער בוכאַלטעריע־אָפּטיילונג ביי דער אַפּראָוויזאַציע, ה׳ ליבראַך. נאָך אַ שטורמישן שמועס האָט ליבראַך פאַרלאָזט דעם פּרעזעס. ער איז באַלד באַזייטיקט געוואָרן פון זיין שטעלע. מיט צוויי שעה שפּעטער האָט דער פּרעזעס גערופן דעם קאָ־מענדאַנט פון דער זאָנדער־קאָמאַנדע, ה׳ דאַנציקער. אויך אים האָט דער פּרעזעס שטאַרק אויסגעזידלט און אים געהייסן מער נישט קומען צו דער אַרבעט. אין אַ פּריוואַטן שמועס האָט דער פּרעזעס איבערגעגעבן פאַר איי־ניקע זיינע נאָענטסטע, אַז די צוויי הערן שפּילן גאַנצע נעכט אין פּאָקער און פירן זיך בכלל אויף אַזוי, ווי דאָס געטאָלע וואָלט געווען זייערס אַ פּריי־וואַטער ענין. — איך האָב אין אָנהייב דאָס נישט געוואָלט גלויבן, אָבער שפּעטער ווען איך האָב די זאַך געענוי אויסגעפאָרשט איז מיר פינצטער געוואָרן פאַר די אויגן. איך האָב די לייט באַזייטיקט. זיי קומט אַ שווערע שטראָף, נאָר איך האַנדל לגבי זיי מיט רחמנות. איך וויל פון זיי מער נישט הערן. זיי האָבן אָפּגעשפּילט. ווען איך האָב געפרעגט דעם לייטער פון דער סאָציאַלער פאַרזאָרגונג ה׳ זשאַזשוער, וואָס ער זאָגט דערצו? האָט זשאַ־זשוער דערקלערט — ווען ער זאָל וועלן אַלע איינזעצן, דאַרף ער אָנהייבן ביי זיך אַליין און ענדיקן ביי די פּעקאַליסטן. אַלע זוכן מיט עפּעס זיך צו פאַרוויילן און יעדער טוט דאָס לויט זיינע מעגלעכקייטן. דער פּרעזעס אַליין

טוט מער פאַרברעכנס וויפל 10 מיטגלידער פון דעם אַזוי געררופענעם ביי־ראַט צוזאַמען.

דעם 15טן יוני.

אין דער געטאָ איז נישטאָ וואָס צו עסן. שוין אַ לענגערע צייט ווי עס ווערט נישט צוגעטיילט קיין שום שפּייז־ראַציע. דער פּרעזעס מאַכט זיך געפּגרט. דער יקרות דערגרייכט שוין די העכסטע שטופע. די שטימונג איז אַ געדריקטע. מען פאַרשעלט זיך די יאָרן און דעם טאָג פון געבוירן. אַנשטאָט צו זען, אַז די אומגליקלעכע געטאָ־שקלאַפן זאָלן האָבן מער צו עסן, זאָלן נישט שטאַרבן טאָג־טעגלעך פאַר הונגער, פאַרט זיך דער פּרעזעס אַרום אויף זיין אויסגעפּוצטער דראָשקע פון איין אַרבעטער־רעסאָרט צום צווייטן און האַלט פייערדיקע דרשות. ער, רומקאָווסקי, איז, זאָגט ער, נישט שולדיק, וואָס דער עולם הונגערט, שולדיק זענען די גנבים. ער קען זיי נישט עוקר זיין. אָט ערשט נישט לאַנג, דערקלערט ער, האָב איך באַזייטיקט צוויי הויכע באַאַמטע פון זייערע פּאָסטנס און היינט זענען שוין צו מיר דערגאַנגען פאַרטרויליכע ידיעות וועגן צוויי אַנדערע הויכע באַאַמטע, וואָס באַגנבענען מיך. די באַאַמטע זענען: דער קאָמיסאַר זעליקמאַן און דער ליטער פאַמעראַנץ. זיי זענען גנבים. מענטשן וואָס איך האָב צו זיי געהאַט דעם גרעסטן צוטרוי האָבן אויסגענוצט פּאָסטנס פאַר זייער אייגענער קע־שענע. מענטשן וואָס עס האָט זיי גאָרנישט געפעלט, אַפילו קיין פויגל־מילך, האָבן זיך געלאָזט אויף גליטשיקע וועגן און געגנבעט אויף וואָס די וועלט שטייט. אַרום מיר האָב איך מער גנבים ווי אָרנטלעכע מענטשן. זיי האָבן אָבער אַ טעות ווען זיי מיינען, אַז זיי וועלן מיך מיד מאַכן. איך וועל די גנבים עוקר מין השורש זיין און מיט אַלע מיינע כוחות וועל איך זען, אַז אַלץ זאָל קלאַפּן אין דער געטאָ ווי אַ זייגער.

ווער ווייסט, אפשר איז דער פּרעזעס גערעכט?

אפשר איז אין זיין שרייעןווירקלעך פאַראַן אַן אמת?

אפשר איז ער איינער פון די ערלעכסטע מענטשן און די אַלע אַרום אים זענען, פון גרעסטן ביזן קלענסטן גנבים, זשוליקעס און ברידער־מערדער?

שלמה פראַנק

דעם 16טן יוני.

די געטאָ־ייִדן האָבן אַ ביסל אויפגעלעבט. שוין צוויי טעג ווי די געהיימע ראַדיאָ־סטאַנציע טיילט מיט, אַז ענגלאַנד האָט ענדלעך זיך דעצידירט צו מאַכן אַ שטאַרקע אָפענסיווע אויף סיריע. דאָרט ווו עס איז באַדראָעט אונדזער לעצטע האָפענונג, אונדזער לעצטע טרייסט. די געטאָ־ייִדן זענען שוין אַרומגעגאַנגען ווי געשאָכטענע און דערשלאָגענע פון די ידיעות, אַז די דייטשע אַרמיי מאַרשירט אויף סיריע און געפינט זיך שוין ביי די טויערן פון פּאַלעסטינע. עס האָבן זיך שוין געפונען אַזעלכע פּעסימיסטן, וואָס האָבן גענזען דעם סוף פון גאַנצן וועלט־ייִדנטום. אַ צווייטע, נאָך מער אַ פאַרטרויילעכע ידיעה, האָט מיטגעטיילט, אַז די ענגלענדער, צוזאַמען מיט גענעראַל דע גאָלס אַרמיי, מאַרשירן פּאַרויס און פאַרנעמען איין פּאָזיציע נאָך דער צווייטער, איין שטאָט נאָך דער אַנדערער און דאָס דאָרטיקע מיליטער פון דעם ווידערשפּעניקן גענעראַל וויגאַן אַנטלויפט ווי דער פעפער וואַקסט. אַזוי אַרום האָט ארץ־ישראל אויפגעהערט צו זיין באַדראָעט און די אומגליקלעכע געטאָ־ייִדן האָבן פרייער אָפּגעאָטעמט.

דעם 17טן יוני.

דער פּרעזעס האָט היינט מיטגעטיילט, אַז צוליב דעם וואָס די באַפעלקערונג באַקומט שוין נישט אייניקע וואָכן קיין שפּייז־צוטיילונג, וועט ער אָפּשטעלן די טאַלאָן־צוטיילונג פאַרן בייראַט. אַ טאַלאָן־דיעטע פון אַ בייראַטס־מיטגליד איז ביזן היינטיקן טאָג באַשטאַנען פון 4 קילאָ פלייש, 1 קילאָ פּוטער, 4 קילאָ מעל, 1 קילאָ רייז, 10 קילאָ קאַרטאָפל, 10 קילאָ פאַרשיידענע גרינוואַרג, 2 קילאָ צוקער און אַנדערע פאַרשיידענע צוגאָבן. דאָס אַלץ איז פאַרטיילט געוואָרן יעדן חודש. איצט האָט דער פּרעזעס דערקלערט, אַז ער שטעלט צייטווייליק אָפּ די דאָזיקע צוטיילונג.

וואָס זאָגן דערויף די בייראַטס־מיטגלידער?

מיט אַלע איז מיר נית אויסגעקומען צו רעדן. אָבער מיט אייניקע מיטגלידער ווי, למשל, מיט גערשאָוסקי, שטשענשליווע, ד״ר שיקער, זשאַזשוער, ניימאַן, ליטווין, וואַרשאַווסקי, בלאַוגרונד, פּאָדאָלסקי, ליפּנאָווסקי

און אינזשיניער ווײַנבערג האָב איך וועגן דעם ענין גערעדט. און וואָס האָבן זיי געזאָגט?

„דער אַלטער איז משוגע. ער מיינט, אַז די נייע רעקלאַמע וועט אים העלפן. ער כאַפּט זיך אָן אין אַלעם וואָס קען אים ברענגען רעקלאַמע. דאָס מיטל איז דער געטאָ שוין גוט באַקאַנט. עס וואָלט פיל בעסער געווען ווען ער זאָל אַכטונג געבן אויף זיינע אונטערוועלט מענטשן, וואָס ער האָט זיך איינגעשאַפּט. אייניקע פון אונדז האָבן אים שוין אַ פּאָר מאָל אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז זיין עפּענטלעכע אויפפירונג רייסט אַרונטער זיין פּרעסטיזש און דעם פּרעסטיזש פון בייראַט. צוליב דעם טאַקע איז געקומען זיין עפּנט־לעכער ענטפער: אָפּצושטעלן די עקסטרע צוטיילונג פאַר די בייראַטס־מיט־גלידער. אויב דאָס וועט העלפן זעטיקן דעם אויסגעהונגערטן עולם זענען מיר אַלע מסכים צו שענקען אונדזער צוטיילונג. ליידער וועט עס גאָרנישט העלפן. ער אָבער דאַרף רעקלאַמע און דאָס איז זיין הויפּט־קרענק. ער רעכנט זיך נישט מיט קיינעם פון אונדז. מיר האָבן שוין פון לאַנג אויפגעהערט צו עקזיסטירן ווי ראַט־געבער, מיר עקזיסטירן נאָר אויפן פּאַפּיר אַלס אַזעלכע. מיר דערוויסן זיך פון אַלע געטאָ־נייעסן צוזאַמען מיט דעם פּשוטן רעסאָרט־אַרבעטער. דאָס איז ליידער דער גאַנצער אמת. איך זאָג נישט אַז מיר זענען צדיקים, זאָגט ליפּנאָווסקי, מיר זענען שוין לאַנג נישט קיין צדיקים, אָבער אַזאַ צדיק ווי רומקאָווסקי איז, איז דער מינדסטער און דער געמיינסטער רויער־יונג אין דער געטאָ.

די געטאָ־פאַרוואַלטונג האָט היינט פּלוצים באַפוילן, אַז אַלע ייִדישע אַרבעטער וואָס אַרבעטן אויסער דער געטאָ זאָלן מער נישט קומען צו דער אַרבעט. זיי דאַרפן וואַרטן ביז מען וועט זיי נאָכאַמאָל רופן.

די געסטאַפּאָ האָט היינט באַפוילן, אַז אין די טישלער־רעסאָרטן זאָל מען די „טראָטשינעס" (האָלץ־אָפּפאַל) באַזייטיקן פון די פאַבריקן. יעדן טאָג מוזן די „טראָטשינעס" באַזייטיקט ווערן. מען רעכנט אַז אין קורצן דאַרפן פאַר־קומען לופט־אַנגריפן, דעריבער מוז מען פון די פאַבריקן באַזייטיקן דאָס לייכטע ברען־מאַטעריאַל. די זעלבע פאַראָרדענונג איז אויך געגעבן געוואָרן צו אַלע שטאָטישע פאַבריקן. צו דער פאַראָרדענונג איז אויך צוגעגעבן אַ גאַנצער בריוו מיט אָנווייזונגען, ווי אַזוי די פאַבריק־אַרבעטער דאַרפן זיך אויפפירן אויב דער אָנגריף קומט פאַר בשעת די פאַבריק איז טעטיק. דאָס

ליכט מוז תיכף ווערן אויסגעלאָשן, די מאַטאָרן — אָפּגעשטעלט. אויף יעדן שטאָק מוז זיין אַוועקגעשטעלט אַ גרויסע כלי מיט וואַסער און אייניקע וואַסער־שעפער ווי אויך ספּעציעלע זעק מיט לייכטן זאַמד. צו יעדער פאַבריק מוזן צוגעטיילט ווערן אייניקע פייערלעשער. פאַר נישט אויספירן דעם באַפעל וועלן די פאַבריק־מייסטערס זיין פאַראַנטוואָרטלעך.

דעם 18טן יוני.

דער פּרעזעס איז היינט שטאַרק ברוגז געוואָרן. ער נעמט קיינעם נישט אויף. זיין יונג ווייבל ענטפערט יעדן, אַז דער פּרעזעס פילט זיך נישט גוט. אויף מיטיק האָט ער צו זיך גערופן די פריילין וואַלק, אַ דערציוגלינג פון זיין אַמאָליקן יתומים־הויז. ער האָט מיט איר גערעדט וועגן דעם אינטער־שטיצונגס־אַמט און געהייסן אויסצאָלן יעדן אָרימאַן, וואָס איז באַשטעטיקט געוואָרן צו נעמען שטיצע, צו 9 מאַרק אַ חודש. ווען איך האָב שפּעטער געהאַט אַ געשפּרעך מיט דער פריילין וואַלק האָט זי מיר געזאָגט: „דער פּרעזעס איז געזונט. עס פעלט אים גאָרנישט. ער איז ברוגז אויפן ביירעט, דעריבער האָט ער זיך היינט פאַרשלאָסן".

דעם 19טן יוני.

צוליב דעם וואָס די געטאָ־פּאָליציי האָט אַנטדעקט פאַלשע צוויי־מאַרק־באַנקנאָטן, האָט דער פּרעזעס היינט בטל געמאַכט די צוויי־מאַרק־שיינען און זיי דערקלערט פאַר אומגילטיק. גלייכצייטיק האָט ער מיטגעטיילט, אַז ווער עס וועט געכאַפּט ווערן מיט פאַלש געלט וועט שטרענג באַשטראָפט ווערן.

די שטאָט־פאַרוואַלטונג האָט היינט אַרויסגעגעבן אייניקע באַפעלן צו דער באַפעלקערונג, ווי אַזוי זיך אויפצופירן בשעת אַן אַנגריף פון שונא; ווי אַזוי די דייטשן דאַרפן האַנדלען, ווען זיי וועלן באַמערקן, אַז אין זייערע רייען געפינט זיך אַ פיינט. יעדער פרייער פלאַץ דאַרף אויסגענוצט ווערן צו מאַכן לופט־שוץ־גראָבנס. ווי נאָר דער באַפעל איז אויסגעקלעפּט געוואָרן, האָט מען געזען ווי די היטלער־יוגנט מאַרשירט אין רייען מיט לאָפּעטעס, העק און אַנדערע מכשירים. אויך פּאָליאַקן האָבן גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין גראָבן די גריבער.

די געטאָ־ייִדן האָבן נישט באַקומען קיין שום באַפעל צו מאַכן שוץ־

גראָבנס קעגן לופט־אַנגריף. אין דער געטאָ איז אַ ביסל היימלעכער געוואָרן. ייִדן האָבן אויפגעהערט זיך צו פאַרנעמען מיטן הונגער. מען גייט אויף די גאַסן, מען קוקט אַרויף צום הימל און מען פרעגט: — אפשר וועט באַלד קומען די ישועה? ווי זייט איר רעטער, קעמפער פון אַלע פרייע פעלקער? קומט און נעמט אונדז אַרויס פון דעם מוראדיקן גהינום, כל זמן עס איז נאָך נישט צו שפּעט.

דעם 20סטן יוני.

דער פּרעזעס האָט היינט מיטגעטיילט, אַז דעם קומענדיקן מאָנטיק, וועט ער צום צווייטן מאָל פאָרן קיין וואַרשע. אַלס באַגלייטערין וועט ער ווידער מיטנעמען די פרײַלין שיפּלינגער. ווי לאַנג די צווייטע רייזע וועט דויערן ווייסט קיינער נישט. לויט ווי מיר איז געלונגען זיך צו דערוויסן, פאָרט דער פּרעזעס צום צווייטן מאָל, כדי צו בעטן די דאָקטוירים, זיי זאָלן האַלטן וואָרט און קומען אויף דעם 1טן יולי קיין לאָדזש. עס איז באַוווסט געוואָרן, אַז איינער פון די היגע דאָקטוירים האָט אַרויסגעשיקט אַ בריוו צו די וואַרשעווער דאָקטוירים וועגן דעם ווי אַזוי דער פּרעזעס רומקאָווסקי פירט זיך אויף, און ווי אַזוי ער באַהאַנדלט דאָקטוירים בכלל, דעריבער ראָט ער די וואַרשעווער קאָלעגן, אַז זיי זאָלן זיצן אויף אָן אָרט.

היינט 3 אַזייגער בײַנאַכט, האָבן מיר צום ערשטן מאָל געהערט די אַלאַרם־ רופן. סירענעס, פייפערייען און ראַדיאָ־הילכערס האָבן דאָס גאַנצע געטאָלע אויפגעוועקט און יעדן געשטעלט אויף זיינע פיס. דער שונא איז נאָענט. עס איז באַלד געוואָרן אַ שטאַרקע באַוועגונג. מען האָט געזען ווי מענטשן לויפן אין פאַרשיידענע ריכטונגען. הונדערטער דייטשע פרוי׳ען מיט זייערע קינדער האָבן זיך באַהאַלטן אין די נייע אויסגעגראָבענע לופט־שוץ־גריבער. די דייטשן האָבן צום ערשטן מאָל אָנגעהויבן צו שפּירן דעם טעם פון מלחמה. דערווייל איז דער אַלאַרם אַדורך מיט גאָרנישט. דאָס הייסט, דער שונא האָט קיין באָמבעס נישט געוואָרפן און קיין אויפרייסונגען זענען נישט פאָרגעקומען.

שלמה פראַנק

דעם 21סטן יוני.

4 אַזייגער פאַרטאָג האָבן זיך געהערט צוויי שאָסן און אַ געשריי פון אַ פרוי: „אוי, מיין גאָט!“ שפּעטער, ווען ס׳איז טאָג געוואָרן, איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, ווער די פרוי איז און ביי וועלכע אומשטענדן זי איז דערשאָסן געוואָרן. די פרוי קעטי ניימאַן, 46 יאָר אַלט, געבוירן אין דייטשלאַנד, האָט אַ מאַן מיט דריי קליינע קינדער. פאַרטאָג איז זי צוגעלאָפן צו די דראָטן און געבעטן דעם וואַך־פּאָסטן, אַז ער זאָל זי שיסן, ווייל זי וויל מער נישט לעבן. דער וואַך־פּאָסטן האָט זי פון די דראָטן אַוועקגעטריבן, געהייסן זי אַהיימגיין צו איר מאַן און קינדער. זי איז אַוועקגעגאַנגען. אָבער אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז זי ווידער געקומען און געפּרוווט אַריבער די דראָטן. דאָס האָט באַמערקט דער צווייטער וואַך־פּאָסטן און ער האָט די פרוי קעטי געטויט מיט צוויי שאָסן.

אַזוי האָט די געסטאַפּאָ מיטגעטיילט דער געטאָ־פאַרוואַלטונג.

וואָס דערציילט דער מאַן און די שכנים?

די פאַמיליע ניימאַן איז מיט צוויי חדשים פאַרן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה אַרויסגעטריבן געוואָרן קיין פּוילן. זיי האָבן געוווינט אין זאַקסן און געוועזן זייער רייך. די פרוי איז געוועזן פון אָפּשטאַם אַ קריסטלעכע דייטשקע. דער מאַן האָט געבעטן די פרוי, אַז זי מיט די קינדער זאָלן פאַרבלייבן אין דייטשלאַנד, אַז די מלחמה וועט זיך ענדיקן, וועט ער זיך צוריקקערן צו איר און צו די קינדער. די פרוי האָט נישט געוואָלט הערן די ווערטער פון איר מאַן. זי האָט געזאָגט: „דאָרט וווּ דו וועסט זיין, וועל איך זיין, דיין גאָט איז מיין גאָט“.

אויף דער גרענעץ צווישן פּוילן און דייטשלאַנד האָבן צוויי געסטאַפּאָווצעס אים באַפוילן זיך אויסצוטאָן מוטער־נאַקעט. מען האָט אים רעווידירט און פאַר די אויגן פון זיין פרוי און קינדער מערדערלעך צעשלאָגן. אַלע וואַליזעס און ווערט־זאַכן, וואָס ער האָט געהאַט האָט מען ביי אים צוגענומען. די משפּחה איז אַריבערגעוואָרפן געוואָרן אויף דער פּוילישער זייט. ער איז אָנגעקומען קיין לאָדזש מיט ליידיקע הענט און קוים זיך פאַרשאַפט אַ שטיקל וווינונג און צו ביסלעך זיך איינגעאָרדנט. דאַן איז אויסגעבראָכן די מלחמה צווישן פּוילן און דייטשלאַנד. די דייטשן זענען

אָנגעקומען קיין לאָדזש. דאָ הייבט זיך אָן דער צווייטער אַקט פון דער טראַגעדיע. אין אַן אָוונט זענען פּלוצים צו אים אַריין פיר געסטאַפּאָוצעס און געהייסן תיכף פאַרלאָזן די וווינונג, איינער פון די געסטאַפּאָוצעס האָט אַרויסגענומען זיין זייגער און געזאָגט, אויב איר שווייגען וועט אין 5 מינוט זיך נאָך געפינען אויפן אָרט, ווערט איר אַלע דערשאָסן. עס פאַרשטייט זיך, אַז זיי האָבן די וווינונג פאַרלאָזט און אויפסניי געבליבן אָן שום מיטל צום לעבן. די איבערלעבענישן האָבן שטאַרק געווירקט אויף דער פרוי. זי איז כסדר אַרומגעגאַנגען אַפּאַטיש און אויפגעהערט זיך צו אינטערעסירן מיט די קינדער. ביז אין אַ געוויסן טאָג — אַ געוואַלד. וואָס איז געשען? די פרוי ניימאַן האָט זיך אין איר צימער אויפגעהאָנגען. די שכנים האָבן זי געראַטעוועט און זי איז אָפּגעפירט געוואָרן אין שפּיטאָל אַריין.

נאָך צוויי חדשים צייט איז זי צוריקגעשיקט געוואָרן אַהיים. די ערשטע טעג האָבן אַלע, דער מאַן און די קינדער, זיך שטאַרק געפרייט. זיי האָבן געמיינט, אַז זי איז שוין אויסגעהיילט פון דער שווערער דעפּרעסיע. זי האָט אויך אָנגעהויבן צו רעדן מיט די שכנים, געקלאָגט זיך, אַז זי קען נישט צוזען ווי אירע קינדער הונגערן און זי שעמט זיך מיטן נאָמען דייטש. זי שילט דאָס דייטשע פאָלק, אַז דער ליבער גאָט זאָל עס אָפּמעקן פון דער וועלט. אַ שאַנדע איז צו זיין אַ דייטש.

אַזוי האָט זי כמעט יעדן טאָג גערעדט צו די שכנים און גלייכצייטיק זיי געטרייסט, אַז דער ליבער גאָט וועט זיי נישט פאַרלאָזן. זי האָט אויסגעזען צו זיין גאַנץ נאָרמאַל און די קינדער האָבן זי אויפגעהערט צו היטן. דאָס האָט אַזוי אָנגעהאַלטן ביז היינט. 4 אַזייגער פאַרטאָג האָט די פרוי ניימאַן גענומען אויף זיך אַ וואַרעמע טוך, פאַמעלעך געעפנט די טיר, כדי נישט אויפצוועקן די קינדער, און ווען זי איז שוין געווען אונטן איז זי שנעל צוגעלאָפן צו די דראָטן און געבעטן זיך ביי דעם וואַך־פּאָסטן, אַז ער זאָל זי שיסן, ווייל זי קען נישט מער זיין אין געטאָ, ווייל זי קען נישט צוזען ווי אירע קינדער הונגערן. זי וויל בעסער שטאַרבן איידער אַזאַ אוממענטשלעך לעבן. דער ערשטער וואַך־פּאָסטן האָט זי אָוועקגעטריבן פון די דראָטן און איר אָנגעזאָגט, אַז זי זאָל מער זיך דאָ נישט באַווייזן. ביי דעם צווייטן וואַך־פּאָסטן האָט זי געפּועלט. צוויי קוילן האָבן דער פרוי

געטויט. מיטן אויסגעשריי: „מיין גאָט״ איז זי געפאַלן אויף די דראָטן און געבליבן הענגען ביז די יידישע פּאָליציי האָט זי פון זיי אַראָפּגענומען.

דעם 22סטן יוני.

די גאַנצע געטאָ־באַפעלקערונג איז היינט אויפגעציטערט געוואָרן דער־הערנדיק, אַז די אַפּראָוויזאַציע־מושלים האָבן פאַרברענט אַכט טויזנט פאַר־שימלטע ברייטלעך. מען האָט אָנגעהויבן חוקר ודורש צו זיין, ווי אַזוי דאָס איז געשען, ווי אַזוי עס איז מעגלעך געווען, אַז אין אַזאַ שווערער פּינצטע־רער צייט, ווען טויזנטער יידן שטאַרבן טאָג־טעגלעך פון הונגער און גייען אויס פאַר אַ שטיקל ברויט, זאָל געשען אַזאַ הימל־שרייענדיקע זאַך?

דער סקאַנדאַל איז שפּעטער נאָך פאַרגרעסערט געוואָרן, ווען מען האָט אַנטדעקט, אַז דאָס פאַרברענען ברויט געשעט גאַנץ אָפט.

די סדום־חברה וואָס פירט אָן מיט דער אַפּראָוויזאַציע, שטשענש־ליווע, ריינגאָלד, מאָשעגזשניק, ראָזענזאָן און אַנדערע פאַרברענען כמעט יעדע וואָך הונדערטער קילאָ פּראָדוקטן, קאַרטאָפל, מייערן, מעל און אַנדערע שפּייז־אַרטיקלען. כמעט יעדע וואָך ווערט אַרויסגעפירט אויף די מאַרי־שינער פעלדער שפּייז און דאָרט ווערט עס אין געהיים באַגראָבן.

ווער איז שולדיק אין דעם גרויסן גזעלשאַפטלעכן פאַרברעכן?

שולדיק אין דעם זענען קודם כל די וועלכע שטייען אין דער שפּיץ פון דער אַפּראָוויזאַציע. דאָס זענען מענטשן וואָס האָבן קיינמאָל נישט געהאַט צו טון מיט גזעלשאַפטלעכער אַרבעט. איצט אין דער מלוכה פון חיים רומקאָווסקי, זענען זיי געוואָרן עסקנים. זיי מאַכן פאַרשיידענע קאָמ־בינאַציעס. פאַרשיידענע שווינדלערייען. בכיוון לאָזן זיי פוילן הונדערטער קילאָ פּראָדוקטן, בכדי שפּעטער צו קענען זאָגן, (אויב מען וועט זיי כאַפּן), אַז די פּראָדוקטן זענען ליגנדיק קאַליע געוואָרן און צוליב סאַניטאַרע טעמים האָבן זיי געמוזט זיי פאַרניכטן.

באַלד ווי דער סקאַנדאַל איז באַוווסט געוואָרן אין געטאָ, האָב איך זיך געטראָפן מיט די צוויי אָנפירערס פון בעקער־רעסאָרט, ה׳ לייזעראָוויטש און ה׳ רעמבאַלינסקי און איך האָב זיי געפרעגט: היתכן?, ווי איז דאָס גע־הערט געוואָרן צו טון אַזאַ זאַך? דערויף האָט מיר רעמבאַלינסקי געענט־פערט: פון דער אַפּראָוויזאַציע־אָפּטיילונג האָבן מיר מיט אַ צייט צוריק

באַקומען אַ פאַרטרוילעכן בריוו, אַז יעדע וואָך מוז פון אונדזער זייט אָוועק־געלייגט ווערן 100 ברויטן אויף רעזערוו. די רעזערוו־ברייטלעך ווערט גע־האַלטן ספּעציעל פאַר סעודהלעך וואָס ווערן פון צייט צו צייט איינגעאָרדנט אין געטאָ דורכן פּרעזעס און דורך אַנדערע מושלים.

נו, מאַכט זיך אויך אַמאָל, אַז צווישן די אָנגעזאַמלטע רעזערוו־ברייט־לעך הייבט אָן שימלען אַ טייל ברויט, וואָס ליגט פון אונטן און ווען די ברייטלעך ווערן איבערגעקליבן, ווערן די פאַרשימלטע אַוועקגעלייגט אין אַ זייט, ביז עס זאַמלט זיך אָן אַ גרעסערע צאָל, דאַן ווערט דאָס איינפאַך באַגראָבן.

דעם 23סטן יוני.

היינט 8 אַזייגער אין דער פרי זענען פון דער שטאָט צוריקגעשיקט געוואָרן אַלע יידישע אַרבעטער, ווי אויך אַלע אָפּפאַל־הענדלער, וואָס האָבן די גאַנצע צייט געאַרבעט אין דער שטאָט אונטער דער דירעקטער אויפ־זיכט פון דער „געסטאַפּאָ".

די יידן וועלכע האָבן די גאַנצע צייט געוווינט אין דער שטאָט, האָבן נישט שלעכט געלעבט. זיי האָבן געהאַט צו עסן צו דער זאַט. עס האָט זיי גאָרנישט געפעלט. מיט איין זאַך איז זיי יאָ געווען שלעכט: דאָס וואָס זיי האָבן נישט געטאָרט פאַרלאָזן זייערע וווינונגען. כדי אַרויסצוגיין אויף דער גאַס האָבן זיי געמוזט האָבן אַ ספּעציעלן שיין.

וועלכע יידן זענען פאַרבליבן אין דער שטאָט?

— עטלעכע דאַמען־שניידער, עטלעכע מענער־שניידער, עטלעכע שוס־טערס, עטלעכע שטובן־מאָלער און שלאָסער, און אַ קליינע צאָל אָפּפאַל־הענדלער. צוזאַמען האָט די גרופּע געציילט 150 מאַן.

דעם 24סטן יוני.

היינט איז די געטאָ באַזוכט געוואָרן דורך אַ גרופּע דייטשע דאָקטוירים. דאָס וויכטיקסטע פון דעם באַזוך איז, וואָס די דאָקטוירים האָבן אויך באַזוכט דעם יידישן שפּיטאָל פאַר גייסטיק־קראַנקע און האָבן אויפן אָרט באַשלאָסן אַ גרויסן טייל קראַנקע אויסצושיסן. ווען די עקזעקוציע וועט פאָרקומען איז דערווייל נאָך נישט באַוווּסט.

WARNUNG

PRIVATGESPRÄCHE in den Fabriken und Werkstätten während der Arbeitszeit sind

STRENGSTENS

VERBOTEN.

Die Arbeitsstunden müssen nur für die pflicht- und ordnungsgemässe Ausführung der Arbeiten ausgenutzt werden

Ich werde Kontrollen durchführen lassen.

Diejenigen, die bei irgend einer Privat-Unterhaltung angetroffen werden, werden sofort entlassen und wird ihnen das Recht auf Unterstützung versagt.

(-) CH. RUMKOWSKI
Der Aelteste der Juden in Litzmannstadt

Litzmannstadt-Getto, d. 23. Juni 1941

וואָרנונג

בשעת דער ארבעט אין די פאבריקן און ווערקשטעטן זיינען

פריוואטע געשפרעכן
שטרענג פארבאטן.

די ארבעטס־שעהן
דארפן אויסגענוצט ווערן אויסשליסלעך פארן
פליכטלעכן און **געהעריקן**
אויספיר פון דער ארבעט.

איך וועל אדורכפירן געהעריקע קאנטראלן.

די אלע, וועמען מען וועט טרעפן
ביי פריוואטע אונטערהאלטונגען
וועלן תיכף ומיד באזייטיקט ווערן
פון דער ארבעט

און ווען פארלירן דאס רעכט אויף אונטערשטיצונג.

(–) מרדכי חיים רומקאווסקי
דער עלטסטער פון די יידן אין ליצמאנשטאט

ליצמאנשטאט־געטא, דעם 23־טן יוני 1941.

דעם 25סטן יוני.

די געטאָ־פּאָסט האָט היינט פון דער צענטראַלער שטאָטישער־פּאָסט באַקומען אַ מיטטיילונג, אַז די ייִדן אין געטאָ איז דערלויבט אַרויסצושיקן בריוו אין די פּאָלגנדיקע לענדער: האָלאַנד, בעלגיע, פראַנקרייך און אין אייניקע טעג אַרום, שרייבט זיך אין דער מיטטיילונג, וועלן די געטאָ־ייִדן אויך קענען שיקן בריוו קיין דרום־אַמעריקע. ווי נאָר די ידיעה האָט זיך פאַרשפּרייט האָבן ייִדן אָנגעהויבן צו זאָגן, אַז עס דערנענטערט זיך די ישועה און פּלאַטקעס זענען געלאָפן ווי ווילדע פערד אויפן סטעפּ. איין פּלאַטקע: די ענגלענדער האָבן שוין געמאַכט אַ דעסאַנט אויף האָלאַנד און בעלגיע. אַ צווייטע פּלאַטקע: פראַנקרייך האָט אָנגעהויבן צו שטעלן אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד. יעדנפאַל שפּירט מען, אַז עס ווערט אַרום אונדז שיטערער דער חושך.

דעם 26סטן יוני.

די דייטשע מאַכט האָט היינט צוגעשיקט צו דער געטאָ־פּאַרוואַלטונג אַ בריוו, אַז אין פאַרלויף פון 5 טעג זאָל די געטאָ־פּאַרוואַלטונג מאַכן אַ רשימה פון אַלע דאָקטוירים, קראַנקן־שוועסטער און סאַניטאַרן, וועלכע געפינען זיך אין געטאָ. פון היינט אָן מעלדעט די פאַראָרדענונג געפינען זיך די אַלע צו דער דיספּאָזיציע פון דער דייטשער ווער־מאַכט, דעריבער מוזן זיי זיין גרייט צו יעדער צייט, ווען מען וועט זיי דאַרפן. אַז מען דאַרף דעם ייִד איז ער רייך, פיין, ערלעך און אַרבעטסזאַם, און אַלע זיינע חטאים ווערן פאַרגעסן.

דעם 27סטן יוני.

פּינקטלעך 2 אַזייגער ביינאַכט איז היינט געהערט געוואָרן אַן אַלאַרם. אין אָנהייב האָבן געקלונגען די גלאָקן פון די קלויסטערס. אַ מינוט שפּע־טער האָבן אויך אַלע פאַבריק־סירענעס אָנגעהויבן צו פייפן. דער אַליאַרם האָט געדויערט אַ האַלבע שעה צייט. קיין פיינטלעכע עראָפּלאַנען האָבן מיר נישט געזען און קיין באָמבעס זענען, ליידער, נישט געוואָרפן געוואָרן. אַזוי, אַז אַלץ איז אַדורך בשלום, אָן שום שאָדן.

עס איז געפונען געוואָרן אַ טויט יינגעלע אין עלטער פון 5 יאָר. דאָס קינד איז געלעגן איינגעוויקלט אין אַ שטרויענעם זאַק, אין איינעם פון די מארישינער גריבער. די פּאָליציי גלויבט, אַז דאָס האָבן אים די עלטערן אַוועקגעלייגט, כדי נישט אָפּצוגעבן די ברויט־קאַרטע פון דעם טויטן קינד.

דעם 28סטן יוני.

די לאַגע איז אַזוי שווער, אַז עס איז פּשוט נישט צו פאַרשטיין, פאַר־וואָס עס קומט נישט פאַר אַ מאַסן־זעלבסטמאָרד פון די געטאָ־יידן. דער הונגער דערגרייכט שוין דעם העכסטן גראַד און עס איז ממש מער נישטאָ קיין כוח אויסצוהאַלטן.

אין אַזאַ שווערער און טראַגישער צייט האָט דער „חשובער" פּרעזעס חיים רומקאָווסקי געפונען פאַר נייטיק איינצואָרדענען אויף מארישין אַ פּענ־סיאָן פאַר זיינע אויסדערוויילטע מיטהעלפער, וואָס פרעסן אַזוי אויך איבער־געגנוג. אַ פּענסיאָן מיט אַלע פּיטשעווקעס, מיט אַלדאָס גוטס, מיט פלעשער וויין, מיט אַ ספּעציעלן פּלאַץ פאַר טעניס־שפּיל, מיט טענץ און מיט מוזיק און אויך מיט שאַנסאָנעטקעס. געוואַלד יידן, שרייט דאָס גאַנצע געטאָ, ווי איז דאָס געהערט געוואָרן?

ווען די „עגלה" פאָרט הונדערט מאָל אין טאָג און שלעפּט די מתים פון הונדערטער שטובן אַרויס, נעמען די געטאָ־מושלים, מיטן פּרעזעס אין דער שפּיץ, און שאַפן פאַר זיך אַ „פריילעך הייזל" און האָבן קיין שום מורא נישט, קיין שום בושה נישט, קיין ביסל מענטשלעכקייט נישט.

דעם 29סטן יוני.

היינט איז ווידער אָנגעקומען אין דער געטאָ אַ גרויסע מיליטערישע אינספּעקציע. די דעלעגאַציע האָט זיך געלאָזט געבוי אינפאָרמירן וועגן אַלעם וואָס עס קומט פאָר אין געטאָ. ווי עס זעט אויס די באַשפּייזונג, וויפל קראַנקע עס זענען פאַראַנען אין די שפּיטאָלן, וויפל מענטשן עס שטאַרבן טעגלעך. עס פאַרשטייט זיך, אַז די וועלכע האָבן די קאָמיסיע אַרומגעפירט האָבן געענטפערט אַז די אַרבעטער ווערן גוט באַהאַנדלט, האָבן צום עסן און אַזוי ווייטער. ביי די אַרבעטער גופא האָבן די קאָמיסיע־מיטגלידער ניט געפרעגט. ווי וואָלט געווען צו די אַלע ברודער־מערדער, ווען דער אַר־

בעטער־עולם וואָלט געהאַט אַ מעגלעכקייט צו ריידן, מעג עס אַפּילו זיין פאַר אַ היטלעריסטישער קאָמיסיע.

דעם 30סטן יוני.

אַ שרעקלעכע טראַגעדיע האָט היינט פּאַסירט אין געטאָ. קינד און קייט, גרויס און קליין, גייען אַרום פאַרטרויערט און האַלטן אין איין דער־ציילן וועגן דעם שווערן אומגליק.

וואָס האָט פּאַסירט?

אויף וועסאָלאַ־גאַס געפינט זיך דאָס שפּיטאָל פאַר גייסטיק־קראַנקע. אַ טייל פון די דאָזיקע קראַנקע געפינען זיך שוין דאָרט פון פאַר דער מלחמה. דער איבעריקער טייל איז מלחמה־קרבנות. זיי זענען פון זינען אַראָפּ צוליב די איבערמענטשלעכע איבערלעבענישן אין דער מלחמה צייט. צו־זאַמען געפינען זיך אין שפּיטאָל 62 קראַנקע, 46 מענער און 16 פרויען. פּלוצים איז היינט אָנגעקומען אַ באַפעל דירעקט פון בערלין, אַז אַלע גייס־טיק־קראַנקע ייִדן, וועלכע געפינען זיך אין געטאָ־ליצמאַנשטאַט, מוזן אומ־געבראַכט ווערן אין פאַרלויף פון 24 שעה.

ווי נאָר די מיטאַרבעטער פון דעם שפּיטאָל האָבן באַקומען דעם באַפעל האָבן זיי געוואָלט די עטלעכע פּאַציענטן וואָס זענען שוין געווען אויסגעהיילט, אַהיימשיקן צו זייערע משפּחות. אין דעם מאָמענט איז אָנגע־קומען אַ באַפעל פון דער געטאָ־פּאָליציי, אַז די שפּיטאָל־פאַרוואַלטונג וועט זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר יעדן מענטש וואָס וועט פעלן. די רשימה פון די קראַנקע געפינט זיך אין די הענט פון דער געסטאַפּאָ. אַזוי אַרום זענען צו דער עקזעקוציע מיטגעשיקט געוואָרן 4 געזונטע מענטשן, וואָס האָבן צוליב דער נאַכלעסיקייט פון דער שפּיטאָל־פאַרוואַלטונג געדאַרפט מיט אייניקע טעג צוריק שוין אויסגעשריבן ווערן.

צומאָרגנס אין דער פרי זענען פאַרן טויער פון שפּיטאָל שוין גע־שטאַנען צוויי פאַרמאַכטע לאַסט־אויטאָס. די שרעקלעכע ידיעה האָט זיך בליץ־שנעל פאַרשפּרייט אין דער געטאָ. עס זענען באַלד געקומען צו לויפן טויזנטער מענטשן, באַקאַנטע און משפּחה־מיטגלידער פון די אומגליקלעכע, זיי האָבן אָנגעהויבן ברעכן די הענט, שרייען און וויינען אויף דעם אומגליק

וואָס עס האָט זיי געטראָפן. נישט געקוקט אויף די אַלע געשרייען און גע־וויינען, איז די גזירה אַדורכגעפירט געוואָרן שטרענג און ברוטאַל.

7 אַזייגער אין דער פרי זענען אַנגעקומען אויפן פלאַץ 3 אָפיצירן. איינער פון די מערדער האָט אַרויסגענומען אַ ליסטע און אָנגעהויבן רופן יעדן קראַנקן ביים נאָמען. דער אַרויסגערופענער איז דורך דער שפּיטאָל־דינערשאַפט אַרויפגעזעצט געוואָרן אויף דעם אויטאָ.

אַזוי האָט מען אַרויפגעזעצט אויף די צוויי אויטאָס אַ קרבן נאָך אַ קרבן און אַלע, אַזוי ווי זיי וואָלטן פון עפּעס געוווסט, האָבן זיי טרויעריק געפרעגט: וווהין פירט מען אונדז?

צוויי יינגע פריילינס האָבן געוויינט אויפן קול. געכליפּעט ווי קליינע קינדער און געגאַנגען געאָרעמט, נישט אַרומגעקוקט זיך, נישט אויפגעהויבן די קעפּ, אַזוי ווי כלות וואָס גייען צו דער חופּה, פאַרוויינטע, אַזוי זענען זיי, די צוויי אומגליקלעכע כלות, געגאַנגען צו זייער טויטער חופּה.

איינער, אַ געוויסער זיסמאַן, האָט בשעת מען האָט אים געפירט צו דעם אויטאָ געזונגען „וטהר לבנו לעבדך באמת". דאָס איז געווען אַ הייליק געזאַנג. אַ צווייטער האָט געקלאַפּט זיך על חטא און געהאַלטן אין איין דאַוונען.

איין פרוי איז געווען, האָט זי קענטיק נישט געהאַט קיין צייט, זי איז נישט געגאַנגען נאָר געלאָפן. זי האָט געהאַלטן אין איין לאַכן: — פּטור, פּטור, טפו זאָלט איר ווערן, איר אויסוואורפן. וועמען זי האָט געמיינט, ווייסט איין גאָט אין הימל. אַזוי האָט מען אַרויסגעפירט 62 אומגליקלעכע מענטשן.

ווי פאַרגליווערטע זענען מיר געשטאַנען און זיך צוגעקוקט צו דעם שוידערלעכן בילד.

דעם 2טן יולי.

היינט זענען די ייִדישע אַרבעטער גערופן געוואָרן צו זייער נאָרמאַלער אַרבעט אין דער שטאָט אַריין. דאָס איז געשען אין דער פרי. אין די מיטאָג־שעהן זענען די אַרבעטער צוריקגעשיקט געוואָרן. די סיבה דערפון איז, וואָס די מיליטערישע מאַכט האָט היינט אָנגעהויבן איבערצופירן גרויסע מענגעס פאַרווונדעטע זעלנער פון איין אָרט אויף אַ צווייטן אָרט, און אַזוי ווי זיי האָבן נישט געוואָלט אַז די ייִדן זאָלן זען די גרויסע צאָל דייטשע

פּאַרוואונדעטע, האָט מען באַפוילן, אַז אַלע ייִדן זאָלן צוריקגעשיקט ווערן אין דער געטאָ אַריין.

אין די שעהן צווישן 10—12 ביינאַכט זענען היינט אַרומגערינגלט געוואָרן עטלעכע גאַסן, ווו עס וווינען לויטער פּאַליאַקן. דאָס מיליטער האָט אָנגעהויבן צו עוואַקויִרן אַ הויז נאָך אַ הויז. אין פאַרלויף פון דריי שעה זענען די אַלע אַרומגערינגלטע הייזער שוין געווען ליידיק. אַן ערך 30 טויזנט מענטשן זענען אַרויסגעטראַנספּאָרטירט געוואָרן אין אַן אומבאַקאַנטער ריכטונג. צווישן די עוואַקויִרטע האָט מען געזען בלויז פרויען און קינדער און אַ קליינע צאָל עלטערע מענער.

דעם 3טן יולי.

שוין עטלעכע טעג ווי מען זעט דעם דורכמאַרש פון מענגעס מיליטער. דאָסמאָל האָט זיך דער מאַרש געצויגן אַ גאַנצע נאַכט. אויך צענדליקער שווערע באָמבאַרדיר־עראָפּלאַנען זענען אָפּגעפלויגן אין דער ריכטונג צו רוסלאַנד. דאָס מאַכט אַ שווערן איינדרוק אויף די געטאָ־ייִדן, מען זעט די גרויסקייט און שטאַרקייט פון דייטשן מיליטער און מען איז זיכער, אַז אַזאַ שטאַרקע מאַכט וועט שווער זיין איינצוברעכן. ווער ווייסט צי רוסלאַנד, צוזאַמען מיט דער גאַנצער דעמאָקראַטישער וועלט וועט קענען עפּעס אויפטון קעגן אַזאַ ריזן־מאַכט?

אין חודש יוני, זענען אויף 75 געבורטן געשטאָרבן 996 נפשות. די שפּיטאָלן האָבן געגעבן 500 טויטע, זעלבסטמאָרדן — 18, מאָרד דורך דער דייטשער וואַך־פּאָליציי — 5, די איבעריקע 473 זענען געשטאָרבן אויף זייערע בעטן, פון הונגער און פון שווינדזוכט.

דעם 4טן יולי.

היינט איז געטויישט געוואָרן די וואַך אַרום דער געטאָ. די וואַך־פּאָסטנס זענען ווינער, זאַקסן און בייערן, צווישן זיי — אויך איניקע פרויען, וועלכע פירן אויס די זעלבע פונקציעס וואָס די מענער. זיי טראָגן העלמען אויף די קעפּ און גייען אָנגעטאָן אין מונדירן. צי די פרויען וועלן אויך זיין אַזוי ברוטאַל ווי די מענער, דאָס וועלן מיר שפּעטער זען. דערווייל זענען זיי שטיל און גיבן נישט קיין שמייכל.

2 אַזייגער ביינאַכט איז היינט צום דריטן מאָל פאָרגעקומען אַן אַליאַרם. די נאַכט איז דווקא געווען אַ שיינע, אַן אויסגעשטערנטע, מיט אַ ליכטיקער לבנה, אַזוי אַז מען האָט גענוי געקענט אָבסערווירן אַלץ וואָס עס טוט זיך אויפן הימל.

די געטאָ־מענטשן, וואָס וווינען נאָענט ביי דער דראָטן־פאַרצוימונג האָבן אין דער צייט פון אַליאַרם געזען דעם גרויסן פּחד פון די דייטשן פאַרן פליענדיקן שונא. אַזוי ווי די שאָטנס זענען די דייטשן געלאָפן אַהין און צוריק, געזוכט עפּעס אַ לאָך וווּ זיך צו באַהאַלטן. אויך דאָס מאָל איז דער שונא נישט געקומען. מען איז אָפּגעקומען בלויז מיט שרעק. אַ שאָד!

דעם 5טן יולי.

דער טישלער־רעסאָרט אויף דרוקאַרסקאַ 12 האָט היינט באַקומען צוגעשיקט פון דער מיליטערישער־מאַכט אַ באַשטעלונג אויף אַ מיליאָן הילצערנע קוליעס. אויסער דעם איז היינט אָנגעקומען פאַר אייניקע רעסאָרטן אַ מאַסע ווינטער־אַרבעט. די קירזשנער־ און שניידער־רעסאָרטן האָבן באַקומען גרויסע באַשטעלונגען. אַלע פרייע שפּייכלערס און פרייע פלעצער זענען פול געוואָרן מיט רווישטאָף.

צום ערשטן מאָל איז אויך אָנגעקומען אַ באַשטעלונג אויף 5 מיליאָן אויערן־שיצער. מיט איין וואָרט: די אַרבעט ברענט אונטער די הענט. די הענט אָבער זענען שוואַך און האָבן נישט קיין כוח צו אַרבעטן. די הערן פון דער אָרגאַניזאַציע האָבן נאָך נישט געפונען פאַר נייטיק אַ ביסל צו פאַרלייכטערן די לאַגע פון דעם אָפּגעשוואַכטן רעסאָרט־אַרבעטער. זיי ווערן ווייטער באַהאַנדלט ווי נידעריקע ברואים. דאַקעגן די רעדל־פירער פרעסן און זויפן אויף וואָס די וועלט שטייט, אויפן חשבון פון דעם אויסגעדאַרטן אַרבעטער־מענטש. דאָס פּשוטע פאָלק ווערט שוואַכער פון טאָג צו טאָג. זיי באַוועגן זיך קוים אונטער דער שווערער לאַסט פון זייער פאַראַנטוואָרטלעכער אַרבעט און די ה"ה שטשענשליווע, רייינגאָלד, מאַזשענזשניק, גערטלער, גוטמאַן, ראָזענזאָן א"אַ מאַכן זיך נישט וויסן וואָס עס טוט זיך ביי דעם שקלאַפן־פאָלק.

דעם 6טן יולי.

דער באַקאַנטער געזעלשאַפטלעכער טוער און ציוניסטישער עסקן יהושע האַמבורסקי האָט זיך היינט גענומען דאָס לעבן.

די געשיכטע פאַרוואָס האַמבורסקי איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד איז פאָלגנדיקע:

מיט צוויי וואָכן צוריק האָט די קריפאָ (דייטשע קרימינאַל־פּאָליציי) גערופן האַמבורסקין צו זיך און פון אים געפאָדערט, אַז ער זאָל אָנווייזן דאָס אָרט ווו ער האָט באַהאַלטן זיין פאַרמעגן. עס פאַרשטייט זיך, אַז צווישן פרעגן ביזן ענטפערן האָט דערווייל האַמבורסקי באַקומען עטלעכע פייערדיקע פעטש. האַמבורסקי, זעענדיק אַז ער איז מיאוס אַריינגעפאַלן און וואָס לענגער ער וועט פאַרציִען מיטן ענטפער, אַלץ ערגער וועט ער אָפּשניידן, האָט גענומען בעטן, אַז מען זאָל אים לאָזן צו זיך קומען, דאַן וועט ער זיך דערמאָנען ווו ער האָט באַהאַלטן זיין פאַרמעגן. דאָס האָט מען אים דווקא צוליב געטון. ער האָט טאַקע פאַמעלעך אָנגעהויבן צו דערציילן ווו ער האָט באַהאַלטן זיין פאַרמעגן. באַלד נאָכדעם האָט מען אים געהייסן אַהיימגיין. אויף צומאָרגנס האָט מען אים נאָכאַמאָל גערופן און צוזאַמען מיט עטלעכע קריפּאַ־אַגענטן, דערונטער אויך צוויי ייִדן, איז האַמבורסקי אָפּגעפאָרן אין דער שטאָט אַריין צו דעם אָרט ווו זיין פאַרמעגן איז געלעגן באַהאַלטן. נאָכדעם ווי דאָס פאַרמעגן איז פון דאָרט אַרויסגענומען געוואָרן, האָט מען נאָך אַלץ דעם „יודע האַמבורסקי" נישט באַפרייט. מען האָט אויפסניי גענומען אים מאָרדעווען און פייניקן, אַז ער זאָל אויסגעבן די אַנדערע באַהעלטענישן. האַמבורסקי האָט אָנגעהויבן צו וויינען ווי אַ קליין קינד און געבעטן רחמים, אַז דאָס וואָס ער האָט איבערגעגעבן איז אַלץ וואָס ער פאַרמאָגט. אָפּהאַלטנדיק אים נאָך עטלעכע שעה האָט מען אים אַ שטאַרק־צעשלאָגענעם אַ צעבראָכענעם, אַהיימגעלאָזט און ווען ער האָט נאָר אַריבערגעטראָטן די שוועל פון זיין הויז, האָט ער געזאָגט:

— קינדערלעך איך וועל דאָס נישט אויסהאַלטן, איך וועל נאָך פּרווון דעם לעצטן וועג, רעדן מיט רומקאָווסקין. וועט ער מיך וועלן פאַרשטיין און מיר אַרויסהעלפן אין מיין שווערער לאַגע, כדי איך זאָל נישט דאַרפן אָנקומען צו בעטל־ברויט, וועט זיין גוט. אויב, חלילה, נישט, ווער ווייסט

צי איך וועל דאָס קענען איבערטראָגן. ער האָט עטלעכע מאָל געבעטן דעם פּרעזעס, סיי דורך בריוו און סיי פּערזענלעך. דער פּרעזעס האָט אים קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט יעדע שטיצע. דאָס האָט אויף האַמבורסקין אַזוי שלעכט געווירקט, אַז דער אַמאָליקער גרויסער גביר, געזעלשאַפטלעכער טוער און ציוניסטישער עסקן האָט זיך גענומען דאָס לעבן.

ביי דער לויה האָב איך געפרעגט דעם ה׳ פּרוינד: פאַרוואָס האָט דער פּרעזעס אים נישט געוואָלט העלפן? זיי זענען דאָך געווען גוטע פריינט? דערויף האָט פּרוינד מיר דערקלערט: דער פּרעזעס האָט האַמבורסקין איינינקע מאָל פאַרגעלייגט, אַז ער זאָל איבערנעמען אַ געזעלשאַפטלעכן, פאַראַנטוואָרטלעכן פּאָסטן, האָט זיך האַמבורסקי דערפון אָפּגעזאָגט. דערנאָך האָט דער פּרעזעס אים געבעטן, אַז ער זאָל צו דער דיספּאָזיציע פון דער קהילה איבערגעגעבן זיין פאַרמעגן. דערפאַר, האָט דער פּרעזעס צו אים געזאָגט, וועסטו און דיין משפּחה האָבן צו עסן אַזוי לאַנג ווי עס וועט זיין אַ געטאָ. דערויף האָט האַמבורסקי געענטפערט, אַז ער האָט פון דער שטאָט אין געטאָ אַריין גאָרנישט מיטגעבראַכט. צוליב דעם איז דער פּרעזעס אויף אים געווען שטאַרק אין כעס און אַז דער פּרעזעס ווערט אויף איינעם אין כאַס, זאָל גאָט שומר ומציל זיין.

דעם 7טן יולי.

היינט איז ווידער צוריקגעקומען אַ גרויסע צאָל יידישע אַרבעטער אין דער געטאָ אַריין. ווען מען קוקט זיי אָן דאַרף מען זיי שוין מער גאָרנישט פרעגן. זייער הולך, זייער אַרט האַלטן זיך, זייער אַפּאַטישער אויסדרוק, דאָס אַלץ צוזאַמען דערציילט שוין אַלץ. אַלע זענען געוואַלדיק פאַרביטערט און אַלע ווילן דאַרפן ליגן צו עטלעכע וואָכן ביז זיי וועלן קענען קומען צו זיך. זיי האָבן באַקומען מער קלעפּ ווי אַרבעט. יעדן טאָג האָט מען זיי פאַרגעוואָרפן, אַז די יידן האָבן געוואָלט די מלחמה און צוליב די יידן קומען אום דייטשע סאָלדאַטן אויף די רוסישע פראָנטן.

דעם 8טן יולי.

איבער אויסגעקרומטע וועגן, פול מיט געפאַר, לויפן די געטאָ־יידן יעדן פרימאָרגן צו זייער שקלאַפן־אַרבעט. ווען דער זייגער ווייזט נאָר אויף

6 פאַרטאָג, שטייען שוין גרייט צענדליקער טויזנטער אָפּגעריסענע, אויסגעדאַרטע, איינגעהויקערטע, האַלב־פאַרחלשטע, הונגעריקע ברואים און וואַרטן ביי די פאַרשלאָסענע געטאָ־טויערן. כמעט די גאַנצע געטאָ־באַפעלקערונג איילט זיך מיט אַזאַ מורא, מיט אַזאַ שרעק צו דער אַרבעט, אַזוי ווי זי וואָלט געוואָרן געטריבן. עס איז אויך קיין וווּנדער נישט. פאַרשפּעטיקט אַן אַרבעטער מיט איין מינוט, באַקומט ער שוין דעם טאָג נישט זיינע 20 דעקאָ ברויט און ער גייט נאָך אַרויף אויף דער „שוואַרצער ליסטע״ און ווען, חלילה, אַזאַ איינער גייט אַרויף אויף אַזאַ ליסטע דריי מאָל איז אים שוין נישטאָ וואָס מקנא צו זיין. ער ווערט שוין גערודפט דורך אַלעמען. אַזוי לויפן טאָג־טעגלעך צענדליקער טויזנטער אַרבעטער, נאַקעטע, באָרוועסע, אויסגעהונגערטע, ווי היימלאָזע הינט, איבער די אויסגעקרומטע הינטער־גאַסן און פרעגן: ווי לאַנג נאָך?

ווי לאַנג נאָך וועלן מיר לעבן אַזאַ הינטיש לעבן? ווי לאַנג נאָך וועלן מיר זיך אַזוי פּייניקן?

דעם 9טן יולי

אַ שרעקלעכע עפּידעמיע בושעוועט אין געטאָ. מען רופט זי די „טשערוואָנקאַ״. זי נעמט צו יעדן טאָג הונדערטער קרבנות. אין יעדן הויף הערן זיך געוויינען און געוואַלדן — טאַטע זיסער אין הימל, איין פּלאָג קומט נאָך אַ צווייטער.

שוין עטלעכע טעג ווי די דאָקטוירים ברעכן זיך די קעפּ, ווי אַזוי אָפּצושטעלן די עפּידעמיע. טאָמער פאַלט איינער אַריין אין אַזאַ קרענק איז ער שוין ביים מלאך־המות אין די הענט. די דאָקטוירים קענען נישט ראַטעווען, ווייל זיי האָבן פּשוט נישט מיט וואָס. די רעצעפּטן ווערן באַהאַלטן פאַר דער בעסערער געזעלשאַפט, זיי ליגן הינטער שלעסער אויף דריי ערטער, אונטער דער אויפזיכט פון דריי פּערזאָן: יוזעף רומקאָווסקי, צדוק טשאַרנאָבראָדאָ און מ. קליגער. יעדער איינער אַרבעט אויף זיין חשבון באַזונדער. אויב עמיצער דאַרף נייטיק האָבן וויגאַנטאל אָדער אַן איינשפּרייצונג פון סטריכינין אָדער קאַלציום, ווערט עס דורך פּראָטעקציע דערליידיקט נאָר דורך די דריי הערן. אָן פּראָטעקציע קען מען אויף דער שוועל פון די אויבנדערמאָנטע הערן שטאַרבן.

שלמה פראַנק

דעם 10טן יולי.

די געסטאַפּאָ האָט היינט צוגעשיקט אַן אויפפאָדערונגס־בריוו צום יידישן געריכט. אין בריוו ווערט געשריבן, אַז שוין אַ לענגערע צייט ווי די געסטאַפּאָ אָבסערווירט די געטאָ־געריכטן, ווי אויך די אַרויסגעטראָגענע משפּטים. אין רעזולטאַט פון אונדזער אָבסערוואַציע האָבן מיר פעסטגע־שטעלט, אַז אייניקע אורטיילן זענען צו לייכט. דעריבער „זאָלט איר אויך אָנהייבן אַרויסצוגעבן טויט־שטראָף־אורטיילן".

עס פאַרשטייט זיך, אַז די מיטטיילונג האָט געמאַכט אַ שווערן איינ־דרוק און אַרויסגערופן אַ שטאַרקע פאַרביטערונג. נישט גענוג וואָס טויזנ־טער יידן פאַלן טאָג־טעגלעך אַוועק פון הונגער, נישט גענוג וואָס דער טויט ליגט יעדן איינעם אויפן פּנים, דאַרף נאָך אַ יידישער ריכטער אַרויסגעבן אַ טויט־שטראָף־אורטייל?

באַלד ווי די מיטטיילונג איז באַקאַנט געוואָרן, האָט דער פּרעזעס צו זיך גערופן אַלע ריכטער און מיט זיי אַרומגערעדט דעם ענין. צום סוף האָט דער פּרעזעס זיי מיטגעטיילט, אַז ער גיט זיי אַ טערמין פון דריי טעג כדי זיי, די ריכטער, זאָלן זיך באַראַטן געמיינזאַם אונטערצושרייבן דאָס וואָס די געסטאַפּאָ וויל.

נאָכדעם ווי די ריכטער זענען זיך צעגאַנגען האָט דער גרעסטער טייל דערקלערט: „מיר וועלן נישט טויטן אונדזערע ברידער. מיר זענען אויפ־געציטערט געוואָרן הערנדיק, אַז דער פּרעזעס איז מסכים מיט דער געס־טאַפּאָ, אַז מיר זאָלן פאַרמשפּטן אונדזערע געריודפטע ברידער צום טויט".
אין זעלבן טאָג האָט דער ריכטער בן־ציון ווייסקאָפּ צוזאַמענגערופן אַ דרינגנדיקע זיצונג פון אַלע ריכטערס, די זיצונג איז געווען אַ געשלאָסענע. דריי מאָל האָב איך געפּרוווט צוקומען צו די ריכטערס און עס איז מיר נישט געלונגען. עס איז מיר אויך נישט געלונגען צו רעדן וועגן דעם ענין מיט יעקב ראַטנער, וואָס איז געווען אַ לענגערע צייט סעקרעטאַר פון גע־ריכטס־וועזן אין געטאָ. די זיצונג פון די ריכטערס איז פאָרגעקומען מיט אייניקע איבעררייסן. אויף צו מאָרגנס האָבן די ריכטער געגעבן אַ בשותּ־פותּדיקן ענטפער:

— אַזוי ווי מיר יידן געפינען זיך אין אַ זייער שווערער לאַגע, וואָס

מאַכט נישט קיין אונטערשייד צווישן אַ בעסערן און אַן ערגערן ייִד, אַלע ייִדן זענען דאָך איצט אַ „מינדערוועכטיק" פאָלק, אַן רעכטן, געסטעמפּלט מיט געלע שאַנד־לאַטעס, אַריינגעוואָרפענע אין געטאָ, מיט פאַרשיידענע שווערע גזירות, קענען מיר נישט פאַראורטיילן אַ צווייטן ייִדן צום טויט, דעריבער זאָגן מיר זיך אָפּ פון אונדזערע פּאָסטנס אַלס ריכטער פון ליצמאַנשטאָט־געטאָ:

— אונטערגעשריבן האָבן די פאָלגנדיקע ריכטער: מערלענדער אַלבערט, בינשטאָק אַלעקסאַנדער, נוימאַן יעקב, ביטענסקי נתן, ביטענסקי ראַמאַן, ווייסקאָפּ בן־ציון, איידיף יוסף, מרובקא ווילהעלם, ראַטנער יעקב און וואָלק אַלעקסאַנדער.

דאַקעגן האָבן נישט אונטערגעשריבן דעם ענטפער צום פּרעזעס, די פאָלגנדיקע ריכטער:

שפּאַרן איזאַק, שוועבל אברהם, מאָטיל העלא, פּראַכאָוניק משה און פלאַטא יעקב.

איצט גלייבט מען וועט דער פּרעזעס אויסגעפינען אַנדערע ריכטער אויף דעם אָרט פון די ווידערשפּעניקע, וואָס וועלן מיט אַ לייכט געמיט יאָ אונטערשרייבן טויט־שטראָף־אורטיילן פאַר זייערע אויסגעמוטשעטע אומגליקלעכע ברידער.

דעם 14טן יולי.

דער קליינער מאַריאַוויטן קלויסטער, וואָס שטייט אַריינגעפּרעסט צווישן קליינע אַרבעטער־הייזער, איז איצט פאַרלאָזט פון זיינע גלויביקע. דער קליינער קלויסטער ווערט געהיט טאָג און נאַכט פון ייִדישע נאַכטוועכטער און אויך דורך פּאָליציי און פייערלעשער. ער ווערט געהיטן עס זאָל אים חלילה קיין שלעכטס נישט געשען.

די גרויסע טירן פון קלויסטער זענען פאַרשלאָסן, בלויז די אייזערנע פּורטקע וואָס טיילט אָפּ דאָס קליינע געסל פון קלויסטער איז אָפן. דער רעגן האָט נאָר־וואָס אויפגעהערט. פון די דעכער רינען נאָך די טראָפּנס. ווען דער שוואַרצער הימל האָט צו ביסלעך אָנגעהויבן גרויער ווערן האָבן אויפן הויף פון דעם קליינעם קלויסטער זיך געגומען פאַרזאַמלען צענדליקער קעץ.

וואָס אייגנטלעך זוכן קעץ אין דער איצטיקער שפּעטער שעה אין דעם פּאַרלאָזענעם קלויסטער?

אָבסערווירנדיק זיי אַזוי אַ שעה צייט איז מיר קלאָר געוואָרן די סיבה פון דעם קעציש צוזאַמענטרעף. אויפן טורעם פון דעם קלויסטער געפינען זיך אייניקע נעסטן פון שוואַרצע קראָען, צווישן די קראָען איז אויסגעבראָכן אַן עפּידעמיע, אפשר אויך צוליב די שלעכטע אָרעמע געטאָ־מאכלים, וואָס די קראָען קלויבן און דאָס האָט דאָס גורם געווען, אַז די שוואַרצע פייגל זאָלן פּגרן מאַנסוויז. די קעץ זענען דעריבער געקומען צולויפן פון אַלע עקן כדי צו פּראַווען די אמתע סעודה פון קראָען־פליייש.

דעם 15טן יולי.

די זעלבסטמאָרד־עפּידעמיע האָט היינט אַריינגעכאַפּט נאָך אַ קרבן. אַ 20־יעריקער בחור גענומען איין סם און ווען דער סם ווירקט נישט אַזוי שנעל שפּרינגט ער אַראָפּ פון דריטן שטאָק און ווערט צעשמעטערט פאַר די אויגן פון הונדערטער דורכגייער.

פּאַסירט האָט דאָס היינט האַלב 10 אַזייגער אין דער פרי. אַלס סוב־לאָקאַטאָר ביי אַ שניידער האָט געוווינט דער 20־יעריקער שיע, אַ בחור וועלכער האָט פאַר דער מלחמה געאַרבעט ביי אַן אַנגעזעענעם לאָדזשער פּאַבריקאַנט, פאַרדינט אויף אויסצוהאַלטן זיך און זיין גאַנצע משפחה. דער בחור מיט זיין פאַמיליע האָט אין דער געטאָ באַלד פון ערשטן טאָג אָן געמוזט הונגערן און ליידן. אַ טאָג פאַר פּסח איז אים די מוטער געשטאָרבן. 6 וואָכן נאָך פּסח איז אים זיין איינציקע שוועסטער דערשאָסן געוואָרן און צום סוף איז אים דער פאָטער אַזוי שווער קראַנק געוואָרן, אַז די דאָקטוירים האָבן מער קיין האָפענונג נישט געגעבן. אַ צעבראָכענער און אַ דערשלאָגע־נער האָט ער זיך גענומען אַרומטראָגן מיט דעם געדאַנק וועגן זעלבסטמאָרד.

אַרום האַלב 10 אַזייגער אין דער פרי האָט ער ביי אַ שכן געבאָרגט 50 פּעניג, געקויפט עסיק־עסענץ און אין אַ האַלבע שעה אַרום האָט מען פּלוצים דערהערט אויפן הויף אַ שווערן קלאַפּ. דער דאָקטער פון דער גיכער הילף האָט פעסטגעשטעלט, אַז דער זעלבסטמערדער איז שוין אַ געסמטער אַראָפּגעשפּרונגען פון פענצטער. אין שטוב ביי אים האָט מען געפונען אַ בריוול, געשריבן אין פויליש. ער שילדערט דאָס גרויסע אומגליק

פון זיין משפּחה און דאָס גרויסע אומרעכט פון די קהילה־מושלים, וואָס האָבן אים נישט געוואָלט העלפן, בעת ער האָט געבעטן אַ קראַנקן־שטיצע פאַר זיין פאָטער. ער רעכנט אויס אין דעם בריוול ביי וועמען ער איז אַלץ געווען און געבעטן שטיצע און אײנער האָט אים געשיקט צום צווייטן. ער איז אַזוי אַרומגעלאָפן אַ צעבראָכענער, אַ הונגעריקער און אַ פאַרצווייפלטער. דעריבער האָב איך, שרייבט ער, באַשלאָסן אַ סוף צו מאַכן צו אַזאַ לעבן.

די מענטשן צו וועלכע ער האָט זיך געווענדט נאָך הילף זענען: קליגער פון דער זאָנדער־פּאָליציי, טשאַרנאָבראָדאַ פון דער געזונטהייטס־אָפּטיילונג, גוטמאַן דער קאָמיסאַר פון די בעקערס, זבאַר דער לייטער פון טריקאָטאַזש־רעסאָרט און געטריימאַן, לייטער פון שוסטער־רעסאָרט אויף מאַרישין.

די אַלע — שרייבט ער — האָב איך גוט געקענט פון פאַרן קריג. לײדער בין איך פאַר זיי איצט גאָרנישט. דעריבער האָבן זיי פון מיר חוזק געמאַכט און מיך געטריבן צו דעם פאַרצווייפלטן שריט.

איך בעט די שכנים וועלכע קענען גוט מיין פאָטער, אַז זיי זאָלן זיך אויף אים דערבאַרעמען און אים העלפן אין זיין שווערער לאַגע.

דעם 16טן יולי.

היינט 4 פאַרטאָג איז אין געטאָ צוריקגעקומען אַ גרויסער טראַנספּאָרט אַרבעטער. כמעט אַלע זענען מוראדיק צעשלאָגן. יעדער צוריקגעקומענער האָט באַקומען אַזויפיל קלעפּ וויפל ער האָט נאָר געקענט אויסהאַלטן. געשלאָגן האָט מען זיי ביים גיין צו דער אַרבעט, ביים עסן און ביי דעם אויפשטיין. געשלאָגן האָבן אַלע אויפזעערס צוזאַמען; ווער מיט אַ רימען, ווער מיט אַ שטעקן און ווער מיט די הענט. די מערדערלעכע שלעגערייען זענען פאָרגעקומען יעדן טאָג פאַר די אויגן פון די יידישע פרויען און קינדער. די צוריקגעקומענע דערציילן נאָך אַ מעשה, וואָס נאָר ביי אַזאַ מערדער־פאָלק, קענען אַזעלכע זאַכן פּאַסירן: אַ פאַרחלשטער האָט, נאָכן קומען צו זיך, געבעטן אַ דייטשע פרוי וואָס איז געשטאַנען נישט ווייט פון אים, אַז זי זאָל אים ברענגען אַ ביסל וואַסער, האָט זי געבראַכט השתנה פון אירע קינדער און ווען דער פאַרחלשטער האָט דאָס אָנגעהויבן טרינקען, האָבן די קינדער אָנגעהויבן צו לאַכן און צוזאַמענגערופן דאָס גאַנצע דאָרף;

— „קומט, קאַמעראַדן, וועט איר זען ווי דער יודע טרינקט פּאַלעסטינאַ־ווייַן“.

דעם 17טן יולי.

ווידער האָט היינט אַ מערדערישע האַנט דערשאָסן אַן אומשולדיקן מענטשן. הערשל אַבראַמאָוויטש, 30 יאָר אַלט, האָט איבערגעלאָזט אַ פרוי און אַ קליין קינד. ער איז, ווי שטענדיק, געגאַנגען צו זיין אַרבעט. דער וואַך־פּאָסטן האָט אויף אים געשאָסן און אים אַוועקגעלייגט טויט אויפן אָרט. דער שיסער האָט זיך פאַרענטפערט: „דער יודע האָט זיך נישט גע־מאַכט הערן, ווען איך האָב אים איייניקע מאָל גערופן. ער האָט געקוקט אויף מיר און מיינע באַפעלן נישט אויסגעפירט. דעריבער האָב איך אים דערשאָסן.

דעם 18טן יולי.

אַ מהומה, אַ געשריי, אַ געלויף, געוואַלד יידן עס ברענט. מענטשן ראַטעוועט... וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן? אויף בזשעזשינער 58 אין דער פאַבריק פון די ברידער ציטרין, איז אויסגעבראָכן אַ גרויסע שרפה. די יידישע פייערלעשער, צוזאַמען מיט די דייטשע פייערלעשער, האָבן אין פאַרלויף פון פיר שעה דאָס פייער קוים פאַרלאָשן.

פאַרברענט איז געוואָרן דער גאַנצער לאַגער פון פריש־געריסענער וואָל, וואָס האָט געזאָלט אין צוויי טעג אַרום אָפּטראַנספּאָרטירט ווערן אין דער שטאָט אַריין. לויט ווי דער פּרעזעס גיט איבער, זאָל אין דעם שטעקן די האַנט פון איינעם פון די ברידער. ער זאָל האָבן גורם געווען די שריפה. דער אַמאָליקער גרויסער גביר קען נישט צוקוקן ווי זיין פאַבריק אַרבעט טאָג־און־נאַכט און הונדערטער אַרבעטער גייען טאָג־טעגלעך אַריין און אַרויס, ווער מיט זופּ און ווער מיט ברויט און ער, דער אַלטער אַמאָליקער פאַבריקאַנט, הונגערט און שטאַרבט דריי מאָל אין טאָג פאַר אַ שטיקל ברויט. דער פּרעזעס האָט צוגעגעבן, אַז אויב די אויספאָרשונג וועט אַרויס־ווייזן, אַז זיין פאַרדאַכט איז אַ ריכטיקער, וועט אַד־און־ווי זיין צו זיין לעבן.

דעם 19טן יולי.

עס איז כדאי צו פאַרצייכענען, פאַר די שפּעטערע, וואָס וועלן יאָ לעבן בלייבן, ווי אַזוי רומקאָווסקי מיט זיינע מענטשן, באַשפּייזן די טויזנטער אויסגעהונגערטע און אויסגעפּרוירענע שול־קינדער. וואָס אַן אמת, קען מען די גאַנצע שולד אויפן פּרעזעס דאָס מאָל נישט ארויפלייגן, ווייל ער קען בשום אופן נישט זיין אומעטום און זען וואָס עס ווערט אַריינגעלייגט אין קעסל. די שטענדיק־אויסגעהונגערטע קינדער, הערנדיק אַז די שולע וועט פאַר זיי האָבן יעדן טאָג אַ וואַרעמע זופּ, האָבן פאַר פרייד געגומען טאַנצן אויף די גאַסן. נישט קוקנדיק דערויף וואָס אַזאַ זופּ וועט דאַרפן קאָסטן יעדן קינד 15 פעניג, האָבן די קינדער געגומען טעפּלעך, אָנגע־בונדן זיי ביי די אויערן מיט בענדלעך און אָנגעהאַנגען זיך אויפן אַקסל און אַזוי מיט געזאַנג און פרייד געלאָפן אין דער שול אַריין.

וואָס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן — די 15 פעניג פון די קינדער זע־נען טאַקע צוגענומען געוואָרן, אָבער די צוגעזאָגטע גוטע, געדיכטע זופּ האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין אַ ביסל ריין וואַסער. אַנשטאָט עסן האָבן די קינדער באַקומען צו טרינקען. דאַקעגן, די וועלכע דרייען זיך אַרום ביים קעסל מאַכן אַ לעבן. איידער די קינדער קומען, איז שוין דאָס געדיכטע אַראָפּגענומען געוואָרן. עס עסן נישט בלויז די קיכן־אַרבעטער, מיט אַלע קליינע און גרויסע געהילפן, נאָר אויך פריינט און באַקאַנטע פון די קיכן־לייטערס. יעדער קומט בלויז פאַרזוכן און ביי אַזאַ פאַרזוך ווערט דאָס גע־דיכטע אויפגעגעסן און ווען די קינדער קומען פאַרבלייבט זיי שוין נישט מער ווי בלויז וואַסער. אַזוי אַרום איז אויסגערונען געוואָרן די קינדערישע פרייד. איצט וויצלען זיך די קינדער: — „האָסט שוין היינט געטרונקען די געדיכטע זופּ? — וואָס האָסטו אין דער שול מיטגעבראַכט, אַ טעפּל אָדער אַ פלעשל? — ווער עס וועט היינט געפינען אַ קאַרטאָפל אין דער זופּ, דער באַקומט 5 פעניג, — מיין זופּ האָט אויפגעגעסן דער קיך־לייטער און מיר האָט ער געגעבן דאָס וואַסער". און נאָך פאַרשיידענע אַנדערע קינדערישע וויצן אויפן חשבון פון די נאַרהאַפּטיקע, געשמאַקע, געדיכטע זופּן, וואָס דער פּרעזעס מיט זיינע משרתים האָבן צוגעזאָגט און דאָס צוזאָגניש אַזוי שטאַרק צעפּויקט.

שלמה פראַנק

דעם 20סטן יולי.

אין געטאָ האָט זיך פאַרשפּרייט אַ נייע פּלאָג: גניבות, אויסגעפירט דווקא דורך מינדעריעריקע. עס גייט נישט אַדורך קיין איין טאָג, אַז קינדער זאָלן נישט געשלעפּט ווערן פון דער פּאָליציי אין די רעווירן אַריין. אַממיינסטן ווערט געגנבעט עסנוואַרג: ברויט־קאַרטן, פּראָדוקטן פון די גרינצייג־פּלעצער, פון בעקערייען און פון קאָאָפּעראַטיוון. די קינדער ווערן געשיקט גנבענען פון זייערע עלטערן. די אַלע פאַרברעכער זענען צופעליקע. זיי ווערן צום פאַרברעכן געטריבן דורכן הונגער, מען זעט ווי אויסגעהונגערטע קינדערלעך קריכן אַרום פון הויף צו הויף, פון מיסטקאַסטן צו מיסטקאַסטן און זוכן עפּעס וואָס טויג צום עסן. דאָס וואָס ווערט געפונען ווערט אָפּגעוואַשן און אַהיימגעטראָגן. צוליב די קינדער־פאַרברעכנס האָט דער פּרעזעס היינט געשאַפן אַ קוראַטאָרן־קרייז צום שוץ פאַר די מינדעריעריקע.ביים קרייז איז אויך געשאַפן געוואָרן אַ געריכט, וואָס וועט משפּטן די קליינע פאַרברעכער. אין דעם קוראַטאָרן־קרייז זענען דורכן פּרעזעס נאָמינירט געוואָרן די פאָלגנדיקע פּערזאָנען: די פרויען קראַקאָווסקי גיטל, מאָסאַרסקאַ צפּורה, טאַבאַקסבלאַט בערטאַ, אורימאַן דאָראַ, בריטשקאָווסקאַ אַננאַ, דאַווידאָוויטש שרה, וואַסערצוג דאָראַ, מילאַווסקאַ בתיה, לובעק איידל און די ה״ה: שווענפּינגער ישראל, מעלניק ברוך, קאַרמיאל וואָלף, גראָספעלד מאיר־בער, קראַנענבערג יוסף, לעווי מיכל און בערלינער נאָטע. דער הויפּט־ציל פון דעם נייעם באַשעפעניש, וואָס רופט זיך „קוראַטאָרן־קרייז״ וועט זיין אויסצוברייטערן די השגחה איבער די מינדעריעריקע.

ווען איך האָב געפרעגט אייניקע מיטגלידער פון דעם קוראַטאָריום, צי זיי גלויבן מיטן גאַנצן האַרצן, אַז זייער נייע אויפגאַבע וועט די הונגעריקע קינדער אַ ביסל זעטיקן, האָבן זיי מיר געענטפערט: — מיר וועלן זען. דער פּרעזעס וויל אַזוי, זאָל זיין אַזוי.

דעם 21סטן יולי.

שוין אייניקע מאָל ווי ביי די דראָטן געפינט מען ליגן דערשאָסענע מענער אָן שום דאָקומענטן. אַזוי אַרום קען מען בשום אופן נישט וויסן ווער דער דערשאָסענער איז און פון וואַנען ער איז געקומען. דער געפונע־

נער ווערט באַגראָבן אָן דאָקומענטן אַלס אַן אומבאַקאַנטער און די צאָל פון אַזעלכע אומבאַקאַנטע איז שוין אַ גאָר היפּשע.

עס זענען אויך שוין געווען פאַלן ווען מען האָט אַרויסגערופן די ייִדישע פּאָליציי, אַז זי זאָל אַוועקנעמען דעם טויטן פון יענער זייט דראָטן. דאָס הייסט, אַז דער מענטש איז דערשאָסן געוואָרן אויף דער אַרישער זייט. און ווען מען האָט אַזאַ מת אַריינגעבראַכט אין דער געטאָ האָט מען ביי אים שוין נישט געפונען קיין שום סימנים, ווער ער איז און פון וואַנען ער שטאַמט.

היינט פאַרטאָג האָט אַ פּאַטרול פון דער געטאָ־פּאָליציי זיך אָנגעשטויסן אויף אַ דערשאָסענעם מאַן, וואָס איז געלעגן נישט ווייט פון די דראָטן. אַלע באַמיִונגען פעסטצושטעלן ווער דער דערשאָסענער איז, זענען געבליבן אָן רעזולטאַטן. די פאָטאָגראַפישע אויפנאַמע, וואָס איז געמאַכט געוואָרן, האָט באַוויזן, אַז דער אומגעקומענער האָט געקענט אַלט זיין אַן ערך 55־60 יאָר. אַט אַזוי קומען אום ייִדן. (און אפשר זענען עס גאָרנישט קיין ייִדן?).

דעם 22סטן יולי.

דער פּרעזעס רעדט. און אַז דער פּרעזעס רעדט דאַרפן ייִדן הערן.

איידער דער פּרעזעס האָט אָנגעהויבן רעדן האָט ער צוויסן געגעבן, אַז ווער עס וועט אים וועלן אין מיטן רעדן שטערן, דער וועט אויפן אָרט אַרעסטירט ווערן. — אַ קלייניקייט! דער קעניג פון ליצמאַנשטאַט־געטאָ, דער קעניג וואָס געוועלטיקט איבער הונדערט און פופציק טויזנט ייִדן, זאָל געשטערט ווערן בעת ער האַלט זיין טראָן־רעדע.

אויפן אָרט ווו די רעדע האָט געזאָלט פאָרקומען האָט מען שוין פון פריִער אַוועקגעשטעלט די בעסטע פּאָליצייאישע קרעפטן, די אַזוי גערופע־נע, איבערפאַל־קאָמאַנדע.

דער גאַנצער שטח איז אַרומגענומען געוואָרן מיט אַ שטאַרקער וואַך פון פּאָליציי און פייערלעשער. אַ טריבונע איז געמאַכט געוואָרן און אויף איר איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אַ פּאָטעל, כדי דער פּרעזעס זאָל אַלעמען זען און יעדן קענען אַריינזאָגן אויב עמעצער וועט שטעלן פראַגן. דער פּרעזעס האָט זיך באַוויזן אויף דער טריבונע, אַ מאַך געטון מיט דער האַנט און אָנגעהויבן רעדן:

— מיינע ליבע ייִדן, ברידער און שוועסטער! די געטאָ איז נישט גע־מאַכט געוואָרן פאַר לײדיקגייערס, פאַר שווינדלערס אָדער פאַר שאַכער־מאַכערס. די געטאָ איז באַשאַפן געוואָרן, כדי איר זאָלט אַרבעטן און אויס־פירן געהאָרכזאַם אַלע מיינע באַפעלן. זיך צוגעווינען צו הונגערן. נישט פיל רעדן און דערציילן באָבע־מעשׂיות; דער וואָס וועט אַ סך רעדן, דער וועט פוילן אין דער תּפֿיסה. איר מוזט וויסן, אַז געטאָ־מענטשן האָבן נישט קיין רעכט צו דיסקוטירן, אָדער צו אַפּעלירן. דערויף איז דאָ אַ פּרעזעס, וואָס איז גלײַכצײַטיק אַ פאָטער, אַ טאַטע וואָס פאַרזאָרגט אַלע מענטשן אין געטאָ. מענטשן אַליין שפּילן קיין ראָל נישט. מענטשן האָב איך גענוג און איבערגענוג. איך וויל נישט אַזויפיל אַריינגעמען, וויפיל די מאַכט וויל מיר שיקן. געדענקט דאָס וואָס איך זאָג אײַך: דאָס ווילן זיי... די וועלכע פאַר־זאָרגן אונדז מיט אַרבעט און עסן. איך האָב פאַר אײַך ביז היינט זייער אַ סך געטון. איך בין שוין קראַנק און שוואַך פון אייערע צרות; איך שלאָף נישט קיין איין נאַכט אַדורך רויִק; איך טראַכט נאָר וועגן אײַך, ווי אַזוי איך זאָל צו מאַכן. ליידער קען איך נישט אַלע פאַרזאָרגן. און צווישן אונדז גערעדט, זענט איר אויך נישט ווערט, אַז איך זאָל פאַר אײַך אַזויפיל זאָרגן.

דער פּרעזעס האָט אויסגעטרונקען אַ גלאָז וואַסער וואָס איז אים צוגעטראָגן געוואָרן פון קאָמיסאַר יוטקע און ער האָט ווידער אָנגעהויבן:

— גנבים זענט איר! ווי איך קער זיך און ווי איך ווענד זיך זענען פאַראַן גניבֿות. איך וואָרן אײַך היינט צום לעצטן מאָל, אַז איך וועל האַנד־לען לגבי אײַך פיל שטרענגער ווי ביז איצט. איך אַליין וועל די מאָרדעס צעהאַקן. איך ראָט אײַך, אַז איר זאָלט זיך בעסער אויפפירן און מיט גע־דולד וואַרטן ביז דאָס בעסערע וועט קומען.

דעם 25סטן יולי.

די צענטראַלע תּפֿיסה געפינט זיך אונטער דער אויפזיכט פון שלום הערצבערג, וועלכער איז אויך גלײַכצײַטיק דער פאַקטישער באַלעבאָס איבער די, וועלכע פאַלן אַריין אין זיין האַנט. ער דעצידירט וועגן זייער לעבן און טויט. לויט זיינע אָנווייזונגען ווערט די אויספאָרשונג נאָך אַמאָל געפירט. נישט קוקנדיק דערויף וואָס דער באַשולדיקטער האָט שוין זיין שטראָף פאַרענדיקט.

הערצבערג האָט די טעג געפייערט אַ שמחהלע. אַ קלייניקייט עפּעס, די תפיסה האָט באַקומען פון דער דייטשער מאַכט אָנערקענונג. ער האָט צו דער שמחה, אין זיין פּריוואַטער וווינונג, פאַרבעטן אייניקע געסטאַפּאָוצעס, דערונטער אויך די צוויי באַקאַנטע יידישע געסטאַפּאָוצעס, די ברידער קאַהן, ווי אויך אייניקע באַקאַנטע אונטערוועלט־פּרויען און מען האָט געטרונקען אויף וואָס די וועלט שטייט. איינער פון די געסטאַפּאָוצעס, שוין שטאַרק שיכור,מיט אַ פּראָסטיטוקע אויף דער קני, האָט געשריגן: — „אַך, ווי שיין דו ביסט! ווען נישט היטלער וואָלטן מיר מיט אייך געקענט גוט לעבן". די הוליאַנקע האָט זיך אַזוי געצויגן ביז שפּעט אין דער נאַכט. אין מיטן דער נאַכט זענען אָנגעקומען נאָך אייניקע געסטאַפּאָוצעס, וואָס האָבן זיך גענומען צו די פלעשלעך און צו די יידישע פּראָסטיטוטקעס.

ווי אַזוי איז געשאַפן געוואָרן די צענטראַלע תפיסה אויף טשארניעצ־קיעגאָ? נאָך אייניקע חדשים פון זיין הערשן אין געטאָ האָט דער פּרעזעס זיך אַרומגעזען, אַז די אַרעסט־הייזער, וועלכע געפינען זיך ביי די פּאָליציי־רעווירן זענען צו קליין. ער האָט דאַן גערופן צו זיך דעם פּאָליציי־קאָמיסאַר הערצבערג און אים געהייסן שאַפן אַ צענטראַלע תפיסה, לויטן מוסטער פון דער תפיסה אויף קאָפּערניק־גאַס. הערצבערג האָט זיך געווענדט צו דער דייטשער קרימינאַל־פּאָליציי און געבעטן, אַז זיי זאָלן אים צושיקן אַ מענטש, וואָס זאָל געבן עצות ווי אַזוי צו אָרגאַניזירן אַזאַ תפיסה. די דייטשע קרי־מינאַל־פּאָליציי האָט באַלד צוגעשיקט אירע אַגענטן און מען האָט אויף טשאַרניעצקי־גאַס אויפגעשטעלט אַ תפיסה.

שלום הערצבערג אַליין, האָט זיך אויסגעזוכט אייניקע פּאָליציי־לייט פון פאַרשיידענע פּאָליציי־רעווירן, געגעבן זיי אינסטרוקציעס און אויפקלע־רונגען וועגן זייער אַרבעט.

ווען עס איז אַריינגעקומען דער ערשטער אַרעסטאַנט, האָט מען זיך באַגאָסן מיט קאָניאַק. דער אַרעסטאַנט גופא האָט אויך באַקומען אָנשטאָט קלעפּ — גוט אָפּצועסן און צו טרינקען. ווען די צאָל אַרעסטאַנטן איז גע־וואָקסן איז די תפיסה געוואָרן אַ שעכט־הויז. ווער עס איז דאָרט אַריין איז שוין מער קיין געזונטער נישט אַרויס. יאָ פאַרשולדיקט זיך, אָדער נישט פאַרשולדיקט זיך — ביסטו אין דער תפיסה, דאַרפסטו באַקומען קלעפּ. און געשלאָגן האָט מען מיט ספּעציעלע מכשירים, וואָס זענען געבראַכט געוואָרן

פון דער דייטשער קרימינאַל־אָפּטיילונג. מ׳האָט דעם אַרעסטאַנט נישט גע־לאָזט לעבן און נישט שטאַרבן. די תפיסה אויף טשאַרניעצקי־גאַס איז גע־וואָרן אַ שם דבר, אַ שרעק פאַרן געטאָ.

געמיין, ברוטאַל און נידעריק פירט זיך אויף שלום הערצבערג. עס איז נישט פאַראַן קיין איין מענטש אין געטאָ, וואָס זאָל וועגן הערצבערגן זאָגן איין גוט וואָרט. ער איז דער מלאך־המות נומ׳ 2. די שרעק פון טויזנ־טער געטאָ־יידן.

מוראדיק איז צו זען, ווי הערצבערג אַליין נעמט זיך אויסצופאָרשן קליינע קינדער. דאָס קינד ווערט אָוועקגעשטעלט אין מיטן צימער. הערצ־בערג מיט אַ בייטש אין דער האַנט שטייט מיט איין פוס אויף אַ בענקל און שטעלט דעם קינד שאלות. ביי יעדער שאלה — אַ שמיץ מיט דער בייטש איבערן קינדס קערפּער און ווען דאָס קינד הייבט אָן פאַר שרעק שטאַמלען און וואַרפט זיך אויף דער ערד פאַר יסורים, שטייט דער גזלן און לאַכט. דערביי ברומט ער אונטער: ביי מיר וועסטו קיינע קונצן מאַכן.

דעם 21סטן אויגוסט.

היינט זענען פון דייטשלאַנד צוריקגעקומען אַ גרעסערע צאָל אַרבעטער. באַלד ווי די מענטשן האָבן געשטעלט זייערע ערשטע טריט אויפן געטאָ־באָדן, איז אָנגעקומען דער פּרעזעס רומקאָווסקי, דער וויצע־פּרעזעס יאַקו־באָוויטש, די פריילין פוקס מיט איר ברודער, דוד גערטלער און נאָך איי־ניקע קאָמיסאַרן מיטן קאָמענדאַנט ראָזענבלאַט אין דער שפּיץ. דער פּרעזעס האָט זיי געפרעגט: וועט האָט אייך צוריקגעשיקט אין דער געטאָ? אַלע וועט איר איינגעזעצט ווערן אין דער צענטראַלער תפיסה. דאָרט וועל איך אויס־פאָרשן ווער פון אייך עס איז ווירקלעך קראַנק און ווער עס איז געזונט. באַלד זענען אין דער תפיסה אַראָפּגעקומען אייניקע דאָקטוירים מיטן ברוי־דער פונעם פּרעזעס, יוזעף רומקאָווסקי אין דער שפּיץ, און מען האָט אויס־געפאָרשט ווער עס איז געזונט און ווער עס איז קראַנק. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַ גרויסער טייל פון די צוריקגעקומענע איז פיזיש געזונט

און קאָן אַרבעטן ביי אַלערליי שווערע אַרבעטן. דער פּרעזעס האָט טאַקע באַלד באַפוילן אַלע געזונטע איינצוזעצן און האַלטן זיי אַזוי לאַנג ביז זיי וועלן ווידער געפּאַדערט ווערן פון דער דייטשער מאַכט. די קראַנקע האָט ער באַפוילן אַהיים צולאָזן צו זייערע פאַמיליעס. די געזונטע האָט די פּאָליציי אַרומגערינגלט און געהייסן אַריינגיין אין די תפיסה־קאַמערן צווישן די צוריקגעקומענע זענען געווען עטלעכע „ווילע יונגען", וואָס האָבן בשום אופן נישט געוואָלט אַריין אין דער תפיסה. זיי האָבן געזאָגט: „אויב די דייטשן האָבן אונדז אַהיים געלאָזט, דאַרף רומקאָווסקי נישט זיין צו אונדז אַזוי ביטער. מיר האָבן פרויען און קינדער און מיר ווילן זיך מיט זיי זען".
עס האָבן נישט געהאָלפן אַלע זייערע טענות, אַלע זייערע געשרייען. מיט געוואַלד זענען די צוריקגעקומענע אַריינגעשטופּט געוואָרן אין די תפיסה־קאַמערן. די פּראָטעסטן האָבן זיך צומאָרגנס נאָכאַמאָל איבערגעחזרט. אַזוי יעדן טאָג, ביז אין אַ געוויסן טאָג איז פּלוצים אָנגעקומען אַ באַפעל פון ליצמאַנשטאַטער פּראָקוראָר, אַז 11 מאַן פון די פּריש־צוריקגעקומענע, אויסגערעכנט יעדן איינעם ביים נאָמען, זאָלן תיכף אָפּגעשיקט ווערן אין דער תפיסה אויף קאַפּערניק־גאַס צו אַן אויספאָרשונג. עס האָט לאַנג נישט געדויערט. די עלף מאַן האָבן זיך אַפילו נישט געזעגנט מיט זייערע פרויען און קינדער און זענען אָפּגעשיקט געוואָרן אויף אייביק. אַלע עלף מאַן זענען דערשאָסן געוואָרן דעם זעלבן טאָג, ווען זיי זענען אָנגעקומען אין דער תפיסה, אויף קאַפּערניק־גאַס. ווען עס איז באַוווסט געוואָרן אין דער געטאָ, אַז די עלף צוריקגעשיקטע האָט מען אין ליצמאַנשטאַט דערשאָסן, האָט זיך אויפגעהויבן אַ מוראדיקער טומל. איינער דעם אַנדערן האָט געפרעגט: — איז דאָס אמת? מיט וואָס האָבן זיי זיך פאַרזינדיקט? פאַרוואָס האָט מען זיי, פאָטערס פון קינדער, דערשאָסן? קיינער האָט נישט געענטפערט. מען האָט מורא געהאַט אַרויסצוזאָגן דאָס וואָרט, אַז דאָס האָט געטון ער אַליין, דער וואָס רופט זיך דער פאָטער פון דער געטאָ. ער איז געווען דער מסור, ווייל ער האָט נישט געוואָלט ביי זיך אין געטאָ האָבן מענטשן, וואָס קענען זיך אַנטקעגנשטעלן.

אַזוי צי אַזוי — אַך־און־וויי איז צו אונדז.

שלמה פראַנק

דעם 22סטן אויגוסט.

שוין אַוועק עטלעכע טעג ווי דאָס געטאָלע האָט נישט געהאַט קיין באַזוך פון עפּעס אַ דייטשער קאָמיסיע. שטיל, רויק, נאָרמאַל אַרבעטן די אַרבעטס־רעסאָרטן. די באַפעלן ווערן אויסגעפירט און דער הונגער וואַקסט פון טאָג צו טאָג אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער. עס זעט אויס, אַז די געטאָ־ייִדן ווילן אייביק אַרבעטן ווי די שקלאַפן און הונגערן ביז צום שטאַרבן.

מיליטער און מיליטער. איין טראַנספּאָרט גייט אַוועק, באַווייזט זיך באַלד אַ צווייטער טראַנספּאָרט. אַלע וועגן זענען פול מיט פאַרשיידענע מי־ליטער־פאָרמאַציעס, מען האַלט אין איין מאַרשירן, סיי בייטאָג און סיי ביי־נאַכט. די מאַרשן קומען פאָר מיטן געזאַנג — „דייטשלאַנד, דייטשלאַנד אי־בער אַלעס". צווישן די גרויסע מיליטערישע טראַנספּאָרטן זעט מען היינט אויך אַ סך ציווילע מענטשן. ווער זיי זענען, איז שווער פעסטצושטעלן.

צענדליקער מאָל אין טאָג לויפן פאַרביי צוגעמאַכטע אויטאָס מיט פאַרוואונדעטע, וואָס ווערן איבערגעשיקט פון איין שפּיטאָל אין אַ צווייטן שפּיטאָל. די צוגעמאַכטע אויטאָס פאָרן אויך גאַנצענע נעכט. די צוויי גע־טאָ־שאָסייען, זגערזשער און לימאַנאַווסקיעגאָ זענען שטאַרק באַלעבט. די פאַרוואונדעטע ווערן אויך איבערגעפירט אין ספּעציעלע טראַמווייען.

אייניקע קריפּאָ־אַגענטן האָבן זיך היינט אַ ביסל פריילעך געמאַכט: גענומען שווערע שטעקנס אין זייערע הענט און געמאַכט אַ שפּאַציר אויף אייניקע באַלעבטע גאַסן און וועמען זיי האָבן געטראָפן האָבן זיי געפרעגט: — וואָרום אַרבייטס דו ניכט, פאַרפלוכטער הונד? דערביי, נישט קוקנדיק ווער עס איז, אַ פרוי צי אַ מאַן, דערלאַנגט מיט די שווערע שטעקנס אי־בערן קאָפּ. צענדליקער מענטשן זענען אַזוי אַרום שווער צעשלאָגן געוואָרן און געמוזט אָנקומען אין די שפּיטאָלן נאָך הילף. ווען רומקאָווסקי איז געוווּיר געוואָרן, אַז די קריפּאָ־אַגענטן שלאָגן ייִדן אויף די גאַסן, האָט ער זיך אויסגעדריקט: — גוט אַזוי, זאָלן זיי אַרבעטן און נישט קריכן אויף די גאַסן און פּלאַפּלען פּאָליטיק.

דעם 24סטן אויגוסט.

דער פּרעזעס האָט ווידער היינט גענומען רעדן. ער האָט די לעצטע צייט פון אַ סך ריידן און ווייניק טון. ער זאָגט צו פון אַלעם בעסטן. ער

וועט אויסבעסערן די שווערע לאַגע. ער וועט אַריינברענגען מער עסן פאַר דער געטאָ. וואָס קומט אָבער אַרויס? ער האַלט שוין אַזעלכע רעדעס צום הונדערטסטן מאָל און יעדעס מאָל, אַנשטאָט עס זאָל ווערן די געטאָ־מענטשן לייכטער, ווערט זיי שווערער און פינצטערער. דאָס מאָל האָט ער זיך שוין אין זיין רעדע אַ ביסל פאַרגאַלאָפּירט. ער האָט נישט מער און נישט ווייניקער געזאָגט: „איך האָב די מעגלעכקייט אייך צו העלפן, און העלפן וועל איך נאָר די מענטשן, וועלכע פאַרדינען מיין הילף. דאַקעגן די ווידערשפּעניקע, די שעדיקער, די לאָבוזעס, די גנבים, די וועל איך קיינמאָל נישט העלפן. פאַר די זאָג איך זיך אָפּ עפּעס צו טון". אַט אַזוי פירט רומקאָווסקי אַרום הונדערט און פופציק טויזנט ייִדן, האַלט גרויסע רעדעס, מאַכט אַ ליאַרעם אַרום זיך, אַז דער עולם זאָל פון אים וואָס מער ריידן. ליידער איז ער בלויז משוגע פאַר די אומגליקלעכע געטאָ־ייִדן. פאַר זיך אַליין איז ער שוין נישט משוגע. ווען עס פאַלט צו די נאַכט, אַזוי זעט מען אים, דעם פאָטער פון דער געטאָ, פאָרן געאָרעמט מיט עפּעס אַ נאַכט־פייגעלע. יעדן אָוונט מיט אַ צווייטער. יעדן אָוונט אויף אַ צווייט אָרט. „אויב אייך געפעלט דאָס נישט, קענט איר זיך נישט מער ווי אויפהענגען. איך בין דער פּרעזעס. איך בין דער ייִדישער דיקטאַטאָר אין דער לאָדזשער געטאָ. איך בין דער וואָס זאָג צו אַ סך און געבן גיב איך אַ פייג".

דעם 25סטן אויגוסט.

צום ערשטן מאָל, זייט די געטאָ עקזיסטירט, האָבן זיך היינט אין די פרימאָרגן שעהן אויף די געטאָ־גאַסן באַוויזן דייטשע זשורנאַליסטן. זיי האָבן באַשריבן דאָס לעבן פון די ייִדן אין דער ליצמאַנשטאַטער געטאָ. זיי האָבן אויך באַזוכט אַלע וויכטיקע געטאָ־אָביעקטן. די ייִדישע פּאָליציי־קאָמאַנדע, די פייערלעשער־קאָמאַנדע, די פּאָסט־אָפּטיילונג, אייניקע קיכן, אין דער צייט ווען די מיטיקן ווערן אַרויסגעגעבן, און אַנדערע פאַרשיידענע זאַמל־פּונקטן. זיי האָבן זיך אַזוי אַרומגעדרייט דריי און אַ האַלבע שעה. זיי האָבן צום סוף געמאַכט אַ באַזוך ביים פּרעזעס, געהאַט אַ געשפּרעך מיט אים. דערנאָך זענען זיי פון דער געטאָ פאַרשוווּנדן.

שלמה פראַנק

דעם 26סטן אויגוסט.

לעבעדיק ייִדן! די געטאָ האָט באַקומען אַ טראַמוויי. קינדער האָבן איצ־טער וואָס צו טון. מיט געפּילדער און געשרייען לויפן זיי נאָך יעדן דורכ־פאָרנדיקן טראַמוויי, וואָס פאָרט דערווייל נאָך אויף דער שטרעקע: בזשע־זשינער־באַלוטער מאַרק און פון דאָרט צוריק. דער מאָטאָרמאַן איז דערווייל אַ קריסט, אַ האַלבער פּאָליאַק און אַ האַלבער דייטש. ער לערנט גלייכצייטיק אַ ייִדישן יונגנמאַן די מלאכה פון פירן אַ טראַמוויי.

דער פּרעזעס האָט אַמאָל אין זיינס אַ רעדע דערקלערט, אַז אין אייניקע חדשים אַרום וועט די געטאָ גיין אַזוי ווי אַ זייגערל. „אַלע שטערער האָב איך שוין באַזייטיקט, און מיט די וועלכע וועלן ווייטער פּרווון מיר שטערן, וועל איך מאַכן ס'זעלבע וואָס מיט די ערשטע — אָפּשיקן זיי דאָרט ווו דער מלאך־המות רעגירט. מיין פּלאַן איז — אַז אַלע ייִדן אין דער געטאָ זאָלן האָבן אַרבעט און אַלע ייִדן וועלן מוזן אַרבעטן. קיין בעטלעריי און שנאָ־רעריי וועל איך נישט דערלאָזן. אויב עס וועט זיך מיר דאָס איינגעבן, וועט אין געטאָ אַזוי גוט זיין ווי אין דער שטאָט. די אַפּראָוויזאַציע וועט פאַר־לייכטערט ווערן. מעדיקאַמענטן וועלן פאַרטיילט ווערן מער. אַ טראַמוויי וועט קורסירן פון מאַרישין ביז צום באַלוטער מאַרק. דער ערשטער טראַמ־וויי וועט דערווייל נאָר זיין צו ברענגען פון מאַרישין די קאַרטאָפל, בוריקעס, ברע־טער און אַנדערע נייטיקע פּראָדוקטן פאַר דער געטאָ. שפּעטער אַ ביסל ווען די שינעס וועלן פאַרטאָפּלט ווערן, וועט מען קענען אויך באַנוצן דעם טראַמוויי צו פאָרן צו דער אַרבעט“. אָט די אַלע גוטע רייד האָט ער גערעדט ביי אַ פאַרזאַמלונג פון די הויפּט־לייטערס און מיטאַרבעטער זיינע. אויף דער פאַרזאַמלונג האָבן זיך געפונען די ה״ה פּאָדלאַרסקי, שטשענש־ליווע, לייזעראָוויטש, ראָזענשטיין, ראָזענטאַל, טשאַרנעבראַדאַ, זאַזשוער, פישמאַן, פּאָמעראַנץ, ביאַלער, טאַבאַקסבלאַט, קליינמאַן, ניימאַן און פיל אַנדערע. ביים סוף פון דער פאַרזאַמלונג האָט קליינמאַן געפרעגט דעם פּרע־זעס, צי מען קען אַלע גוטע רייד איבערגעבן די באַפעלקערונג. אַוודאי — האָט דער פּרעזעס געענטפערט — נישט בלויז איבערגעבן, נאָר דייטלעך זאָגן, אַז איך, חיים רומקאָווסקי, באַמי זיך מיט אַלע מיינע כוחות צו העלפן מיינע געטאָ־ייִדן.

דעם 27סטן אויגוסט.

היינט איז אין דער געטאָ אָנגעקומען אַ דייטשע אינזשעניערן־קאָמיסיע. זיי האָבן אויסגעפאָרשט די וואַסער־קאַנאַלן און די גריבער וואָס זענען גע־מאַכט געוואָרן פאַר וואַסער־זאַמלונג. די קאָמיסיע איז אַרומגעפאָרן פון איין אָרט צום צווייטן, דאָרט ווו די גריבער זענען שוין געווען פאַרטיק האָבן זיי גענוי אויסגעמאָסטן זייער ברייט און זייער לענג, איבערגעבנדיק נייע אינסטרוקציעס וואָס צו טון, און צוגעזאָגט אָהערצושיקן ווי אַמשנעלסטן די נייטיקע מאַטעריאַלן, כדי די אַלע גריבער אויסצופאַרטיקן. עס קען זיין — האָבן די דייטשע אינזשעניערן געזאָגט — אַז די גריבער, די וואַסער־זאַמ־לער וועלן באַלד געברויכט ווערן, דעריבער טאָרן זיי נישט זיין ליידיק, אָן וואַסער, און מוזן וואָס גיכער פאַרטיק ווערן.

דעם 28סטן אויגוסט.

אייניקע פייערלעשער־וואַגנס זענען היינט אָנגעקומען אין דער געטאָ אַריין. אויף די וואַגנס זענען אויך געלעגן פייערלעשער־מכשירים. די וואַגנס זענען איבערגעפאַרבטע, דעריבער זעען זיי אויס ווי ניי. די געטאָ־פייערלע־שער זענען געוואָרן אַ וויכטיקער באַשטאַנד־טייל פון דעם געטאָ־לעבן. די פייערלעשער ווערן באַנוצט אומעטום, אַפילו צו האַלטן אָרדענונג אין גע־סאָ. זיי זענען בראַווע יונגען און בעת אַ שריפה באַווייזן זיי אויך העל־דישקייט.

דעם 29סטן אויגוסט.

היינט איז צוריקגעקומען אין געטאָ אַריין אַ גרעסערע צאָל יידישע אַרבעטער פון דייטשלאַנד. דאָס מאָל זענען אַלע צוריקגעקומענע געזונטע מענטשן. די צוריקגעקומענע האָבן דערציילט, אַז זיי זענען נישט שלעכט באַהאַנדלט געוואָרן. בכלל האָבן זיי די גאַנצע צייט נישט געפילט, אַז דייטשלאַנד פירט מלחמה. ווען נישט די פאַרטונקלונג וואָלט מען געקענט מיינען, אַז אַלץ איז נאָרמאַל. נאָך האָבן די אַרבעטער דערציילט, אַז מענער האָט מען זייער ווייניק געזען. אַלע לייכטערע אַרבעטן ווערן אויסגעפירט דורך פרויען. עסן און טרינקען האָט נישט געפעלט. דעם האָט צו יידן

האָט מען אויף יעדן טריט געפּילט. די דייטשע פּרויען האָבן אויך נישט געזשאַלעוועט קיין גראָבע זידל־ווערטער אויפן ייִדס חשבון. קיין קלעפּ האָט קיינער נישט באַקומען. אייניקע האָבן אויך ריזיקירט און מיטגע־בראַכט ווורשט און עפּל פאַר זייערע קינדער.

דעם 30סטן אויגוסט.

היינט נאָכמיטאָג ווען די אַרבעטס־ביוראָען אויפן באַלוטער מאַרק זענען שוין געווען געשלאָסן איז אָנגעקומען אַ מיטיילונג, אַז אַ גרויסע גרופּע פון ייִדישע אַרבעטער געפינט זיך אויף מאַרישין און די ייִדישע פּאָליציי וועט זיי אַהערברענגען אויפן באַלוטער־מאַרק. ווען די אַרבעטער זענען שוין געווען אויפן אָרט, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער גרעסטער טייל פון די צוריקגעקומענע זענען אָזאָרקאָווער ייִדן און זיי ווערן נאָך היינט געשיקט קיין אָזאָרקאָוו. דער פּרעזעס האָט זיך נישט געפּוילט און איז באַלד געקומען אויפן באַלוטער־מאַרק און געהייסן געבן יעדן איינעם ברויט מיט ווורשט. אַ טייל האָבן אויך באַקומען צו צען מאַרק־שיינען, כדי זיי זאָלן אַהיימפאָרן מיט אַ ביסל געלט. ער האָט אַרויסגעוויזן זיין גוט האַרץ, זיין מסירת־נפש פאַר ייִדן, זיין איבערגעגעבנקייט צום געדריקטן. ער האָט געהאַלטן אין איין שמייכלען און יעדן אָזאָרקאָווער ייִד געווינטשן אַ גליקלעכע רייזע. אַזוי ווי די אָזאָרקאָווער גרופּע איז אָפּגעפאָרן, זיי זענען אַפילו נאָך נישט געווען אויף יענער זייט געטאָ, איז זיין האַרץ געוואָרן ווי אַ שטיין. אין איין מינוט איז ער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שרעקלע־כער חיה. ער האָט געשריגן, געטופּעט מיט די פיס, געוואָרפן זיך ווי אַ שלאַנג און באַפוילן, אַז אַלע לאָדזשער צוריקגעקומענע ייִדן זאָל מען תיכף איינזעצן אין דער צענטראַלער תפיסה. אויף זיי האָט ער נישט קיין רחמנות. „זיי וועל איך מיט אַ קאָפּ נידעריקער מאַכן" — האָט ער גע־שריגן — „זיי וועלן ביי מיר פּגרן ווי די הינט. זיי וועל איך אויסלערנען אַרבעטן. זיי וועלן אַזוי לאַנג זיצן אין דער תפיסה ביז זיי וועלן פוילן". אָט אַזוי האָט אויסגעזען דאָס היינטיקע שפּיל פון פּרעזעס. צו די אָזאָרקאָווער האָט ער אַרויסגעוויזן לייטזעליקייט, גוטהאַרציקייט און צו די לאָדזשער ייִדן איז ער אין איין מינוט שפּעטער געוואָרן אַ שרעקלעכער אַכזר.

פאַרוואָס? — ווייל אַזוי טויג אים און אַזוי פּאַסט אים. ער דאַרף, אַז

מען זאָל פון אים ריידן דאָרט ווו מען קען אים נאָך נישט, בלויז גוטס. געגנוג זיך פאַרשאַפט שׂונאים אין זיין שטאָט, ווו ער איז פרעזעס. פאַרוואָס נישט האָבן אַ פּאָר גוטע פריינט אין אַן ענדערער שטאָט? אומעטום האָבן אַ שלעכטן נאָמען טויג נישט. דאָס קען אַמאָל טייער קאָסטן, ווען די צייט וועט קומען, ווען מען וועט דאַרפן אָפּגעבן אַ שטיקל דין־וחשבון דער נייער וועלט. די וועלכע וועלן איבערבלייבן, ווייל סוף כל סוף וועלן דאָך נישט אַלע אומקומען.

אַ טייל וועט דאָך בלייבן לעבן, דער טייל קען דאָך שפּעטער פאַרלאַנ־גען אַ שטיקל חשבון פון די מעשים אין זיין מלוכהלע, וואָס טראָגט דעם נאָמען „לאָדזשער געטאָ".

אין דעם חודש זענען אויף 77 געבורטן געשטאָרבן 601 ייִדן.

דעם 1טן סעפּטעמבער.

היינט איז געוואָרן צוויי יאָר ווי פּוילן איז באַפאַלן געוואָרן פון איר ליבן שכן.

אַ גרויל גייט דורך, ווען מען דערמאָנט זיך די ערשטע טעג פון דער מלחמה בשעת דער אָקופּאַנט האָט באַטראָטן די פּוילישע ערד און ווי גרויזאַם און מערדערלעך עס זענען אומגעקומען די אומבאַהאָלפענע, שוצ־לאָזע ייִדן.

צוויי יאָר אַוועק, מיט שווערע, הונדערטער טויזנטער אומשולדיקע קרבנות, קרבנות פון דער שווערד, קרבנות פון דעם גרויזאַמען הונגער. דורך די צוויי יאָר איז שוין אָפּגעגאַנגען אַ ים מיט בלוט פון דעם פּוילישן ייִדנטום.

דעם 2טן סעפּטעמבער.

היינט האָט זיך ווידער באַוויזן אַ גרויסע צאָל מיליטערישע טראַנס־פּאָרטן, נישט בלויז פוסגייער האָט מען באַמערקט, נאָר אויך אייניקע עס־קאַדרעס אַעראָפּלאַנען. טאָג און נאַכט האַלט אין איין מאַרשירן מיליטער. אַלע וועגן זענען פול מיט פאַרשיידענע מיליטערישע פאָרמאַציעס. די פריי־לעכקייט און די פאַריסנקייט פון די סאָלדאַטן איז נישט צובאַשרייבן. מען לאַכט פון ענגלאַנד, פון אַמעריקע און פון די ייִדן. די גאַנצע וועלט וועט

אין גיכן ליגן פאַר דייטשלאַנדס פיס. אַלע פעלקער וועלן זיך בעטן שלום. מיר וועלן זיין די הערשער. מיר וועלן זיין די באַצווינגער. ענגלאַנד, ענגלאַנד גייט קאַפּוט. דער וועלט־מערדער רוזוועלט וועט הענגען צוזאַמען מיט סטאַלינען. אַלע וועלן פאַר דייטשלאַנד קאַפּיטולירן. אַט דאָס זענען די לידער פון די דייטשע סאָלדאַטן.

דעם 3טן סעפּטעמבער.

צוויי אַזייגער ביינאַכט איז די גאַנצע געטאָ אויפגעשטאַנען. די פייפערייען פון די פאַבריקן האָבן וואַכיק־געמאַכט יעדן געטאָ־איינוווינער. וואָס עס איז פאָרגעקומען אין ליצמאַנשטאָט קען מען, פאַרשטייט זיך, נישט וויסן. דאַקעגן די געטאָ־יידן האָבן זיך כמעט אַלע אויפגעכאַפּט, זיך אָנגעטאָן און אַרויסגעשאַרט זיך אויף די פינצטערע הייף, כדי צו זען — אפשר דאָך, רבונו של עולם! — צי עס קומען נישט אָן די אויפוועמען מיר וואַרטן, אַז זאָלן מכבד זיין די היגע דייטשן מיט אַ פּאָר באָמבעס, זאָלן זיי אויך וויסן דעם טעם פון אַ מלחמה. דעם טעם פון „קניידלעך אָן יויך”. אַרויסגעוויזן האָט זיך אָבער, אַז אויך דאָס מאָל איז גאָרנישט פאָרגעקומען. דער שונא האָט די שטאָט ליצמאַנשטאָט נישט באַוואָרפן מיט קיין באָמבעס. זיינע עראָפּלאַנען זענען דורכגעפלויגן און גאָרנישט.

דעם 4טן סעפּטעמבער.

היינט איז אָנגעקומען אין דער געטאָ אַ גרויסער טראַנספּאָרט קאַרטאָפל. דאָס יקרות איז געפאַלן. אַ ברויט וואָס האָט פריער געקאָסט 12 מאַרק, קאָסט שוין היינט 7 מאַרק. אַ קילאָ קאַרטאָפל — 60 פעניג. דער עולם האָט אָנגעהויבן אַ ביסל פרייער צו אָטעמען. דאָס איז דערפאַר וואָס די געטאָ איז געוואָרן אַן אַרבעטס־לאַגער.

דער כיטרער ביבאָוו, ימח שמו, האָט פּלוצלינג אָנגעהויבן צו שיקן אין דער געטאָ אַריין קאַרטאָפל, אוגערקעס, קרויט, מייערן און מעל. ער האָט דערקלערט: יידעלעך, אַז איר וועט אַרבעטן, וועט אייך נישט פעלן קיין עסן.

ביבאָווס דערקלערונג האָט אין דער געטאָ אַריינגעבראַכט אַ הייטערע שטימונג.

דעם פּרעזעס, מיט זיינע מענטשן, האָבן מיר שוין לאַנג אויפגעהערט צו גלייבן, ווייל פון אַלע זיינע צוזאָגענישן האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם. דאַקעגן דעם גוי ביבאָוו גלייבן ייִדן יאָ, ווייל דאָס וואָס ער האָט צוגעזאָגט האָט ער מקיים געווען און דאָס איז געגנוג, אַז מען זאָל צו אים האָבן מער צוטרוי. איי, וואָס דער כיטרער גוי האָט זיך אין זינען? דאָס גייט קיינעם נישט אָן. דערווייל לעבט מען. מיט יעדן איבערגעלעבטן טאָג איז מען נענטער צום סוף פון דער מלחמה.

דעם 5טן סעפּטעמבער.

פּלוצים אַ געלויף איבער אַלע געטאָ־גאַסן. קינד און קייט לויפט.

וואָס איז געשען?

וואָס איז דאָס לויפעניש?

געשען איז אייגנטלעך נישט קיין שלעכטס. די דייטשן האָבן היינט צו די געטאָ־ייִדן געלאַכט און אַז דייטשן לאַכן איז אַ סימן, אַז עפּעס וועט היינט יאָ געשען. דערווייל פּרווון ייִדן טרעפן: אפשר אַ פרישער זיג? אפשר אַ געשאַנק פאַר די געטאָ־ייִדן און אפשר גאָר אַ פרישער אומגליק? ווער ווייסט? פּטור בלא כלום וועט מען דאָ שוין נישט זיין. און עס איז טאַקע געשען. פון דערווייטנס האָט מען געזען, ווי טראַמווייען מיט אַ סך וואַגאָ־נען קומען אין דער געטאָ אַריין. זיי פאָרן פּאַמעלעך און וואָס מער זיי דערנענטערן זיך צום געטאָ, אַלץ פּאַמעלעכער פאָרן זיי און אָט אַזוי פאָרן זיי איבער דער גאַנצער לענג פון געטאָ אַדורך.

באַלד איז די סיבה פון דייטשן געלעכטער קלאָר געוואָרן. אין די וואַגאָנעס האָט מען געפירט רוסישע געפאַנגענע. געפירט זיי אַזוי ווי מען פירט הערינג אין אַ פעסל. אינטערעסאַנט איז, אַז אַלע האָבן גוט אויסגעזען. אַלע מיט אויסגעפרעסענע פּיסקעס, לייטיש אָנגעטאָן. מיט די ייִדן האָבן זיי העפלעך זיך באַגריסט און געלאַכט. פאַר די געטאָ־ייִדן איז דאָס באמת געווען אַ נייעס, ווייל אויף די רוסישע זעלנער וואַרט און האָפט דאָס גאַנצע געטאָ. מען רעדט זיך איין, אַז זיי, די רוסן, וועלן זיין די אויסלייזער. און אָט ווערן זיי גאָר געפירט געפאַנגענע און דווקא דורך דער געטאָ, אַז ייִדן זאָלן זען, ווי זייערע אויסלייזער זעען אויס.

עס זענען שוין געווען ייִדן וואָס האָבן מיט זייערע אייגענע אויגן גע־

זען, ווי מען פירט, אַ געפאַנגענעם, דעם הויפּט־גענעראַל וואַראַשילאָוו. אַ טייל ייִדן האָבן שוין אַפילו „מיט זייערע אייגענע אויגן" געזען דעם גאַנצן רוסישן גענעראַל־שטאַב, מיט סטאַלינס זון בראש, ווי געפאַנגענע. אַזוי צי אַזוי, ייִדן האָבן געהאַט וואָס צו ריידן ביי דער אַרבעט אין די וואַר־שטאַטן, ביים נעמען די זופּ אין די קיכן, ביים פירן דאָס מיסט... אַלע, יונג און אַלט, גרויס און קליין, האָבן שוין מיט זייערע אויגן געזען די גאַנצע רוסישע אַרמיי אַ געפאַנגענע און גיי, רייס זיך איין מיט אַ וועלט מענטשן און פּרווו דאָס אַפּצולייקענען.

דעם 6טן סעפּטעמבער.

היינט האָבן זיך אין געטאָ באַוויזן 200 רומענישע האַנט־וועגעלעך, וואָס זענען געבראַכט געוואָרן ספּעציעל כדי צו פירן די אָנגעקומענע פּראָ־דוקטן פון מאַרישין צו די באַשטימטע זאַמל־פּונקטן. די וועגעלעך זענען אַלע פון איין מין און פון איין קאָליר. אויף אַ טייל שטייט נאָך די רומע־נישע אויפשריפט און אויך די נעמען פון די אָרטשאַפטן פון וואַנען זיי שטאַמען.

ווי נאָר די וועגעלעך האָבן זיך באַוויזן האָט דער פּרעזעס באַפוילן, אַז ער וועט דאַרפן האָבן 600 מאַן צו באַדינען די וועגעלעך. דאָס, האָט ער געזאָגט, איז דער אָנהייב. שפּעטער וועל איך דאַרפן נאָך 600 מאַן צו דעם צוועק. 5 מאַן וועלן באַדינען איין וואָגן. אַלע 5 מאַן וועלן פאַראַנטוואָרטלעך זיין פאַר אַלעם וואָס עס וועט געפירט ווערן אויף דעם וואָגן. יעדן טאָג וועט דער וואָגן מוזן זיין אָפּגעוואַשן און קומען אויף זיין זאַמל־פּונקט, (באַלוטער־מאַרק). די וואָגנס, האָט דער פּרעזעס געזאָגט, זענען אויסגע־באַרגטע, דעריבער דאַרף מען זיי שאַנעווען.

דעם 7טן סעפּטעמבער.

היינט זענען אין דער געטאָ אָנגעקומען שרעקלעכע ידיעות פון די קליינע שטעטלעך אַרום לאָדזש. ידיעות וועלכע מאַכן גליוורען דאָס בלוט אין די אָדערן. איין ידיעה איז טרויעריקער פון דער אַנדערער. אַ קריסט האָט אַריבערגעוואָרפן אַ בריוול אין דער געטאָ אַריין. אין דעם בריוול ווערט געשריבן: „לאָדזשער ייִדן, צי ווייסט איר אַז אין דער פּראָווינץ איז פאַרגעקו־

מען אַ שרעקלעכער פּאָגראָם? אין פּאָגראָם האָבן אויך אָנטייל גענומען לאָבו־זעס פון דער פּוילישער אונטערוועלט. מען האָט צוראַבירט יידיש פאַרמעגן. עס זענען אויך פאַראַן הונדערטער טויטע און פאַרוואונדעטע. אויך אין אָזאָר־קאָוו איז די לאַגע אַ ביטערע. די יידן פאַרשליסן זיך און לאָזן צו זיך קיינעם נישט אַריין. אויב איר קענט עפּעס העלפן אייערע ברידער, דאַן שלאָפט נישט, — שרייבט זיך אין דעם בריוול, — העלפט, אויב נישט וועלן אַלע אומקומען".

דער גוטער קריסט און בריוול־שרייבער ווייסט נישט, אַז די לאָדזשער יידן זענען אַליין געפאַנגענע שקלאַפן און קענען זיך גופא נישט העלפן. לאָדזשער געטאָ איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אַרבעטס־לאַגער און יידן ווערן טראַקטירט ווי געפאַנגענע אַרבעטער. דאָס האָבן מיר, לאָדזשער געטאָ־יידן, דערלעבט. וואָס שפּעטער וועט מיט אונדז זיין ווייסט קיינער נישט.

דעם 8טן סעפּטעמבער.

הערט יידן, וואָס אונדזער פּרעזעס, מרדכי חיים רומקאָווסקי, האָט באַוויזן אויפצוטון. ער האָט, נישט מער און נישט ווייניקער אונטערגע־שריבן אַן אָפּמאַך מיט ביבאָוון, אַז פון היינט אָן, אויב אַ ייִדן אין דער געטאָ וועט זיך פאַרזינדיקן, וועט ער באַקומען עפנטלעך געשלאָגן (מלקות) און שלאָגן וועט דווקא נישט קיין ייד, נאָר אַ ריינער אַריער. אויף אַ ייִדן קען זיך דער פּרעזעס נישט פאַרלאָזן, ווייל אַ ייד איז דאָך נישט קיין גאַנצער גזלן און ער, דער פּרעזעס, דאַרף איצט האָבן גאַנצע גזלנים. דע־ריבער האָט ער פאַרבעטן צו דער מלאכה אַ גוי. דאָס איז נישט קיין גע־לעכטער. דער פּרעזעס האָט אונטערגעשריבן די באַפעלן און זיי וועלן מיט דער גרעסטער שטרענגקייט אויסגעפירט ווערן. אינטערעסאַנט איז צו פאַרצייכענען דעם פאָלגנדיקן זאַץ, אין דער דערקלערונג פון פּרעזעס: „איך האָב דאָס געטון ווייל שוין אַ לענגערע צייט זע איך, אַז אַלע מיינע תפיסות העלפן נישט. דער עולם גנבעט ווייטער און וואָס אַמאָל מער. אַלע מיינע שטראָפן און משפּטים ברענגען נישט קיין שום פאַרבעסערונג אין דער געטאָ. דעריבער בין איך געפאַלן אויף אַ המצאה, עפנטלעך צו שמייסן דעם שולדיקן און דאָס וועט מער העלפן, ווי די אַלע תפיסות".

דעם רושם וואָס די דערקלערונג האָט געמאַכט אויף די געטאָ־איינוווי־נער, קען מען זיך לייכט פאָרשטעלן.

דעם 9טן סעפטעמבער.

היינט, 10 אַזייגער פאַרמיטאָג, זענען אויפן באַלוטער־מאַרק אָנגעקו־מען צוויי עלעגאַנטע שוואַרצע לימוזינען. עס איז געקומען אַ קאָמיסיע פון דייטשע יוריסטן אויספאָרשן דאָס געריכט־וועזן אין געטאָ. די קאָמיסיע האָט באַזוכט דאָס געריכט. גענוי אויסגעפאָרשט אַלע איינצלהייטן, דורכ־געשמועסט זיך מיט די ריכטער, בייגעווינט אַ משפט, נאָכגעקאָנטראָלירט די פּראָטאָקאָלן און צום סוף מיט צופרידנקייט דערקלערט: „אַלץ קלאַפּט אין דער בעסטער אָרדענונג". די יידישע ריכטער האָבן זיך אַזש באַלעקט הערנדיק, אַז די דייטשע יורי־קאָמיסיע דערקלערט עפנטלעך, אַז אַלץ קלאַפּט. אייניקע ריכטער, וועלכע זענען געקומען אין דער געטאָ אַריין פון דייטשלאַנד, האָבן אַפילו געזאָגט: „נאָר ביי אונדז דייטשע יידן איז פאַראַן אָרדענונג. ווען דאָ וואָלטן געזעסן בלויז פּוילישע יידן, וואָלט זיכער אַזאַ מוסטערהאַפטע אָרדענונג נישט געווען". די יאַהודים האָבן פאַרגעסן, אַז איינגעפירט די פּינקטלעכע אָרגאַניזאַציע פון געריכט האָבן דווקא פּוי־לישע יידן מיט אַדוואָקאַט יאַקובסאָן בראש. צוליב דעם וואָס די פּוילישע יידן האָבן נישט געוואָלט אונטערשרייבן קיין טויט־אורטייל פאַר זייערע ברידער אין געטאָ האָבן זיי פאַרלאָזן די ריכטער־אַמטן און זיי פריי גע־מאַכט פאַר די דייטשע יידן.

דעם 10טן סעפטעמבער.

עס איז באַוווּסט געוואָרן, אַז דער דייטשער גאַרניזאָן וואָס באַוואַכט דאָס געטאָ ווערט די טעג אָפּגעשיקט אויפן קיִעווער פראָנט. די וואַך־סאָל־דאַטן זענען דערפון שטאַרק אויפגערעגט. זיי לאָזן אויס דעם כעס צו די יידישע אומשולדיקע דורכגייער. אייניקע וואַך־פּאָסטנס דערציילן, אַז זיי קומט שוין איצט אויס צו זיין דאָס דריטע מאָל אויפן פראָנט. דער „אָסט־פראָנט" איז פאַר זיי דער שווערסטער. פון דאָרט קומט מען אַזוי גיך נישט צוריק. די רוסן טרעפן גוט אין ציל און דאָס ביטערסטע איז, וואָס עס איז

פאַראַנען אַ קאַמף אויך הינטערן פראָנט. פאַר דעם פאַרטיזאַנער־קאַמף האָבן, ווייזט אויס, די דייטשן שטאַרק מורא.

דעם 11טן סעפטעמבער

דער פרעזעס האָט היינט גערופן די ה״ה לעאָן ראָזענבלאַט (קאָמענדאַנט פון דער פּאָליציי) און אַהרן יאַקובאָוויטש (לייטער פון אַרבעטס־רעסאָרט) און זיי דערקלערט: „צו אייך האָב איך מיין גרעסטן צוטרוי. דעריבער נאָמיניר איך אייך בײדן אַלס מײנע שטענדיקע פאַרטרעטער. איך לייג מיינע הענט אַרויף אויף אייך און בענטש אייך, אַז איר זאָלט נישט געשטרויכלט ווערן. די געטאָ־ייִדן זענען דערפון נישט צופרידן.

דער ערשטער, לעאָן ראָזענבלאַט, איז דער קאָמענדאַנט פון דער פּאָליציי. אַ שרעקלעכער פּסו־בראָט. זיין נאָמען איז אַ שרעק פאַר יעדן ייִד אין דער געטאָ, נישט ער לאָזט צו זיך ריידן און נישט ער לאָזט ווענען קומען צום וואָרט. זיין טבע איז צו שרייען, צו זידלען יעדן איינעם וואָס בוקט זיך נישט ביז צו דער ערד פאַרן גרויסן פּאָליציי־קאָמענדאַנט פון דער לאָדזשער געטאָ. דער צווייטער, אהרן יאַקובאָוויטש, איז נאָך אַ ייִנגל, אַ געוועזענער אָנגעשטעלטער אין דער פירמע „נאַפטאַלי", אַ מענטש וואָס האָט שטאַרק ליב דאָס שיינע געשלעכט און ווען אַזאַ שיינהייט באַווייזט זיך אויף זיין האָריזאָנט, ווערט זי באַלד אַ פירערין פון אַ רעסאָרט אָדער פון אַן אַנדערן וויכטיקן געטאָ־אַמט.

מיט איין וואָרט: אַ ייִנגל וואָס האָט קוים אַן אָנהייב פון געזעלשאַפטלעכן לעבן. געוועזן תמיד פאַרטון אין פוטבאָל־שפּיל. איצט איז ער געוואָרן דער ליבלינג פון פרעזעס. אָן אים ווערט גאָרנישט געטון. אַ טייל זאָגן, אַז דער פאַקטישער לייטער פון דער געטאָ־ווירטשאַפט איז דווקא דער יונגערמאַנטשיק און רומקאָווסקי איז זיין נאָכשלעפּער. וועגן דעם ענין איז דאָ אַ סך צו שרייבן. ליידער קען איך דאָ נישט אַלץ אַרויסשרייבן, ווייל דאָס געהערט צו שרייבער וואָס שרייבן שונד־ראָמאַנען. זיי וואָלטן געקענט אַ גאַנצן ראָמאַן שרייבן וועגן „קייזערלעכן הויף" מיט די ליבעס און אָרגיעס, וואָס קומען דאָרט פאָר. מען שמועסט, אַז דער יונגערמאַנטשיק יאַקובאָוויטש איז דער הויפּט־צושטעלער און פאַרזאָרגער פון דעם שיינעם מין אין „קייזערלעכן הויף".

דעם 12טן סעפּטעמבער.

קיִעוו איז געפאַלן, אַזוי שרייבט די דייטשע צייטונג פון ליצמאַנשטאַט. „ענדלעך, שרייבט די צייטונג, נאָך אַ שווערער און בלוטיקער שלאַכט איז געלונגען אונדזער מיליטער צו פאַרטרייבן די קאָמוניסטן פון דעם קיִעווער פראָנט. איצט זענען די שפּייכלערס פון עסנוואַרג אָפן פאַר אונדז. מיר וועלן איצט יאָרן־לאַנג קענען פירן קריג״. באַלד האָט מען אויך געזען טויזנטער היטלער־יוגנטלעכע מאַרשירן מיט הילכיקע געשרייען: „רוס־לאַנד קאַפּוט״, „דייטשלאַנד, דייטשלאַנד איבער אַלעס״.

צוליב דער ידיעה הערשט היינט אין געטאָ אַ געדריקטע שטימונג. דאָס פאַלן פון קיִעוו און פּאָלטאַווע האָט יעדן ייִדן אַ שטיק האַרץ אויסגעריסן. אונדזער האָפענונג ווערט צערונען. מען זעט, אַז די רוסן קענען זיך נישט אַנטקעגן שטעלן די דייטשן. וואָס זאָגן די געטאָ־ייִדן? זיי זאָגן, אויב נאָך אַזוי פיל יאָרן זאַמלען כוחות, נאָך אַזוי פיל יאָרן צוקוקן זיך ווי דער שונא פירט מלחמה מיט די דעמאָקראַטישע מלוכות, קען זיך רוסלאַנד אַ־צט נישט פאַרטיידיקן און באַקומט איין קלאַפּ נאָכן צווייטן, איז טאַקע זייער ביטער.

דעם 13טן סעפּטעמבער.

אונטערן פאָרזיץ פון ד״ר וו. מילער, אָנפירער פון געזונטהייט־אָפּטיי־לונג אין געטאָ, איז היינט פאָרגעקומען אַ גרויסע באַראַטונג פון אַלע דאָק־טוירים. אין דעם איינלייטונגס־וואָרט האָט דער פּרעזעס רומקאָווסקי דער־קלערט, אַז אין דער געטאָ הערשט אַן אומאָרדענונג אין פּרט פון מעדי־צינישער הילף; אומגעהייער גרויסע רייען שאַפן זיך יעדן טאָג אַרום די אַמבולאַטאָריומס; די קראַנקע וואָס ליגן אין דער היים מוזן לאַנגע טעג וואַרטן אויף אַ דאָקטער. צו דעם אַלעם מוז נעמען אַ סוף. מען מוז איינ־מאָל פאַר אַלע מאָל געפינען אַ לייזונג פאַר די דאָזיקע אָנגעווייטיקטע פראַגן. מיר איז באַוווסט, דערקלערט דער פּרעזעס, אַז די קראַנקע שטאַרבן פריִער איידער דער דאָקטער קומט. אַזעלכע פאַקטן זענען, צום באַדויערן, שוין פאַרצייכנט געוואָרן הונדערטער.

עס האָט זיך אַרום דעם ענין אַנטוויקלט אַ לעבהאַפטע דיסקוסיע, אין וועלכער עס האָבן אָנטייל גענומען כמעט אַלע אַנוועזנדיקע דאָקטוירים.

מכוח די לאַנגע רייען, האָבן די דאָקטוירים דערקלערט, אַז די פּאַציענטן קומען מערסטנטייל וועגן פאַרלענגערן פאַר זיי אָדער פאַר זייערע קראַנקע משפּחה־מיטגלידער די נאַרונגס־טאַלאָנען, ווי אויך וועגן באַנייען די רעצעפּטן.

ד״ר גוטמאַן שטעלט פעסט, אַז די דיעטע־טאַלאָנען האָבן זייער אַ סך צוגעהאָלפן און העלפן ווייטער צו אויסצומיידן שווערע קראַנקהייטן צווישן קינדער. וואָס שייך דעם געבן שנעלערע מעדיצינישע הילף פאַר קראַנקע אין די פּריוואַטע וווינונגען, איז דאָס אַן ענין וואָס לאָזט זיך נישט אויס־בעסערן. מען דאַרף געדענקען, אַז די צאָל דאָקטוירים אין דער געטאָ איז אַ קליינע. דערביי אַרבעטן אייניקע דאָקטוירים אַ פּאָר מאָל אין דער וואָך ביינאַכט. עס האָבן נאָך גערעדט אייניקע דאָקטוירים, וואָס האָבן פאָרגע־שלאָגן פּראַקטישע אויסבעסערונגען. צום סוף האָט דער פּרעזעס דער־קלערט, אַז לעצטנס ווערן אַרויסגעגעבן מיטיקן פאַר קינדער אין עלטער פון 7 ביז 15 יאָר. אין די נאָענטסטע טעג וועט פאַר קינדער, אין עלטער פון 2 ביז 7 יאָר, אַרויסגעגעבן ווערן אַ געקאָכט אָנטערברויט. אַ חוץ דעם — זאָגט דער פּרעזעס — וועל איך נאָך עפענען אַ דיעטע־קיך. איך לייג פאָר, אַז אין פאַרלויף פון 8 טעג זאָל געשאַפן ווערן אַ ספּעציעלע קאָמיסיע. אין דער קאָמיסיע זאָלן אויך אַריינגיין דאָקטוירים, וואָס זייער אויפגאַבע זאָל זיין אָפּצוהיטן די דורכפירונג פון די אָנגענומענע באַשלוסן.

דעם 14טן סעפּטעמבער.

אויף פּאַנסקע־גאַס געפינט זיך דאָס גרויסע מיליטערישע שפּיטאָל, וואָס איז געבויט געוואָרן אין יאָר 1937, אויפן נאָמען פון דעמאָלטדיקן פּרעמיער, גענעראַל סקלאַדקאָווסקי. דאָס שפּיטאָל איז איינע פון די גרעס־טע אין דער לאָדזשער וואָיעוודסטווע. פאַר דער מלחמה האָט דאָס שפּיטאָל געהאַט איבער 2.000 בעטן. ווען די דייטשן זענען אַריינגעקומען איז דאָס שפּיטאָל נאָך פאַרגרעסערט געוואָרן ביז צו אַן ערך פינף טויזנט בעטן. מען דערציילט, אַז אַרום דעם שפּיטאָל איז די באַוועגונג זייער גרויס. טויזנטער אויטאָ־קאַרעטקעס קומען אָן יעדן טאָג מיט פאַרוווּנדעטע און טויזנטער ווערן טאָג־טעגלעך אַרויסגעפירט אין טרומנעס. די געוואַלדן און די קרעכצן פון די פאַרוווּנדעטע הערט מען זייער ווייט. כדי מען זאָל נישט הערן די

קרעכצן האָט די שפּיטאָל־מאַכט אויסגעפונען אַ גוט מיטל: אַ גאַנצן טאָג, פון פרימאָרגן ביז שפּעט אין אָוונט, פאַרשרייען די ראַדיאָ־הילכערס די גאַנצע־געגנט מיט זייערע קולות. האָט די טעג אָבער פּאַסירט אַן אויסער־געוויינלעכער פאַל: מען האָט געבראַכט אַ גרויסע צאָל שווער פאַרוווּנדעטע סאָלדאַטן אין שפּיטאָל און בעת זיי זענען אָנגעקומען האָבן די ראַדיאָ־הילכערס גראַד מיטגעטיילט, אַז די דייטשע אַרמיי האַלט אָפּ אויפן „אָסט־פראָנט" איין זיג נאָכן צווייטן און מיליאָנען רוסן ווערן געטויט און פאַר־וווּנדעט דורך דער דייטשער העלדישער אַרמיי. די פאַרוווּנדעטע, וועלכע זענען ערשט אָנגעקומען פון דעם דאָזיקן פראָנט האָבן דעם גראָבן ליגן נישט געקענט אַריבערטראָגן און זיי האָבן, הויך אויפן קול, אָנגעהויבן שרייען: אַ ליגן! מיר ווערן געטויט! מיר ווערן אויפן „אָסט־פראָנט" דער־מאָרדעט! — „גענוג מיט דעם קריג"! די לייכט־פאַרוווּנדעטע זענען צוגע־לאָפן צו די ראַדיאָ־הילכערס, זיי אַראָפּגעשליידערט און זיי מיט די פיס צעטראָטן. באַלד איז אָנגעקומען אַ גרויסע אָפּטיילונג מיט געסטאַפּאָ־אַגענטן, וועלכע האָבן, פאַר אַלעמענס אויגן, ברוטאַל אַריינגעשטופּט די פאַרוווּנדעטע אין שפּיטאָל אַריין. שפּעטער איז דער שפּיטאָל אַרומגע־שטעלט געוואָרן פון אַלע זייטן מיט מאַשין־געווער. וואָס עס איז דאָרט שפּעטער פאָרגעקומען, איז זיך שווין לייכט אָנצושטויסן. די געשיכטע האָט געמאַכט אַ זייער שווערן איינדרוק אויף די ציווילע דייטשן אין ליצ־מאַנשטאַט.

וועגן דער געשיכטע האָט מען זיך דערוווּסט אין דער געטאָ פון יידן וועלכע האָבן געאַרבעט נישט ווייט פון שפּיטאָל. מיט צוויי טעג שפּעטער האָט אויך די ליצמאַנשטאַטער צייטונג וועגן דעם עפּעס געשריבן.

דעם 15טן סעפּטעמבער.

עס איז היינט זייער אַ הייסער טאָג. די געטאָ־קינדער לויפן אַרום באָרוועס און הונגעריק. די זון וואַרעמט היינט מוטערלעך אַלע געטאָ־ברואים. נאָך גוט וואָס די זון האָט אונדז נישט פיינט און ווען זי צעשיקט אירע שטראַלן, געדענקט זי אויך אין די ווייסע שקלאַפן פון 20סטן יאָרהונדערט און וואַרעמט זיי גלייך מיט זייערע האַרן. עס איז היינט פאַר דעם יום־טוב, ראש־השנה. דער קליינער באַזאַר איז פול מיט יידן מכל המינים. די הויפּט־

מסחרים זענען: אַלטע שיך, איבערגעניצעוועטע היטלען, פעדערן, פאַרזשאַ־ווערטע קיכן־רערן, סאַכאַרין, רעטעך, אוגערקעס, מעל, בוראַקעס, ריבן מייערן, לאַטקעס פון קאַרטאָפל־שאָלעכץ וכדומה. אויפן באַזאַר — אַ מיש־מאַש פון אויסגעדאַרטע, קוים־קריכנדיקע ווייבער, מענער און גאַסן־זינ־גערס, וואָס באַזונגען יעדן, וואָס קויפט און וואָס פאַרקויפט. די געוואַלדן און די געשרייען פון דעם צוזאַמענגעפּרעסטן מענטשן־קנויל, זענען נישט אויסצוהאַלטן. אַלץ רעדט, אַלץ שרייט, אַלץ וויל לעבן, אַלע ווילן אויף יום־טוב עפּעס פאַרדינען און עפּעס קויפן. די פרומע יידן זיפצן און פרעגן: ווי לאַנג נאָך, רבונו של עולם, וועט אַזוי ביטער זיין? אוי, גאָטעניו זיסער, העלף אונדז אין די טעג פון תקיעת־שופר. העלף אונדז, גאָטעניו, און באַ־פריי אונדז פון די אַלע פאַרזאָרגער, פון ביירן און פון אַלע מינים בי־טערע אָנשיקענישן.

דעם 16טן סעפּטעמבער.

נישט געקוקט דערויף וואָס עס איז פאַר יום־טוב און עס ווערט מער געקויפט, איז דאָך דער יקרות אַ ביסל געפאַלן. דאָס לעבן האָט זיך אַ קליין ביסל נאָרמאַליזירט. די אַרבעטער אַרבעטן יעדער ביי זיין פאַך, אין זיין רעסאָרט. פון צייט צו צייט באַקומען די אַרבעטער צוגאָב־טאַלאָנען אויף קאַרטאָפל און אַנדערע גרינצייגן. דער עולם טוט זיך אַ ביסל זעטיקן און הייבט זיך אָן צוצוגעוווינען צום טרויעריקן געטאָ־לעבן. אַ גרויסער טייל פון דער יוגנט אַרבעט ביי שווערער אַרבעט: ווער ביים אַרויספירן דאָס מיסט, ווער ביים פירן ציגל און זאַמד. די אַרבעט דויערט פון 7 אין דער פרי ביז 7 אין אָוונט. אַ טייל אַרבעטער אַרבעטן אויך אייבערשעהן. דאָס איז דער טייל, וואָס אַרבעט פאַרן מיליטער. די מיליטער־רעסאָרטן אַרבעטן בייטאָג און ביינאַכט. אין די דאָזיקע רעסאָרטן ווערן אויסגעפאַרטיקט מונ־דירן, סאָלדאַטסקע שטיוול, בלוזעס, קליידער, וועש, הענטשקעס, דאַמען־היט, מענער־וועש, פליוש־דעקן, קאָלדרעס, דיוואַנעס, בענק, שטולן, טישן און אַנדערע מעבל־זאַכן פון דער בעסטער קוואַליטעט. דערצו קומען נאָך צו די מעטאַל־אויסאַרבעטונגען פון די לאָדזשער געטאָ־וואַרשטאַטן.

די דייטשע אָפּנעמער זענען פון דער אַרבעט זייער צופרידן. טיילמאָל לויבן זיי עפנטלעך די גוטע אויספירונג. טאַקע צוליב דעם קומען אָפט

צופאַרן פאַרשיידענע קאָמיסיעס, וואָס ווילן זיך איבערצייגן צי די געטאָ־יידן זענען טאַקע אַזוי פעיק און אַזוי פלייסיק, און צי זיי זענען באמת אַזעלכע גוטע קוואַליפיצירטע אַרבעטער?

דעם 17טן סעפּטעמבער.

צוליב יום־טוב, ראש־השנה, האָט דער פּרעזעס היינט אַרויסגעלאָזט אַ באַפעל, אַז פון היינט אָן ווערט אַלע אַרעסטירטע די אַרעסט־שטראָף פאַרקלענערט, אָדער געשענקט.

די פאַראָרדענונג מעלדעט: 1) שטראָפן צו פאַרלירן די פרייהייט ביז אַ חודש, ווערן אין גאַנצן געשענקט; שטראָפן פון מער ווי אַ חודש, ווערן פאַרקלענערט אויף אַ העלפט. 2) שטראָפן וואָס האָבן צוגענומען די פרייהייט צוליבן עובר זיין אויף די פאַראָרדענונגען נר׳ 263 פון 11טן מאַי, 1941 און נר׳ 292 פון 18טן יולי, 1941, וואָס נעמט אַרום די גאַסן־הענדלער, די פאַבריקאַנטן פון זיסוואַרג, איגטערליגן דער אַמנעסטיע־פאַראָרדענונג. 3) וועגן אורטיילן וואָס זענען אַריין אין קראַפט איידער די אַמנעסטיע־פאַראָרדענונגען זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן, דעצידירט דער פאַרזיצער פון געריכט, אָדער דער פאַרזיצער פון דער שטראָף־אָפּטיילונג. 4) די אַמנעסטיע־פאַראָרדענונגען זענען נישט חל אויף:

א) די וועלכע האָבן פאַרלוירן די פרייהייט אויף מער ווי דריי חדשים.

ב) אויף פאַרמשפטע פאַר גניבות פון בוי־האָלץ־מאַטעריאַלן.

ג) אויף פאַרמשפטע פאַר מעל־גניבות אין די בעקערייען אָדער בעת טראַנספּאָרטירן.

ד) אויף פאַרמשפטע פאַר וועלן געבן אָדער נעמען כאַבאַר.

ה) וועגן דער עווענטועלער מעגלעכקייט אַנצוווענדן די אַמנעסטיע־פאַראָרדענונגען, בנוגע רעצידיוויסטן און פּראָפעסיאָנעלע פאַרברעכער, באַשליסט דער פאַרזיצער פון געריכט אָדער דער פאַרזיצער פון דער שטראָף־אָפּטיילונג מיט דער צושטימונג פון פּראָקוראָר.

5) אין אַלע ענינים ווו עס פירט זיך נאָך די אויספאָרשונג, קען דער

פּראָקוראָר אַנולירן דעם פּראָצעס מיט דער הסכמה פון געריכטס־פּאָרזיצער.

6) ביים אָנווענדן די אַמנעסטיע ווערט צוואַנגס־אַרבעט פאַררעכנט ווי אַ שטראָף פון פאַרלירן די פרייהייט.

7) שטראָפן פון פאַרלירן די רעכט אויף אינטערשטיצונג אויף 1 חודש צייט, ווערן אין גאַנצן אַנולירט. די שטראָפן צו פאַרלירן די אונטערשטיצונג־רעכט מער ווי אויף 1 חודש, ווערן פאַר־קלענערט אויף אַ העלפט.

8) אין אויסנאַם־פאַלן קען דער פאָרזיצער פון געריכט שענקען אַ העלפט אָדער די גאַנצע געלט־שטראָף.

9) די אַמנעסטיע־פאַראָרדענונג נעמט אַרום אַלע איבערשרייטונגען אָדער פאַרברעכנס, וואָס זענען פאַרפאָלגט געוואָרן דורכן געריכט, אָדער אויפן אַדמיניסטראַטיוון וועג און זענען אויסגעפירט געוואָרן ביזן 19טן סעפּטעמבער, 1941.

10) פערזאָנען קעגן וועלכע עס איז אָנגעווענדט געוואָרן די פריִערדי־קע אַמנעסטיע, קענען געניסן פון דער איצטיקער אַמנעסטיע, נאָר דעמאָלט ווען זיי וועלן רעזיגנירן פון דער פריִערדיקער.

11) די זאַכלעכע באַווייזן אין די אַנולירטע שטראָף־ענינים אונטערליגן רעקווירירונג.

12) די וועלכע די אויספאָרשונג אָדער די געריכטס־פאַרהאַנדלונג האָט נישט אַנולירט זייער שטראָף, קענען אין משך פון 7 טעג נאָכן דערהאַלטן די מיטטיילונג אַריינטראָגן אַ פאָרשלאָג וועגן דורכ־פירן אַ ספּעציעלע אויספאָרשונג אָדער אַ משפט וועגן זייער ענין.

13) די אַרעסטאַנטן וואָס מוזן נאָך אַ טייל שטראָף אָפּזיצן נאָך דער אַמנעסטיע, באַקומען אורלויב פון דער תפיסה אויף אַ צייט פון 20סטן סעפּטעמבער 1941 ביזן 16טן אָקטאָבער 1941.

14) אין אַ ספּעציעלער פאַראָרדענונג וועלן מיטגעטיילט ווערן די נעמען פון די באַשטראָפטע, אויף וועלכע די אַמנעסטיע ווערט נישט אָנגעווענדט.

אויף דעם אַמנעסטיע־באַפעל, וואָס איז געשיקט געוואָרן צום געטאָ־געריכט, ווי אויך צום פּראָקוראָר, איז אונטערגעשריבן דער פולער נאָמען פון פּרעזעס.

מרדכי חיים רומקאָווסקי
דער עלטצטער פון די יידן
אין דער ליצמאַנשטאָטער־געטאָ.

דעם 18טן סעפּטעמבער.

דער פּרעזעס האָט היינט באַפוילן מען זאָל טיילן פאַר אַלע געטאָ־קינדער 5 דעקאַ צוקערלעך, לכבוד ראש־השנה. די צוקערלעך זענען גע־פּאַקט געוואָרן אין ספּעציעלע פאַפּירענע בייטעלעך מיט אַ דרוק־אויפשריפט: „לכבוד ראש־השנה — פון אייער פּרעזעס חיים רומקאָווסקי". די בייטע־לעך זענען דורך די פּאָסט־טרעגער אַריינגעבראַכט געוואָרן אין די שטובן אַריין. די פרייד פון די קינדער איז געווען אויסערגעוויינלעך גרויס. טייל קינדער האָבן אויף די גאַסן אָנגעהויבן צו זינגען: „רומקאָווסקי חיים איז אַ גוטער, מען וועט נאָך אין דער געטאָ עסן זעמעלעך מיט פּוטער. מען דאַרף נאָר קאָנען אויסהאַלטן די שווערע צייט, עס וועט נאָך פון אונדז אויך זיין אַ לייט".

אָט דערויף איז דער פּרעזעס פּעיִק, ממש געניאַל. רעקלאַמע דאָס איז זיין הויפּט־ציל. פאַר רעקלאַמע קען ער אייך דערהייבן ביזן זיבעטן הימל אַריין. דאָקעגן אויפן עולם האָט די המצאה פון פּרעזעס נישט געמאַכט קיין גרויסן איינדרוק. פאַרקערט, הונדערטער פרויען און מענער האָבן זיך אויס־געדריקט: עס וואָלט פיל בעסער געווען, ווען דער חשובער פּרעזעס וואָלט, אָנשטאָט צוקערלעך, געגעבן די קינדער אויף יום־טוב אַ גרעסער שטיקל ברויט.

דעם 19טן סעפּטעמבער.

אַ טאָג פאַר ראש־השנה. דער פּרעזעס לאָזט אַרויס אַ ספּעציעל בלעטל פאַר 5 פעניג. אין דעם בלעטל שרייבט ער עטלעכע אַרטיקלען, אויפרופן און ווינטשט אַלע שוועסטער און ברידער אין דער געטאָ אַ גוטן יום־טוב.

דאָס אַלץ איז אָבער נישט מער ווי חוזק. קיינער נעמט זיינע ווונטשן נישט ערנסט, ווייל מען ווייסט, אַז ער איז דער פאָלקס־פיינט נומער צוויי.

אין דעם ערשטן אַרטיקל פון זיין בלעטל שרייבט ער: „מיר אַלע זענען שותפים צו דער געטאָ. איך גיב זיך אָפּ אַ גענויעם חשבון פון אייער אַר־בעט ביז היינט און פון אייערע ליידן ביי דער אַרבעט. נישט איינמאָל האָב איך באַוווּנדערט אייער פלייסיקייט און אייער געוויסנהאַפטיקע אַרבעט, וועלכע איך האָב אייך אָנפאַרטרויט במשך דער גאַנצער צייט. מיט קליינע אויסנאַמען האָט איר אַלע אַרויסגעוויזן אייער איבערגעגעבנקייט צו דער דאָזיקער אַחריותדיקער פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וואָס מאַכט ווונדערן די, וועלכע פאָדערן פון אייך. דעריבער האָט איר געשאַפן פאַר זיך און פאַר דער גאַנצער געטאָ־באַפעלקערונג עקזיסטענץ־מעגלעכקייטן. מיין ערשטע לאָזונג „אַרבעט אין געטאָ", וואָס איך האָב געוואָרפן ביים אַריינקום אין געטאָ, האָט איר אויפגענומען ערנסט און זאַכלעך. איצט דערלויב איך זיך צו וואַרפן אַ צווייטע לאָזונג, וואָס דאַרף דערגאַנצן די ערשטע: די אַרבעט אין די פאַבריקן און וואַרשטאַטן דאַרף פון היינט אָן מיט נאָך מער אייפער פאַרבעסערט און פאַרגרעסערט ווערן. דאָס וועט מיר פאַרלייכטערן צו באַ־קומען אַ בעסערע דערנערונג פאַר אייך אַלעמען און פאַר דעם גאַנצן געטאָ".

נישט דאָ איז דאָס אָרט אויפצוקלערן די פאַלשקייטן פון דעם „טייערן פאָלקס־פאַרזאָרגער". עס איז נישטאָ קיין איין מענטש אין געטאָ (אויסער פאַרשטייט זיך עטלעכע קאָנפידענטן, וואָס לעבן מיט אים צוזאַמען אַ גוטן טאָג), וואָס זאָל נישט מיט כעס און שרעק דערמאָנען דעם נאָמען חיים רומקאָווסקי. נישט ער האָט געשאַפן אַרבעט, נישט ער האָט די אומגליק־לעכע לאָדזשער יידן פאַרזאָרגט, נישט ער האָט געהאָלפן די יידן דאָס לעבן פאַרלייכטערן. נישט ער האָט געטון פאַר דעם לאָדזשער יידנטום די האַנט אין קאַלטן וואַסער אַריין.

דעם 21סטן סעפּטעמבער.

מיטן היינטיקן ערב ראש־השנה איז אַוועק אַ יאָר מיט אומגעהייערע ליידן און פיינען, מיט שווערע גזירות, מיט בענקשאַפט צו פרייהייט. נאָר איין גאָט אין הימל ווייסט ווי ביטער און טרויעריק עס איז אונדזער לאַגע. אַוועק אַ פריש יאָר מיט אַזויפיל פּראַגן, וואָס איין ייד האָט געפרעגט דעם

צווייטן. ווי לאַנג נאָך וועלן מיר אַזויפיל ליידן? אַזוי זיך מוטשען? אַזוי זיין פאַרביטערט און פאַראייניזאַמט? פאַרוואָס מוזן דווקא מיר יידן אַלץ מיט־מאַכן? פאַרוואָס מוזן מיר דווקא אויסטרינקען דעם גאַליקן כוס ביזן סוף? אַלע יאָרן ווען עס איז געקומען ראש־השנה, האָט יעדער ייד זיך אָפּגעגעבן אַ דין־וחשבון, ווי ער האַלט אויף דער וועלט. ווער זיין פריינט איז און ווער זיין פיינט איז. געזוכט אַ מעגלעכקייט מיטן פיינט זיך איבערצובעטן, ווערן צוריק חבר. אָבער היינט, בעוונותינו הרבים, ווער קען וועמען און ווער וויל וועמען קענען. עס איז נישטאָ קיין פריינטשאַפט, יעדער לעבט פאַר זיך. איינער וויל נישט וויסן פון צווייטן, וויל פון אים אַפילו נישט הערן. יעדער איז געוואָרן אַ חיה, וואָס וויל דעם צווייטן פאַרצוקן. אַוועק איז דאָס מענטשלעכע געוויסן. יעדער וויל די מלחמה איבערלעבן אויפן חשבון פון צווייטן, אויפן חשבון פון ברודער. דערווייל אָבער איז די מלחמה אין פולן ברען. טויזנטער פאַלן טאָג־טעגלעך פון הונגער, פון דער שווערד און פון אַנדערע מיתות. דאָס לעבן איז געוואָרן איין שטיק גרויל, אַ שווערע, ביטערע לאַסט. יעדע מינוט לויערט אויף אונדז דאָס שרעקלעכסטע. מען וויל אונדז אויסראָטן, פאַרניכטן, אומברענגען און די אַרומיקע וועלט העלפט אונדז נישט. אירע אויערן זענען פאַרשלאָסן. איר האַרץ איז פאַרשלאָסן, פאַרשטיינערט געוואָרן. אַלע רעטונגס־טויערן זענען פאַר אונדז פאַרמאַכט געוואָרן. דער שונא האָט אונדז פאַרוואַנדלט אין חיות, אַרומגעצוימט מיט דראָטן, פאַרשטעלט די איינגענג מיט מאַשין־געווערן. אויף יעדן איינעם וואָס וועט די פאַרצוימונג פאַרלאָזן, וואַרט דער טויט. דער שונא האָט אונדז פאַרוואַנדלט אין שקלאַפן, וואָס מוזן זיך אַליין זידלען, אַליין באַשמוצן און אַליין אויסראָטן.

דעם 22סטן סעפטעמבער.

אַ גאַנצע וואָך איז דאָס וועטער געווען טריב און פאַרוואָלקנט. קיין מינדסטער זון־שטראַל האָט זיך נישט באַוויזן. די שרעקלעכע ידיעות פון די פראָנטן, די שווערע פיינען אויפן אָרט, דאָס אַלץ צוזאַמען פאַרמיאוסט אונדז דאָס לעבן. כמעט דער גאַנצער חודש אלול, אַזוי ווי ער האָט זיך נאָר באַוויזן, האָט ער, צוזאַמען מיט די געטאָ יידן, אַנגעהויבן וויינען. עס האָט נישט גערעגנט, אָבער אַלץ אַרום איז געווען איינגעהילט אין אַזאַ

מין טריבקייט, אַזוי ווי אין הימל וואָלטן זיך פאַרזאַמלט די מלאכים און צוזאַמען מיט אונדז געוויינט אויף דעם גרויסן פאָלקס־חורבן, אויף דעם אונטערגאַנג פון פוילישן ייִדנטום. ווי נאָר אָבער עס איז געקומען דער ער־שטער טאָג ראש־השנה, איז ווי אַ באַפעל פון אויבן די טריבקייט אַנטרונען און די זון האָט אָנגעהויבן וואַרעמען און לייכטן אין יעדן געטאָ־ווינקעלע אַ קלאָרער, ליכטיקער הימל האָט זיך אויסגעשפרייט איבער די קעפּ פון די מתפּללים. הלוואי זאָל אַזוי פון הײַנט אָן און ווייטער אונדזער מזל שיין זײַן, ווי דער ערשטער טאָג ראש־השנה.

דעם 23סטן סעפּטעמבער.

ליידער איז אונדז דעם צווייטן טאָג ראש־השנה באַשערט געווען צו האָבן גרויסע פּאַרדרוסן. אין מיטן דאַווענען, ווען דער עולם האָט מיט הייסע טרערן געבעטן דעם אַלמעכטיקן, זענען אָנגעקומען שרעקלעכע ידיעות וועגן פאַרפאָלגונגען אויף די ייִדן אין די קליינע שטעטלעך אַרום לאָדזש. יעדער איינער האָט דערציילט גרויזאַמע פּרטים. מען האָט זיך איבערגעגעבן, אַז די קליינשטעטלדיקע ייִדן ווערן אַרויסגעטריבן פון זייע־רע היימען. אַ גרויסער טייל פון די אַרויסגעטריבענע ווערט אָפּגעשיקט אין דער לאָדזשער געטאָ אַריין און די קינדער און אַלטע לייט ווערן גע־שיקט אין אַן אומבאַוווּסט אָרט.

די מענטשן, וואָס ווערן אַרויסגעטריבן פון זייערע היימען, מוזן אַלץ איבערלאָזן אויפן אָרט. זיי טאָרן גאָרנישט מיטנעמען. זיי ווערן געטריבן מיט בייטשן איבער די קעפּ. אַ טייל האָט מען פּשוט אַרײַנגעשליידערט אין פערד־וואָגאָנען, צו 80 מאָן אין אַ וואָגאָן, און אַזוי ווי די בהמות אַוועקגע־פירט צו דער שחיטה.

דערהערנדיק די שרעקלעכע ידיעות, האָט דער עולם אָנגעהויבן וויי־נען. אַ טייל מתפּללים האָבן געשריגן צום רבונו של עולם און געמאַכט יעלות. אַהיימגייענדיק פון דאַווענען האָט מען געוואָלט הערן, צי די שרעק־לעכע ידיעות זענען אמת. אפשר זענען זיי איבערגעטריבענע, ווײַל די עוואַ־קוירטע זענען אין געטאָ נאָך נישט אָנגעקומען.

שלמה פראַנק

דעם 24סטן סעפטעמבער.

באַלד ווי דער פרימאָרגן האָט זיך נאָר באַוויזן, האָבן ייִדן שוין זיך אָנגעהויבן באַווייזן אויף די גאַסן, פאַר 6 דעם זייגער געקומען אויף דער גאַס, כדי עפּעס געוויר צו ווערן וועגן די נעכטיקע קלאַנגען. עס האָט נישט לאַנג געדויערט און מען האָט זיך דערוווּסט, אַז די נעכטיקע ידיעות זענען לײדער אמת, פון זגערזשער וועג האָט זיך באַוויזן אַ גרויסע מאַסע מענטשן. דאָס זענען געווען די ערשטע אַרויסגעטריבענע פון וואָלצלאַוועק, קוטנע, קויל און לובשאַניעץ. געווען צווישן זיי אַ גרויסער טייל קראַנקע, צעבראָכענע, וואָס האָבן זיך קוים געשלעפּט אויף זייערע מידע פיס. צוזאַמען זענען אָנגעקומען 238 נפשות. די אָנגעקומענע האָבן דערקלערט, אַז כמעט נאָכאַמאָל אַזויפיל ייִדן זענען געבליבן אויף די פעלדער. זיי וועלן וואַרשיינלעך אָנקומען ערשט מאָרגן. זיי קומען אויך פון די זעלבע שטעטלעך, נאָר אויפן וועג האָט מען זיי פלוצים צעטיילט. פאַרוואָס? דאָס איז זיי נישט באַוווּסט.

דעם 25סטן סעפטעמבער.

אויך היינט זענען טויזנטער געטאָ־ייִדן געלאָפן צום זגערזשער וועג מיט וועלכן די נעכטיקע ייִדן פון די שטעטלעך זענען אָנגעקומען. אַ סך האָבן געוואָלט זיך דערוויסן, צי צווישן די געקומענע געפינען זיך נישט זייערע פריינט אָדער משפחה־מענטשן.

עס האָט נישט לאַנג געדויערט און פרישע דריי גרופּן, ייִדן פון פאַרשיידענעם עלטער, ווי אויך פרויען מיט קליינע קינדער אויף די הענט, זענען אָנגעקומען. די גאַנצע גרופּע, אַן ערך 600 נפשות, האָט געוויינט און געיאָמערט אויף דעם גרויסן בראָך. עס האָט אויסגעזען, ווי אַ שרעקלעכער שטורעם־ווינט אָדער אַן ערד־ציטערניש האָט די אומגליקלעכע מענטשן־מאַסע פון ערגעץ אַרויסגעשפּיגן און אַרייגעשלײדערט אין דער לאָדזשער געטאָ אַריין.

דער גרעסטער טייל פון די אָנגעקומענע זענען געווען שרעקלעך צעבראָכן, רעזיגנירט און אַפּאַטיש, אַז עס איז געווען אַ צער צוצוזען זייערע לײדן. זיי האָבן נישט געוווּסט וואָס מען פרעגט זיי. זיי האָבן בכלל נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן. אַ סך זענען געווען שטאַרק אויסגעהונגערט. זיי

האָבן געגעבן געלט און זיך געבעטן, אַז מען זאָל פאַר זייערע קינדער ברענגען עפּעס עסן. די קינדערלעך האָבן פון די עלטערן ממש געריסן שטיקער, בעטנדיק אַ שטיקל ברויט. הערנדיק, אַז זיי קענען דאָס נישט קריגן פאַר קיין שום געלט, האָבן זיי ערשט אויפסניי זיך שטאַרק צעוויינט. מען האָט זיי אַלץ צוגערויבט, צעשיידט מענער פון פרויען און קינדער, אַרויסגעיאָגט באַרוועסע און נאַקעטע פון דער היים און צום סוף זיי אַריינגעטריבן אין אַ הונגער־שטייג, ווו מענטשן קומען אום מאַסנווייז.

עס איז נישט געווען קיין איין מענטש, וואָס זאָל די אומגליקלעכע קענען מיט עפּעס טרייסטן, וואָס זאָל זיי קענען באַרויִקן. עס האָבן נישט געפּועלט אַלע אונדזערע רייד. די מענטשן האָבן זיך נישט געקענט באַרויִקן.

דעם 26סטן סעפּטעמבער.

די מיליטער־מאַכט האָט היינט מודיע געווען דעם פּרעזעס, אַז צוליב דעם וואָס אין דער געטאָ זענען פאַראַן ווייניק ווינונגען, ווי אויך צוליב געזונטהייטס־טעמים האָבן אין געטאָ מער נישט קיין רעכט די ייִדן חתונה צו האָבן. די נייע גזירה האָט דערשיטערט די געטאָ־באַפעלקערונג. אַ סך יונגנטלעכע האָבן זיך גראָד געגרייט צו נעמען חופּה־וקדושין, כדי צו קענען באַקומען אַרבעט, ווייל דער פּרעזעס האָט מיט אייניקע וואָכן צוריק אַרויסגעגעבן אַ געהיימען אויפרוף, אין וועלכן ער האָט געזאָגט, אַז ער וועט די ניי־חתונה געהאַטע פאַרלעך ספּעציעל העלפן און אונטערשטיצן מיט אַרבעט. איצט, צוליב דער נייער גזירה — אַז די ייִדן אין דער געטאָ טאָרן נישט חתונה האָבן — גייען אַ סך פאָרלעך אַרום דערדריקט און ווייסן נישט וואָס צו טון. אויך דער פּרעזעס איז פון דער גזירה נישט צופרידן. ער האָט זיך אויסגעדריקט פאַר פּיניע גערשאָוסקי: די גזירה געפעלט מיר נישט; דאָס איז אַ גזירה, וואָס וועט מאַכן די גאַנצע געטאָ פאַר איין גרויס בית זונות.

דעם 27סטן סעפּטעמבער.

עס גייט אַרום אַ קלאַנג, אַז די געסטאַפּאָ האָט באַשלאָסן אַריינצושיקן אין דער געטאָ אַריין צוויי הונדערט און פופציק ציגיינער. די ציגיינער זאָלן ווינען אין באַזונדערן קוואַרטאַל און באַקומען ביי רומקאָווסקין פולע אויטאָנאָמיע. ווו דער קוואַרטאַל זאָל זיין, איז נאָך נישט באַוווּסט. היינט צו טאָג

געפינען זיך אין דער געטאָ צוועלף קריסטן וואָס האָבן פאַר קיין שום פּרייז נישט געוואָלט פאַרלאָזן זייערע פרויען און קינדער, ווי אויך פרויען וועלכע האָבן נישט געוואָלט פאַרלאָזן זייערע מענער. זיי נעמען באַרמאַל יעדן חודש שטיצע אין דער קהילה און אייניקע זענען באַשעפטיקט אין פאַרשיידענע געטאָ־אַנשטאַלטן און פאַרדינען נישט שלעכט. פאַר זיי זאָרגט גאָר שטאַרק די שוועגערן פון רומקאָווסקין, די מאַדאַם העלענאַ. זי באַזוכט זיי פון צייט צו צייט און לאָזט זיי איבער צוגאָב־טאַלאָנען. דער פרעזעס האָט אויך פאַרזאָרגט דעם באַוווסטן אונטערוועלט־שייגעץ מיטן צונאָמען דער שוואַר־צער יאַנעק, מיט אַ גוטן פּאָסטן. ער האָט אים געמאַכט פאַר דעם מלקות־שלעגער, בעסער געזאָגט, פאַרן תליון, וואָס שלאָגט די פאַרשולדיקטע צע־בראָכענע ייִדן. און יאַנעק קען שלאָגן. ער ווייסט נישט פון קיין רחמנות. פון אים איז דער פרעזעס זייער צופרידן. אויב עס זאָל אמת זיין, דאָס וואָס מען שמועסט, אַז אויך ציגיינער וועלן אַריינקומען אין דער געטאָ, וועט דער פרעזעס אויפלעבן. ער וועט האָבן אַ פרישן כוח צו שלאָגן זיינע ייִדן.

דעם 28סטן סעפּטעמבער.

לעצטנס האָבן זיך אָנגעהויבן צו שיטן גזירות. איינע גרעסער ווי די צווייטע. היינט איז אַרויס אַ נייע גזירה: אויב מען וועט אַ ייִדן כאַפּן לערנען תלמוד, וועט ער שטרענג באַשטראָפט ווערן.

דער געזעץ נעמט אַרום אַלע ייִדן וואָס וווינען אין דייטשלאַנד, מיטן אויסנאַם פון דעם וואַרטעגאַו־געביט.

דעם 29סטן סעפּטעמבער.

די געסטאַפּאָ האָט היינט צוגעשיקט צו דער געטאָ־פאַרוואַלטונג אַ באַ־פעל, אַז פון היינט אָן, אַזוי לאַנג ווי עס וועט זיין קריג, וועלן ייִדן אין דער געטאָ נישט טאָרן פייערן קיין שום יום־טוב.

אַלע ייִדן, — זאָגט דער באַפעל, — פון גרויס ביז קליין מוזן אַרבעטן און אַלע געטאָ־פאַבריקן, רעסאָרטן און אַנדערע אַרבעטס־פּלעצער, מוזן זיין טעטיק. מיר אָנערקענען נישט קיין שום יודן־פייערטאָג. — ענדיקט זיך דער באַפעל.

דעם 30סטן סעפטעמבער.

דער פּרעזעס האָט היינט צום צווייטן מאָל געוויזן וואָס ער קען. ער האָט היינט אָנטייל גענומען אין די הויז־רעוויזיעס, וואָס די זאָנדער־פּאָליציי האָט געמאַכט ביי פאַרשיידענע פאַמיליעס. אויף אייניקע ערטער האָט דער פּרעזעס דערלאַנגט פּעטש די מענטשן ביי וועלכע די רעוויזיעס זענען גע־מאַכט געוואָרן. די הויפּט־רעוויזיעס זענען געמאַכט געוואָרן אין די ווינקל־געוועלבער. עס איז צוגענומען געוואָרן אַלץ וואָס טויג צום עסן. די געבעטן פון די אומגליקלעכע מענטשן האָבן גאָרנישט געפּועלט.

אַ טייל האָבן געשריִען: איר זענט דאָך ערגער ווי די געסטאַפּאָ!

די געשרייען און די זידל־ווערטער האָבן נישט אויפגעהערט. קינדער האָבן געוויינט; פרויען האָבן זיך געריסן די האָר; מענער האָבן געכאַפּט פּייערדיקע פּעטש. מיט איין וואָרט: עס איז געווען אַ הייסער טאָג. דער פּרעזעס האָט אַלעמען געוויזן, אַז ער איז נישט בלויז אַ פּרעזעס, ער איז אויך, ווען מען דאַרף, אַ גוטער פּאָליציאַנט. ער קען פּאַטשן, שלאָגן, טרעטן מיט די פיס און ממיתן ביז בלוט.

אין חודש סעפּטעמבער זענען רעגיסטרירט געוואָרן 58 געבורטן. גע־שטאָרבן זענען 769 נפשות, דערונטער 300 קינדער.

דעם 1טן אָקטאָבער.

פינף הונדערט אָקסן זענען היינט אָנגעקומען אין דער געטאָ אַריין. די אָקסן זענען צו פאַרלייכטערן דאָס פירן די אַפּראָוויזאַציע אין דער געטאָ. די אָקסן האָבן אַלע איין ברוינעם קאָליר. זיי זענען געשפּאַנט צו צוויי און פּאַמעלעך, מיט אָקסן־שריט, שלעפּן זיי די שווער־אָנגעלאָדענע וואָגנס מיט קאַרטאָפל, קוילן, מעל און אַנדערע אַפּראָוויזאַציע־צוטיילונגען. זייער קאָ־מיש זעט אויס דאָס שפּיל. צוויי ברוינע אָקסן מיט צוויי גרויסע הערנער זענען איינגעשפּאַנט אין שווערע לאַנגע לאַסט־וואָגנס, ביי דער זייט שפּאַנט אַן אויסגעדאַרט ייִדל, מיט געלע לאַטעס, איינע פון פאַרנט און די צווייטע פון הינטן. ער האַלט די אָקסן ביי די מאָרדעס און גייט זיי נאָך טריט ביי טריט.

דעם 2טן אָקטאָבער.

היינט אין די פרימאָרגן־שעהן האָט אָנגעהויבן צו פאָרן דער ערשטער לאַסט־טראַמוויי. דערווייל פאָרט ער פון איין רעסאָרט צום צווייטן רעסאָרט, קיין נייע שינעס זענען נאָך נישט געלייגט געוואָרן. די שינעס וועלכע זענען פאַראַן געפינען זיך אויף צוויי גאַסן, בזשעזשינער און לאַגעווניצקאַ. אויף די צוויי גאַסן געפינען זיך טאַקע די מערסטע און די גרעסטע אַרבעטס־רעסאָרטן. דער טראַמוויי ווערט געפירט דורך אַ יידישן מאַשיניסט. ער איז ספּעציעל דערצו געלערנט געוואָרן.

דעם 3טן אָקטאָבער.

עס איז היינט דורך דעם מארישינער וואָקזאַל אָנגעקומען אַ גרויסע צאָל מיליטערישע אַרבעט. פינף מיליאָן זאַק־העמדער פאַר די טויטע סאָל־דאַטן וועלן אויסגעאַרבעט ווערן דווקא פון יידישע הענט. ווען אַ העמד ווערט פאַרטיק ווערט דערויף אַרויפגעלייגט אַ סטעמפּל מיט אַ האַקן־קרייץ און מיט דער אונטערשריפט. דער סטעמפּל־לייגער איז, נאַטירלעך אַ ייד: „אויסגעאַרבעט אין ליצמאַנשטאַט". יעדן אָוונט נאָך דער אַרבעט ווערט דער סטעמפּל איבערגעגעבן דעם רעסאָרט־לייטער. ער ווידער, פאַרשליסט אים אין אַ שופלאָד.

דעם 4טן אָקטאָבער.

היינט איז דער דריטער טאָג נאָך יום־כיפור. איצט קען מען שוין מאַכן אַ שטיקל סך־הכל ווי אַזוי דער יום־כיפור האָט אויסגעזען אין דער געטאָ. כמעט 90 % יידן האָבן נישט געאַרבעט. אַ גאַנץ קליינער טייל איז געווען באַשעפטיקט אין פאַרשיידענע רעסאָרט־אָפּטיילונגען. עס זענען אויך געווען באַשעפטיקט עטלעכע פון די ווייסע־גוואַרדיע־חברה, וואָס זענען מיט זייערע וואָגנס געפאָרן פון איין רעסאָרט צום צווייטן אויפצונעמען אָדער אָפּצולייגן די סחורה, וואָס מוז אויף מאָרגן באַזאָרגט ווערן. כמעט אין יעדער גאַס האָט מען געדאַוונט. מען האָט זיך אויסגעזוכט אַ שטיקל אָרט און דאָרט זיך פאַרזאַמלט כדי אויסצוגיסן די אָנגעזאַמלטע ביטערקייט און אויסצובעטן פאַר זיך און פאַר כל ישראל אַן אויסלייזונגס־יאָר. שרעקלעך האָט דאָס דאַוונען

אויסגעזען. די געוואָלדן און די געשרייען פון די מתפּללים זענען געווען אין לשער. מען האָט געבעטן מיט הארץ; מען האָט געוויינט מיט יאָמער־לעכע טרערן. ווי נאָר אַ ווינקל און ווי נאָר אַ פריי אָרט זענען מענטשן געשטאַנען און געוויינט און געבעטן. אַ גרויסער טייל יידן, איבערהויפּט מענער, זענען אין מיטן דאַוונען אַוועקגעפאַלן. מען האָט זיי אָפּגעמונטערט און זיי האָבן זיך ווייטער געשטעלט דאַוונען. טייל מתפּללים האָבן זיך געוואָרפן אויף דער ערד ווען דער חזן האָט אָנגעהויבן צו זינגען „אָבינו מלכנו". אין אַלגעמיין איז דער טאָג אַדורך רויק.

דעם 5טן אָקטאָבער.

פּלוצים איז היינט אין אַלע געטאָ־גאַסן ליכטיק געוואָרן. אַלע גאַסן־לאָמפּן זענען אָנגעצונדן געוואָרן. יידן האָבן שוין געהאַט וואָס צו דערציילן און וואָס צו ריידן. אַ טייל האָבן געזאָגט: די מלחמה איז פאַרענדיקט. אַ צווייטער טייל האָט געזאָגט, אַז דאָס איז אַ דייטש שפּיצל, זיי שפּילן אויף אונדזערע קראַנקע נערוון און ווער ווייסט וואָס דער מאָרגנדיקער טאָג וועט ברענגען. אַ דריטער טייל האָט געזאָגט, אַז דאָס איז אַ פּראָוואָקאַציע, ווער ווייסט וועלכע געהיימע האַנט עס שטעקט דערין. די אַמפּערייען האָבן אַזוי אָפּגעהאַלטן ביז 10 אַזייגער אין אָוונט, ווייל פּונקט 10 אַזייגער איז ווידער פינצטער געוואָרן.

דעם 6טן אָקטאָבער.

דער ערשטער טאָג סוכות איז אין געטאָ אַדורך זייער קאַלעמוטנע. וואָס צו עסן איז נישט געווען. אַזוי ווי פאַראַיאָרן האָט דער פּרעזעס ערב יום־טוב געמאַכט צוזאָגן, אַז דעם היינטיקן סוכות וועט יעדער ייד עסן צו דער זעט. ער וועט דערפאַר שוין זאָרגן. אין דער אמתן אָבער האָט דער עולם שטאַרק געהונגערט. געהאַט אַ גוטן יום־טוב האָבן בלויז די רעדל־פירער. זייער יום־טוב איז טאַקע געווען „ווער צו גאָט האָפט". מען דערציילט זיך פאַרשיידענע געשיכטעס ווי אַזוי יעדער רעדל־פירער באַזונדער האָט געפּראַוועט דעם סוכות. אויף אַ טייל ערטער האָט מען אַ גאַנצע נאַכט גע־שיכורט. ביי קליגערן, דער שעף פון די זאָנדער־פּאָליציי, האָט מען גע־זונגען און געטאַנצט ביז אין דער פרי. ביי יאַקובאָוויטשן (דער ליבלינג פון

פּרעזעס) האָט זיך געגאָסן ווײַן ווי וואַסער. דאָרט האָבן זיך פאַרזאַמלט די אָנגעזעענסטע קאַרפּן־קעפּ פון דער געטאָ, קאָמיסאַר רײַנגאָלד, קאָמיסאַר קול, קאָמיסאַר דאַנציקער, פרײַלין פוקס מיט איר ברודער, קאָמיסאַר פּרענ־קעל, לײַטער נאַכטשטערן, נאַפּטאַלין, לײַטער יאַאַכימאָוויטש, לײַטער גע־טריימאַן, איזשביצקי, זאַנאַוונד, טערקעלטוי, שוואַרצאַוואָסקי, פּויזנערזאָן, ראָזן און אַנדערע. די אויסגערעכנטע זענען אַלע געקומען מיט זײערע פרויען. אַ גאַר גרויסע סעודה איז געמאַכט געוואָרן בײַם קאָמיסאַר שלום הערצבערג. דאָרט זענען געקומען כמעט אַלע געטאָ־גדולים. שפּעט בײַנאַכט איז אויך אָנגעקומען דער פּרעזעס מיט זײַן פרוי. די פריילעכע באַנדע האָט פאַרגעסן אין זײערע אָרעמע צעבראָכענע ברידער, וועלכע הונגערן און לעכצן נאָך אַן אײנפאַך ביסל וואַסער־זופּ. זיי, די „ברידערלעך”, האָבן פאַרגעסן, אַז עס וועט קומען אַ טאָג ווען מען וועט דאַרפן אָפּגעבן אַ דין־וחשבון פאַר אַלע אָפּגעטוענע מיאוסע מעשים. זיי מיינען, אַז שטענדיק וועט די פויסט שלאָגן, אַז שטענדיק וועט הערשן דער שטאַרקער. ווי וועט זײַן צו אײַך ווען די וועלט וועט באַפרייט ווערן.

דעם 7טן אָקטאָבער.

היינט איז דער צווייטער טאָג סוכות. דער פּרעזעס האָט גערופן צו זיך אַלע פירער און לײַטערס און געהאַלטן פאַר זיי אַ גרויסע רעדע, ער האָט זיי אויפגעקלערט וואָס עס איז שוין ביז היינט געטון געוואָרן און וואָס עס וועט נאָך אין קורצן אויפגעטון ווערן.

— איך האָב אײַך פאַרזאָרגט מיט אַ רויק אָרט וווּ צו זײַן, מיט אַ געזיכערט אָרט וווּ צו שלאָפן, אַ פּלאַץ וווּ איר קענט אַרבעטן און פאַרדינען און האָבן צו עסן פאַר אײַך און פאַר אײַערע קינדער. לײדער קען איך פאַר אַלע נישט זאָרגן. אַ גרויסער טייל, די מער שוואַכע, קראַנקע מוזן אויס־שטאַרבן. נישט זיי קענען אַרבעטן און נישט זיי ווילן אַרבעטן.

— דאַקעגן פאַר די וועלכע אַרבעטן און פירן זיך לײַטיש, פאַר די וועל איך זאָרגן, פאַר די וועל איך זײַן אַ פאָטער.

צום סוף פון זײַן רעדע האָט ער מיטגעטיילט, אַז אין קורצן, עס קען זײַן, אַז שוין אין דעם חודש, וועלן אין דער געטאָ אַרײַנקומען 22 טויזנט דײַטשע ייִדן. דער גרעסטער טייל זענען ייִדן פון ערשטן און צווייטן דור.

צווישן די וואָס וועלן אַריינקומען, וועלן זיין באַוווסטע אַדוואָקאַטן, דאָק־טוירים, אינזשעניערן און בכלל אַ גרויסער טייל אינטעליגענץ. עס האָבן אויך געזאָלט די טעג אַריינקומען 250 ציגיינער, אָבער נעכטן איז פּלוצים אָנגעקומען אַ מיטטיילונג, אַז פון די 250 איז געוואָרן פינף טויזנט ציגיינער. די אַלע פריש־אָנגעקומענע — זאָגט ווייטער דער פּרעזעס — וועלן זיך מוזן איינאָרדענען צווישן אונדז. איך האָב געפּרוווט אינטערוועניר בײַ דער מאַכט, אַז זי זאָל אויף דעם סמך פון די פריש־איינגעוואַנדערטע פאַר־גרעסערן דאָס געטאָ. לײַדער איז מײַן בקשה נישט אָנגענומען געוואָרן. שפּעטער האָב איך אויך פאָרגעלייגט אַ פּלאַן, אַז אויף דעם פרייען שטח אין מאַרישין זאָל די רעגירונג דערלויבן אויפשטעלן צײַטווײַליקע באַראַקן. אויך דאָס האָט די רעגירונג אָפּגעוואָרפן. דעריבער וועלן מיר זיך מוזן צו־זאַמענשטופּן. מען וועט מוזן וווינען ענגער. עטלעכע פאַמיליעס וועלן מוזן וווינען אין איין צימער. דערווײַל האָבן מיר אַרבעט גענוג. די באַשטעלונגען סטאַיען אויף לאַנגע חדשים. די אַרבעט ווערט נאָרמאַל אויסגעפירט און נאָרמאַל געליפערט. עס פאַרשטייט זיך, אַז קיין קאָנטראַקט מיט גאָט האָב איך נישט געמאַכט. עס קענען אויך קומען ענדערונגען. אפשר שלעכטע און אפשר גוטע. דערווײַל מוז מען זאָרגן פאַרן הײַנט און דער הײַנט הייסט זאָרגן פאַרן אָנקומענדיקן ווינטער. אויב די אַרבעט וועט ווייטער גוט אויס־געפירט ווערן, וועלן מיר זוכה זיין צו לעבן. וועט מען אײַך נישט מאָרדן, נישט שלאָגן, נישט רודפן. פאַר גוטער אַרבעט וועט איר באַקומען צו עסן און דאָס וועט זיין אײַער לעבן.

די רעדע האָט געמאַכט אויף די פאַרזאַמלטע אַ זייער שווערן אײַנדרוק.

דעם 8טן אָקטאָבער.

הײַנט איז אין דער געטאָ אַרײַנגעקומען אַ גרופּע ליטווישע, לאַטווישע און לעטישע ייִדן. די גרופּע האָט אַ צײַט געוווינט אין ליצמאַנשטאַט. זייער פּלוצימדיק באַווייזן זיך אין געטאָ האָט אַרויסגערופן אַ גרויסע פאַרוווּנ־דערונג. די ייִדן האָבן דערציילט, אַז די גאַנצע צײַט בעת זיי האָבן געוווינט אין ליצמאַנשטאַט, האָט מען זיי נישט געטשעפּעט. מיר האָבן געפירט נאָר־מאַל אונדזערע געשעפטן. געווען מעקלער אין פאַרשיידענע אונטערנעמונגען, פאַרבראַכט מיט די דײַטשן, אַזוי ווי קיינמאָל גאָרנישט. נעכטן בײַנאַכט איז

פלוצים אָנגעקומען אַ באַפעל, דירעקט פון בערלין, אַז אַלע אויסלענדישע ייִדן מוזן תיכף פאַרלאָזן ליצמאַנשטאַט. זייער נייער וווינאָרט דאַרף זיין אין יודן־קוואַרטאַל. בעת מיר האָבן אָנגעהויבן צו פּאַקן די זאַכן איז אָנגעקומען אַ צווייטער באַפעל, אַז יעדער קען נאָר מיטנעמען מיט זיך אַזוי פיל וויפל ער קען אויף זיך טראָגן. אַ טייל פון אונדז האָבן זיך אַפילו פריינטלעך געזעגנט מיט די דייטשן. געדריקט זיך די הענט און געווונטשן זיך „אויף ווידער זען״.

צוזאַמען האָט די גרופּע געציילט צוויי הונדערט נפשות.

דעם 9טן אָקטאָבער.

דאָס וועטער האָט זיך היינט שטאַרק פאַרערגערט. שוין צוויי טעג ווי עס הערט נישט אויף צו רעגענען. אַלע גריבער ווערן פאַרפלייצט; אַלע לעכער ווערן פאַרגאָסן; אין די קעלער־שטובן שווימט אַלץ אַרום; די פייערלעשער־קאָמאַנדע אַרבעט מעשים, מען שעפּט אויס דאָס וואַסער פון נעכטן, כדי צו מאַכן פּלאַץ פאַר דעם פרישן וואַסער פונעם רעגן, וואָס ס׳גיסט זיך היינט.

דעם 10טן אָקטאָבער.

אויך היינט האַלט אין איין רעגענען. די נאַכט פון דאָנערשטיק אויף פרייטיק איז געווען זייער אַ שטורמישע. דער ווינט האָט שטאַרק געבושעוועט, געריסן פּלויטן, דעכער, אַרויסגעריסן טירן פון הייזער, אַרויסגעריסןביימער מיט די וואָרצלען. צענדליקער טעלעפאָנישע סלופּעס זענען אומגעפאַלן. טיילן פונעם געטאָ זעען אויס ווי נאָך אַ פּאָגראָם.

דעם 11טן אָקטאָבער.

אַ קאַלטער טריבער טאָג. דער הימל איז באַדעקט מיט שווערע שוואַרצע וואָלקנס. דער ווינט בלאָזט היינט אַ ביסל שוואַכער ווי נעכטן. דערפאַר אָבער איז היינט פיל קעלטער ווי נעכטן. עס זעט אויס ווי דער שניי הענגט אין די לופטן און אָט־אָט לאָזט ער זיך אַראָפּ און באַדעקט דעם גאַנצן געטאָ שטח, דער שבתדיקער עולם, וואָס גייט דאַווענען קריכט קוים און בלאָזט אין די הענט אַריין פון קעלט.

דעם 12טן אָקטאָבער.

6 אַזייגער פאַרטאָג האָט אָנגעהויבן צו פאַלן פון הימל אַ שטאַרקער, געדיכטער שניי. דער שניי איז געפאַלן אַזוי געדיכט, ווי עס וואָלט שוין געווען אין מיטן ווינטער. אַלץ איז ווייס געוואָרן, אַפילו די דראָטן אַרום געטאָ זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין ווייסע, דיקע שטריק. דער ווינטער איז פלוצים געקומען. דער עולם האָט זיך אויף אים נאָך נישט געריכט.

דעם 13טן אָקטאָבער.

די געסטאַפּאָ האָט היינט באַפוילן, אַז אַלע מענער אין עלטער פון 17 ביז 45 יאָר, ווי אויך פרויען אין עלטער פון 18 ביז 40 יאָר זאָלן זיך רעגיסטרירן אויף ספּעציעלע רעגיסטריר־ליסטעס, וואָס ליגן גרייט. שוין עטלעכע מאָל האָט די געסטאַפּאָ אַרויסגעגעבן אַזעלכע באַפעלן, און יעדעס מאָל זענען זיי צונישט געוואָרן. אַ טייל מענטשן זענען אויסגעקליבן געוואָרן, מען האָט זיי אַוועקגעשיקט אויף אַרבעט און די איבעריקע האָט מען אָפּגע־לאָזט. היינט אָבער זאָל זיין עפּעס אַ ספּעציעלע רעגיסטראַציע. קיינער ווייס נישט וואָס דאָס זאָל באַטייטן. אַפילו די לעפל־לייט ווייסן נישט, וואָס עס מיינט די היינטיקע רעגיסטראַציע.

דער ווינטער איז שוין דאָ, און ווען עס קומט דער ווינטער מערן זיך פאַר די געטאָ־יידן שווערע גזירות און שווערע צרות.

דעם 14טן אָקטאָבער.

היינט זענען אין דער געטאָ אַריינגעקומען 980 נפשות פון קאָוועל און פון רשאַנאָוו. כמעט אַלע אָנגעקומענע זענען זייער אָרעם אָנגעטאָן. אַ טייל זענען פּשוט געקומען אָפּגעריסענע, אַזוי ווי בעטלער. אַלע זענען זיי נידער־געשלאָגן, אַלע פאַרוויינט, אַלע שרעקלעך צעבראָכן. עס האָט געדויערט אַ לענגערע צייט ביז זיי זענען צו זיך געקומען.

אויפן וועג האָט מען זיי שוין דערציילט וועגן דער לאָדזשער־געטאָ. מיר ווייסן — האָבן זיי געזאָגט — אַז מיר זענען געקומען צו אייך שטאַרבן מיר האָבן אַלץ געהערט וועגן אייער לאַגע, וועגן אייער לעבן און וועגן אייער פּרעזעס.

דעם 15טן אָקטאָבער.

אַ שרעקלעכער מאָרד איז היינט פאָרגעקומען אין געטאָ. איין שוואָגער האָט דערשטאָכן דעם צווייטן שוואָגער מיט אַ מעסער צום טויט. די מעשה איז אַזאַ: די צוויי שוואָגערס, יעקב לעווין, אויפן צונאָמען מאַליאַזש און שלמה בירנשטיין, אויפן צונאָמען שנירל, האָבן געשפּילט אין קאָרטן. שפּילנדיק אַ פּאָר שעה צייט האָט איינער ביים צווייטן געווינען 30 מאַרק. ביים אַוועקגיין איז פאָרגעקומען צווישן זיי ביידן אַ סיכסוך און איינער האָט דעם צווייטן נישט געזשאַלעוועט קיין זידל־ווערטער, אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט ביז שלמה שנירל האָט געכאַפּט אַ קיך־מעסער און דערלאַנגט זיין שוואָגער גלייך אין בויך אַריין. דער דערשטאָכענער האָט קוים אַויסגעשריגן: „אוי, ער האָט מיך דערהרגעט". ווען ער איז שוין געלעגן אויף דער ערד און געקאָרטשעט זיך אין יסורים, האָט דער מערדער זיך געוויצלט. ווען די גיכע־הילף איז אָנגעקומען איז דער דערשטאָכענער שוין געווען טויט, דער מערדער האָט אויסגענוצט די בהלה און איז אַנטלאָפן. אַלע פּאָליציי־רעווירן האָבן באַקומען אַ שטרענגן באַפעל אויפצוזוכן דעם מערדער. דערווייל ווערט דער שוואָגער־מערדער געזוכט. אויך די געסטאַפּאָ האָט באַפוילן אויסצוזוכן דעם מערדער. אויך זי וויל אים „קענען לערנען".

דעם 16טן אָקטאָבער.

פּלוצים אין מיטן העלן טאָג, אַ שאָס. דער יידישער פּאָליציאַנט, וואָס האָט פּאַטרולירט די דרוקאַרסקע־גאַס ביז צו דער זגערזשער, איז דער ערשטער צוגעלאָפן צום אָרט ווו דער שאָס איז געפאַלן. נישט ווייט פון די דראָטן האָט ער דערזען ליגן אַן עלטערן ייִד, וואָס האָט געהאַלטן אין דער האַנט אַ זעקל מיט שטיקלעך אויפגעקליבענע קוילן. ווע זדער פּאָליציאַנט האָט זיך צו אים דערנענטערט האָט נאָך דער ייִד געשאָקלט מיטן קאָפּ. באַלד איז אויפן אָרט אָנגעקומען דער פּאָליציי־קאָמענדאַנט ראָזענבלאַט, מיט נאָך אייניקע הויכע קאָמיסאַרן, ווי אויך אַ פאָרשטייער פון דער געטאָ־פאַרוואַלטונג. דער דערהרגעטער איז אויפן אָרט אונטערזוכט געוואָרן און עס איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז דער ייִד הייסט שלום ווייס, נישט קיין לאָדזשער, אַלט 62 יאָר.

דעם 17טן אָקטאָבער.

דער שוואָגער־מערדער שלמה „שנירל" איז היינט ביינאַכט געכאַפּט געוואָרן. ווען די פּאָליציי איז אַריינגעקומען אין דער וווינונג ווו דער מערדער האָט זיך באַהאַלטן, איז ער מיט איין שפּרונג צו צום פענצטער און געוואָלט אַראָפּשפּרינגען פון ערשטן שטאָק. אין דעם זעלבן מאָמענט איז דער פּאָליציי־אָפיציר, כמורא, צו אים צו, אָנגעכאַפּט אים ביי די פיס און צו אים געזאָגט: איצט, ברידערל, פּרווו צו שפּרינגען.

נאָך דער ערשטער אויספאָרשונג איז ער איבערגעגעבן געוואָרן צו שלום הערצבערגן. דאָרט וועט ער זיצן ביז צום פּראָצעס.

דעם 18טן אָקטאָבער.

די גאַנצע געטאָ, אַלע אירע אַרבעטס־רעסאָרטן, שולעס, פריי־פּלעצער, אַלע גאַסן, שפּיטאָלן, די עפנטלעכע־אַרבעטער, די מיסט־פירער, די פּאָליציי, די פייער־לעשער, די צוויי הויפּט־גאַסן, זגערזשער־ און לימאַנאָווסקי־גאַס, ווערן פילמירט. עס זענען פילמירט געוואָרן פאָלגנדיקע סצענעס: מאַרישין, די באַן קומט־אָן און די יידישע אַרבעטער לאָדן־אויס די סחורה אויף די אָקסן־וואָגנס. דער איינציקער יידישער טראַמוויי פאָרט אין דער געטאָ. די זיצונגען אין געריכט, די שטופּעניש אויף די אַפּראָוויזאַציע־פּלעצער, די אַרעסט־הייזער מיט זייערע אַרעסטירטע, די ברויט־פאַרטיילער, די קיכן מיט זייערע לאַנגע רייען, די שפּיטאָלן מיט די קראַנקע. דאָס אַלץ ווערט היינט דורך אַ דייטשע פילם־געזעלשאַפט פילמירט און באַאַרבעט. פאַרוואָס דאָס ווערט געמאַכט איז קיינעם נישט באַוווּסט. מען ווייסט נאָר, אַז עס ווערט געמאַכט אַ פילם פון יידישע צרות, פון יידישע ליידן און פיינען.

דאָס אינטערעסאַנטסטע איז, וואָס די אַפּעראַטאָרן פון דעם פילם לאָזן נישט אַדורך קיין שום זאַך. זיי פילמירן אויך די ליידן און דעם טרויער פון געטאָ. זיי לאָזן נישט אַדורך קיין שום בילד.

דעם 19טן אָקטאָבער.

היינט זענען אין דער געטאָ אַריינגעקומען טויזנט פּליטים פון ווין. צווישן די אָנגעקומענע געפינען זיך דאָקטוירים, אינזשעניערן, פּראָפעסאָרן,

באַריימטע כעמיקער, צאָן־טעכניקער, געוועזענע גרויסע סוחרים, עטלעכע גלחים, פון געשמדטע עלטערן, ווי אויך צוואַנציק קריסטלעכע פרויען וואָס וואָס זענען מיטגעקומען מיט זייערע מענער און קינדער. די ווינער ייִדן האָבן אַ סך עסנוואַרג און זאַכן מיטגעבראַכט, זיי האָבן דערציילט, אַז פון ווין ביז צו דער פוילישער גרענעץ זענען זיי געפאָרן אין וואַגאָנען פון דער צווייטער קלאַס, די באַהאַנדלונג איז געווען אַ פיינע. דער גרעסטער טייל פון דער ווינער באַפעלקערונג — דערציילן זיי — האָט אונדז באַדויערט. טייל ווינער פרויען האָבן הויך אויפן קול געוויינט און געבעטן דעם ליבן גאָט, אַז מיר זאָלן זיך אין קורצן ווידער זען. ווי נאָר אָבער מיר זענען אַריבער די פוילישע גרענעץ, האָט זיך די וואָך געביטן און עס זענען באַלד פאַרענדיקט געוואָרן די גוטע באַציִונגען. וואָס ווייטער מיר זענען געפאָרן אויף דער פוילישער ערד, אַלץ ערגער זענען מיר באַהאַנדלט געוואָרן.

ביי די דראָטן, צווישן די גאַסן זגערזשער־דרוקאַרסקאַ, איז היינט געפונען געוואָרן אַ יונגע דערשאָסענע פרוי. דער פּאָליציי איז נישט געלונגען פעסטצושטעלן ווער די פרוי איז און פון וואַנען זי שטאַמט. אַפּנים, זי איז נישט געווען קיין געטאָ־בירגערין.

דעם 21סטן אָקטאָבער.

היינט פאַרטאָג זענען אין געטאָ אָנגעקומען טויזנט פופציק ייִדן פון פּראָג. אַלע אָנגעקומענע זענען געווען מונטער. ווען די געטאָ־פּאָליציי האָט זיי מקבל פּנים געווען אויף מאַרישין, האָבן די פּראָגער ייִדן זיך באַגריסט מיט אַ ברייטן שלום. אַ טייל האָבן מיט פסוקים פון די נביאים אונדז געטרייסט, אַז דער סוף פון דער מלחמה איז נאָענט.

דעם 22סטן אָקטאָבער.

היינט זענען ווידער אָנגעקומען 1,200 ייִדן פון ווין און פון די קלענערע שטעטלעך אַרום ווין. דער גרעסטער טייל אָנגעקומענע זענען אַלטע לייט, צווישן זיי אַ סך קראַנקע; עס האָט אויסגעזען ווי אַלע אָנגעקומענע זענען ערשט נעכטן אַרויסגענומען געוואָרן פון די שפּיטאָלן אָדער פון די זקנים־הייזער. די מענטשן זענען אָנגעקומען אין אָוונט. אויף די גאַסן איז געווען

פינצטער. אין חושך זענען די אַלטע צעבראָכענע ווינער ייִדן, מיט זייערע שווערע רוקזעק אויף די אַקסלען, געגאַנגען טריט ביי טריט, מיט אַראָפּ־געלאָזענע קעפּ, פאַרוויינטע און שטאַרק נידערגעשלאָגענע. איינער אַ ווינער ייִד מיטן נאָמען מאָריס קעלערבאך האָט דערקלערט, אַז אין איין גרופּע פון די אַרויסגעטריבענע ווינער ייִדן האָט ער געזען דעם ווינער ייִדישן באַראָן. עס קען זיין, אַז ער איז שוין דאָ מיט אונדז, נאָר ער באַהאַלט אויס זיין נאָמען.

דעם 23סטן אָקטאָבער.

היינט זענען אין דער געטאָ אָנגעקומען פראַנקפורטער ייִדן. ביים אַראָפּ־נעמען זיי פון די וואַגאָנען האָבן געפעלט 4 מאַן. די טראַנספּאָרט־ליסטע האָט געוויזן 1.200 נפשות און אָנגעקומען זענען 1.196 נפשות. כמעט אַלע אָנגעקומענע האָבן זיך גוט געהאַלטן. באַגריסט זיך מיט אַ ברייטן „שלום יהודים". געוויצלט זיך און איינער האָט דעם צווייטן געקלאַפּט אויף די פּלייצעס און געבעטן זיך האַלטן, נישט איינברעכן זיך, נישט זיין פאַר־צווייפלט. „מוט פאַרלוירן איז אַלץ פאַרלוירן". לויט ווי די פראַנקפורטער דערציילן זענען פאַרגעקומען דראַמאַטישע סצענעס בעת זיי האָבן פאַר־לאָזט די שטאָט. די דייטשע באַפעלקערונג האָט זיי געבראַכט קוכן און פאַר־שיידענע אַנדערע עסנוואַרגן. אַ טייל פּרויען האָבן געוויינט. ביים געזעגענען זיך האָבן זיי אויסגעדריקט גרויס מיטגעפיל. אַ טייל פרויען האָבן הויך אויפן קול געבעטן דעם ליבן גאָט, אַז ער זאָל די ייִדן באַשיצן און זיי צוריקברענגען אין זייער אַלטער היים.

דעם 24סטן אָקטאָבער.

היינט זענען ווידער אָנגעקומען 1.000 נפשות פון פּראַג. אַלע אָנגעקו־מענע האָבן זיך גוט געפילט. צווישן די ביי־אָנגעקומענע פּראָגער ייִדן גע־פינען זיך 300 אַדוואָקאַטן, 26 דאָקטוירים, 30 אינזשעניערן און פון פיל אַנדערע פרייע פּראָפעסיעס. כמעט אַלע האָבן זיך געהאַלטן גוט און מוטיק.

דעם 25סטן אָקטאָבער.

560 ייִדן פון לוקסעמבורג זענען היינט אָנגעקומען דורך דעם מאַרי־

שינער באַן־הויף. די אַנגעקומענע זענען געווען אויסער זיך. אויף יעדנס פּנים האָט מען געזען פאַרביטערקייט, צער און ווייטיק. לויט ווי זיי דער־ציילן האָבן זיי מיטגעמאַכט זייער אַ שווערן וועג. אַלע וואַגאָנען זענען געווען שטרענג באַוואַכט און פאַרשלאָסן. אויב עמעצער האָט געוואָלט פון וואַגאָן אַרויסגיין איז ער באַלד אויפן אָרט באַשטראָפט געוואָרן.

די שטראָפן זענען געווען פאַרשיידענע. טייל האָבן געמוזט 25 מאָל אַרומלויפן אַרום דער באַן. אַנדערע האָבן געמוזט הויך שרייען „הייל היט־לער", „יודע פּערעקע". אייניקע האָבן באַקומען געשלאָגן ביז בלוט.

אין לוקסענבורג גופא זענען די ייִדן נישט שלעכט באַהאַנדלט געוואָרן. די אַרטיקע באַפעלקערונג האָט שטאַרק באַדויערט דאָס אַרויסטרייבן די ייִדן. די באַפעלקערונג האָט געבראַכט אין די ייִדישע שטובן עפּל, טרוקענע פלוימען, סוכאַרעס און פאַרשיידענע אַנדערע עסנוואַרגן. אַ טייל פון דער באַפעלקערונג האָט מיט טרערן אין די אויגן באַגלייט די אַרויסגעטריבענע ביז צום באַן־הויף.

דעם 26סטן אָקטאָבער.

היינט זענען ווידער אַנגעקומען 1.200 ייִדן פון ווין. כמעט אַלע האָבן זיך גוט געהאַלטן. אַ טייל האָבן נאָך פון די וואַגאָנען אַראָפּגעשריגן: „לאָדזשער ייִדן, זייט וויסן, אַז דער „שמע ישראל" וועט לענגער האַלטן ווי דער „הייל היטלער". די וועלכע זענען היינט אַנגעקומען זענען זייער שלעכט איינגע־קוואַרטירט געוואָרן, עס איז זיי נישט צוגעטיילט געוואָרן קיין בעטן, קיין שטרוי־זעק. מען האָט זיי געשיקט אין צעבראָכענע הייזקעס מיט שטרוי אויפן דיל. מען האָט געפרעגט דעם פּרעזעס, פאַרוואָס באַקומען די מענטשן אַזאַ באַהאַנדלונג? פאַרוואָס זענען זיי ערגער ווי די פריִער איינגעאָרדנטע? האָט ער געענטפערט אַזוי: — איך האָב נאָך אין רעזערוו ליגן 1.000 שטרוי־זעק, האַלט איך זיי פאַר די בערלינער ייִדן.

דעם 27סטן אָקטאָבער.

היינט זענען אין דער געטאָ אַריינגעקומען 1.000 ייִדן פון בערלין. כמעט 90 % פון די אַנגעקומענע זענען געווען אַלטע לייט, איינגעהויקערטע, צע־בראָכענע, קוים וואָס זיי האָבן זיך געהאַלטן אויף זייערע פיס. אַ גרויסער

טייל האָבן געשלעפּט אויף זייערע פּלייצעס שווערע רוק־זעק מיט פּאַר־שיידענע זאַכן. מען האָט זיי געלאָזט מיטנעמען אַלץ וואָס זיי קענען אויף זיך טראָגן. ביז צו דער פּוילישער גרענעץ זענען זיי אַלע געפאָרן אין דער 1טער און 2טער קלאַס. ווי נאָר זיי זענען אַריבער די גרענעץ זענען זיי איילים איבערגעזעצט געוואָרן אין איינפאַכע וואַגאָנען.

דעם 28סטן אָקטאָבער.

25 חתונות זענען היינט מיט איינמאָל פאָרגעקומען אין דער געטאָ. 25 פּאָרלעך פון פאַרשיידענע שטעט, צווישן זיי פּראַגער, ווינער, בערלינער און לאָדזשער האָבן היינט גענומען ביי רומקאָווסקין חופּה וקידושין. דער פּרעז־זעס האָט ביי דער צערעמאָניע געהאַלטן אַ פייערלעכע דרשה. דער פּרעזעס האָט דערקלערט: „מיר געפינען זיך אין געטאָ, איינגעפּרעסטע ווי הערינג אין אַ פּעסל. מיר האָבן נישט קיין רעכט צו אַפּעלירן און נישט צו אוואַנ־סירן. אויב עס קומען פאָר אין דער געטאָ פאַרשיידענע נאָמינאַציעס, איז עס בלויז אַ לאָקאַלע דיסציפּלינאַרע פאַרהעלטעניש. עס טאָר נישט הערשן אין דער געטאָ דיינע יידן און מיינע יידן. אַלע זענען מיר באַצייכנט (אַפילו איך אויך) מיט אַ געלער לאַטע. אויב איינער מאַכט אַ פעלער אָדער ער באַגייט אַ פאַרברעך זענען מיר אַלע שולדיק. איך פון מיין זייט באַמי זיך מיט אַלע מיינע כוחות, אַז די אַרבעט אין דער געטאָ זאָל קלאַפּן, אַז איר זאָלט האָבן צו עסן און באַהייצונג אויפן ווינטער. איך וויל, אַז עס זאָל אין דער געטאָ הערשן פולשטענדיקע רו. דאָס איז מיין הויפּט־פּראָבלעם. אַז עס וועט זיין רויק וועט זיין עסן און אַרבעט. איך וועל שטרענג זיין צו די, וועלכע וועלן גרינג שאַצן מיינע באַפעלן. איך וועל נישט קוקן, צי דאָס איז אַ דאָקטער אָדער אַ בערלינער אַדוואָקאַט, אָדער ווער ווייסט וועלכע אַנדערע פּערזענלעכקייט. אייער אינטעליגענץ און קולטור זאָלט איר האַלטן פאַר זיך. היינט איז מלחמה, און מלחמה האָט אַנדערע באַדערפענישן. אַרבעט און געהאָרכזאַמקייט. איך וויל אייך היינט אויף דער אַלגעמיינער שמחה נישט זאָגן דאָס גאַנצע שלעכטע, אָבער אויסנוצן וויל איך דאָ אייער גע־מיינזאַמען צוזאַמענטרעף, כדי איר זאָלט מיך נעענטער קענען לערנען. איך הייס מרדכי חיים רומקאָווסקי. איך פאַרמאָג אַ שטאַרקע האַנט, וואָס קען שלאָגן און דווקא גוט שלאָגן. וועט איר זיין רויק און געהאָרכזאַם און וועלן

אַרבעטן, וועל איך צו אייך זיין מילד און איידל. אויב חלילה ניט, דאַן וועט אַך־און־וויי זיי צו אייך." דערמיט האָט דער פּרעזעס פאַרענדיקט זיין פייער־לעכע וואָרענונגס־רעדע.

נאָך דער רעדע האָט דער אויסגעהונגערטער עולם זיך געזעצט אַרום די פינף געדעקטע טישן. יעדער גאַסט האָט באַקומען צוויי ברויט־שניטן, אַ פולן טעלער זופּ, אַ פאַרציע פערד־פלייש „גולאַש", מיט שוואַרצע זיסע קאַווע. דער עולם האָט געלאַכט, אונטערהאַלטן זיך מיט פאַרשיידענע וויצן. טייל האָבן געכאַפּט אַ זמרל און דווקא געזונגען „וטהר לבנו לעבדך באמת" און אַנדערע האָבן געזונגען נאַציאָנאַלע לידער. נאָך דער חתונה און סעודה האָבן זיך די פּאַרלעך געזעגנט מיטן פּרעזעס און געווונטשן אים אַ לאַנג לעבן.

דעם 28סטן אָקטאָבער.

עס איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז 80 % פון דער געטאָ־באַפעלקע־רונג טראָגט שיך מיט האָלצערנע זוילן, וואָס מען רופט טרעפּעס.

דעם 30סטן אָקטאָבער.

אין מיטן העלן טאָג איז היינט געפאַלן פון יענער זייט דראָטן אַ שאָס און אין דער זעלבער רגע איז נישט ווייט פון די דראָטן אַ יונג מיידל גע־פאַלן טויט אויפן אָרט. ווען דער יידישער פּאָליציאַנט איז צוגעקומען צום אָרט וווּ עס איז געלעגן די דערשאָסענע, האָט דער וואַך־פּאָסטן געכאַפּט זיך צו דער ביקס און געצילט צום פּאָליציאַנט. עס פאַרשטייט זיך, אַז דער יידישער פּאָליציאַנט האָט באַלד פאַרלאָזט דאָס אָרט און מיטגעטיילט דעם קאָמיסאַר זיינעם די גאַנצע געשיכטע. נאָך אַ מיטטיילונג צו דער געסטאַפּאָ זענען שפּעטער צו דעם אָרט צוגעקומען אייניקע יידישע פּאָליציאַנטן, אונ־טערזוכט די דערשאָסענע און פעסטגעשטעלט, אַז די פריילין איז ערשט נישט לאַנג אָנגעקומען פון פּראָג. זי איז געווען די גאַנצע צייט זייער פאַר־צווייפלט. זי האָט בשום אופן נישט געקענט איבערטראָגן די שאַנדע און די געטאָ־צרות. זי איז אַרומגעגאַנגען אַ פאַרזאָרגטע ביז זי איז צוגעגאַנגען נאָענט צו די דראָטן און דאָרט געפונען דעם טויט. זי האָט איבערגעלאָזט אַ מוטער און אַ פאָטער, צוויי צעבראָכענע מענטשן, וואָס האָבן אַפילו נישט געוויינט אויף איר טויט. דער פאָטער, מאיר קעניג, האָט זיך אויסגעדריקט:

גאָט זיי־דאַנק, מיין קינד איז שוין באַפרייט פון די שווערע צרות. ווי האַלט איך שוין אַזוי.

דעם 31סטן אָקטאָבער.

בעת די מענטשן זענען געשטאַנען מיט זייערע טעפּלעך אויף זגער־זשער 38 און געוואַרט ביז מען וועט אָנהייבן צו טיילן די זופּ, איז אָנגעפאָרן אַ שווערער לאַסט־וואָגן, געשפּאַנט אין צוויי פערד, ווילנדיק, אַז דער שווע־רער וואָגן זאָל מיט איינמאָל אַריינפאָרן אין הויף אַריין, האָט דער פורמאַן אַ צי געטון די לייצעס און דער וואָגן האָט האַסטיק אַ ריר געטון. מעשה שטן האָט אָבער אַ ראָד זיך פאַרטשעפּעט אין דער מויער און דער רעזול־טאַט דערפון איז געווען אַ שרעקלעכער: די מויער איז איינגעפאַלן און צו־געדריקט אונטער זיך צוואַנציק מענטשן. די פּאָליציי און די פייערלעשער האָבן אַרויסגענומען פון אונטער דער חורבה 16 שווער פאַרווונדעטע און פיר טויטע.

דעם 1טן נאָוועמבער.

היינט איז ביי מיין שכן, יעקב וויינשטיין, פאָרגעקומען אַ שטרענגע הויז־רעוויזיע, אויסגעפירט דורך דער „קריפּאָ" (דייטשע קרימינאַל־פּאָלי־ציי), מיט דער מיטהילף פון אייניקע יידישע זאָנדער־פּאָליציאַנטן. דאָס זוכן האָט געדויערט אייניקע שעה. עס איז געעפנט געוואָרן די פּאָדלאָגע און מען האָט פון דאָרטן אַרויסגענומען עטלעכע שטיק קאָמגאַרן־שטאָף פון בעסטן סאָרט, ווי אויך פאַרשיידענע אַנדערע ווערט זאַכן. צוליב דער הויז־רעוויזיע ביי מיין שכן, האָט מיין פרוי, חיה, אין איילעניש געכאַפּט אַלע מיינע מאַנוסקריפּטן, ווי אויך אייניקע פרישע פּאַטאַ־אויפנאַמען, און זיי פאַרברענט אין אויוון. די רעוויזיע ביי מיין שכן האָט געקאָסט מיין משפּחה אַ סך געזונט. מיין שווערין, קאַלטשע האַראַוויץ, איז פון שרעק קראַנק גע־וואָרן און אין אַ פּאָר טעג שפּעטער געשטאָרבן. צוליב דער דאָזיקער געשע־עניש, ווי אויך צוליב דעם, וואָס מיין שכן, יעקב וויינשטיין, איז שרעקלעך צעמזיקט געוואָרן און איז אין צוויי וואָכן שפּעטער געשטאָרבן אין שפּיטאָל אויף דרעווונאָווסקאָ, האָב איך ביזן 22סטן נאָוועמבער נישט פאַרצייכנט די געטאָ־געשעענישן.

דעם 22סטן נאָוועמבער.

לעצטנס זענען ווידער אין דער געטאָ אַריינגעקומען 23 טויזנט יידן פון פאַרשיידענע שטעט און מלוכות. און קיין געלט האָבן זיי נישט מיטגע־בראַכט. נישט האָבנדיק קיין געלט האָבן זיי גענומען פאַרקויפן זייערע מיט־געבראַכטע זאַכן. דער אַמאָליקער „שוואַרצער"־מאַרק האָט דעריבער אויפ־געלעבט און איצט איז אויף אים אַזאַ באַוועגונג ווי אין די אַלטע גוטע צייטן.

דעם 23סטן נאָוועמבער.

אַ דייטשער וואַך־פּאָסטן האָט היינט באַוויזן אַ זשעסט וואָס האָט דער־פרייט הונדערטער יידן. אַ יונגע פריילין פון דער שטאָט קעלן, איז זיך אַזוי ווי קיינמאָל גאָרנישט געגאַנגען ביי די דראָטן און אָבסערווירט דאָס לעבן פון יענער זייט. פּלוצים האָט די פריילין דערהערט אַ באַקאַנטע שטימע: ליזאַ! מיין גאָט! ווער האָט דיך דאָ אַהערגעבראַכט? מיין גאָט, איך וועל דאָס נישט איבערהאַלטן. דער סאָלדאַט איז צוגעלאָפן צו די דראָטן, פאַרגעסנדיק ווער ער איז און וואָס זיין אויפגאַבע איז, צעשפּרייט מיטביידע הענט די דראָטן און געבעטן, אַז די פריילין זאָל צו אים אַריבער־קומען. „עס וועט דיר גאָרנישט געשען. איך וועל זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דיין לעבן". הערנדיק די רייד איז די פריילין ליזאַ אַריבער אויף יענער זייט דראָטן. ביידע יונגע מענטשן האָבן זיך האַסטיק אַרומגעכאַפּט, געקושט זיך און געוויינט אויפן קול. די דראַמאַטישע סצענע האָבן בייגעוווינט הונ־דערטער מענטשן פון ביידע זייטן דראָטן. נאָך עטלעכע מינוט האַלדזן זיך, האָט די פריילין פון זיך אַרונטערגעריסן די געלע לאַטעס און איז לויט אַן אָנגעוויזענעם וועג אַוועק אין דער שטאָט אַריין. וואָס ווייטער איז געוואָרן איז אונדז, געטאָ־מענטשן, נישט באַוווּסט.

דעם 24סטן נאָוועמבער.

אייניקע בריוו זענען היינט אָנגעקומען פון וואַרשע. יעדער בריוו־שרייבער פאַרשעלט די יאָרן, וואָס ער האָט זיך באַזעצט אין וואַרשע. די עפּידעמיע פון פלעק־טיפוס רייסט אַוועק הונדערטער מענטשן. די לאַגע איז אויסערגעוויינלעך שלעכט, עס הערשט הונגער, נויט, קעלט און שרעק

און דערצו אַ מוראדיקע עפּידעמיע. די בריוו זענען אָנגעקומען דורך דער זאָנדער־פּאָליציי. זיי זענען מיטגעבראַכט געוואָרן דורך דוד גערטלערן. דער לעצטער האָט אויך דערציילט, אַז מיט די וואַרשעווער ייִדן וועט זיין זייער שלעכט, עס איז דאָרט נישטאָ קיין פעסטע האַנט וואָס זאָל קענען האַמעווען די אויסוווּרפן, עס האָבן זיך דאָרטן געשאַפן פאַרשיידענע חברות וואָס טוען אָן געבערענטע צרות. אויב לאָדזש פאַרמאָגט פּופּציק מוסרים, פאַרמאָגט וואַרשע פינף טויזנט מוסרים. דאָס ערגסטע איז, וואָס די מוסרים געפינען זיך נישט בלויז צווישן די ווילדע יונגען, נאָר דווקא צווישן דער אינטעליגענץ.

דעם 25סטן נאָוועמבער.

היינט פרי זענען אָן אַ פאַרוואָס דערשאָסן געוואָרן צוויי ייִדן. דעם מערדערישן וואַך־פּאָסטן האָט זיך פאַרגלוסט צו הרגענען ייִדן. נאָר ווי אַזוי מאַכט מען דאָס? די לעצטע צייט האָבן ייִדן אויפגעהערט צו שמוגלען און אויך אויסגעהיט זיך צו גיין נאָענט ביי די דראָטן. דער מערדער איז געפאַלן אויף אַ כיטרער גזלנישער המצאה: ער האָט פאַרפּאַקט אַ שטיין אין אַ פּאַפּיר, פאַרבונדן מיט אַ שטריקל און דאָס פּעקל אַריבערגעוואָרפן אין דער געטאָ אַריין. ער אַליין האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין אַ ווינקל און אָפּגעוואַרט דעם קרבן, וואָס וועט קומען אויפהייבן דאָס פּעקל. צוויי יונגע אַרבעטער וואָס זענען צוזאַמען געגאַנגען אין דער פרי צו זייער נאָרמאַלער אַרבעט האָבן באַמערקט דאָס פּעקל און זיך איינגעבויגן, כדי עס אויפצוהייבן. אין דער רגע זענען געפאַלן צוויי שאָסן און ביידע יונגע, אומשולדיקע ייִדן, משה גויפיין און דוד זאַלצבערג, זענען געפאַלן טויט אויפן אָרט. עס איז שפּעטער פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז זיי האָבן געשטאַמט פון ווין.

דעם 26סטן נאָוועמבער.

היינט זענען ווידער אָנגעקומען אייניקע בריוו פון וואַרשע. דאָסמאָל זענען די בריוו־ברענגער געווען די צוויי ברידערלעך קאַן. ווי מען שמועסט אין דער געטאָ, אַרבעטן ביידע ברידערלעך אין דער געסטאַפּאָ. איינער פון זיי האַלט זיך אויף אין וואַרשע און דער צווייטער אין לאָדזש. וואָס זייער באַשעפטיקונג איז אין דער געסטאַפּאָ איז נישט באַוווּסט. אין איינעם

אַזאַ בריוו שרייבט פּ. פרענקעל: „שוין אייניקע טעג ווי מען באָמבאַרדירט אונדז. אייניקע באָמבעס זענען אַריינגעפאַלן אין געטאָ אַריין און דערהרגעט פיר פרויען. דער מסחר בליט; מען האַנדלט מיט אַלעם, וואָס עס לאָזט זיך נאָר. די קהילה קען זיך נישט קיין עצה געבן. די וואַרשעווער געטאָ איז אַ שיף אָן אַ רודער.

דעם 27סטן נאָוועמבער.

11 אַזייגער פאַרמיטאָג איז דער פּאָליצײ־קאָמענדאַנט, לעאָן ראָזענבלאַט, גערופן געוואָרן אויפן באַלוטער־מאַרק. דאָרט האָט ער באַקומען אַ באַפעל און גלייכצייטיק אַ גענויע אינסטרוקציע וועגן דעם מאָרגנדיקן באַזוך פון גאַולייטער גרייזער. דער באַפעל מעלדעט: „מאָרגן, דעם 28סטן נאָוועמבער, פּינקטלעך 2 אַזייגער אין די מיטאָג־שעהן, קומט אין דער געטאָ אויף אַ באַזוך דער שעף פון וואַרטיגאַו, גאַולייטער גרייזער מיט זיין סוויטע. מיט אים וועלן אויך אָנקומען דער שטאָט־פּרעזידענט מיט אַלע ראַטמענער פון ליצמאַנשטאַט. דעריבער מאַכן מיר דעם געטאָ־פּאָליצײ־קאָמענדאַנט פאַר־אַנטוואָרטלעך פאַר יעדער נישט פּינקטלעכקייט".

ווי נאָר ראָזענבלאַט האָט פאַרלאָזן דעם באַלוטער־מאַרק האָט ער צו־זיך גערופן די פּאָליצײ־קאָמיסאַרן פון אַלע רעווירן און יעדן פּאָליצײ־קאָמיסאַר באַזונדער פאַראַנטוואָרטלעך געמאַכט פאַרן מאָרגנדיקן טאָג. ווי נאָר די פּאָליצײ־רעווירן האָבן באַקומען די מיטטיילונג, זענען אַלע געטאָ־גאַסן באַשטעלט געוואָרן מיט פּאָליצײ־פּאָסטנס. ווו נאָר אַ ווינקל, אַ פריי אָרט איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אַ פּאָליציאַנט. אויף די הויפּט־גאַסן האָבן די פּאָליציאַנטן אויך געטראָגן ווייסע־הענטשקעס. דאָס מאָל האָט די דייטשע פּינקטלעכקייט נישט געשטימט. אָנשטאָט צוויי אַזייגער, זענען די געסט אָנגעקומען 5 אין אָוונט. צוליב דעם האָבן זיי נישט באַזוכט אַלע אַרבעטס־רעסאָרטן. זיי האָבן בלויז באַזוכט דעם שניידער־רעסאָרט און דעם רימער־רעסאָרט, און זענען באַלד צוריקגעפאָרן. אין זעלבן אָוונט האָט דער גאַולײ־טער גרייזער אין ליצמאַנשטאַטער שטאָט־ראַט געהאַלטן אַ גרויסע פּאָליטישע רעדע, געווידמעט דער שטאָט ליצמאַנשטאַט מיט איר געטאָ. צום סוף פון זיין רעדע האָט גרייזער דערקלערט, אַז עס איז אים וויכטיקער דאָס לעבן פון איין דייטשן סאָלדאַט, ווי דאָס גאַנצע לאָדזשער יידנטום. אויב איין ייד

פון דער געטאָ וועט זיך פאַרזינדיקן קעגן אונדזער פּאָליטיק, קעגן אונדזער אַרמיי, קעגן אונדזער מלוכה, אָדער קעגן איין דייטשן סאָלדאַט פון אונדזער אַרמיי, וועלן אַלע ייִדן אין דער געטאָ טראָגן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט. מיר האַלטן די ייִדן אַזוי לאַנג, ווי לאַנג זייער ווילן איז צו אַרבעטן און צו זיין איבערגעגעבן ביים אויספירן אונדזערע באַפעלן. דער ייִד האָט קיין רעכט נישט צו קלערן, נישט צו דענקען און נישט צו אַפּעלירן. ער איז דער אויספיר־אָרגאַן פון אונדזערע באַפעלן, און ווען ער פאַרשולדיקט זיך איז ער אַזוי ווי געשטאָרבן. זיין לעבן עקזיסטירט מער נישט".

דעם 28סטן נאָוועמבער.

די ייִדישע פּליטים פון דייטשלאַנד, וואָס זענען ערשט נישט־לאַנג אָנגעקומען אין דער געטאָ אַריין פון פאַרשיידענע דייטשע שטעט, דערהאַלטן בריוו פון זייערע קרובים, וואָס זענען, דערווייל, נאָך פאַרבליבן אויף זייערע ערטער. אינטערעסאַנט וועט זיין צו פאַרצייכענען דעם אינהאַלט פון אייניקע בריוו, וועלכע די דאָרטיקע ייִדן שרייבן צו זייערע אַרויסגעטריבענע און פאַריאָגטע קרובים.

בריוו פון בערלין, שרייבן די אָרטיקע אַזוי: „זייט וויסן טייערע, דער פעטער איז שטאַרק קראַנק געוואָרן. מען רעכנט זיך אָ ליאָדע טאָג אויף אַ קאַטאַסטראָפע. מען האָט שוין געשטערט די שפּאַציר־שטונדן אויף די גאַסן. ייִדן איז דערלויבט צו שפּאַצירן ביז 5 אַזייגער אין אָוונט און קריסטן ביז 8 אין אָוונט. בכלל האָט זיך די לאַגע אַ סך געענדערט. אייערע וווינונגען זענען נאָך פריי. ביז היינט זענען זיי נישט באַזעצט געוואָרן".

בריוו פון קעלן, שרייבן די אָרטיקע אַזוי: „עס קען זיין, אַז מיר וועלן אויך מוזן אונדזער היימאַט פאַרלאָזן. מיר ריכטן זיך דערויף כמעט יעדן טאָג. די אָרטיקע באַפעלקערונג איז אונדז מקנא, וואָס מיר קענען פון גהינום אַרויס. זיי באַדויערן אונדז און באַוויינען אונדז. האַלט אייך, ברידער. אונדז גייט פאַרלויפיק נישט שלעכט".

בריוו פון האַמבורג: „נעכטן זענען מיר אַלע געווען פאַרזאַמלט ביים דיכטער... מיר האָבן זיך קעגנזייטיק דערציילט פאַרשיידענע געשיכטעס. מיר האָבן ביז היינט נאָך נישט אויפגעהערט צו קלערן וועגן אייך. עס קען זיין, אַז מיר וועלן זיך באַלד מיט אייך פרייען".

בריוו פון ווין: „מיר זענען אַלע געפּאַקט. מיר וואַרטן בלויז אויף דעם באַפעל. מיר גלויבן, אַז אַלע ייִדן וועלן מוזן פאַרלאָזן ווין. אַפילו אויף די געמיינדע־פאַרשטייער. אונדזערע טראַנספּאָרטן גייען איצט קיין לובלין און קיין קראָקע. אַ טייל ווערן אויך פאַרשיקט קיין רוסלאַנד. מיר זענען שוין אייך מקנא. איר האָט שוין ווייניקסטנס אַן אָרט ווו צו זיין. איר ווייסט שוין ווו איר געפינט זיך. דאַקעגן, מיר, זענען נאָך אויסגעשטעלט אויף טרער און אַנדערע רדיפות. עסן האָבן מיר. דאָס פעלט אונדז דווקא נישט. ווען אַלץ וואָלט אַזוי געווען ווי דאָס עסן, וואָלט שוין פאַר אונדז גוט געווען״.

די בריוו־שרייבער וויסן נעבעך נישט, די שווערע לאַגע פון זייערע קרובים, זיי וויסן אַפילו נישט, אַז די פּליטים האָבן נישט ווו צו שלאָפן, ווו צו זיצן און ווו דעם קאָפּ אָנצולייגן. דאָס לעבן פון די פרישע פּליטים איז אויסערגעוויינלעך שלעכט. אַ קלענער טייל, קוים 10 %, האָט זיך איינגעאָרדנט און די איבעריקע 90 % ווײַנען אויף זייער בראָד. זיי מאַכן מיט הונגער, נויט, קעלט און פאַרשיידענע קראַנקהייטן. זיי קענען בשום אופן נישט צוגעוווינען זיך צו דעם ענגן שמוציקן געטאָ־לעבן. פיל פון זיי שטאַרבן אַוועק און לאָזן זיך אַפילו נישט טרייסטן. עס גייט נישט אַוועק קיין איין טאָג, אַז עס זאָלן נישט זיין צווישן די פּליטים קיין זעלבסט־מאָרדן.

דעם 29סטן נאָוועמבער

היינט 7 אַזייגער אין דער פרי איז די געטאָ־פּאָליציי אַלאַרמירט געוואָרן אַז ביי די דראָטן צווישן פּיוונע־לימאַנאַווסקיעגאָ געפינען זיך צוויי יונגע פרויען אָן סימנים פון לעבן. ווען אַ פּאָליציי־פּאַטרול איז אָנגעקומען אויפן אָרט האָט ער נישט ווייט פון די דראָטן געפונען ליגן, אַרומגענומענע, צוויי יונגע קינדער. ווער עס האָט זיי דערשאָסן איז נישט פעסטגעשטעלט געוואָרן. אויך די געסטאַפּאָ האָט וועגן דעם גאָרנישט מיטגעטיילט. ביידע קינדער זענען געטראָפן געוואָרן אין האַרצן. עס ווייזט אויס, אַז זיי האָבן לאַנג מיטן לעבן זיך נישט געמוטשעט. ביידע קינדער שטאַמען פון בערלין. זיי האָבן אין דער געטאָ נישט איבערגעלאָזן קיין קרובים. ווי עס איז שפּעטער פעסטגעשטעלט געוואָרן, האָבן די קינדער געהייסן מאַטילדאַ און געטרודאַ ווײַנזאַפט, צוויי שוועסטער, קינדער פון דעם אַמאָליקן גרויסן בערלינער סוחר, יוסף ווײַנזאַפט.

דעם 30סטן נאָוועמבער.

וויפל פרייד און האָפענונג האָט היינט אַרומגעכאַפּט די מענטשן אין דער געטאָ. אַ טייל האָבן פּאַר פרייד געוויינט. איינער האָט דעם אַנדערן איבערגעגעבן, אַז ענדלעך האָט די ליצמאַנשטאָטער־צייטונג מער שוין נישט געקענט אויסבאַהאַלטן דעם אמת און זי האָט געמוזט מודה זיין, אַז דאָס דייטשע מיליטער האָט זיך צוריקגעצויגן פון דער שטאָט ראסטאוו.

די צייטונג שרייבט: „נאָך אַ גרויסן ווידערשטאַנד פון פיינטלעכן מי־ליטער האָבן אונדזערע טרופּן, לויט אַ באַפעל פון דער ווער־מאַכט, זיך פּלאַנמעסיק צוריקגעצויגן. ביים צוריקצוג זענען פינצטערע עלעמענטן פון דער ציווילער באַפעלקערונג אָנגעפאַלן אויף אונדזער אַרמיי און אָנגעהויבן אַ קאַמף אויף טויט און לעבן. עס פאַרשטייט זיך, אַז אונדזערע טרופּן האָבן די באַנדיטן געוויזן דעם כוח פון אונדזער וואָפן און אַ סך פון זיי זיינען געטויט געוואָרן אויפן אָרט. דערפאַר אָבער מאַכן שוין אונדזערע טרופּן זיך גרייט צום אָנגריף אויף ראסטאוו און די פאַרשאָלטענע ציוויליסטן וועלן טייער באַצאָלן".

אַזוי האָט היינט צום ערשטן מאָל די ליצמאַנשטאָטער־צייטונג גע־שריבן. וואָס עס האָט ריכטיק פּאַסירט, ווייסן מיר נישט. עס איז אונדז אויך קיין גרויסע נפקא מינה נישט. פאַר אונדז איז וויכטיק דאָס, וואָס מיר האָבן ענדלעך זיך דערוווּסט, אַז רוסלאַנד שלאָגט דעם שונא און שטויסט אים אַרויס פון די פאַרנומענע פּאָזיציעס. איצט קען אויך שוין מעגלעך זיין, אַז די רוסישע אַרמיי וועט באַווייזן וואָס זי קען. דעמאָלט וועלן אונ־דזערע הערצער דערפרייט ווערן.

דעם 1טן דעצעמבער.

אין מיטן העלן טאָג, ווען דער גאַנצער געטאָ־עולם האָט געאַרבעט, האָט אַ מערדערישע קויל פון אַ הינטישן וואַך־פּאָסטן דערשאָסן צוויי פריידי־לעבע אומשולדיקע מענטשן. די צוויי אומשולדיקע קרבנות זענען אַ מאַן און אַ פרוי. די פרוי האָט אַ גרויסע משפּחה אין אַמעריקע. זי האָט גע־טרוימט, אַז ווי נאָר די מלחמה וועט זיך ענדיקן, וועלן זיי פאָרן קיין אַמע־ריקע. אינטערעסאַנט איז, אַז ווען דער מערדער האָט אויסגעשאָסן צו זיינע

קרבנות און די מענטשן האָבן זיך נאָך געראַנגלט אין יסורים, האָט ער קאַלטבלוטיק אַרויסגענומען זיין פאָטאָגראַפיר־אַפּאַראַט און די שרעקלעכע סצענע פאָטאָגראַפירט. נאָך דעם האָט ער דעם אַפּאַראַט צוריק אַריינגעלייגט אין טאַש, אַזוי ווי עס וואָלט גאָרנישט פּאַסירט און באַפוילן דער אָנגעקור־מענער פּאָליציי, אַז זיי זאָלן די צוויי דערשאָסענע אַוועקנעמען, ווייל „זיי מאַכן אָן צו פיל שווינערייאויף דעם טראָטואַר״.

דעם 2טן דעצעמבער.

עס איז קיין וואונדער נישט, וואָס די סאָלדאַטן שיסן אויף אונדז. עס איז אויך קיין וואונדער נישט, וואָס די גאַנצע דייטשע יוגנט האָט אונדז אַזוי פיינט. דער וואונדער איז, וואָס מען לאָזט אונדז נאָך לעבן און אַרבעטן. דאָס איז ממש ניסים מן השמים. עס איז נישט פאַראַן אין דייטשער מיניסטער, וואָס זאָל נישט אָנהייבן זיינס אַ רעדע מיט די ווערטער: דער יודע איז אונדזער פיינט. צוליב דעם יודע ווערן מיר געשלאָגן. צוליב דעם יודע איז די קריג. אַלע שלעכטע זאַכן קומען אַרויס צוליב דעם פאַרשאָלטענעם ייד. ווער שמועסט נאָך פון די קלענערע הינט און פון דער פרעסע! עס גייט נישט אַדורך כמעט קיין איין טאָג, אַז די דייטשע פרעסע זאָל נישט בילן און העצן אויף יידן. הונדערטער אַרטיקלען ווערן געווידמעט דעם יידנטום. ווער דער ייד איז און פון וואַנען ער שטאַמט און וואָס זיין אויפגאַבע איז אויף דער וועלט. אין די אַרטיקלען ווערט געזאָגט, אַז די יידן זענען באַשאַפן געוואָרן אויסצוזויגן דאָס בלוט פון דער נישט יידישער וועלט. די אַלע העץ־צייטונגען און שינאה־זשורנאַלן ווערן אין די מיליאָנען פאַרטיילט צווישן די סאָלדאַטן, כדי זיי איבערצוצייגן, אַז די דייטשע נאַצי־רעגירונג, האָט קיין קריג נישט געוואָלט. נאָר די באָלשעוויקעס, וואָס זייערע אָנפירער זענען יידן, האָבן געוואָלט דעם קריג און זיי האָבן די גאַנצע וועלט אויפגע־העצט קעגן דייטשלאַנד.

דעם 3טן דעצעמבער.

ווי לאַנג וועלן אומשולדיקע מענטשן דערשאָסן ווערן? ווי לאַנג נאָך וועלן מיר באַהאַנדלט ווערן ווי קרעציקע הינט? ווי לאַנג נאָך וועט אונדזער אויסגעמוטשעט לעבן זיין הפקר ווי לאַנג נאָך וועלן אונדזערע אויגן נאָס

זיין פון וויינען אויף די אומשולדיקע קרבנות? עס גייט נישט פאַרביי כמעט קיין איין טאָג, אַז עס זאָל נישט דערשאָסן ווערן אַן אומשולדיקער ייִד. אין פאַרלויף פון די לעצטע 5 טעג זענען שוין דערשאָסן געוואָרן 9 ייִדן. עס חזרט זיך איבער דאָס זעלבע שפּיל וואָס פאַר אַ יאָרן, ווען מענטשן זענען דערשאָסן געוואָרן, גייענדיק צו זייער אַרבעט.

אויף דער פּוילישער גאַס (דרעוונאָווסקא) נישט ווייט פון די נומערן 34/36 איז היינט אין דער פרי דערשאָסן געוואָרן משה זיינוועל. ווען מען האָט אים אַ טויטן אַהיימגעבראַכט אין זיין וווינונג האָבן אַלע שכנים מיטגעוויינט מיט די דריי פּרישע יתומימלעך. דאָס 12־יעריקע מיידעלע, מירעלע, האָט זיך געוואָרפן אויפן טויטן קערפּער און געשריגן: טאַטעשי — טאַטעשי, שטיי אויף, איך וויל נישט זיין קיין יתומה, איך וויל נאָך האָבן אַ טאַטעשי. די ווערטער פון דעם קינד האָבן מוראדיק געווירקט. אַפילו דער פּאָליציי־קאָמיסאַר, קאָל, מיט זיינע געהילפן, האָבן זיך צעוויינט.

דעם 4טן דעצעמבער.

היינט פאַרטאָג האָט זיך פּלוצים דערהערט אַ שאָס און דערנאָך אַ מוראדיק געשריי: — געוואַלד! ראַטעוועט! דאָס געשריי האָט זיך איבערגעחזרט נאָר וואָס אַמאָל שטילער. אַן 21־יעריקער בחור איז געבליבן ליגן טויט. ווען פּאָליציי האָט זיך דערנענטערט צום דערשאָסענעם האָבן זיי געזען ווי דער וואַך־פּאָסטן עסקט זיך נאָך מיט זיין ביקס. דערנאָך — אַזוי ווי עס וואָלט גאָרנישט פּאַסירט — האָט ער זיך ווייטער מאַרשירט אַהין און צוריק. איינער פון די ייִדישע פּאָליציאַנטן האָט אים געפרעגט: — אַנשולדיקט הערן וואַכווייסטער, קען מען דעם דערשאָסענעם אַוועקנעמען? דער מערדער האָט אָנשטאָט צו ענטפערן, אַראָפּגעכאַפּט די ביקס און געזאָגט: — איך שיס נאָך אַמאָל אויב איר, פאַרשאָלטענע הינט, אַנטלויפט נישט. דערהערנדיק אַזעלכע דיבורים, זענען די פּאָליציאַנטן אַנטלאָפן. ערשט שפּעטער, ווען עס איז געוואָרן ליכטיק, האָט די ייִדישע פּאָליציי באַקומען פון דער געסטאַפּאָ אַ באַפעל אַוועקצונעמען דעם דערשאָסענעם. לויט ווי עס איז שפּעטער פעסטגעשטעלט געוואָרן איז דער דערשאָסענער געווען אַ טשעכישער בירגער מיטן נאָמען פּאַול ברעטמאַן, פון פאַך — אינזשעניער־מעכאַניק, ערשט נישט לאַנג געקומען פון פּראַג. מען האָט ביי אים אויך

געפֿונען אַ טאָג־בוך אין וועלכן עס זענען געווען פֿאַרשריבן זיינע איבער־לעבענישן אין טשעכיע זייט היטלער איז געקומען.

דעם 5טן דעצעמבער.

היינט איז אין דער געטאָ אָנגעקומען די ערשטע פּאַרטיע ציגיינער. זיי זענען אָנגעקומען אין געשלאָסענע וואַגאָנען. כמעט אַלע מענער זענען געווען געשלאָסן אין קייטן. די פֿרויען האָבן אויף די פּלייצעס געטראָגן זייערע קינדער צוזאַמען מיט דעם ביסל וועש און בעטגעוואַנט. כמעט אַלע פֿרויען זענען געווען לייכט אָנגעטאָן. די קינדער אָן שיכלעך. דאָס בילד איז מיר נישט מעגלעך צו שילדערן. איך שטיי אין צווייפֿל צי איך זע דאָס אין דער ווירקלעכקייט מיט מיינע אויגן, צי דאָס איז נישט אַמאָל אַ חלום. אַזאַ גרויליק בילד, האָב איך נאָך ביזן היינטיקן טאָג נישט געזען. די וועל־כע האָבן געבראַכט די ציגיינער, האָבן קיין איין וואָרט פֿון זייער מויל נישט אַרויסגעלאָזט. ביידע, די אַרעסטירטע פֿון איין זייט און די ברענגער פֿון דער צווייטער זייט, האָבן געשוויגן. די ערשטע געשרייען האָט מען געהערט דאָן ווען זיי זענען שוין געווען אויפֿן אָרט.

דעם 6טן דעצעמבער.

היינט 5 אַזייגער אין אָוונט האָבן אַלע פּאָליציי־רעווירן באַקומען אַ באַפֿעל, אַז די יידישע פּאָליציי זאָל תיכף צושטעלן צוויי הונדערט מענטשן אָפּצורוימען די וואַגאָנען, וואָס זענען אָנגעקומען אויף מאַרישין מיט קאַר־טאָפּל, קוילן און ברעטער. אויב די פּאָליציי וועט אין פֿאַרלויף פֿון די צוויי שעה נישט קענען צושטעלן די מענטשן, וועלן די וואַגאָנען מיט דער לאַ־דונג צוריקפֿאָרן. עס פֿאַרשטייט זיך, אַז די פּאָליציי האָט דעם באַפֿעל דווקא יאָ אויסגעפֿירט. באַלד האָבן גרופּן פּאָליציאַנטן פֿון אַלע רעווירן זיך אַרויס־געלאָזט אויף אַלע גאַסן, אויסלעגיטימירט יעדן דורכגייענדיקן מענטש און ווער עס האָט נישט געקענט באַווייזן, אַז ער אַרבעט, איז פֿאַרהאַלטן געוואָרן. אַזוי אַרום זענען דורך אַ קורצער צייט פֿאַרהאַלטן געוואָרן אָנשטאָט 200, גאַנצע 300 מענטשן, וועלכע זענען אָפּגעשיקט געוואָרן קיין מאַרישין כדי אויסצולאָדן די אָנגעקומענע וואַגאָנען.

צווישן די געכאַפּטע האָבן זיך געפֿונען דאָקטוירים, אינזשעניערן, פּראָ־

פעסאָרן און איינציקע דייטשן וואָס זענען פאַרשיקט געוואָרן אין געטאָ אַריין אַלס ייִדן, אָדער האַלבע ייִדן. צווישן זיי האָט זיך געפונען איינער, וואָס האָט זיך לעגיטימירט מיט צייגעניש פון אַ דייטשן אָבער־פעלדפעבל, מיטן נאָמען יאָהאַן יונג. בעת מען האָט אים פאַרהאַלטן האָט ער מיט אַ געוואַלדיקער רוגזה זיך צעשריגן: „אַלע ייִדן וועלן אין קורצן אויסגעשאָכטן ווערן״. „אַלע אייערע חניפהדיקע האַנדלונגען וועלן נישט געגומען ווערן אין אַכט״. „קיין איין ייִד וועט נישט געשוינט ווערן״. די פּאָליציי האָט אים אַרעסטירט צו דער דיספּאָזיציע פון דער געסטאַפּאָ. וואָס עס איז מיט אים שפּעטער געוואָרן איז נישט באַוווּסט. דער פאַל האָט געגעבן אַ סך נאָכצוקלערן און נאָכצוטראַכטן. ווער ווייסט צי דער גוי זאָגט נישט אויס דעם גאַנצן אמת?

דעם 7טן דעצעמבער.

אַ דייטשע ציווילע קאָמיסיע איז היינט גאַנץ פרי אָנגעקומען אין דער געטאָ. די דייטשן האָבן באַזוכט אַלע אַרבעטס־רעסאָרטן. זיי האָבן זיך געהייסן ווייזן די פלעצער און די לאַגערס פון דער אַפּראָוויזאַציע. ווען זיי האָבן דערזען ווי די קאַרטאָפל פוילן, און פון דעם קרויט, בוראַקעס און מייערן גייט אַרויס אַ דאַמף, האָבן זיי געזידלט און געשריען צו די צוויי קאָמיסאַרן, שטשענשליווע און רייגנאָלד: — איר פאַרדאַמטע הונט. פאַרוואָס פאַרטיילט איר נישט דאָס די אָרעמע יודן. — פאַרברעכער באַנדע. ביידע וועט איר דערשאָסן ווערן. שטשענשליווע האָט געוואָלט געבן אַן אויפקלערונג, פאַרוואָס די קאַרטאָפל זענען ביז איצט נישט פאַרטיילט געוואָרן, האָט איינער פון דער קאָמיסיע אים געוואָלט פּאַטשן און געהייסן תיכף פאַרלאָזן דאָס אָרט. אין דעם זעלבן מאָמענט איז אָנגעקומען דער דריטער קאָמיסאַר גאַרפינקל, וואָס האָט נישט געוווּסט וואָס דאָ איז פאָרגעקומען. ער האָט פאָרגעלייגט דער קאָמיסיע, אַז זי זאָל גיין מיט אים אויף אַ צווייט אָרט און זען ווי דאָרט הערשט אָרדענונג. — יאָ, — האָט זיך אָנגערופן איינער פון דער קאָמיסיע, — ווען מיר וואָלטן דאָס געמאַכט, וואָלט איר די גאַנצע וועלט פאַרשריגן, אַז מיר, דייטשן, לאָזן די קאַרטאָפל ספּעציעל פוילן, כדי אייך קראַנק צו מאַכן. איר זענט ברידער־מערדער, איר וועט פאַרשפּאַרט ווערן און זיצן אַזוי לאַנג, ביז די געטאָ וועט אויפגעלייזט ווערן.

שלמה פראַנק

דעם 8טן דעצעמבער.

פון שטעטל פּאַביאַניץ קומען אָן בריוו, אַז די ייִדן ווערן פון דער גרויסער געטאָ אַריינגעטריבן אין אַ קלענערער געטאָ. אויך קומען אָן בריוו פון טאָמאַשאָוו־מאַזאָוויעצק, אַז אַ גרויסער טייל ייִדן זענען ביינאַכט אַרויס־געטריבן געוואָרן קיין בעלכאַטאָוו. ביז היינט האָבן די דאָרטיקע ייִדן פון די צוויי שטעטלעך נישט געשריבן קיין שלעכטע בריוו. צו עסן איז געווען גענוג. איצט האָט זיך זייער לאַגע פאַרערגערט. מען טרייבט, מען יאָגט, מען רודפט.

היינט איז ווידער אָנגעקומען אַ פּאַרטיע ציגיינער. דאָסמאָל זענען די מענער נישט געווען געשלאָסן אין קייטן. זיי זענען געגאַנגען צוזאַמען מיט זייערע פרויען און קינדער און געהאַלטן אין איין ווינקען צו די דורכגיי־ענדיקע ייִדן. מען גלייבט, אַז צווישן די ציגיינער געפינען זיך אויך ייִדן. יעדנפאַל, עס איז זייער שווער עפּעס וועגן זיי מער געוויר צו ווערן. זיי ווערן איינגעקוואַרטירט אין אַ ספּעציעלן לאַגער, וווּ יעדעס הויז איז דריי מאָל אַרומגענומען מיט שטעכל־דראָטן.

דעם 12טן דעצעמבער.

היינט האָט מען פּלוצים אויף די געטאָ־גאַסן דערזען אָן עלעגאַנטע פאַרמאַכטע קאַטש. דער עולם האָט זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט, ווער עס פאָרט אין איר. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די קאַטש געהערט דעם פּרעזעס. אַזוי ווי דער פּרעזעס פאָרט כסדר אין אַן אָפענער דראָשקע זענען אַלע זיינע אינטערעסאַנטן מיט ווען ער פאָרט, איז בעסער, אַז די אינטער־עסאַנטן זאָלן וואָס ווייניקער וויסן און וואָס ווייניקער זען, דעריבער האָט ער זיך פאַרשאַפט אַ פאַרמאַכטע קאַטש, כדי דער עולם זאָל נישט אַזוי פיל אים נאָכקוקן. אויסער דעם, וואָס די קאַטש איז אַ פאַרמאַכטע, זענען אויך די שויבן פאַרהאַנגען מיט אַ טונקעלן גאַרדינען־שטאָף.

דעם 13טן דעצעמבער.

דער פראָסט האָט היינט געפּלאַצט. עס האָט גענומען רעגענען.

די געהיימע ראַדיאָ־סטאַנציע האָט היינט מיטגעטיילט, אַז מאָרגן וועט דער פירער ריידן. די ראַדיאָ האָט צוגעגעבן, אַז דער פירער גרייט זיך צו

אַ נייער אָפּענסיווע, און ער וועט געוויס מאָרגן ריידן וועגן זיין נייעם וועלט־פּלאַן און מאַכן נייע וואָרענונגען צו דער פרייער וועלט. צום סוף האָט די ראַדיאָ מודיע געווען, אַז די רוסן שלאָגן די דייטשן אויף אַלע פראָנטן און פאַרנעמען איין פּאָזיציע נאָך דער צווייטער. אויך די איטאַליענער באַקומען שווערע קלעפּ. דאָס איטאַליענישע מיליטער ציט זיך צוריק פון אַלע פריִער־פאַרנומענע פּאָזיציעס.

דעם 14טן דעצעמבער.

היטלער האָט היינט גערעדט. זיין רעדע איז געהערט געוואָרן אומעטום. די פּאַרטיי־מענטשן האָבן זיך פאַרזאַמלט, געשריען: הייל־זיג, הייל־זיג. טויזנטער היטלעריסטן האָבן זייערע הענט געהויבן, געזונגען דאָס „האָרסט־וועסל־ליד", די מאַרשן האָבן נישט אויפגעהערט, פון אַלע זייטן האָט מען געזען מחנות מונדירטע היטלעריסטן מיט פאַררייסענע קעפּ. היטלערס רעדע איז דורך דער געהיימער געטאָ־ראַדיאָ געהערט געוואָרן דייטלעך און קלאָר, אַזוי אַז מען האָט זי געקענט גענוי אָפּשרייבן. מיט צוויי שעה שפּעטער, האָט שוין די גאַנצע געטאָ־באַפעלקערונג געוווּסט וואָס היטלער האָט גערעדט. די רעדע זיינע האָט געדויערט אַ שעה מיט 10 מינוט. אַ סך מאָל האָט ער נישט גערעדט, נאָר פשוט געשריגן און געזידלט. דער הויפּט־כעס האָט ער אויסגעלאָזט צו די יידן, ענגלענדער און צו די באָלשעוויקעס.

די רעדע זיינע האָט אויף די געטאָ־יידן נישט געמאַכט קיין גרויסן איינדרוק. מען וואַרט איצט אין דער געטאָ אויף די קומענדיקע טעג. די פּאָליטישע לאַגע האַלט איצט אַלעמען געשפּאַנט.

דעם 15טן דעצעמבער.

די ליצמאַנשטאָטער־צייטונג האָט היינט אָפּגעדרוקט אַ באַפעל פון דער ווער־מאַכט, אַז פון היינט אָן און ווייטער, ביז צום אָפּרוף, ווערט דאָס פאָרן אויף אַלע באַן־ליניעס, וואָס נעמט אַרום דעם גאַנצן אָסטן, פאַר פּריוואַט פּערזאָנען, פאַרבאָטן. לויט ווי די געהיימע ראַדיאָ טיילט מיט וועלן אויף די ליניעס איצט געפירט ווערן בלויז מיליטער, חוץ מזה מעלדעט ווייטער די ראַדיאָ, אַז מיט איניקע טעג צוריק, איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ באַפעל צו אַלע פויערן וואָס באַוווינען די אָסט־געביטן, אַז זיי זאָלן צו־

שטעלן אַלע זייערע פערד, די וועלכע וועלן דעם באַפעל נישט אויספירן, וועלן באַשטראָפט ווערן ווי קריגס־פאַרברעכער און דאָס שמעקט מיט טויט־שטראָף.

דעם 16טן דעצעמבער.

„ציגיינער־געטאָ", אַזוי הייסט ער, דער ניי־פאַרצוימטער קוואַרטאַל ביים סוף פון דער בזשעזשינער־גאַס. דער קוואַרטאַל איז דריי מאָל אַרומ־גענומען מיט דיקע שטעכל־דראָטן. אויסער דעם איז אין לאַגער גופא אָפּגעטיילט איין הויז פון צווייטן הויז מיט באַזונדערע פאַרצוימונגען. אַ מוראדיקער און שרעקלעכער קוואַרטאַל, פול מיט פחד און שוידער. דער ציגיינער־געטאָ פאַרנעמט נישט מער ווי אַ האַלבן קילאָמעטער די ברייט און עפּעס מער ווי אַ האַלבן קילאָמעטער די לענג. אַלע פענצטער פון די פאַר־צוימטע הייזער זענען אָן שויבן. זיי זענען פאַרשטעלט מיט בלעכן און ברעטער, אין וועלכע עס זענען אויסגעשניטן קליינע לעכער, וואָס דורך זיי דאַרף אַריין פרישע לופט. די מענטשן, וואָס געפינען זיך אין איין הויז, קע־נען זיך נישט פאַרשטענדיקן מיט די מענטשן פון אַ צווייטן הויז, ווייל איין הויז פון צווייטן איז אָפּגעטיילט מיט שטעכל־דראָטן. דער פאַרצוימטער לאַגער זעט אויס, ווי אַ זאָאָלאָגישער גאָרטן מיט שטייגן, מיט באַזונדערע שטייג־אָפּטיילונגען פאַר יעדן חיה־מין.

ווער זענען די צוזאַמענגעטריבענע ציגיינער? פאַרוואָס האָט מען זיי דאָ אַהערגעבראַכט? און צי זענען דאָס אמתע ציגיינער?

אויף די אַלע דריי פראַגן האָב איך זיך באַמיט צו קריגן אַן ענטפער דורך אַ גענויער אויספאָרשונג. די אויספאָרשונג איז געמאַכט געוואָרן אויפן אָרט, אַרום דעם לאַגער, און אַנדערע מאַטעריאַלן האָב איך גענומען פון ד״ר גוטמאַן, וואָס איז דאָרט אייניקע מאָל געווען אונטערצוזוכן די קראַנקע קינדער. די אויספאָרשונג האָב איך אַדורכגעפירט סיי בייטאָג און סיי ביינאַכט.

אַנטקעגנאיבער דעם לאַגער איז געשטאַנען אַ צווייַ שטאָקיק־הויז וואָס זיינע פענצטער זענען אַרויסגעגאַנגען צום לאַגער. דאָרט, אין דעם הויז האָט געוווינט אַ פאַמיליע רובינשטיין מיט צוויי יונגע טעכטער און זיי האָבן מיר אַ סך געהאָלפן אין מיין אָבסערוואַציע פון לאַגער. זיי האָבן מיר אויך

איבערגעגעבן פאַרשיידענע איינצלהייטן פון דעם לעבן אין טויטן־לאַגער. דריי מאָל אין דער וואָך בין איך געקומען צו דער פאַמיליע און אייניקע מאָל האָב איך אַפילו דאָרט גענעכטיקט און זיך גוט צוגעקוקט צו אַלעם וואָס דאָרט קומט פאָר און איך בין געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז דאָס זענען נישט קיין ציגיינער, נאָר דאָס זענען אונגאַרן, רומענער, טשעכן, פּאָליאַקן און דייטשן. געווען דאָרט אויך עטלעכע, אָבער נאָר עטלעכע, ציגיינער.

די דאָזיקע אַלע מענטשן האָבן ווידערגעשפּעניקט קעגן דעם היטלע־ריסטישן רייך און דעריבער זענען זיי אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין דעם שרעקלעכן, שמוציקן טויטן־לאַגער, וואָס איז ספּעציעל צו דעם צוועק אויפ־געשטעלט געוואָרן. די דאָזיקע מענטשן דאַרפן פון דאָרט קיין לעבעדיקע ניט אַרויס. זיי מוזן דאָרט אויף אַ שוידערלעכן אופן אומקומען. זיי ווערן מיט אַזאַ אויסגערעכנטער ראַפינירטקייט פּאַרפּייניקט, אַז האָר און נעגל שטעלן זיך קאַפּויר. די דאָזיקע מענטשן האָבן נישט קיין טאָג און נישט קיין נאַכט. בייטאָג ווערן זיי גערודפט מיט אַ שרעקלעכן סאַדיזם. מען מאַכט מיט זיי דריי מאָל אין טאָג שווערע לויף־איבונגען, דערנאָך מוזן זיי קריכן אויף אַלע פיר און מיטן מויל לעקן די ערד, שטיין אויף די הענט מיטן קאָפּ אַראָפּ, אַזוי די מענער און אַזוי די פרויען. טיילמאָל זענען די פרויען פון דער איבונג פריי, דערפאַר מוזן די פרויען שטיין און צוקוקן ווי זייערע מענער ווערן פּאַרפּייניקט צום טויט. עס האָט נאָך נישט פּאַסירט קיין איין מאָל, אַז מען זאָל פון דעם איבונג־פּלאַץ נישט אַוועקשלעפּן צוויי־דריי און אַמאָל מער פּאַרפּייניקטע צום טויט. אַזוי ווערט די פּייניקונגס־עקזעקוציע אויס־געפירט יעדן טאָג. די טויטע בלייבן ליגן ביז עס דערוואַכט דער צווייטער גיהנום־טאָג. נאָכדעם ווערן זיי צוזאַמענגעקליבן, באַצייכנט מיט רויטער אייל־פּאַרב, פּאַרשריבן און אַוועקגעשיקט אויפן יידישן בית־עולם. יעדן טאָג ווערט, מיט דייטשער פּינקטלעכקייט, פּאַרנאָטירט וויפל טויטע עס זענען געווען.

און איצט — די נעכט! די גרויזאַמע שוואַרצע מלאך־המות־נעכט! אַפילו בלויז צו פאַרצייכענען וואָס דאָרט קומט פאָר אין די נעכט איז פאַר אַ מענטשן אוממעגלעך. און דאָס וואָס איך פאַרצייכן יאָ, איז קוים אַ פערט־חלק פון דער גרויזאַמער ווירקלעכקייט. עס איז נאָך נישט אַדורכגעגאַנגען

קיין איין נאַכט, אַז מען זאָל פון דעם לעבעדיקן גיהנום נישט הערן קיין יאָמערלעכע קולות און געשרייען. אַמערסטן הערט מען וויינען די פרויען און די קינדער. טיילמאָל איז דאָס נישט קיין געוויין נאָר אַ יאָמערלעכער געוואָי פון אַ צעבלוטיקטער חיה. עטלעכע מאָל אין דער נאַכט ווערן די מענער אַראָפּגעיאָגט פון די האַרטע געלעגערס. זיי ווערן געיאָגט און געשלאָגן מיט ספּעציעלע גומענע בייטשן, וואָס אויף זייער שפּיץ הענגט אַ שאַרפער שווערער נאָגל. ווען אַזאַ נאָגל טרעפט איינעם אין קאָפּ, איז ער שוין אַן אויסגעלייזטער. ער דאַרף שוין נישט מער מיטמאַכן די ווייטערדיקע נאַכט־איבונג. דאָס שלאָגן קומט פאָר מיט אַ סיסטעם: ביי דער זייט שטייט איינער און גיט באַפעלן: „לאוס", שטיין בלייבן". „לאוס", „שטיין בלייבן". אַזוי — יעדע נאַכט און יעדע נאַכט האָט זיך איר באַזונדערן סאַדיסטישן אופן פון פּייניקונג, געווענדט פון דער שטימונג פון די שלעגער, ס'הייסט, וויפל בראָנפן זיי האָבן פריִער אויסגעטרונקען. נאָכן שלאָגן מוזן די געפּייניקטע טאַנצן, זינגען און אַפילו שפּילן אויף אַ האַרמאָשקע, און ווען די מענער טאַנצן מוזן די פרויען זיך אויסטאָן מוטער־נאַקעט און אַ דורכלויפן דורך די טאַנצנדיקע מענער און שרייען „אַוועק פון אונדז איר פאַרשאָלטענע, איר קרעציקע הינט, איר פאָלקס־פאַררעטער, איר וואָס האָט אונדז אומגליקלעך געמאַכט. צוליב אייך מוזן מיר איצט אַזוי שווער לײדן. שטאַרבן זאָלט איר. דער טויט זאָל אייך פון אונדז באַפרייען". ווי איז צו דער פרוי, וואָס שרייט נישט אַזוי ווי מען באַפעלט איר. די פרוי ווערט געטרעטן מיט די פיס און ווערט אַזוי לאַנג געפּייניקט ביז זי פאַלט אַוועק אַ פאַרחלשטע. דאַן ווערט אויף איר אַרויפגעגאָסן אַ קאַלטער עמער וואַסער און ווען דאָס קאַלטע וואַסער ווירקט שוין נישט מער, דאַן געהערט זי שוין צו די גליקלעכע, צו די אויסגעלייזטע. אַלע אַרום זענען איר שוין מקנא. די אומגעקומענע ווערט שנעל אַוועקגעשלעפּט פון דעם עקזעקוציע פּלאַץ, פאַרצייכנט און אַריינגע־וואָרפן צווישן די טויטע, וואָס זענען געפאַלן בייטאָג. ווען די עקזעקוציע הערט אויף, און די שלעגער־מערדער טרעטן אָפּ לויט אַ באַפעל, וואַרפן זיך די פאַרפּייניקטע אַוועק אויף זייערע האַרטע ברעטער־געלעגערס און וויינען אויפן קול. דאָס געוויין איז אַזוי שרעקלעך, אַז אַלע, די וועלכע וויינען ביים לאַגער, נעמט אַרום אַ שודער.

אָט דאָס איז דער לאָדזשער ציגיינער־לאַגער, וואָס איז אויפגעשטעלט

געוואָרן האַרט ביי דער לאָדזשער געטאָ. דאָס איז דער לאַגער, וואָס הימלער האָט וועגן אים באַפוילן: „פון דאָרט קומט קיינער מער נישט צוריק. דער וואָס קומט דאָרט אַריין מוז דאָרט געפינען זיין טויט‟. יעדע עטלעכע טעג גייט פון דאָרט אַוועק אַ ראַפּאָרט, דירעקט קיין בערלין צו הימלערן, אַז אַזויפיל און אַזויפיל זענען היינט אָפּגעשיקט געוואָרן אויף יענער וועלט. מיר וואַרטן אויף פרישע סחורה. די צימערן זענען פריי.

דעם 17טן דעצעמבער

ווען די דייטשע פּליטים זענען אַריינגעקומען אין דער געטאָ האָבן מיר, די אַלטע איינגעזעסענע געטאָ־ייִדן, געמיינט אַז מיט זייער אָנקום וועט מען אונדז בעסער באַהאַנדלען. ווייזט זיך אַרויס, אַז מיר האָבן געהאַט אַ ביטערן טעות. מיר האָבן גערעכנט, אַז זיי וועלן ווירקן אויף אונדזערע מושלים מען זאָל זיך מער רעכענען מיט אונדז. די מושלים וועלן זיך דאָך שעמען פאַר די דייטשע ייִדן, פאַר די ייִדן, וועלכע האָבן ליב אָרדענונג און פּינקטלעכקייט. ווייזט זיך אַרויס, אַז מיר זענען געווען נאַיִוו. נישט בלויז וואָס מען באַהאַנדלט אונדז נישט גוט, נאָר מיר זענען איצט גאָר געוואָרן שטיפברידער. אַזוי ווי די דייטשע פּליטים זענען נאָר אָנגעקומען האָט דער פּרעזעס פאַר זיי אָנגעהויבן צו זאָרגן. ער האָט זיי באַזאָרגט מיט אַרבעט אויפן אָרט. פיל פון זיי אַריינגענומען אין די קאָמונאַלע ווירטשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, אין דער פּאָליציי, אין דער קיכן־ווירטשאַפט, אין דער אַדמיניסטראַציע, צו די פייער־לעשער אאַז״וו. ער האָט פאַר זיי געשאַפן ספּעציעלע ביוראָען, וואָס דאַרפן פאַר זיי זאָרגן. צוליב דעם איז אונדזער לאַגע פאַרערגערט געוואָרן. נישט אַלע געטאָ־איינוווינער האָבן אַרבעט. דער גרעסטער טייל הונגערט און פאַרקויפט פון זיך אַראָפּ אַלץ, כדי דאָס לעבן צו דערהאַלטן. אמת איז, אַז אַ גרויסער טייל פון די דייטשע פּליטים זענען אַריינגעקומען אין געטאָ נאַקעט און באָרוועס, ווייל זיי זענען געכאַפּט געוואָרן אויף די גאַסן און מיט געוואַלד אָפּגעטראַנספּאָרטירט געוואָרן קיין לאָדזש, און עס איז נאַטירלעך געוועזן, אַז מען זאָל זיי העלפן, אַז מען זאָל זיי אויסשטרעקן אַ ברידערלעכע האַנט, אָבער אַלץ מוז דאָך געטון ווערן מיט יושר. אויב מען העלפט שוין יאָ צען טויזנט פריש־אַריינגעקומענע ייִדן,

דאַרף מען לכל הפחות נישט פאַרגעסן אין די אייגענע הונדערט און פופציק טויזנט ייִדן, וועלכע הונגערן שוין צוויי יאָר!

שרעקלעך פירט זיך דער פּרעזעס אויף קעגן זיינע אייגענע. פאַר זיי, פאַר די לאָדזשער ייִדן, האָט ער קיין מורא נישט. מיט זיי וויל ער זיך נישט רעכענען. ווען עס געפינט זיך עמיצער וואָס זאָגט דעם פּרעזעס אַ פאַר ווערטער, ווערט ער אויפן אָרט באַשטראָפט. ער ווערט פשוט צעקאַטעוועט און אַרעסטירט.

דעם 17טן דעצעמבער.

אין דער געטאָ זענען פאַראַן עטלעכע פאַרלאָזענע קלויסטערס, וואָס ווערן געהיט, אַזוי ווי אַן אויג אין קאָפּ, דורך דער ייִדישער פּאָליציי און דורך נאַכט־וועכטער. מען היט זיי סיי בייטאָג און סיי ביינאַכט, כדי עס זאָל זיך נישט עמיצער אַריינגנבענען און אַרויסנעמען די פאַרבליבענע הייליקע זאַכן. דאָס היטן די קלויסטערס האָט אַזוי אָנגעהאַלטן ביזן היינטיקן טאָג. פּלוצים זענען היינט, אָן שום פריִערדיקער מיטטיילונג, אָנגעקומען אין געטאָ אַריין 4 גרויסע לאַסט־אויטאָס מיט 16 דייטשע אַרבעטער, אונטער דער אָנפירונג פון אַ דייטשן אָפיציר. די אַרבעטער האָבן געעפנט די קלויסטער־טירן און פון דאָרט אַלץ אַרויסגעטראָגן אויף די אויטאָס. ווען אַלע אויטאָס זענען שוין געווען פול, זענען זיי אָפּגעפאָרן אין דער שטאָט אַריין. דאָס איז פאַרגעקומען אין איין קלויסטער. איצט רעכנט מען, וועלן אויך די איבעריקע צוויי קלויסטערס אין קורצן אויסגעליידיקט ווערן. פאַרוואָס דאָס איז ערשט איצט געטון געוואָרן, ווייסט מען נישט. אויב איינער ווייסט יאָ דעם סוד דערפון, וועט ער אויך נישט אויסזאָגן, ווייל ער איז פאַראַנטוואָרטלעך מיט זיין קאָפּ. יעדנפאַלס, די נאַכט־וועכטער און די ייִדישע פּאָליציי זענען באַפרייט געוואָרן פון אַ גרויסער אַרבעט און אַחריות.

דעם 18טן דעצעמבער.

פון שטעטל קושמינקע זענען אין דער לאָדזשער געטאָ אַריין אָנגעקומען אייניקע בריוו צו משפחה־מיטגלידער. די בריוו־שרייבער טיילן מיט: „ייִדן, זייט וויסן, אַז עס האָט ביי אונדז פּאַסירט אַ שרעקלעכע זאַך. אַזוינס וואָס עס איז אונדז אוממעגלעך צו פאַרשטיין. די געסטאַפּאָ האָט באַפוילן,

אַז אַלע קינדער אין עלטער פון 1 ביז 12 יאָר, זאָלן געבראַכט ווערן אויפן מאַרק. פון דאָרט וועלן זיי אָפּגעשיקט ווערן אין אַ ספּעציעלן זאַמל־פּונקט פאַר קינדער, ווו עס וועט זיי נישט שלעכט זיין. מיט צער און שרעק האָבן די עלטערן געבראַכט זייערע קינדער אויף דעם זאַמל־פּונקט. דאָרט זענען שוין געשטאַנען גרויסע לאַסט־אויטאָס אויף וועלכע די קינדער זענען אַרויפגעזעצט געוואָרן. שפּעטער, צו אונדזער גרויסן בראָך, זענען מיר געוויר געוואָרן, אַז אַלע קינדער זענען אין דעם דערבייאיקן וועלדל אויסגעשאָסן געוואָרן".

די בריוו זענען דורך פאַרשיידענע וועגן אָנגעקומען אין געטאָ אַריין און ווען מען האָט די בריוו אָנגעהויבן צו לייענען, איז אויסגעבראָכן אַ שרעקלעכע בהלה, אַ יאָמער און אַ געוויין. מען האָט אָנגעהויבן צו ציטערן, די קרעכצן און זיפצן האָבן גאָרנישט אויפגעהערט. מענטשן זענען געלאָפן ווי משוגעים, כדי געוויר צו ווערן צי די בריוו זענען אמתע. עס האָט זיך נישט געגלויבט, אַז אַזאַ מוראדיקע זאַך זאָל זיין אמת.

דעם 20סטן דעצעמבער.

נעבן דעם רויטן קלויסטער אויף עק זגערזשער־גאַס און בזשעזשינער־גאַס שטייט אַ רויטע געביידע. פאַרן קריג האָבן דאָרט געוווינט די גלחים און די קלויסטער באַדינער. ווען די דייטשן האָבן באַזעצט די שטאָט, האָבן זיי פון דער רויטער הייזקע אַרויסגעטריבן אַלע פריערדיקע איינוווינער און דאָרט אַריינגעזעצט אַן אָפּטיילונג פון דער דייטשער קרימינאַל־פּאָליציי. אין אָנהייב האָבן די קרימינאַל־אַגענטן יעדן טאָג אַריינגעשלעפּט אין דער הייזקע אַריין צופעליק־פאַרבייגייענדיקע ייִדן. דאָרט האָט מען זיי גוט צעשלאָגן און צעבלוטיקטע אַרויסגעוואָרפן. ייִדן האָבן דעריבער אויפגעהערט דורכצוגיין די דאָזיקע הייזקע און די קריפּאָ־אַגענטן האָבן זיך גענומט אַרויסלאָזן כאַפּן ייִדן אויף אַנדערע גאַסן. די דאָזיקע געכאַפּטע ייִדן זענען אָבער שוין נישט אָפּגעקומען בלויז מיט קלעפּ, זיי האָבן שוין גענומט זיך אויסלייזן, אויסקויפן מיט געלט. קודם כל האָט מען ביי יעדן ייִד צוגענומען וואָס ער האָט געהאַט ביי זיך. דערנאָך ערשט האָט מען אים געהייסן געבן אויסלייז־געלט און די סומע איז באַשטימט געוואָרן לויט דעם פּנים פון קרבן. די קריפּאָ־אַגענטן האָבן צוגעשיקט צו דער משפּחה אַ ברי־

וועלע, אַז אַזאַ און אַזאַ געפינט זיך ביי זיי; אויסלייזן אים קאָסט אַזויפיל און אַזויפיל. אויב מען וועט אים נישט אויסלייזן, וועט ער אַהיימגעשיקט ווערן אַ טויטער. דאָס איז אַזוי אָנגעגאַנגען אַ פּאָר חדשים. ווער עס איז דאָרט אַריינגעפאַלן האָט געמוזט דאָס לעצטע העמד פאַרזעצן און דאָס געלט אָפּגעבן די באַנדיטן, כדי זיך צוראַטעווען פון אַ זיכערן טויט. אַלע אינטערווענצן פון רומקאָווסקין האָבן נישט געהאָלפן. להיפּוך, זיי האָבן די לאַגע נאָך ערגער געמאַכט. אין אַ געוויסן טאָג האָבן די אַגענטן אָפּגעשטעלט דאָס כאַפּן מענטשן אויף די גאַסן, זיי האָבן גענומען שיקן בריוולעך צו געוועזענע באַקאַנטע לאָדזשער גבירים און זיי פאַרבעטן צו זיך אויף אַן אויספאָרשונג. די נעמען פון די אַמאָליקע גבירים האָבן זיי זיך דערוווּסט פון יידישע מוסרים. ביי דער אויספאָרשונג האָט מען לכתחילה דעם אַרויסגערופענעם מכבד געווען מיט ציגאַרעטן, מיט אַ גלעזל ביר, טיילמאָל אויך מיט אַ שנאַפּס און מען האָט אים דערביי אויפגעקלערט, אַז עס וועט אים גאָרנישט נישט העלפן, די קריפּאָ ווייסט גענוי, אַז ער האָט באַהאַלטן אין דער שטאָט געלט, ווערט־זאַכן און סחורות, און מען פאָדערט פון אים דעריבער, אַז ער זאָל דאָס אַליין איבערגעבן דער דייטשער מאַכט. ווען דאָס „אויפקלערן" האָט נישט געגעבן קיין רעזולטאַט, זענען געקומען די קלעפּ, אַזעלכע וואָס נישט יעדער האָט זיי געקענט אויסהאַלטן און איבערטראָגן. די געוואַלדן פון די געשלאָגענע זענען געהערט געוואָרן ווי ווייט. אינטערווענצן האָבן נישט געהאָלפן: טויט אָדער אויסלייזגעלט!

די מוסרים האָבן פאַר זייער שמוציקער אַרבעט באַקומען פון דער קרימינאַל־פּאָליציי אַ געוויסע באַלוינונג, טיילמאָל אין פּראָדוקטן און טיילמאָל אויך אין סחורות, אָדער אין אַנדערע ווערט־זאַכן. צו אונדזער גרויסער חרפּה מוז איך דאָ פעסטשטעלן, אַז מוסרים זענען געווען זייער אַ סך, מער וויפל די קריפּאָ האָט געדאַרפט האָבן. די מוסרים זענען געקומען פון אַלע שיכטן. עס זענען צווישן זיי געווען אַזעלכע וואָס האָבן פאַר דער מלחמה געשפּילט די ראָלע פון פרומע מענטשן. ווען איך האָב אַזאַ איינעם געפרעגט, וואָס ער טוט אין דער רויטער הייזקע, האָט ער מיר געענטפערט:

— איך האָב אינטערווענירט פאַר מיין שכן, אַז מען זאָל אים נישט שלאָגן, ווייל ער איז קראַנק אויפן האַרץ. שפּעטער בין איך געוווּיר געוואָרן, אַז דער מסור האָט געשפּילט אַ טאָפּעלע ראָלע: צו ערשט האָט ער דעם

שכן זיינעם פאַרמסרט און שפעטער טאַקע זיך משתדל געווען, אַז מען זאָל אים נישט געבן קיין שטאַרקע קלעפּ.

עס זענען געווען פאַלן, ווען די אויסגעפאַרשטע זענען אַזוי צעשלאָגן געוואָרן, אַז מען האָט צו זיי שוין געמוזט ברענגען טראָג־בעטלעך, כדי זיי פון דאָרט צוטראָגן גלייך אין שפּיטאָל אַריין. נאָך עטלעכע טעג ליגן אין שפּיטאָל, אויב איינער איז געבליבן לעבן, איז ער נאָך אַמאָל גערופן געוואָרן און ער איז אויפסניי געפּייניקט געוואָרן און דווקא אַזוי לאַנג, ביז ער האָט אויף אַן אמת אויסגעהויכט זיין נשמה. טויזנטער ייִדן זענען די הייזקע אַדורכגעגאַנגען, און ווער ווייסט וויפל טויזנטער וועלן נאָך גערופן ווערן? טויזנטער ייִדן זענען פון דאָרט שוין מער נישט צוריקגעקומען.

דעם 21סטן דעצעמבער

היינט אין דער פרימאָרגן שעה, 10 מינוט פאַר 6, איז דער יונגער יוסף גאָלדבערג אַהיים געגאַנגען פון זיין נאַכט־דינסט. צוקומענדיק צו דער בריק לימאַנאָווסקי־גאַס־קרוטקאַ, איז ער, אַן אַ פאַרוואָס דערשאָסן געוואָרן דורך דעם דייטשן וואַך־פּאָסטן, וואָס איז געשטאַנען ביים טויער לימאַנאָווסקי־ריבנאַ. דער 20־יעריקער גאָלדבערג האָט געטראָגן אַ באַנד אויף זיין אָרעם ווי אַ צייכן, אַז ער איז אַ נאַכט־וועכטער. בעתן דורכגיין די בריק, האָט ער אויפגעהויבן זיין האַנט, כדי דער וואַך־פּאָסטן זאָל זען, אַז ער געהערט צו די נאַכט־וועכטער. דער מערדער האָט אויף דעם נישט געקוקט, ער האָט גע־זוכט אַ קרבן און דער קרבן איז אים אַליין געקומען אין די הענט אַריין. דער מערדער האָט שפּעטער, ווען מען האָט אַוועקגענומען דעם טויטן פון די דראָטן, געשריגן: „אַלע וועל איך הויטע שיסן. אויב די דייטשן וועלן זיך צוריקציִען פון רוסלאַנד, וועל איך די יודן טויטן, ווייל זיי זענען שול־דיק אין אַלע אונדזערע דורכפאַלן". איינער פון די געסטאַפּאָ־אַגענטן האָט דערקלערט דער ייִדישער פּאָליציי, אַז דער באַנדיט האָט שוין דערמאָרדעט 9 יודן, 5 אין ליצמאַנשטאָט און 4 אין פּאָדעמביץ. ער האָט געשווירן, אַז פון זיין האַנט מוזן פאַלן 100 יודן.

דעם 22סטן דעצעמבער

אין דער געטאָ געפינען זיך ייִדישע פייערלעשער, וואָס זייער אויפגאַבע

איז, בעת אַ שריפה צו רופן די דייטשע פייערלעשער. די געטאָ־פייערלעשער גיבן אויך אַכטונג אויף די פאַבריקן, וואַרשטאַטן און רעסאָרטן, אַז דאָרט זאָל נישט געשען קיין שריפה. יעדן טאָג ווערן זיי צעטיילט אין גרופן און גרופעסווייז צעשיקט צו די אַרבעטס־רעסאָרטן. די וועלכע פאַרבלייבן אין פייערלעשער־גאַראַזש, די אַלאַרם־גרופע, שפּילן דערווייל אין רעמי, אין ברידזש אין אַ דאַמקע און אין אַנדערע שפּילן. צווישן די פייערלעשער געפינען זיך פאַרשיידענע מינים מענטשן: געוועזענע סוחרים, האַנטווערקער, וואַיאַזשאָרן, אַרטיסטן און סתם לײַדיקגייערס. דער הויפּט פון די פייערלעשער איז אַ געוויסער קויפמאַן. זיין זכות איז וואָס פאַר דער מלחמה איז ער געווען אַ פייערלעשער. ער איז אַן אַנאַלפאַבעט, אַ מענטש מיט באַגרעניצטע פעיקייטן. אין דער געטאָ איז ער געוואָרן אַ גרויסער מענטש. אַ מאַכער ביים פאָלק ישראל, טראָגט שיינע לאַקירטע שטיוול און באַקומט אַ פענסיע ווי אַ ביירעַט־מיטגליד.

זיין פאַרטרעטער, אַ געוויסער סטעלמאַן, איז דער אַמאָליקער מיטאַרבעטער פון טרויעריק־באַרימטן כוליגאַניש־אַנטיסעמיטישן בלעטל „אָרענדאַוניק”. סטעלמאַן איז אַ משומד, וואָס האָט אַ סך צרות אָנגעטון די לאָדזשער ייִדן. היטלער האָט אים אויך אַריינגעוואָרפן אין דער געטאָ אַריין און דער פּרעזעס האָט דווקא אים געמאַכט פאַר אַן עלטצטן איבער אַ גרופּע ייִדן. דער משומד האָט זיך גאָרנישט געביטן. זיין פּיסק איז ווייטער געבליבן ווערעמדיק, ביי יעדן צווייטן וואָרט, דראָעט ער די ייִדן און שרייט: „פאַרשיווע זשידעס, מען וועט זיך נאָך מיט אייך אָפּרעכענען”. ער זוכט נאָר געלעגנהייטן אָנצוטון צרות די ייִדישע פייערלעשער. ער שלאָגט זיי און באַליידיקט זיי. אָט אַזעלכע נידעריקע ברואים הערשן אין דער געטאָ. איין פאַררעטער איז גרעסער פון צווייטן; איין אויסוואורף איז שענדלעכער פון צווייטן, און דאָס אַלץ מוז דאָס לאָדזשער ייִדנטום פאַרשווייגן, קריצן מיט די ציין און וואַרטן ביז די צייט פון נקמה וועט קומען.

דעם 23סטן דעצעמבער.

ווידער איז היינט, 15 מינוט נאָך 9 אין אָוונט, דערשאָסן געוואָרן ביים אויספירן זיין אַרבעט, דער קאָאָפּעראַטיוו־קאָנטראָלער ב. מאלץ. ער איז געגאַנגען פון איין קאָאָפּעראַטיוו צו אַן אַנדערן, כדי נאָכצוקאָנטראָלירן צי

די געוועלבער זענען גוט בלאָמבירט. אויפן הויף זגערזשער 38 האָט ער צוזאַמען מיטן נאַכט־וועכטער נאָכגעקאָנטראָלירט צי דאָס געוועלב איז גוט פאַרמאַכט און פאַרחתמעט. אין דעם דאָזיקן מאָמענט האָט דער וואַך־מערדער צו אים געצילט און אים אָוועקגעלייגט אויפן אָרט. דער וועכטער איז שווער פאַרוווּנדעט געוואָרן. ווען די ייִדישע פּאָליציי איז, צוזאַמען מיט אַ פּאָר־שטייער פון דער געסטאַפּאָ, אָנגעקומען אויפן אָרט, האָט דער מערדער זיך באַרימט, אַז „טויטן אַ יודע" איז זיין בעסטער פאַרגעניגן. אַ גאַנצע נאַכט האָט ער געזוכט אַ ייִד, כדי אים צו שיסן און אָט האָט ער געזען צוויי ייִדן נעבן אַ געוועלב, האָט ער לאַנג נישט געטראַכט, גענומען די ביקס און אויסגעשאָסן. וועט זיין מיט צוויי יודן וויניקער.

דעם 24סטן דעצעמבער.

נאָך אַ גרינטלעכער אויספאָרשונג, האָב איך פעסטגעשטעלט, אַז די אַפּראָוויזאַציע־אָפּטיילונג האָט באַגראָבן אויף די מאַרישינער פעלדער דריי און דרייסיק טויזנט קילאָ קאַרטאָפל. דאָס איז פאָרגעקומען אין דעצעמבער. וויפל טויזנטער קילאָ קאַרטאָפל עס זענען שוין באַגראָבן געוואָרן ביז איצט, ווייסן נאָר די געטאָ מושלים.

ווען די קאַרטאָפל זענען אַריינגעקומען אין דער געטאָ, האָבן גרויס און קליין זיך געפרייט. ענדלעך וועט מען עסן צו דער זעט. מען וועט אויפהערן צו טרינקען די וואַסערדיקע זופּן. אַרויסגעוויזן האָט זיך אָבער, אַז די וועלכע פירן אָן מיט דער געטאָ־ווירטשאַפט האָבן די קאַרטאָפל נישט פאַרטיילט. זיך אַליין האָבן זיי גאַנץ שיין פאַרזאָרגט, זייערע קעלערס האָבן זיי פאַרפולט מיט אַלעם גוטן און דעם עולם־גולם האָבן זיי געוויזן אַ פייג. דער סוף איז געווען, אַז די קאַרטאָפל זענען אַזוי לאַנג געלעגן ביז זיי זענען פאַרפרוירן געוואָרן און די מאַסן האָבן געהונגערט. איצט זענען די קאַרטאָפל אַרויס־געפירט געוואָרן אויף די מאַרישינער פעלדער און ווערן דאָרט באַגראָבן. דריי און דרייסיק טויזנט קילאָ קאַרטאָפל זענען געגאַנגען לאיבוד־ צי איז דען פאַראַן אַ גרעסערער חוזק? טייוואָנישקייט? הונדערט און אַכציק טויזנט ייִדן שטאַרבן פון הונגער און חלומען פון אַ קאַרטאָפל, און דאָ באַגראָבט מען טויזנטער קילאָ קאַרטאָפל אין דער ערד און עס איז שאַ־שטיל.

די זעלביקע געשיכטע איז פאָרגעקומען מיט אַ יאָר צוריק. אויך דע־

מאַלט האָבן די מאַסן זיך געבעטן: פאַרטיילט די קאַרטאָפל! אָבער די ברי־דער־מערדער האָבן געלאַכט. די קאַרטאָפל האָבן זיי נישט פאַרטיילט. צום סוף האָבן זיי צענדליקער טויזנטער קילאָ קאַרטאָפל באַגראָבן. נאָך דעם דאָזיקן פאַקט האָבן מיר שוין געמיינט, אַז אין דעם יאָר וועט אַזאַ שענד־לעכע זאַך נישט פאָרקומען. די מושלים וועלן מער אויף זיך נישט נעמען אַזאַ שווערע פאַראַנטוואָרטלעכקייט. עס ווייזט זיך אָבער אַרויס, אַז די רוצחים פון אייגענעם פאָלק, ווילן גאָרנישט לערנען. זיי פירן זיך ווייטער אויס זייער שענדלעכע אַרבעט און העלפן אונדזער גרעסטן פיינט אונדז פאַרניכטן. די נעמען פון די הויפּט־רוצחים זענען: שטשענשליווע, ריינגאָלד און גאַרפינקל.

דעם 25סטן דעצעמבער.

היינט איז אָנגעקומען אַ מיטטיילונג, אַז די 4 קלויסטערס וואָס געפינען זיך אין דער געטאָ ווערן פאַרוואַנדלט אין קריגס־לאַגערן. אַלע קולט־זאַכן פון די קלויסטערס מוזן תיכף באַזייטיקט ווערן. אין די קלויסטערס וועלן איצט מאַגאַזינירט ווערן פאַרטיקע מונדירן, פעלצן, קורטקעס, לעדער, וועש, לייוונט און אַנדערע פאַרשיידענע מאַטעריאַלן, וואָס זענען נייטיק פאַרן מיליטער. די אַרבעט וועט ווערן אָנגעפירט דורך דער געסטאַפּאָ און אויסגעפירט ווערן דורך יידישע אַרבעטער. צו יעדן קלויסטער־לאַגער וועט צוגעטיילט ווערן אַ ספּעציעלע וואַך, וואָס וועט זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די זאַכן וואָס געפינען זיך דאָרט.

דעם 26סטן דעצעמבער.

אַ שרעקלעכע גזירה פאַרן לאָדזשער יידנטום! די געסטאַפּאָ מעלדט, אַז די לאָדזשער געטאָ מוז אויסליפערן 10 טויזנט יידן. וווהין? דאָס ווייסט מען נישט. ווי נאָר דאָס איז באַוווּסט געוואָרן, האָבן מענטשן אָנגעהויבן חלשן און די געוויינען זענען דערגאַנגען עד לב השמים. נאָך מיטיק האָט זיך דער פּרעזעס געטראָפן מיט ביבאָוון און מיט אים גערעדט וועגן דער נייער גזירה. אין אָנהייב האָט ביבאָוו געזאָגט, אַז ער וועט זיך באַמיען זי בטל צו מאַכן. שפּעטער האָט ער מיטגעטיילט, אַז ער קען אין דעם ענין גאָרנישט טון. דערביי האָט ער צוגעגעבן, אַז דער ערשטער טראַנספּאָרט

אויסגעליפערטע ייִדן, וועט מוזן אַרויסגעשיקט ווערן פון לאָדזש דעם 4טן יאַנואַר.

דעם 27סטן דעצעמבער.

די ליצמאַנשטאַטער־צייטונג האָט היינט אויף דער ערשטער זייט פאַר־עפנטלעכט אַ גרויסן אויפרוף פון אַדאָלף היטלערן. דער אויפרוף איז ספּעציעל צו דער דייטשער אַרמיי. עס ווערט אין אים געזאָגט: איך, אַדאָלף היטלער, געוועזענער סאָלדאַט פון ערשטן וועלט־קריג, וועלכן אַ פיינטלעכער שאָס, האָט געדראָעט בלינד צו מאַכן, האָב צוריקקומענדיק פון פראָנט אָנגעהויבן צו קעמפן פאַרן דייטשן פאָלק, פאַר זיין בעסערן מאָרגן. איך האָב נישט געקענט זען ווי דאָס דייטשע פאָלק ווערט טראַקטירט דורך די זיגער, איך האָב דאָס דייטשע פאָלק באַפרייט פון דעם פאַרהאַסטן ווערסאַ־לער טראַקטאַט. די אַליאַנטן האָבן געוואָלט דאָס דייטשע פאָלק דערנידע־ריקן, איך האָב אייך אויפגעהויבן, צו דער מדרגה פון אַ גרויס פאָלק. אין איצטיקן מאָמענט זענען פאַרן דייטשן מיליטער אָנגעקומען שווערע טעג, דעריבער פאַרלאַנג איך פון אייך געהאָרכזאַמקייט און אויסדויער. איך האָב אייך ביז איצט געפירט צום גוטן, און איך וועל אייך ווייטער פירן אויף אַ גוטן וועג. גענעראַל בראַוכיטש, דער אויבער־קאָמאַנדיר, האָט פאַרלאַנגט, אַז איך זאָל איבערנעמען די קאָמאַנדשאַפט איבערן מיליטער, און ווי אַ זעלנער באַפעל איך צו זיין געהאָרכזאַם און וואַרטן ביזן פרילינג, ווייל אין פרילינג וועלן מיר אָנהייבן דעם קאַמף אויפסניי, מיט פרישע כוחות, מיט פרישע וואָפן און מיט פרישע מיליטערישע דערפינדונגען, וואָס וועלן מאַכן ציטערן אונדזערע פיינט און זיי אויף אייביק פאַרטיליקן.

דער אויפרוף האָט אַריינגעבראַכט אין געטאָ אַ סך פרייד. מען האָט אָנגעהויבן איינזען, אַז דאָס וועטער ענדערט זיך, אַז די הילף פאַרן ייִדישן פאָלק איז נאָענט.

דעם 28סטן דעצעמבער.

ווי טרויעריק, ווי ביטער עס איז אונדזער גורל. איך שעם זיך אַפילו דאָס צו פאַרצייכענען. אין דער צייט ווען די געסטאַפּאָ האָט מיטגעטיילט, אַז אין פאַרלויף פון 8 טעג וועלן 10 טויזנט לאָדזשער ייִדן אַרויסגעשיקט

ווערן אין דער וועלט אַריין — און ווער ווייסט ווו זיי וועלן געשיקט ווערן?
— אין דער אַ־צייט, פאַרוויילן זיך די מושלים און אָרדענען איין אַ קאָנצערט.
נאָכן קאָנצערט האָט דער עולם ספּעציעל־איינגעלאַדענע גענומען זיך צום
פרעסן און טרינקען. ווען דאָס פרעסן און טרינקען האָט זיך פאַרענדיקט
און די מוזיק איז איינגעשטילט געוואָרן, האָט דער פּרעזעס צוגערופן דעם
קאָמיסאַר גארפינקל און אים עפּעס איינגערוימט אין אויער. גארפינקל האָט
זיך צעלאַכט און איז אַרויף אויף דער טריבונע, געבעטן אַז דער עולם זאָל
זיך באַרויקן. באַלד איז שטיל געוואָרן. גארפינקל הייבט אָן: „איך פאַרבעט
אונדזער טייערן און חשובן פּרעזעס אויף דער טריבונע". עס איז באַלד
געוואָרן אַ פּאַטשעריי און אַ געשריי: „לעבן זאָל דער פּרעזעס". פּלוצים
איז שטיל געוואָרן. דער פּרעזעס האָט זיך באַוויזן אויף דער טריבונע, אויס־
געהוסט זיך, געוואָרפן בליקן אַהין און אַהער, געמאַכט אַ מינע פון אַ גרויסן
אַרטיסט, אַ פּאָר מאָל גלייך געשטעלט זיך, ווידער צוגערופן גארפינקלען
און ווידער אים עפּעס איינגערוימט אין אויער און צום סוף, האָט דער
„פאָלקס־העלד" באַקומען לשון: „ייִדן, איר הערט ייִדן, עס איז שלעכט,
ביטער, זייער און זייער ביטער. עס איז שוין ווידער דאָ פאַר אונדז אַ שווע־
רע גזירה. מען פאַרלאַנגט פון מיר, אַז איך זאָל אַרויסלאָזן 20 טויזנט
ייִדן פון דער לאָדזשער געטאָ".

באַלד האָט ער גענומען ריידן העכער און לסוף האָט ער שוין אָנגעג־
הויבן שרייען:

„זיי האָבן געוואָלט 20 טויזנט ייִדן. איך האָב זיך קוים אָפּגעבעטן אויף
10 טויזנט און עס איז מיר געלונגען, פולשטענדיק געלונגען. איצט איז שוין
אַלץ פאַרפאַלן. 10 טויזנט ייִדן מוזן פאַרלאָזן די לאָדזשער געטאָ. די 10
טויזנט ייִדן מוזן זיך זוכן אַנדערע היימען. אפשר וועט דאָרט זיי בעסער זיין.
עס איז פאַרפאַלן, אַזוי וויל דער שיקזאַל. איך האָב באַשלאָסן אַרויסצושיקן
די ייִדן, וועלכע זענען אַ לאַסט אויף דער געטאָ. אַזעלכע וואָס האָבן באַקור־
מען ביז איצט דעם „זאַשילעק" (אונטערשטיצונג) און האָבן נישט געוואָלט
אַרבעטן. די דאָזיקע וועל איך איצט פון געטאָ דערווייטערן. צוזאַמען מיט
זיי וועל איך אויך אַרויסשיקן די גנבים, די אַלע וואָס זיצן אין דער תפיסה
און די אַלע, וועלכע האַנדלען און פירן גנבישע שטיק. איך וועל דאָס גע־
טאָלע ריין מאַכן פון די אַלע ניט־וויכטיקע און נישט־געווונטשענע עלע־

מענטן. איך דאַרף האָבן אַרבעטער, איר הערט? אַרבעטער! נישט קיין פוילענצער! אויף זייער אָרט, האָט מיר די דייטשע מאַכט צוגעזאָגט אַריינ־צושיקן אַנדערע 10 טויזנט ייִדן, וועלכע וועלן אַרבעטן, אויב די פרישע וועלן אויך נישט וועלן אַרבעטן, האָב איך פאַר זיי אַ גוט מיטל".

דער פרעזעס האָט פאַרענדיקט. אַלע האָבן זיך אויפגעשטעלט, אים באַגלייט ביז אין דרויסן אַרויס. דער עולם איז צוריק אַריין אין זאַל, צוריק זיך גענומען פאַרווײַלן און לאַכן, אַזוי ווי עס וואָלט גאָרנישט געשען און גאָרנישט פאָרגעקומען. אַזוי ווי די 10 טויזנט ייִדן וואָלטן נישט געווען פון זייער אייגן בלוט און פלייש.

וואָס טוט זיך דאָ? — פרעגן די איבערגעשראָקענע ייִדן — צי איז טאַקע מער נישטאָ קיין גאָט אויף דער וועלט? ווי אַזוי קענען ייִדן זיך היינט ווײַלן, ווען מאָרגן וועלן 10 טויזנט אויסגעפרוירענע און אויסגעהונ־גערטע מענער, פרויען און קינדער דאַרפן נעמען דעם וואַנדער־שטאָק און וואַנדערן איבער פאַרפרוירענע וועגן, און ווער ווייסט ווו זיי וועלן געטריבן ווערן? רבונו של עולם, וואָס טוט זיך דאָ? אַ קלייניקייט עפּעס? דער באַפעל איז איבערצולאָזן אַלץ אויפן אָרט, נאָר מיטצונעמען האַנט־געפּעק, כדי די וואַנדערער זאָלן אויפן וועג נישט אָפּשטיין. דאָס ווילן די געטאָ־מושלים נישט וויסן. זיי גייט דאָס נישט אָן, זיי מיינט מען נישט. דעריבער לאַכן זיי און ווײַלן זיך ביים גרויסן אומגליק פון פאָלק. „הוליעט, הוליעט בייזע ווינטן, פריי באַהערשט די וועלט", געדענקען זאָלט איר אָבער מערדער, אַז די נקמה וועט אייך נישט אויסמיידן.

דעם 29סטן דעצעמבער.

4 שאָסן האָבן היינט פאַרשניטן 4 יונגע לעבנס. דער ערשטער שאָס איז פאָרגעקומען גלייך אין דער פרי, ווען דער עולם איז געלאָפן צו דער אַרבעט. אַ יונגער מענטש אין עלטער פון 22 יאָר האָט זיך שטאַרק געאײַלט און פאַרגעסן צו זאָגן דעם וואַך־פּאָסטן „גוט־מאָרגן". דעריבער האָט אים דער וואַך־פּאָסטן דערשאָסן. אַ צווייטער איז דערשאָסן געוואָרן אַהיימגייענ־דיק פון דער אַרבעט. ער איז געגאַנגען נישט ווייט פון די דראָטן און האָט באַמערקט, ווי אַ קינד לויפט צו די דראָטן, ער האָט געוואָלט דעם קינד פאַרלויפן דעם וועג, האָט אים דער וואַך־פּאָסטן דערשאָסן. אַ דריטער איז

דערשאָסן געוואָרן אויף מאַרישין. קיינער ווייסט נישט פאַרוואָס. מען האָט אים געפונען ליגן מיט צוויי קוילן אין קאָפּ. דער פּערטער איז דערשאָסן געוואָרן, ווייל ער האָט נישט געטראָגן אויף דער פּלייצע די געלע לאַטע. מען האָט זיך ווידער גענומען צו אונדז. מען שיסט אויף אונדז פון אַלע זייטן. מען לאָזט אויס דעם כעס אויף דעם אומגליקלעכן ייִד, אַזוי ווי מיר וואָלטן שולדיק געווען אין דעם וואָס די דייטשן ליידן איצט מפּלות אויף דעם רוסישן פראָנט. מען זידלט אונדז אין דער פּרעסע, מען שילט אונדז פון אַלע זייטן, מען דראָעט אונדז אַפילו פון די טראַמווייען־אַראָפּ. וואָס ערגער עס גייט זיי אויף די פראָנטן, אַלץ ערגער ווערן זיי צו אונדז און ווער ווייסט וואָס זיי האָבן נאָך בדעה מיט אונדז צו טון.

דעם 30סטן דעצעמבער.

מזל־טוב ייִדן! עס זאָל זיין מיט מזל! דער פּרעזעס, מרדכי חיים רומ־קאָווסקי, האָט חתונה געהאַט. שוין אַ לענגערע צייט, ווי עס קרייזן אַרום קלאַנגען, אַז דער פּרעזעס האָט זיך געלאָזט רעדן אַ שידוך. ווער? וואָס? ווען? דאָס האָט קיינער נישט געוווּסט. אַלץ איז געווען איינגעהילט אין אַ סוד. ביז מען האָט זיך דערוואָרט און דערוווּסט. די כלה איז די פריילין דאָראַ ווייַנבערגער. פאַרן קריג איז זי געווען אַפּליקאַנטין פון לאָדזשער האַנדלס געריכט. געאַרבעט צוזאַמען מיט דעם באַקאַנטן ייִדישן אַדוואָקאַט יוסף ווייצמאַן און געווען זייער אַן ענערגישע און טיכטיקע יונגע אַדוואָ־קאַטין. איר פאָטער איז פאַרן קריג געווען אַ באַקאַנטער לעקעך־בעקער און האָט געהאַט אַ קאַנדיטאָריי אויף פּיעטריקאָווער 38. אויף דער חתונה זענען נישט געווען קיין סך מענטשן. עס איז קוים געווען אַ מנין ייִדן, מיטן הרב פיינער אין דער שפּיץ. פאַר דער חופּה האָט הרב פיינער געזאָגט פאַר דעם עולם פאַרשיידענע תורה־ווערטלעך און דער עולם האָט זיך משמח געווען. צו עסן איז געווען און דווקא אַ סך. דער טיש איז געווען געדעקט מיט 6 טאָרטן, אייניקע סאָרטן ווייַן און ליקער, ווי אויך אַ שלל זיסוואַרג. עס האָבן אויך נישט געפעלט קיין פרוכטן — שוואַרצע גרויסע פלוימען און עפּל. דער פּרעזעס, דאָס הייסט, דער חתן, האָט געשיינט ווי אַ יונגערמאַנטשיק, ער אַליין האָט מכבד געווען די געסט. די קעכין, געניאַ, איז געווען אויס־געפּוצט ווי אַ מחותנתטע, זי האָט פאַר פרייד אַזש אונטערגעטאַנצט. די

צווייטע קעכין, לאָניאַ, האָט געהאַלטן אין איין וויינען. זי האָט נישט גע־וווסט וואָס פריִער צו טון. זי האָט געהאַלטן אין איין אַרומלויפן און אַלע פּאָר מינוט האָט זי געפרעגט דעם הויז־פּאַרוואַלטער, זעליק וואלער, וואָס זי זאָל טון? דער פּאַרוואַלטער האָט זיך אויף איר געבייזערט און האָט גערופן דאָס שיק־ייִנגל, דעם קליינעם קובאַ, אַז ער זאָל מיטהעלפן דער קעכין ביי איר אַרבעט.

צווישן די געסט האָט מען אויך געזען דעם פּרעזעסעס מאַניקוזשיסט־קע. זי איז געווען אויסגעפּוצט ווי צו איר אייגענער חתונה. קאָמיסאַר זע־ליגמאַן און דער לייטער כימאָוויטש האָבן געטרינקען לחיים מיטן פּרעזעסעס קוטשער, גראַסמאַן. מיט איין וואָרט, עס איז געווען יום־טוב אין דער וואָכנס. באַלד ווי עס איז נאָר צוגעפאַלן דער אָוונט, האָט הרב פיינער מסדר־קדושין געווען. דער עולם האָט געווונטשן מזל־טוב און נאָר איינער פון דעם גאַנצן געזינדל, הרב פיינער, האָט געוויינט און מיט טרערן אין די אויגן האָט ער הויך אויפן קול געזאָגט:

„זאָלן אונדזערע אַלע ברכות מקוים ווערן און מיר זאָלן נאָך דערלעבן די ריכטיקע פרייהייט“.

באַלד נאָך דער חופּה האָט מען געטיילט לעקעך מיט בראָנפן. שפּעטער האָט זיך דער עולם געזעצט צום טיש און מען האָט דערלאַנגט גרויסע פּאָרציעס פיש, געבראָטענע צונגען און צום סוף — פאַרשיידענע קאָמפּאָטן. הרב פיינער האָט נישט געגעסן. ער איז אָבער געווען ביז צום סוף. באַלד נאָך דער סעודה איז דאָס פּאָרל אַוועקגעפאָרן אין דער פאַרמאַכטער קאָטש אין דער ספּעציעל־אויסגעפּאַרטיקטער וווינונג — אויסגעשטאַט מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן, אַזוי ווי עס פּאַסט פאַר אַ קעניג. ווען דאָס פּאָרל איז אַוועק האָט זעליק וואָלער פאָרגעלייענט עטלעכע און זעכציק ווינטשעוואַ־ניעס פאַרן פּרעזעס און זיין פרוי. געווינטשן האָבן אַלע פּאָליציי־רעווירן, אַלע בייראַט־מיטגלידער, דער ראַבינאַט, אַלע רעסאָרטן, אַלע ביוראָ־אָנגע־שטעלטע און פון סתם מענטשן.

די חתונה האָט געמאַכט אין דער געטאָ אַ רושם. דער עולם האָט פאַר־געסן אין די גרויסע שנייען, אין הונגער. הונדערטער וויצן האָבן זיך גע־שאַפן און זענען צעשפּרייט געוואָרן איבערן גאַנצן געטאָ וועגן דער קעניג־לעכער חתונה. עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז דער פּרעזעס איז אין

כעס געוואָרן און האָט געגעבן אַ שטרענגן באַפעל, אַז די אַלע, וועלכע וועלן רעדן וועגן זיין חתונה, וועלן אָפּגעשיקט ווערן מיטן ערשטן טראַנספּאָרט. דאָרט ווו עס דראָעט געפּרוירן צו ווערן פאַר קעלט.

דעם 31סטן דעצעמבער.

דער פּרעזעס האָט היינט אַרויסגעהאָנגען אַ גרויסן פּלאַקאַט און מודיע געווען, אַז דער עולם זאָל זיך מער נישט שרעקן. יעדער איינער קען דרייסט גיין צו זיין אַרבעט. די שיסערייען וועלן מער נישט פאָרקומען. אַ סך פון די וואָס זענען ביז איצט דערשאָסן געוואָרן זענען אַליין שולדיק אין זייער טויט. זיי האָבן נישט אַכטונג געגעבן און זענען צו פרי געגאַנגען אויף די גאַסן, אָדער האָבן זיך באַוועגט צו נאָענט ביי די דראָטן. היינט האָב איך געפּועלט ביי דעם שטאָט־פּרעזידענט, אַז ער זאָל אַרויסגעבן אַ באַפעל, אַז די וואַך־סאָלדאַטן זאָלן מער נישט שיסן צו די אַרבעטער. דער שטאָט־פּרעזידענט האָט מיר געגעבן זיין ערן־וואָרט, אַז אויסער שמוקלער וועלן מער קיין מענטשן נישט געשאָסן ווערן.

עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז בעת דער אויפרוף איז נאָך געהאָנגען אויף די געטאָ־ווענט האָט מען דערהערט אַ פּרישן שאָס. דאָס מאָל איז דערשאָסן געוואָרן אַ דייטשער פּליט פון בערלין, קאַרל וואָלף, אַלט 62 יאָר, געוועזענער גרויס־אינדוסטריאַל. דערשאָסן איז ער געוואָרן 7 אַזייגער אין אָוונט, ווען די געטאָ־באַפעלקערונג האָט זיך נאָך געפונען אויף די גאַסן. פאַרוואָס דער מענטש איז דערשאָסן געוואָרן, איז קיינעם נישט באַוווּסט. אויך דער שיסער האָט קיין דערקלערונגען נישט געוואָלט געבן.

1942

דעם 1טן יאַנואַר, 1942.

ס׳איז נאָך נישט פֿאַרהיילט געוואָרן די וווּנד פֿון דעם פֿאַרגאַנגענעם בלוטיקן יאָר, וואָס האָט פֿון אונדזערע רייען אַרויסגעריסן צענדליקער טויזנטער מענטשן. איצט שטייען מיר אויף דער שוועל פֿון אַ פֿריש יאָר, וואָס מאַכט אונדז באַלד ביים אָנהייב שווערע זאָרגן. מיר האָבן נישט געגלויבט, אַז דאָס יִידישע פֿאָלק וועט נאָך אין יאָר 1942 זיין אַזוי דערנידעריקט און אַזוי צעבראָכן. מיר האָבן געגלויבט, אַז די פֿרייע וועלט וועט זיך פֿאַר אונדז אָננעמען, אַז זי וועט עפּעס טון, כדי אונדז פֿון די חייהשע צייך אַרויסצוראַטעווען. מיר האָבן אויך געגלויבט, אַז די פֿרייע יִידישע וועלט וועט אויפֿהייבן איר מעכטיק געשריי קעגן דעם גרעסטן וועלט־רוצח. מיר האָבן געגלויבט, אַז די יִידישע וועלט וועט נישט רוען, וועט נישט שווייגן, וועט מרעיש עולם זיין, וועט שטורעמען און זיך נישט באַרויִקן ביז דער וואַמפּיר וועט אונדז פֿון זיינע צייך אַרויסלאָזן. מיר האָבן געגלויבט און גלייבן נאָך ווייטער, אַז דער רבונו של עולם וועט באַווייזן עפּעס אַ נס און אָפּראַטעווען די, וועלכע לעבן נאָך... איצט ביים אָנהייב פֿון נייעם יאָר, פֿרעגן מיר ווידער די זעלביקע פֿראַגע: ווי לאַנג נאָך וועלן מיר דאַרפֿן בלוטיקן? ווי לאַנג נאָך וועט אונדזער בלוט זיין הפקר? צי זענען מיר דורך דער וועלט פֿאַרגעסן געוואָרן? צי האָבן מיר טאַקע אַזוי פֿיל געזינדיקט, וואָס די וועלט האָט אין אונדז פֿאַרגעסן? און אויב מיר האָבן געזינדיקט — טאָ ראַטעוועט כאָטש אונדזערע קינדער! זאָלן אונדזערע קליינע קינדער נישט דערמאָרדעט ווערן. מיר ווייסן, אַז אייראָפּע הונגערט און ראַנגלט זיך אין גרויסע יסורים. מיר ווייסן אַלץ וואָס עס טוט זיך אַרום אונדז. דערמיט ווערן מיר אָבער ניט געהאָלפֿן. מען האָט גענומען 180 טויזנט לעבעדיקע מענטשן, און זיי אַריינגעוואָרפֿן אין אַן ארומגעצוימטן לאַגער און צוגענומען ביי זיי די רעכט צו לעבן, די רעכט פֿון פֿרייהייט, די רעכט פֿון מענטשלעכקייט. מען האָט זיי באַפֿוילן אַרבעטן ווי די

שקלאַפּן און זיין געהאַרכזאַם ווי הינט. ווי לאַנג וועלן מיר קענען אויס־האַלטן אַזאַ שווערע פּיין? אַפילו ווען מיר וואַלטן געווען פון אייזן — מוזן מיר זיך איינברעכן און אונטערגיין.

לכבוד דעם נייעם יאָר האָט די ליצמאַנשטעטער־צייטונג פאַרעפנטלעכט אַ ריי אַרטיקלען, אָנגעפילט מיט האַס, שנאה און מאָרד־העצע קעגן יידן. די צייטונג שרייבט: „מיר מוזן זיגן. די יידן אין אייראָפּע זענען שוין פאַרטיליקט און די, וועלכע לעבן נאָך, האָבן מער קיין קראַפט און קיין כוח נישט. זיי לעבן נאָך ווייל זייער אַרבעט איז אונדז נייטיק. כל זמן די איינ־זעקטן זענען אונדז נייטיק, וועלן די אינזעקטן לעבן. אין מאָמענט ווען זיי וועלן שוין מער נישט נייטיק זיין, וועלן זיי אומקומען ביזן לעצטן".

דעם 2טן יאַנואַר.

גרויסע שניי־זאַוויערוכעס. אויף אַ טייל ערטער דערגרייכט שוין דער שניי, 40 צענטימעטער די הויך. שוין 6 טעג, ווי דער שניי האַלט אין איין פאַלן. אַלע וועגן און אַלע פּלעצער זענען באַלייגט מיט קופּעס שניי. די קאַרטאָפל וואָס ווערן פאַרטיילט, זענען פאַרפרוירענע. דאָס גאַנצע גרינצייג איז איין שטיק אייז. דעם היינטיקן טאָג האָט דער הונגער דערגרייכט די העכסטע שטופע. 16 מאַרק קאָסט אַ ברויט פון 2 קילאָ. 50 מאַרק — אַ קילאָ פאַרפרוירענע קאַרטאָפל. 30 מאַרק — אַ קילאָ זשעפּאַק־אייל. 25 מאַרק אַ קילאָ רעטעך. 18 מאַרק — אַ קילאָ קאַרטאָפל־מעל. 30 מאַרק — אַ קילאָ זויער קרויט. 60 פּעניק — אַ קעסטעלע שוועבעלעך. אויב דאָס איז ווייניק, זענען היינט אויסגעקלעפּט געוואָרן גרויסע, געלע פּלאַקאַטן, וואָס זייער אינהאַלט האָט אויפגעשוידערט די גאַנצע געטאָ־באַפעלקערונג: — 10 טויזנט יידן מוזן אין קורצן פאַרלאָזן די לאָדזשער געטאָ. 10 טויזנט יידן מוזן אין דעם איצטיקן שווערן ווינטער, נעמען דעם וואַנדער־שטעקן און אַוועקוואַנדערן ווער ווייסט וווּ. דער אויפרוף זאָגט: מענטשן וואָס ווערן אַרויסגעשיקט זענען אַ שווערע לאַסט פאַר דער געטאָ, דעריבער מוזן זיי פון דאַנען אַוועק און אויף זייער אָרט וועלן אַריינקומען געזונטע, פעיקע אַרבעטער. די גזירה האָט אַזאַ מרה־שחורה אַריינגעבראַכט, אַז קיינעם אינ־טערעסירט מער נישט דאָס לעבן. מען לעבט מיט אַזאַ פאַרביטערטקייט, אַז כמעט 80 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג בעט אויפן טויט. געגוג מיט־

געמאַכט אַזאַ שרעקלעך לעבן. אין יעדער שטוב הערט מען וויינען און קרעכצן, די קינדער וויינען פון קעלט און הונגער און די גרויסע וויינען פון שרעק און זאָרגן. דאָס איז נישט סתם קיין געוויין, ווען עס גיסן זיך פון די אויגן טרערן. דאָס איז אַזאַ מין פּאָלקס־בראַך, וואָס מען קען מיטן פּשוטן פאַרשטאַנד נישט באַגרייפן און מיט די הענט נישט באַשרייבן. דאָס זענען איבערמענטשלעכע יסורים, וואָס ברעכן און צעברעכן יעדן מענטש־לעכן גליד. דער ווינטער איז אַ ביטערער, דער פראָסט אַ בייסיקער און די גזירות שרעקלעכע. צי קען ווער אַזאַ טראַגעדיע פאַרשטיין? צי איז דאָס בכלל אַמאָל ווען געהערט געוואָרן? אַט שטייט אַן אומגליקלעכע, צעבראָ־כענע מאַמע, וואָס האָט באַקומען אַן אויפפאָדערונג צו פאַרלאָזן דאָס געטאָ, איבער איר איינציק יינגעלע, וואָס ליגט אין בעטל שווער קראַנק און בעט זיך ביי אים, טייער קינד מיינס, מאַך צו דיינע אויגן ווי אַמשנעלסטן, ווייל ווי וועל איך דיך קענען מיטנעמען אין אַזאַ צושטאַנד. שטייט אַזוי די מאַמע אַ צונויפגעקאָרטשעטע, ליפּ אויף ליפּ פאַרביסן און ברומט און בעט, אַז גאָט זאָל זיך אויף איר מרחם זיין און צונעמען דאָס קינד צו זיך, כדי זי אַליין זאָל קענען מיטמאַכן דעם שווערן גיהנום־וועג. אַלמעכטיקער גאָט, ווי נעמט מען אַזוי פיל כוח דאָס אַלץ איבערצוטראָגן.

דעם 3טן יאַנואַר.

שרעקלעכע ידיעות קומען אָן פון די קלענערע שטעטלעך אַרום לאָדזש. מען האַלט אין איין פאַגראַמירן די יידישע באַפעלקערונג. צוליב די מפּלות וואָס די דייטשן האָבן אויף די רוסישע פראָנטן לאָזן זיי אויס דעם גאַנצן כעס אויף די אומגליקלעכע שוצלאָזע יידן. גאַנצע פאַמיליעס ווערן פאַר די אויגן פון זייערע קריסטלעכע שכנים דערשאָסן. אין טייל שטעטלעך ווערן די יידן אין מיטן דער נאַכט, אין בלויזע נאַכט־וועש, אַרויסגעטריבן. וווּ זיי ווערן געטריבן ווייסט קיינעם נישט. מען רעדט וועגן פאַרשיידענע זאַמל־פּונקטן. דאָרט אויף די זאַמל־פּונקטן ווערן זיי, ווי די בהמות סאָר־טירט, ווער אויף אַרבעט און ווער אויף שמעלץ. די לאַגע פון די יידן איז זייט איייניקע טעג פיל ערגער געוואָרן. מען ווייסט נישט אויף וואָס פריער צו בעטן. דער טויט און דאָס לעבן הענגט אויף יעדן איינציקן יידן. צי

וועלן איצט מקוים ווערן די ווערטער פון נביא: יום נקם בלבי ושנת גאולה באה...

דעם 4טן יאַנואַר.

נאָך שווערע ליידן איז היינט געשטאָרבן דער באַקאַנטער יידישער זשורנאַליסט מיטאַרבעטער פון ווילנער „טאָג" און לאָדזשער „פאָלקסבלאַט" און פון פיל אַנדערע יידישע און נישט־יידישע צייטונגען, ברוך שולמאַן. ער האָט באַלד ביים אַריינקומען אין געטאָ געזאָגט, אַז ער וועט דאָס נישט איבערהאַלטן. ער קען נישט צוזען די סאַדיסטישע שטיק פון פרעזעס און זיין פירונג. ער, שולמאַן, איז געווען דער איינציקער מענטש אין געטאָ, וואָס האָט מיטן פרעזעס גערעדט האַרבע ווערטער. ער האָט דעם פרעזעס געבעטן, אַז ער זאָל זיין אַ ברודער צו זיינע געראַדפטע ברידער. ער האָט מיט אים גערעדט ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן, דערקלערט אים, אַז קיין אייביקייט איז נישטאָ. נישט אייביק וועט הערשן דער שטאַרקער מיט זיין פויסט, נישט אייביק וועט מען שלאָגן יידן, דעריבער זאָל ער אויף זיך נישט נעמען אַזאַ שווערע פאַראַנטוואָרטלעכקייט. אַלע זיינע רייד האָבן נישט געהאָלפן, אַלע דיבורים זענען געווען אַרויסגעוואָרפענע, דער פרעזעס איז געבליבן ביי זיין עקשנות און מיט קיינעם זיך נישט גערעכנט. ווען עס איז אָנגעקומען אויף דער קהילה אַ שווערע גזירה, האָט ער זיך מיט קיינעם נישט באַראַטן, נאָר אַלץ אַליין אויף זיך גענומען.

ב. שולמאַן האָט אייניקע חדשים צוזאַמענגעאַרבעט מיטן פרעזעס. ער האָט געמיינט, אַז ער וועט אים איבערצייגן. שפּעטער, ווען ער האָט איינ־געזען, אַז ער וועט גאָרנישט אויפטון איז שולמאַן אַוועק פון דער גאַנצער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. ווען מען האָט אים געפרעגט, פאַרוואָס ער האָט זיך צוריקגעצויגן פון דער אַרבעט, האָט ער געענטפערט: דעם סוד וועל איך שוין מיטנעמען אין קבר אַריין. פון דעמאָלט אָן האָט ער אָנגעהויבן קרענקען ביז זיין וואָרט איז מקוים געוואָרן: ער איז אין עלטער פון פופציק יאָר, טראַגיש געשטאָרבן. אין זיין לוויה האָט אָנטייל גענומען די גאַנצע יידישע געזעלשאַפט. ווי אויך דער פרעזעס מיט זיין שטאַב. עס זענען גע־האַלטן געוואָרן הספדים. יעדערער האָט אין זיינע ווערטער באַדויערט דעם פאַרלוסט פון דעם טראַגישן מלחמה־קרבן. ווען נישט די גרויזאַמע מלחמה,

וואָס רייסט יעדן טאָג אַוועק די בעסטע פון אונדזערע רייען, וואָלט נאָך ב. שולמאַן געלעבט און אַ סך אויפגעטון פאַרן וויל פון דער יידישער זשורנאַליסטיק און פאַר דער יידישער געזעלשאַפט.

יהי זכרו ברוך.

דעם 5טן יאַנואַר.

די געהיימע ראַדיאָ־אוידיציע האָט היינט מיטגעטיילט, אַז די דייטשע אַרמיי האָט זיך צוריקגעצויגן ביז כאַרקאָוו. די שלאַכטן קומען פאָר האַרט ביי דער שטאָט. די רוסישע אַרמייען שלאָגן פעסט און נעמען צוביסלעך אַלץ צוריק. אויך אין ליביע באַקומען די דייטשן שווערע קלעפּ. די ענגלענדער שטויסן זיי אַרויס פון אַלע פאַרנומענע פּאָזיציעס. איין ענגלישע אַרמיי שטייט שוין נאָענט פון טריפּאָליס. די ראַדיאָ טיילט אויך מיט, אַז די פּויּלישע רעגירונג האָט אַרויסגעלאָזט אַן אויפרוף צום פּוילישן פאָלק, אַז די פּאָליאַקן זאָלן זיך גרייט־מאַכן, ווייל אין קורצן וועט דאָס פּוילישע מיליטער צוריק אַריינמאַרשירן קיין פּוילן. אַ שפּעטערע ראַדיאָ־אוידיציע האָט מיטגעטיילט, אַז טשוירטשיל האָט געהאַלטן אַ גרויסע רעדע און האָט פייערלעך דערקלערט, אַז אין יאָר 1942 וועט אייראָפּע באַפרייט ווערן. דער נאַציזם וועט ליגן אַ צעשמעטערטער. אייראָפּע וועט צוריק אויפגעבויט ווערן. מיט די היינטיקע ראַדיאָ־ידיעות טרייסט איינער דעם אַנדערן. מער דריקט זיך די הענט. מען ווינטשט זיך צו דערלעבן די פרייהייט און זוכה זיין זי צו זען מיט די אייגענע אויגן.

דעם 6טן יאַנואַר.

היינט, פּינקטלעך האַלב 12 אַזייגער ביינאַכט, איז געוואָרן שטאָקפינצטער. אַלע לאָמפּן אין דער גאַנצער שטאָט זענען פּלוצים אויסגעלאָשן געוואָרן. אַ פּאָר מינוט שפּעטער האָט מען געהערט רוישן עטלעכע דורכפליענדיקע עראָפּלאַנען. דאָס רוישן האָט געדויערט עטלעכע מינוט, שפּעטער איז ווידער ליכטיק געוואָרן. קיין שיסערייען און קיין אַלאַרמען זענען נישט געווען. די באַפעלקערונג איז בלויז אָפּגעקומען מיט שרעק.

דעם 7טן יאַנואַר.

היינט, אַ גאַנצן טאָג און אַ גאַנצע נאַכט, פאָרן אַדורך די צוויי הויפּט־געטאָ־גאַסן פאַרשיידענע פאָרמאַציעס מיליטער. צווישן די דורכפאָרנדיקע טראַנספּאָרטן זעט מען הונדערטער זעלנער איינגעהילט אין ווייסע כאַלאַטן. דאָס ווייסע מיליטער מאַכט דעם איינדרוק, ווי עס וואָלטן אויף די מזרח־פראָנטן געפאָרן מתים, וואָס זענען ערשט אַרויס פון די קברים, כדי צו טאַנצן דעם טויטן טאַנץ. אויף די פּנימער זעט מען נישט מער קיין שום פרייד. דאָס מיליטער זינגט נישט מער. אַלע זענען ערנסט, רויק. אַזוי ווי בהמות צו דער שחיטה, אַזוי מאַרשירט איצט די אַמאָליקע פריילעכע לאַבעדיקע היטלער־אַרמיי.

דעם 9טן יאַנואַר.

היינט איז דער כלומרשטער ציגיינער־לאַגער געבליבן ליידיק. אַלע 8 טויזנט מאַן, דערונטער צוויי טויזנט פרויען מיט קינדער, זענען אויסגעמאָרדעט געוואָרן. קיין איינער איז פון דאָרט נישט אַרויס קיין לעבעדיקער. אומגעבראַכט זענען געוואָרן מענער, פרויען און קינדער. אַלע — הויך־געבילדעטע מענטשן פון פאַרשיידענע נאַציעס. געקומען זענען זיי מיט האָפענונגען. זיי האָבן געוווּסט, אַז מען וועט צו זיי זיין זייער שטרענג, קיין האָניק וועלן זיי דאָ נישט לעקן. אָבער אַזוי ברוטאַל אויסגעמאָרדעט צו ווערן, דאָס האָבן זיי זיך נישט פאָרגעשטעלט. אויך מיר, די געטאָ־יידן, האָבן נישט געגלויבט, אַז די מענטשן, וואָס האָבן באַקומען אַ נאָמען „ציגיינער" וועלן פאַר אונדזערע אויגן אַזוי ברוטאַל פאַרניכטעט ווערן. קיין שום מענטשלעכער נאָרמאַלער שכל קען דאָס נישט באַגרייפן. באַלד ביים אָנהייב, ווען די מענטשן האָבן נאָר באַטרעטן די שוועל פון דעם טויטן־לאַגער האָט מען זיי געמאַכט איינשפּריצונגען, אַז זיי זאָלן אויפהערן זיין נאָרמאַלע מענטשן. מען האָט אַלע פּשוט געמאַכט פאַר משוגעים, אויף אַ סך האָט דאָס באַלד געווירקט, זיי זענען געבליבן מעלאַנכאָליש און געהאַלטן אין איין גלאָצן אין הימל אַריין. אַנדערע ווידער האָבן געהאַלטן אין איין אַרומלויפן אַרום דעם לאַגער. זיי האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז מען יאָגט זיי, מען דאַרף אַנטלויפן, דעריבער זענען זיי כסדר אַרומגעלאָפן. אַ טייל האָבן באַקומען ספּאַזמען, זיי האָבן יעדע פאַר שעה אָנגעהויבן שרייען און מאַכן יעלות.

זיי האָבן געברומט ווי חיות. צום אָפטסטן האָט דאָס ברומעניש זיי אָנגעכאַפּט ביינאַכט. די אַלע שרייערס זענען געשמידט געוואָרן מיט קייטן, דערנאָך זענען זיי אַראָפּגעשלעפּט געוואָרן אויפן הויף און זענען אַוועקגעלייגט געוואָרן אויף אַ פייכט אָרט און אַזוי זענען זיי געלעגן עטלעכע שעה ביז זיי האָבן זיך באַרויִקט. ווען מען האָט זיי פון די קייטן באַפרייט זענען שוין ווייניק געבליבן לעבן. די מערסטע זענען שוין געווען שטייפע, אויסגעצויגענע און אויסגעלייזטע פון דעם לעבעדיקן גיהנום. די טויטע זענען נישט אַוועקגענומען געוואָרן. די איבעריקע, דערווייל לעבנגעבליבענע, זענען געצוווּנגען געוואָרן צו טאַנצן אַרום די טויטע קערפּערס אַזוי לאַנג, ביז זיי זענען געפאַלן אויף די טויטע און געבליבן ליגן אין אַ פּאַראַייניקטער טויטע מאַסע. ווען אייניקע האָבן נאָך באַוויזן סימנים פון לעבן, זענען זיי געטרעטן געוואָרן מיט די פיס ביז יציאת נשמה. שפּעטער איז געבראַכט געוואָרן אַ וואָגן און די גאַנצע טויטן־מאַסע, איז אַרויפגעלייגט געוואָרן פּונקט אַזוי ווי מען וואַרפט שטיינער פון איין אָרט אויף אַ צווייט אָרט. ווען דער וואָגן איז שוין געווען פול, איז ער צוגעדעקט געוואָרן מיט זעק און אָפּגעפירט געוואָרן אויפן יִדישן בית־עולם. אַזוי איז דאָס שרעקלעכע נישט־גלייבלעכע שפּיל פאָרגעקומען טאָג־טעגלעך. אַמאָל זענען אַרויסגעפירט געוואָרן אויפן בית־עולם 60 טויטע און אַמאָל 80 און 90 טויטע. עס זענען אויך געווען פאַלן, ווען אויפן בית־עולם האָבן נאָך אייניקע אַרויסגעוויזן סימנים פון לעבן. די געסטאַפּאָ מערדער האָבן יעדן איינעם, וואָס האָט נאָך געלעבט אַריינגעשאָסן אַ סעריע קוילן און אַלע ווי איינער זענען צוזאַמען באַגראָבן געוואָרן. בעתן שיסן האָבן די מערדער געשריגן: „דו פאַרפלוכטער הונד, ביזט אַהערגעקאָמען לעבן — אָדער שטאַרבן". די מערדער, וועלכע האָבן אויסגעפירט די אַרבעט זענען אַ גאַנצן טאָג אַרומגעגאַנגען שיכור. נאָך יעדן שטיקל אַרבעט האָבן זיי געטרונקען, געזונגען היטלער־לידער און ווייטער געטרונקען. דאָס טרינקען האָט אַזוי אָנגעהאַלטן ביז צו אַ צווייטער אַקציע. צווישן די וועלכע זענען דאָרט אין דעם טויטן־לאַגער אומגעקומען, האָבן זיך געפונען פּראָפעסאָרן, דאָקטוירים, אינזשעניערן און מענטשן פון גאָר גרויסן יחוס.

דער לעצטער טראַנספּאָרט, וואָס איז אָנגעקומען איז באַשטאַנען פון בלויז מענער. אַ טייל פון די פרישע האָבן אַפילו גערעדט פּויליש. אַלע

זענען געווען געצייכנט מיט רויטער פאַרב אויף דער לינקער קני און פון הינטן אין דער מיט פלייצע אַ סאַקראַמענט צייכן, אויך פון רויטער פאַרב.

ווי איך בין שפּעטער געוואויר געוואָרן איז די רויטע פאַרב געווען דער צייכן פון טויט. אַזוי האָבן פאַרענדיקט 8 טויזנט מענטשן זייער לעבן.

איצט איז דער לאַגער שטיל און די יידישע אַרבעטער רייניקן אים. מען שמועסט, אַז דאָרטן וועלן אויפגעשטעלט ווערן נייע אַרבעטס־רעסאָרטן. אויך די טאָפּלט־פּאַרצוימונגען ווערן אַוועקגענומען. דאָס איז אַ סימן, אַז מער קיין קרבנות וועט מען דאָרט נישט אַריינברענגען.

ווי אַזוי איז אַנטשטאַנען דער „ציגיינער־לאַגער" אין דער לאָדזשער געטאָ? אין יאָר 1941 אין חודש אויגוסט איז דער יודן־עלצטער, חיים רומקאָווסקי, גערופן געוואָרן צום שטאַטישן בירגערמייסטער. דאָרט האָט ער געקריגן אַן אויפפאָדערונג, אַז דער שפּיץ טייל פון געטאָ, וואָס ליגט אויפן וועג ווו מען פאָרט קיין בזשעזשין מיט די צוויי דערבייאיקע געסלעך, זאָלן אין פאַרלויף פון 8 טעג אָפּגערייניקט ווערן פון דער יידישער באַפעל־קערונג. די עוואַקוירטע מעגן מיטנעמען מיט זיך אַלץ וואָס זיי פאַרמאָגן. נישט איבערלאָזן קיין שום זאַך. אַלע צימערן מוזן זיין ליער. ווען רומקאָווסקי איז צוריקגעקומען האָט ער גערופן צו זיך דעם אַדוואָקאַט יאַקובזאָן און אים איבערגעגעבן די מיטטיילונג. באַלד אין זעלבן טאָג האָט אַדוואָקאַט יאַקובזאָן, אַדוואָקאַט נאַפּטאַלי און יעקב ראַטנער, אויסגעשטעלט די רשימה פון די מענטשן, וואָס באַוווינען דעם קוואַרטאַל. נאָך אַ גענויע איבערציי־לונג איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז אַן ערך דריי טויזנט מענטשן וועלן דאַרפן פאַרלאָזן דאָס אָרט. די וווינונגס־אָפּטיילונג האָט באַלד באַקומען אַ שטרענגן באַפעל, אַז זיי זאָלן ווי אַמשנעלסטן אויסזוכן פאַר דריי טויזנט מענטשן וווינונגען. עס פאַרשטייט זיך, אַז די דריי טויזנט מענטשן זענען שוין ווי עס איז איינגעקוואַרטירט געוואָרן. באַלד נאָך דעם ווי דער שטח איז געוואָרן ליידיק, איז ער דריי פאַכיק אַרומגעצוימט געוואָרן מיט שטעכל־דראָט. אין לאַגער גופא האָט מען אָפּגעטיילט בלאָקן און אויך די בלאָקן זענען אַרומגעצוימט געוואָרן מיט שטעכל־דראָט.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט מען אָנגעהויבן צו ברענגען די אומ־גליקלעכע. דער ערשטער טראַנספּאָרט איז באַשטאַנען פון אונגאַרן און רו־מענער. די דאָזיקע מענטשן זענען געקומען מיט זייערע פרויען און קינדער.

דער צווייטער טראַנספּאָרט איז געווען פון יוגאָסלאַוון, גריכן און פראַנצויזן. דער דריטער טראַנספּאָרט, וואָס איז אָנגעקומען אין אַ זונטיק, האָט קיין קינדער נישט געהאַט. עס זענען געווען לויטער מענער און אַ קליינע צאָל פרויען. דווקאַ די פרויען זענען געגאַנגען עלעגאַנט אָנגעטאָן, אַזוי ווי אַוועק־געקומען פון אַ באַל. נאָך די ערשטע עקזעקוציעס איז דאָרט אויסגעבראָכן אַ פלעק־טיפוס־עפּידעמיע, וואָס האָט אין פאַרלויף פון 6 טעג אומגעבראַכט איבער דריי הונדערט מענטשן, דערונטער אויך דריי ייִדן פון דער געטאָ, מיטן דייטשן לאַגער־פירער. די ייִדישע קרבנות זענען געווען: ד״ר ניקעל־בורג, אַ קראַנקן־שוועסטער און איינער, וואָס האָט זיך באַשעפטיקט מיטן אַרויספירן די טויטע. ווי נאָר דער לאַגער־פירער איז מחמת דער קרענק געשטאָרבן, איז דער לאַגער ראַשיק ליקווידירט געוואָרן. הונדערטער זענען טעגלעך דערשאָסן געוואָרן. קיין איינער איז פון דאָרט קיין לעבעדיקער נישט אַרויס.

דעם 10טן יאַנואַר.

היינט איז דערקלערט געוואָרן „באַן־שפּערע״ אין גאַנצן וואַרטעגאַו־געביט. צוליב דעם איז דער יקרות נאָך מער געשטיגן. אַלץ איז צען פּאַקיק טייערער געוואָרן. אַ געמאַכטער פּאַפּיראָס, וואָס האָט פריִער געקאָסט 5 פעניק, קאָסט היינט 25 פעניק; אַ ברויט וואָס האָט פריִער געקאָסט 16 מאַרק קאָסט היינט 25 מאַרק. אַ קילאָ קאַרטאָפל 50 מאַרק. אַ דעקאָ אייל 40 פעניק. אַזאַ יקרות איז נאָך נישט געווען זייט די געטאָ עקזיסטירט. אויך די קיכן־זופּן זענען שיטערער געוואָרן. זעלטן ווען מען זעט אַרומשווימען אין איר עטלעכע שטיקלעך קאַרטאָפל אָדער בוראַקעס. דער הונגער איז אַזוי גרויס, אַז אויך די יחסנים האָבן אָנגעהויבן קרעכצן. דער גאַנצער געטאָ דראָעט איצט אַ גרויסע סכנה. אויך די קהילה־שטיצע פון טאַלאָנען און אַנדערע הילפן זענען אָפּגעשטעלט געוואָרן. מיט איין וואָרט:

עס איז נישטאָ וואָס צו עסן און אומעטום הערט מען דעם „אוי, וויי, וואָס טוט מען? ווי נעמט מען אַ ביסל עסן פאַר די קינדער?״.

דעם 11טן יאַנואַר.

אַזעלכעס איז נאָך אין דער געטאָ נישט געווען. קעלט און הונגער

האָבן זיך פאַראייניקט און בשותפות געגומען אומברענגען די געטאָ־באַפעל־קערונג. די טייערקייט וואַקסט פון מינוט צו מינוט. טויזנטער מענטשן לויפן אויף די פאַרפרוירענע פלעצער און זוכן, אין מיסט, פאַרפרוירענע און פאַרפוילטע קאַרטאָפל־שאָלעכץ. דער קאָשמאַר פון הונגער און קעלט הער־שיטערט אַלע. דער אַכזריותדיקער פראָסט, די דערנידערונגען, די רדיפות און שיקאַנעס און די מוראדיקע שרעק פאַרן מאָרגן — דאָס אַלץ צוזאַמען צעברעכט די געטאָ־מענטשן.

היינט איז פאַרווירקלעכט געוואָרן די שווערע גזירה: 10 טויזנט ייִדן מענער, פרויען, זקנים און קליינע קינדער, ווערן שוין היינט געזאַמלט צו טויזנט מאַן אין אַ פּאַרטיע. זיי ווערן איינגעזאַמלט אויף טשארניעצקי־גאַס, אין דער צענטראַלער תפיסה. מאָרגן וועלן זיי אַרויסגעשיקט ווערן. וווהין? דאָס ווייסט קיינער נישט. די עוואַקויִרטע וועלן אויפגעלאָדנט ווערן אין באַזונדערע וואַגאָנען, צו 50 מאַן אין אַ וואַגאָן. דערנאָך וועט דער וואַגאָן בלאָמבירט ווערן און אַזוי וועלן די אומגליקלעכע אַוועקגעשיקט ווערן. דאָס איז אַלץ וואָס מיר ווייסן.

דעם 12טן יאַנואַר.

היינט איז אָנגעקומען אַ ידיעה, אַז די לעצטע האַנטווערקער פון שטעטל זגיערזש — 180 נפשות מענער, פרויען און קינדער — וועלן מאָרגן אָנקו־מען אין דער לאָדזשער געטאָ אַריין.

שוין פאַראַן 400 נפשות אַרויסצושיקן. דערווייל גייט עס צו רויִק. מען ווייִנט, מען געזעגנט זיך האַרציק און מען שעלט די געטאָ־מושלים. די בעסערע וווינונגען, וואָס בלייבן ליידיק, ווערן באַלד פאַרזיגלט.

פון קאַלינסק, קאלא און קאָנין קומען אָן שרעקלעכע בריוו. די דאָרטיקע ייִדן שרייבן: „ברידער ייִדן, האָט רחמנות אויף אייערע קינדער, שיקט זיי נישט אין די הענט פון דער געסטאַפּאָ. אַלע ייִדישע קינדער ווערן אומגע־בראַכט. עס איז נישט אמת, אַז מען שיקט די קינדער אין קינדער־קאָלאָ־ניעס אַריין. דאָס איז אַ שרעקלעכער ליגן. די מערדער ברענגען אום אונ־זערע טייערע קינדערלעך. די קריסטלעכע באַפעלקערונג ברענגט אונדז יעדן טאָג שרעקלעכע נאַכריכטן, אַזוי אַז מיר זענען שוין משוגע פון הערן, וואָס מען האָט געמאַכט מיט אונדזערע האַרציקע קינדערלעך".

די פוילישע געהיימע ראַדיאָ טיילט היינט מיט, אַז די דייטשן האָבן געשאַפן פאַרשיידענע קאָנצענטראַציע־לאַגערן צו פאַרניכטן אַלע פוילישע ייִדן, אין קורצן וועט די ראַדיאָ איבערגעבן, ווו די לאַגערן געפינען זיך. די ראַדיאָ וואָרנט די ייִדן נישט צו גלויבן די דייטשן, אַז זיי פירן די ייִדן אויף אַרבעטס־פּלעצער. זי טיילט מיט, אַז צענדליקער טויזנטער ייִדן זענען שוין אומגעבראַכט געוואָרן. די שרעקלעכע ידיעות זענען באַלד פאַרשפּרייט גע־וואָרן אין געטאָ און עס האָט אַרומגעכאַפּט אַ שרעקלעכער שוידער.

דעם 13טן יאַנואַר.

היינט 8 אַזייגער אין דער פרי זענען אויפן באַלוטער־מאַרק אָנגעקומען די לעצטע זגערזשער ייִדן. פון דאָרט זענען זיי אין דער זעלבער שעה אָפּגע־שיקט געוואָרן אין צענטראַלן געפענגעניש אונטער דער אויפזיכט פון שלום הערצבערג. הערצבערג אַליין האָט רעווידירט אַלע ייִדן און דעם גרעסטן טייל שפּייז־זאַכן האָט ער זיי צוגענומען. עס האָט נישט געהאָלפן קיין וויינען, קיין שרייען. די ייִדן האָבן געביטערט: „נישט גענוג וואָס די דייטשן האָבן אונדז אין זגערזש צוגענומען דאָס לעצטע ביסל פאַרמעגן, קומט איר, איי־גענע ברידער, און נעמט פון אונדז אויך צו דאָס לעצטע ביסל עסן, וואָס מיר האָבן מיטגעבראַכט פאַר אונדזערע קינדער! ווו איז דער ייִדישער יושר? ווו איז דער ייִדישער צדק?". עס האָט גאָרנישט געפּועלט. די שפּייז איז דורך הערצבערגן צוגענומען געוואָרן.

דעם 14טן יאַנואַר.

ביז היינט האָבן זיך צוגעשטעלט צו דער עוואַקואַציע בלויז פרייוו־ליקע. פון היינט אָן האָט מען שוין געטיילט באַפעל־צעטלען צו די פאַר־אורטיילטע, וועלכע מוזן פאַרלאָזן די לאָדזשער געטאָ. די פאָסט־באַאַמטע זענען מיט די דאָזיקע טרויעריקע צעטלען אַרומגעלאָפן כמעט אין יעדן הויז, איבערלאָזנדיק פאַר די אָנגעצייכנטע פאַמיליעס דעם אורטייל. אין צעטל איז געווען געשריבן: „צו דער פאַמיליע גאַרפינקל, איר ווערט אויפ־געפאָדערט אין פאַרלויף פון 48 שעה זיך צוצושטעלן אין זאַמל לאַגער אויף מאַרישין אָדער צו הערצבערגן. פון דאָרט וועט דער געמיינזאַמער טראַנס־פּאָרט אָפּגעשיקט ווערן אויף דעם אָנגעוויזענעם אָרט פון דער דייטשער

מאַכט. יעדע פּערזאָן קען מיט זיך מיטנעמען באַגאַזש נישט מער ווי ביז 12 קילאָ". ווייטער ווערט צוגעגעבן, אַז אויב איינער וועט זיך צו דער באַשטימטער צייט נישט צושטעלן, אָדער וועט זיך אויסבאַהאַלטן, וועט ער שטרענג באַשטראָפט ווערן און וועט אַוועקגעשיקט ווערן אַלס פאַרברעכער. זיין פאַרמעגן וועט קאָנפיסקירט ווערן לטובת דער געטאָ.

די מענטשן וועלכע האָבן באַקומען די צעטלען האָבן אויפגעהויבן אַ גרויס געוויין. פרויען האָבן זיך געריסן די האָר פון די קעפּ, קינדער האָבן ספּאַזמירט, די געשרייען און די געוויינען זענען געהערט געוואָרן אויף קי־לאָמעטער ווייט. מענטשן האָבן אָנגעהויבן צו לויפן זוכן פּראָטעקציע, אויס־געניצט דעם אַמאָליקן גוטן נאָמען. דער רעש אין געטאָ איז געוואָרן אַזוי גרויס, אַז איינער דעם צווייטן האָט נישט פאַרשטאַנען, קיינער האָט נישט געוווּסט ווי אַזוי צו ראַטעווען זיין חבר, ווי אַזוי אַרויסצוהעלפן אים. מען האָט געבראַכט בריוו פון פאַרשיידענע געטאָ־מושלים, פון פאַרשיידענע פּאָליציי־קאָמיסאַרן און פון בייראַטס־מיטגלידער. עס האָט נישט געהאָלפן. אויב עס איז ווער יאָ אָפּגעראַטעוועט געוואָרן, איז ער אין דער לעצטער מינוט צוגענומען געוואָרן דורך דער אויבער־אָנפירערשאַפט פון דער זאָנ־דער־פּאָליציי. גערטלער, קליגער און אַנדערע האָבן געהאַט דעם איינציקן כוח אויסצופועלן ביי דער געסטאַפּאָ, אַז מען זאָל עמיצן באַפרייען, ווייל זיי דאַרפן אים דערווייל נאָך האָבן. אַזוי אַרום זענען אָפּגעראַטעוועט געוואָרן צענדליקער מענטשן, אָדער קינדער פון געוויסע פאַמיליעס.

דעם 15טן יאַנואַר.

אַ געדריקטע שטימונג הערשט היינט אין דער געטאָ. די גזירה, אַז 10 טויזנט יידן מוזן אין שווערן ווינטער פאַרלאָזן דאָס געטאָ, האָט ביטער געטראָפן דאָס גאַנצע געטאָ יידנטום. מען יאָמערט און מען וויינט. די פאַר־אורטיילטע לויפן אַרום ווי פאַרסמטע מיט און זוכן פּראָטעקציע, כדי איבער־צובלייבן אין געטאָ. מען וואַרפט זיך אויף דער ערד, מען קושט די הענט ביי די וועלכע פאַרנעמען זיך דערמיט. מען בעט רחמים פאַר די קראַנקע און קליינע קינדער, וואָס קענען אין שווערן ווינטער נישט מיטמאַכן אַזאַ עוואַקואַציע, מען בעט פאַר די וועלכע ליגן אין די בעטן געשוואָלענע און קענען זיך נישט רירן פון אָרט. אַלע טויערן פון רחמים זענען אָבער פאַר־

שלאָסן. אַלע הערצער זענען פאַרשטיינערט. קיין שום מיטגעפיל עקזיסטירט נישט מער. עס איז נישטאָ קיין איין פאַמיליע, וואָס אירס אַ קרוב זאָל נישט אַוועקגעשיקט ווערן. מען פאַקט און מען וויינט, דער גרעסטער טייל ווינטשט זיך דעם טויט אויפן אָרט. זיי פילן, אַז זיי וועלן דאָס נישט קענען איבער־האַלטן. דער פראָסט האַלט היינט 15 גראַד, דעם הונגער איז נישט צו באַ־שרייבן. גיב אונדז כוח, גאָטעניו, דאָס אַלץ צו קענען אַריבערטראָגן.

דעם 16טן יאַנואַר.

ווער זענען די וועלכע משפטן און חתמענען די אורטיילן אַוועקגע־שיקט צו ווערן? 5 זענען זיי, וואָס פירן אָן מיטן גאַנצן אַפּאַראַט און אויף די 5 ליגט דער גורל און שיקזאַל פון צענדליקער טויזנטער יידן. דער ערשטער איז דער פּרעזעס פון געריכט, אַדוואָקאַט יאַקובזאָן. דער צווייטער איז דער קאָמענדאַנט פון דער פּאָליציי, לעאָן ראָזענבלאַט. דער דריטער איז דער נאַטשאַלניק פון דער צענטראַלער תפיסה, שלום הערצבערג. דער פער־טער איז אַדוואָקאַט נאַפטאַלי און דער פינפטער איז דער לייטער פון דער קרימינאַל־פּאָליציי, נ. בלעמער. אָט די 5 מענטשן אין דער געטאָ, חתמענען מי לחיים ומי למות, ווער עס זאָל לעבן און ווער עס זאָל שטאַרבן. די וועלכע זענען שוין געחתמעט געוואָרן אַרויסגעשיקט צו ווערן פאַרקויפן פון זיך אַראָפּ אַלץ וואָס זיי פאַרמאָגן. אַ גאַר קליינער טייל באַהאַלט אויס דאָס מעבל און אַנדערע שטוב־זאַכן ביי פריינט און ביי באַקאַנטע. כמעט אַלע פאָרן אַוועק מיט אַ שווער און ביטער האַרץ. קיינער גלייבט נישט, אַז ער וועט נאָך אַמאָל צוריקקומען. דער גרעסטער צער איז אויף די קראַנקע און צעבראָכענע, וואָס האַלטן זיך קוים אויף די פיס. זיי זענען איינגעהילט אין שמאַטעדיקע מלבושים. זיי זיפצן: — רבונו של עולם, וואָס ווילסטו פון אונדז פאַר וואָס לאָזטו אונדז נישט שטאַרבן אויף אונדזער געלעגער? נאָך שוידערלעכער איז צו זען ווי קליינע קינדער מיט געשוואָלענע אייגע־לעך פון וויינען שטייען און ציטערן פון קעלט און קלאַמערן זיך אין די אומגליקלעכע עלטערן; קום מאַמעשי, עס איז מיר דאָ קאַלט צו שטיין, איך קען שוין נישט אויסהאַלטן.

די אויבנדערמאָנטע 5 האָבן קיין רחמנות נישט. זיי האַנדלען ברוטאַל און טיילמאָל זייער געמיין. זיי פירן זיך אויף, ווי זיי וואָלטן געוועזן טיראַ־

נען. פאַר יעדער קלייניקייט דראָען זיי מיט שווערע קאָנסעקווענצן און איבער זיי שטייט דער אַלמעכטיקער הערשער רומקאָווסקי, וואָס האַלט אין איין שרייען, שעלטן און דיקטירן: — אַלע מיינע באַפעלן שטרענג אויספירן. ווען נישט, וועל איך אָנווענדן אַ צווייט מיטל, וואָס וועט זיין מער ווירק־זאַם.

דעם 17טן יאַנואַר.

היינט פרי איז אַרויסגעשיקט געוואָרן דער ערשטער טראַנספּאָרט עוואַקויִרטע. צוזאַמען האָט דער טראַנספּאָרט געציילט 780 מענער, 358 פרויען און 154 קינדער. דער גרעסטער טייל — אָרעמע, צעבראָכענע, נאַ־קעטע און אויסגעהונגערטע. זייער אָוועקפאָרן איז געווען אויסערגעוויינלעך טראַגיש. אַלע האָבן יאָמערלעך געוויינט, מאַמעס האָבן אַרומגעכאַפּט זייערע קליינע קינדער, צוגעדריקט זיי צו די ברוסטן און אויפן קול געשריגן: — אויב מיר וועלן שטאַרבן, זאָלט איר כאָטש בלייבן לעבן, כדי צו קענען זיך נוקם זיין אין די, וועלכע פאַרשיקן אונדז. 1292 נפשות האָבן מוראדיק געוויינט. אַ טראַגיש גלות־בילד! שרעק, צאָרן, מהומה ביז סכנות־נפשות האָבן זיך געמיינזאַם פאַראייניקט צו פאַרטיליקן אַן עדה ייִדן. מען האָט מיט די אייגענע אויגן געזען, ווי ייִדן גייען אויף אומקום.

דעם 18טן יאַנואַר.

היינט איז אַרויסגעשיקט געוואָרן די צווייטע פּאַרטיע עוואַקויִרטע. די גרופּע האָט געציילט 760 נפשות, דערונטער אַ סך קליינע קינדער און קראַנקע. די צווייטע פּאַרטיע איז אויך געווען אין אַזאַ טרויעריקן מעמד ווי די ערשטע, נעכטיקע פּאַרטיע. אַלע האָבן ביטער געוויינט אויף זייער טרויעריקן גורל. מענטשן האָבן זיך געוואָרפן איינער אויפן צווייטן, גע־האַלדזט זיך און געוויינט. איינער אַ ייִד, מיטן נאָמען וויגדעראָוויטש, האָט צו זיך צוגערופן צוויי ייִדן און געזאָגט צו זיי: — הערט, ייִדן, איך וויל זאָגן פאַר אייך ווידוי, ווייל איך ווייס גענוי, אַז איך וועל שטאַרבן, זאָל כאָטש מיין תפילה געהערט ווערן צווישן ייִדן. איך גלייב באמונה שלימה, אַז עס איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט, וואָס וועט זיך נוקם זיין פאַר אונדזערע צרות.

דעם 19טן יאַנואַר.

אויסער דעם דריטן טראַנספּאָרט, וואָס איז הײַנט פּרי אַרויסגעשיקט געוואָרן מיט די זעלבע געווײנען און יעלות, מיט די זעלבע טרויעריקע סצענעס פון געזעגענען זיך, האָט פּאַסירט אַ מוראדיקער פאַל: צוויי מענטשן, וואָס האָבן דעם צער און ווייטיק נישט געקענט אַריבערטראָגן, האָבן באַקומען אויפן אָרט האַרץ־שלאַגן און זענען אויפן זאַמל־פּונקט, פאַר די אויגן פון אַלע פאַרזאַמלטע, געשטאָרבן. די געוויינען פון די איבערגעבליבענע פרויען און קינדער זענען געגאַנגען ביזן הימל. די צוויי טויטע זענען אַוועקגעשלעפּט געוואָרן און זענען אָפּגעשיקט געוואָרן אויפן בית־עולם. ווען איך בין צוגעגאַנגען צו שלום הערצבערגן און אים געבעטן, אַז ער זאָל הײַנט די אומגליקלעכע פאַמיליע נישט אַוועקשיקן, זאָלן זיי אַהיימגיין און זיך אויסוויינען, האָט ער אויף מיר אויסגעשטעלט אַ פּאָר אויגן און דערקלערט: — פאַרנעם דו זייער פּלאַץ. איך האָב באַקומען אַ באַפעל און מער גייט מיך נישט אָן.

דעם 20סטן יאַנואַר.

אַ דאַנק אַ געהיימער ראַדיאָ־ידיעה, איז די מרה־שחורה אַ ביסל פאַרלײַכטערט געוואָרן, דער עולם האָט אָנגעהויבן צו גלייבן, אַז עס דערנענטערט זיך די דערוואַרטע אויסלייזונג, דער טאָג פון פרייהייט. די ראַדיאָ־האָט מיטגעטיילט, אַז די דײַטשע אַרמיי האָט באַקומען שווערע קלעפּ ביי דער שטאָט מאָזייסק, דער גאַנצער דײַטשער שטאַב איז דאָרט אַרייַנגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט. די רוסישע אַרמיי האָט אָנגעהויבן אַ קאָנטער־אָפענסיווע און פאַרנעמט איין פּאָזיציע נאָך דער צווייטער. די מפּלות פון שונא דערפרייען אַזוי די צעבראָכענע הערצער, אַז פאַר פרייד פאַרגעסט מען אַזש אין די 18 גראַד פראָסט, אין דעם גרויסן הונגער און אין די לעצטע אויסוואַנדערונגס־טראַגעדיעס.

די ברענגער פון דער וויכטיקער ידיעה זענען אַזוי איבערראַשט, אַז זיי האָבן פאַרגעסן די קאָנספּיראַציע. זיי האָבן געבראַכט מאַפּעס און זיי ווייזן ווי אַזוי דער פראָנט זעט אויס און ווי ווייט די רוסן זענען נאָך פון דער פּוילישער גרענעץ. דער קליינער חיים ווידאַווסקי, דער הויפּט־פּאָליטיקער און הויפּט־פאַרזאָרגער פון די געהיימע ראַדיאָ־ידיעות האָט זיך געוועט, אַז

ביז 6 חדשים וועט די רוסישע אַרמיי שוין זיין ביי דער פּוילישער גרענעץ. דערוויל האָט דער סטאַטיסטישער אַמט מיטגעטיילט, אַז אויפן בית־עולם האָט מען היינט געבראַכט צו קבורה 100 מתים. דאָס איז דאָס ערשטע מאָל, ווי מען פאַרצייכנט אין געטאָ אַזאַ צאָל טויטע.

דעם 21סטן יאַנואַר.

די בית־עולם־אַרבעטער קענען זיך ווידער קיין עצה נישט געבן. די גרויסע צאָל מענטשן, וואָס פאַלן טאָג־טעגלעך, פאַרשווערן שטאַרק זייער אַרבעט. וויפל קברים עס ווערן געגראָבן אויף רעזערוו איז אַלץ צו ווייניק, דאָס מתים־שטיבל איז פול. אויפן ערשטן אָרט גייען איצט די דייטשע יידן. זיי שטאַרבן אויס אין אַ גרויסער צאָל. זיי קענען בשום אופן נישט איבערהאַלטן די קעלט און דעם הונגער צוזאַמען. זיי שטאַרבן אַוועק ווי פליגן און קופּעס טויטע מערן זיך. 600 מתים וואַרטן צו קומען צו קבר־ישראל.

דעם 22סטן יאַנואַר.

היינט האָט דער פראָסט דערגרייכט 20 גראַד. אין אַלע שטובן הערשט אַ מוראדיקע קעלט. דער גרעסטער טייל מענטשן ליגן אין די בעטן. אין אַלע שטובן איז דאָס וואַסער פאַרפרוירן. כמעט יעדן טאָג זענען דאָ קרבנות פון פראָסט. היינט זענען פאַרפרוירן געוואָרן אין די בעטן 19 מאַן. אויף דער קעלבאַך־גאַס האָט היינט פּאַסירט אַזאַ פאַל: איין שכן האָט געוואָלט באָרגן ביים צווייטן שכן אַ שוועבעלע, כדי ביי זיך אונטערצוהייצן זיין איוועלע, האָט ער אַריינקומענדיק אין דער שטוב באַמערקט ווי די גאַנצע משפחה, אַ מאַן און אַ פרוי מיט דריי קינדער, ליגן פאַרפרוירענע. ער האָט געמאַכט אַ געוואַלד און אַלע שכנים זענען זיך צוזאַמענגעלאָפן. מען האָט אָנגעהויבן צו ראַטעווען. מיט שווערער מי איז זיי געלונגען אָפּצוראַטעווען דריי פון דער משפחה און די איבעריקע צוויי, די מוטער און אַ טאָכטער, זענען אויף טויט פאַרפרוירן געוואָרן.

דעם 23סטן יאַנואַר.

נישט קוקנדיק אויף דער גרויזאַמער צייט, וואָס ווערט מיט יעדן טאָג

אַלץ ביטערער, האָט דער פּרעזעס היינט אַרויסגעלאָזט אַ נייעם לוקסוס קאַלענדאַר, וואָס איז אין דעם זעלבן טאָג באַלד פאַרטיילט געוואָרן פאַר אַלע רעסאָרטן און פאַר יחידי־סגולה. אויף דער ערשטער זייט פון דעם קאַלענדאַר געפינען זיך 5 לאָזונגען, וואָס זענען געוואָרפן געוואָרן אין טאָג ווען דער פּרעזעס איז געוואָרן דער עלצטער פון די ייִדן אין דער געטאָ.

די לאָזונגען זענען: 1 — אַרבעט; 2 — ברויט; 3 — זאָרג פאַר קראַנקע; 4 — השגחה איבערן קינד; 5 — רו אין געטאָ און אויף לעצט, זיין בילד, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אַ פאַנטאַזיע, ווי דער גאַנצער קאָפּ זיינער איז פול פאַרנומען מיט דער זאָרג פון געטאָ. אויסער דעם געפינט זיך אויף יעדן בלעטל אַ פאַרצייכענונג, וואָס דער פּרעזעס האָט שוין אויפגעטון פאַר די געטאָ־ייִדן. די בלעטלעך זענען פול מיט אָנערקענונג און לויב פאַרן פּרעזעס. אויסער די אַלע אָנגעצייכנטע דאַטעס געפינט זיך אויך דער געבורטסטאָג פון מרדכי חיים און דער יאָרצייט פון זיין ערשטער פרוי. מער געפינט זיך אין קאַלענדאַר גאָרנישט. קיין שום וויכטיקע דאַטע פון דער ייִדישער פאַרגאַנגענהייט, קיין שום טרייסט־ווערטער קיין שום האָפענונג.

אָט וואָס אין קאַלענדאַר איז פאַרצייכנט:

דאָס יאָר 1939.

דעם 14טן אָקטאָבער, איז רומקאָווסקי נאָמינירט געוואָרן אַלס דער ייִדן־עלצטער פון דער לאָדזשער קהילה.

דעם 15טן אָקטאָבער האָט רומקאָווסקי איבערגענומען דעם אַפּאַראַט פון דער גמינע.

דעם 16טן אָקטאָבער איז באַשאַפן געוואָרן די אַפּראָוויזאַציע־אָפּטיילונג.

דעם 20סטן אָקטאָבער איז באַשאַפן געוואָרן דאָס געזונטהייטס־אָפּטיילונג.

דעם 23סטן נאָוועמבער איז געשאַפן געוואָרן די אינפאָרמאַציע־אָפּטיילונג.

דעם 21סטן דעצעמבער זענען דערעפנט געוואָרן די אַמבולאַטאָריומס נומער 1 און נומער 2.

דאָס יאָר 1940. דעם 3טן יאַנואַר, איז געשאַפן געוואָרן די איינקויף־שטעלע.

דעם 4טן יאַנואַר איז געשאַפן געוואָרן די ערשטע גיכע־הילף.

דעם 15 יאַנואַר איז דערעפנט געוואָרן דאָס שפּיטאָל נומער 9 אויף ווסאָלאַ־גאַס.

דעם 20סטן יאַנואַר איז אַנטשטאַנען דער בעקער־רעסאָרט.

דעם 23סטן יאַנואַר איז געשאַפן געוואָרן דער וווינונגס־אַמט.

דעם 8טן פעברואַר איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן דער באַפעל וועגן מאַכן דאָס געטאָ אין באַלוט, ספּעציעל פאַר ייִדן.

דעם 15טן פעברואַר האָט זיך אָנגעהויבן דער אַריינקום פון ייִדן אין געטאָ.

דעם 18טן פעברואַר איז געעפנט געוואָרן דאָס ערשטע גמינע־געוועלב פאַר קאָלאָניאַל־סחורות.

דעם 22סטן פעברואַר איז געעפנט געוואָרן דאָס צווייטע גמינע־געוועלב פאַר קאָלאָניאַל־סחורות.

דעם 23סטן פעברואַר איז דאָס אַלטע מושב־זקנים פון מיצקעוויטש־גאַס נומער 7, איבערגעגאַנגען אין אַ מאָדערן איבערגעבויט הויז אויף דוואָרסקאַ 74, פאַר 250 זקנים און זקנות.

דעם 27סטן פעברואַר איז געשאַפן געוואָרן די אָרדענונגס־דינסט־קאָמאַנדע.

דעם 28סטן פעברואַר איז געשאַפן געוואָרן דאָס קריפּל־היים.

דעם 10 מערץ האָט די ייִדישע גמינע איבערגענומען די עלעקטרעצי־טעט פאַרן געטאָ־געברויך.

דעם 12טן מערץ זענען געשאַפן געוואָרן די צוויי יתומים־הייזער אויף דוואָרסקאַ 6.

דעם 15טן מערץ איז דערעפנט געוואָרן די פּאָסט־אָפּטיילונג פאַרן געטאָ.

דעם 28סטן מערץ דערעפנט געוואָרן די אַפּטייק נומער 1.

דעם 27סטן אַפּריל איז דערעפנט געוואָרן דער אַמבולאַטאָריום אויף לוטאמיערסקא 40.

דעם 8טן אַפּריל איז דערעפנט געוואָרן די אַפּטייק נומער 2, אויף לימאַנאָווסקיעגאָ נומער 37.

דעם 10טן אַפּריל איז געשאַפן געוואָרן דער שפּיטאָל אויף מארישין.

דעם 15טן אַפּריל איז געשאַפן געוואָרן די פייערלעשער־אָפּטיילונג.

דעם 17טן אַפּריל איז געשאַפן געוואָרן דער לאַנדווירטשאַפטס־רע־פעראט.

דעם 19טן אַפּריל איז דערעפנט געוואָרן דער צווייטער מושב־זקנים פאַר 120 זקנים און זקנות.

דעם 29סטן אַפּריל איז דערעפנט געוואָרן דאָס גרויסע שפּיטאָל נו־מער 1, אויף לאַגעווניצקאָ נומער 45, ווי אויך די פינאַנץ־אָפּטיילונג. אַ טאָג שפּעטער איז אויך דערעפנט געוואָרן דאָס זויגלינג־היים.

דעם 7טן מאַי איז געשאַפן געוואָרן דער צענטראַל־סעקרעטאַריאַט אויפן באַלוטער מאַרק.

דעם 8טן מאַי איז געשאַפן געוואָרן די קוילן־אָפּטיילונג.

דעם 10טן מאַי איז געשאַפן געוואָרן די מעלדונגס־ביוראָ.

דעם 27סטן מאַי זענען געשאַפן געוואָרן 4 פאַרטיילונגס־פונקטן, פאַר קאָלאָניאַל־און גרינצייג־אָפּטיילונגען.

דעם 28סטן מאַי איז געשאַפן געוואָרן דער קוימענקערער־אָפּטיילונג.

דעם 1טן יוני — דערעפנט געוואָרן די אַמבולאַטאָריומס נומער 3 און נומער 4.

דעם 24סטן יוני איז געשאַפן געוואָרן די פרייז־קאָנטראָל־שטעלע, ביי דער אָרדענונגס־דינסט.

דעם 4טן יוני איז דערעפנט געוואָרן אַ פיליע פון דער פּאָסט־אָפּטיי־לונג אויף ריבנאָ נומער 1. דעם זעלבן טאָג איז אויך געשאַפן געוואָרן דער סטאַטיסטישער־אַמט.

דעם 5טן יוני איז געשאַפן געוואָרן דער אויספאָרשונגס־אַמט.

דעם 10טן יוני איז געשאַפן געוואָרן דער פּערסאָנאַל־אָפּטיילונג. דעם זעלבן טאָג איז אויך געעפנט געוואָרן אויף בזשעזשינער־גאַס נומער 56 די דריטע אַפּטייק.

דעם 15טן יוני איז געשאַפן געוואָרן דער שניידער־רעסאָרט אויף יאַקובאָ נומער 8.

דעם 24סטן יוני איז אויף מאַרישין דערעפנט געוואָרן אַ פּראָדוקטן־פאַרטיילונגס־פּונקט.

דעם 26סטן יוני איז געשאַפן געוואָרן די עמיסיע־באַנק מיט אַ פיליע.

דעם 27סטן יוני איז דערעפנט געוואָרן דער שפּיטאָל נומער 2 אויף דרעוונאָווסקא 75. אין דעם זעלבן טאָג, איז אויך געשאַפן געוואָרן אַ זאַמל־פּונקט פאַר דאַכלאָזע.

דעם 1טן יולי איז דערעפנט געוואָרן די מילך־אָפּטיילונג. דעם זעלבן טאָג איז אויך געשאַפן געוואָרן די אָפּטיילונג פאַר עפנטלעכע אַרבעט.

דעם 2טן יולי איז מיט גרויס פּאָמפּע געשאַפן געוואָרן די זאָנדער־פּאָליציי.

דעם 8טן יולי איז אין דער געטאָ איינגעפירט געוואָרן די מאַרק־קוויטונג (געטאָ־געלט), מיט דער אונטערשריפט פון חיים רומקאָווסקי.

דעם 10טן יולי איז געשאַפן געוואָרן דער שוסטער־רעסאָרט. אין דעם זעלבן טאָג איז אויך געשאַפן געוואָרן דער ציווילשטאַנד־אַמט.

דעם 12טן יולי איז דערעפנט געוואָרן די אַפּטייק נומער 5, ווי אויך די שטעפּ־דעקן־רעסאָרט.

דעם 14טן יולי איז געשאַפן געוואָרן דער טישלער־רעסאָרט.

דעם 18טן יולי איז דערעפנט געוואָרן דער שפּיטאָל נומער 4, אויף מיצקעוויטש־גאַס.

דעם 27סטן יולי איז געשאַפן געוואָרן דאָס יתומים־הויז אויף מאַרישין, פאַר קינדער מיט אַן אָרטאָדאָקסישער דערציִונג.

דעם 28סטן יולי איז געשאַפן געוואָרן דער צווייטער שניידער־רעסאָרט אויף יאַקובאַ. אין דעם זעלבן טאָג איז אויך געשאַפן געוואָרן נאָך אַ טיש־לער־רעסאָרט.

דעם 10טן אויגוסט איז געשאַפן געוואָרן די גאַרבעריי.

דעם 11טן אויגוסט איז געשאַפן געוואָרן די צווייטע גיכע־הילף.

דעם 14טן אויגוסט איז געשאַפן געוואָרן דאָס צווייטע באָד־אַנשטאַלט מיט אַ דעזינפעקציע־הויז.

דעם 18טן אויגוסט איז אַנטשטאַנען די טעקסטיל־פאַבריק־אויסאַרבע־טונג.

דעם 19טן אויגוסט איז דערעפנט געוואָרן די קינדער־קאָלאָניע אויף מאַרישין.

דעם 20סטן אויגוסט איז געשאַפן געוואָרן די ראַבינאַט־קאַנצעלאַריע. אין דעם זעלבן טאָג איז אויך געשאַפן געוואָרן נאָך אַ שניידער־רעסאָרט, אויף לאַגעווניצקאַ, נומער 53.

דעם 23סטן אויגוסט איז געשאַפן געוואָרן דער גומי־מאַנטל־רעסאָרט, ווי אויך דער מעטאַל־רעסאָרט.

דעם 26סטן אויגוסט איז געשאַפן געוואָרן די וורשט־פאַבריק.

דעם 1טן סעפּטעמבער איז געשאַפן געוואָרן די ערשטע מילך־קיך פאַר זויגקינדער.

דעם 8טן סעפּטעמבער איז געשאַפן געוואָרן די צענטראַלע איינקויף־שטעלע.

דעם 15טן סעפּטעמבער איז געשאַפן געוואָרן די איבערפּאַל־קאָמאַנ־דע (פּאָליציי).

דעם 17טן סעפּטעמבער איז געשאַפן געוואָרן דער דריטער שניידער־רעסאָרט, אויף מלינאַרסקאַ 2.

דעם 18טן סעפּטעמבער איז געשאַפן געוואָרן דער 4טער שניידער־רעסאָרט אויף זשאַביאַ 13.

דעם 20סטן סעפּטעמבער איז ליקווידירט געוואָרן די סאָציאַלע הילף, אויף איר אָרט איז געשאַפן געוואָרן דער אונטערשטיצונגס־סיסטעם א"נ „סאָציאַלע פאַרזאָרגונג", וואָס האָט פעסטגעשטעלט אַן איינהייטלעכע אינטערשטיצונג פאַר יעדן אַרבעטסלאָזן מענטש אין דער געטאָ.

דעם 22סטן סעפּטעמבער איז געשאַפן געוואָרן דאָס געטאָ־געריכט.

דעם 26סטן סעפּטעמבער איז געשאַפן געוואָרן דער רעסאָרט פאַר פילץ־און שטובן־שיך. אין דעם טאָג איז אויך געשאַפן געוואָרן די גאַז־אָפּטיילונג.

דעם 28סטן סעפּטעמבער איז געשאַפן געוואָרן נאָך אַ שניידער־רעסאָרט אויף דוואָרסקאַ 10.

דעם 1טן אָקטאָבער איז געשאַפן געוואָרן אויפן באַלוטער־מאַרק, די צענטראַלע ביוראָ פאַר אַלע אַרבעטער־רעסאָרטן.

דעם 6טן אָקטאָבער איז געשאַפן געוואָרן די לאַבאָראַטאָריומס פאַר קינסטלעכע ציין, וואָס איז באַלד פון אָנפאַנג אָוועקגעשטעלט געוואָרן אויף

זייער אַ הויכן ניוואָ און טויזנטער מענטשן זענען פשוט גערוטעוועט געוואָרן פון פאַרשיידענע קאָמפּליצירטע צייך־צרות.

דעם 8טן אָקטאָבער איז געשאַפן געוואָרן דער קירזשנער־רעסאָרט.

דעם 10טן אָקטאָבער איז געשאַפן געוואָרן דער שטריקער־רעסאָרט.

דעם 15טן אָקטאָבער איז געשאַפן געוואָרן אַ ספּעציעלער סעקרעטאַריאַט פאַר ביטעס און אָנקלאַגעס אויף דוואַרסקאַ 1.

דעם 26סטן אָקטאָבער איז געשאַפן געוואָרן דער וועש־קליידער־רעסאָרט, אויף דוואַרסקאַ 14.

דעם 31סטן אָקטאָבער איז געשאַפן געוואָרן די שול־אָפּטיילונג.

דעם 1טן נאָוועמבער איז געשאַפן געוואָרן די טריקאָטאַזש־פאַבריק.

דעם 5טן נאָוועמבער איז געשאַפן געוואָרן דער פינפטער פּאָליציי־רעוויר.

דעם 7טן נאָוועמבער איז געשאַפן געוואָרן די העכסטע קאָנטראָל־קאַמער א״נ „ניק״. די אויפגאַבע פון דער קאַמער איז, צו קאָנטראָלירן דאָס גאַנצע געטאָ־לעבן מיט אַלע אירע געברויכן פון טאָג־טעגלעכן לעבן.

דעם 12טן נאָוועמבער איז געשאַפן געוואָרן דער גומי־מאַנטל־פאַבריק.

דעם 13טן נאָוועמבער איז געשאַפן געוואָרן דער היטן־רעסאָרט.

דעם 15טן נאָוועמבער איז געשאַפן געוואָרן די פליש־צענטראַלע.

דעם 18טן נאָוועמבער איז געשאַפן געוואָרן די באַרימטע צענטראַלע תפיסה.

דעם 23סטן נאָוועמבער איז געשאַפן געוואָרן אויף מאַרישין אַ וועש־רעסאָרט.

דעם 24סטן נאָוועמבער איז געשאַפן געוואָרן די מילכוואַרג־אָפּטיילונג.

דעם 29סטן נאָוועמבער איז געשאַפן געוואָרן די ווירטשאַפט־אָפּטיילונג. אין דעם זעלבן טאָג איז אויך געשאַפן געוואָרן דער אַרבעט־אייַנזאַץ.

דעם 1טן דעצעמבער איז געשאַפן געוואָרן די קיכן־אָפּטיילונג. אין דעם טאָג איז אויך געשאַפן געוואָרן נאָך אַ שוסטער־רעסאָרט אויף בזשעזשינער נומער 75.

דעם 2טן דעצעמבער איז געשאַפן געוואָרן די הענטשקע־פאַבריק און אויך אַ זאָקן־פאַבריק, מיט נאָך אַ שוסטער־רעסאָרט אויף מאַרישין.

דעם 15טן דעצעמבער איז געשאַפן געוואָרן דער שניידער־רעסאָרט אויף לאַגעווניצקאַ 49.

דעם 20סטן דעצעמבער איז געשאַפן געוואָרן דער שניידער־רעסאָרט אויף נאַוואַמיעיסקאַ נומער 28.

אין יאָר 1941.

דעם 25סטן יאַנואַר איז געשאַפן געוואָרן דער לעדער־ און זאָטל־רעסאָרט.

דעם 29סטן יאַנואַר איז געשאַפן געוואָרן די טאַלאָנען־פאַרטיילונג פאַר קינדער און קראַנקע.

דעם 1טן פעברואַר איז דערעפנט געוואָרן דאָס קולטור־הויז און די אַפּטייק נומער 6.

דעם 10טן פעברואַר איז איבערגעטראָגן געוואָרן דאָס יתומים־הויז פון מאַרישין מיט 300 קינדער אין אַ נייעם לאָקאַל אויף פראַנציסקאַנער־גאַס נומער 78.

דעם 27סטן פעברואַר איז געשאַפן געוואָרן די פּאַפּיר־אָפּטיילונג.

דעם 1טן מערץ איז געשאַפן געוואָרן די מעבל־אָפּטיילונג. אין דעם טאָג איז אויך געשאַפן געוואָרן דער דריטער טישלער־רעסאָרט.

דעם 2טן מערץ איז געשאַפן געוואָרן די פרעסע־אָפּטיילונג אויפן באַלוטער־מאַרק, ווי אויך דער היטל־מאַכער־רעסאָרט.

דעם 7טן מערץ איז דערשינען דער ערשטער נומער „געטאָ־צייטונג“.

דעם 8טן מערץ איז אין דער געטאָ איינגעפירט געוואָרן שנעל־געריכט.

דעם 26סטן מערץ איז געשאַפן געוואָרן דער רעסאָרט פאַר קונסט־געוועב.

דעם 6טן אַפּריל איז דערעפנט געוואָרן דאָס צווייטע דיעטע־געוועלב. דעם זעלבן טאָג איז אויך געשאַפן געוואָרן די הויפּט־פאַך־קאָמיסיע.

דעם 1טן אַפּריל איז געשאַפן געוואָרן די גמינע־דרוקעריי.

דעם 9טן אַפּריל איז געעפנט געוואָרן דאָס שפּיטאָל נומער 5, אויף גאַרבאַרסקאַ 8.

דעם 18טן אַפּריל איז געשאַפן געוואָרן דער אַפּוטרופּסים־רעפעראַט איבער יתומים און אָרעמע קינדער.

דעם 13טן מאַי איז געשאַפן געוואָרן דאָס קוראַטאָריום פאַר קינדער אויף לאַגעווניצקאַ נומער 55.

דעם 20סטן מאַי איז געשאַפן געוואָרן די בערשטן־ און פענדזל־פאַבריק.

דעם 30סטן מאַי איז געשאַפן געוואָרן דער אַדמיניסטראַטיווער שטראָף־רעפעראַט ביים באַלוטער־מאַרק. דעם זעלבן טאָג איז אויך געשאַפן געוואָרן דער מעטאַל־רעסאָרט, אויף סמאַגאַווע 12.

דעם 1טן יוני זענען פאַראייניקט געוואָרן אַלע יתומים־הייזער און זיי זענען איבערגעטראָגן געוואָרן אין איין גרויס לאָקאַל אויף פראַנציסקאַנער־גאַס נומער 102. אין דעם טאָג איז אויך געשאַפן געוואָרן דער עלעקטראָטעכנישער־רעסאָרט.

דעם 15טן יוני איז געשאַפן געוואָרן די גאַז־קוכן־אָפּטיילונג.

דעם 20סטן יוני איז געשאַפן געוואָרן דער בערשטן־רעסאָרט נומער 2, אויף לאַגעווניצקאַ 63.

דעם 28סטן יוני איז געשאַפן געוואָרן דער טעפּיכער־רעסאָרט.

דעם 1טן יולי האָט די גמינע געהעכערט די אונטערשטיצונג פאַר אָרעמע אויף 52 %.

דעם 8טן יולי איז געשאַפן געוואָרן די דריטע באָד־אַנשטאַלט.

דעם 16טן יולי איז געשאַפן געוואָרן די מאַרמאַלאַד־פאַבריק.

דעם 22סטן יולי איז געשאַפן געוואָרן דאָס געריכט פאַר מינדעריאָריקע.

דעם 5טן אויגוסט איז געשאַפן געוואָרן דער וועש־רעסאָרט, אויף מלינאַרסקאַ 5. אין זעלבן טאָג איז אויך געשאַפן געוואָרן די איינקויף־שטעלע פאַר אַלט־מאַטעריאַלן.

דעם 11טן אויגוסט איז דערעפנט געוואָרן די דערהאָלונגס־היים פאַר קינדער אויף מאַרישין.

דעם 1טן סעפּטעמבער איז געשאַפן געוואָרן דער קוכער־רעסאָרט. ווי אויך קאָרקן־פאַבריק און די כעמישע־וועשעריי.

דעם 9טן סעפּטעמבער איז איינגעפירט געוואָרן דער טראַנספּאָרט דורך אַן עלעקטרישן טראַמוויי, אַזוי אַרום איז פאַרלייכטערט געוואָרן די אַפּראָוויזאַציע־פאַרטיילונג פון דער געטאָ.

דעם 14טן סעפּטעמבער איז געשאַפן געוואָרן די קוכן־קאָנטראָל.

דעם 25סטן סעפּטעמבער איז זי אויפגעלייזט געוואָרן.

Amtliche Bekanntmachungen

Polizeiverordnung

über die Wohn- und Aufenthaltsrechte der Juden

Auf Grund des ... vom 1. Juni 1931 / G. S. S. J. J. u. F. / wird folgende ...

די ערשטע נאַצישע פאַראָרדענונג וועגן וווינ־רעכט פאַר לאָדזשער יידן.



מען רויבט דאָס יידישע האָב און גוטס נאָך דער ליקווידאַציע פון געטאָ.

געלט־באַנקנאָטן און פּאָסט־מאַרקן פון לאָדזשער געטאָ

(די פּאָסט־מאַרקן **זענען**
מיט רומקאָווסקיס **בילד**)



טראַגישע סצענעס פון לאָדזשער געטאָ.

אַזוי האָט מען געפירט די אַפּראָוויזאַצ ע, פון דער צענטראַלע צו די קאָאָפּעראַטיוון.

אַ יידישע טאָכטער וואָס אַרבעט אויס אין איר רעסאָרט די האַקן־קרייץ־צייכן פאַר די נאַציס.

מען פאַלט אויף די העלדזער, מען צעקושט זיך, מען קאָן זיך ניט פאַנאַנדערגיין. דאָס איז פאָרגעקומען בייב טויער פון דער צענט־ראַלער תפיסה. דאָס זענען די ערשטע גרופּן פון די צען טויזנט יידן וואָס מען האָט אַרויסגעשיקט פון געטאָ.

די אויסגעהונגערטע געטאָ־קינדער שרייבן זיך אַראָפּ פון די פּלאַקאַטן די נייע שפּייז־צוטיילונג, וואָס האָט געקאָסט 2 מאַרק מיט 30 פעניג.

צען געהאָנגענע יידן פון לאָדזש און אומגעגנט.



די נייע עגלה וואס האט אויפגענומען 12 טויטע מיט א מאל.

אין קיל־שטיבל אויפן בית־
עולם, ווערן די דערשאסענע
אידענטיפיצירט דורך דער
געטא־פאליציי.



5. ... Straße — Ecke Zamenhofstraße ...
6. Petrikauer Straße — Ecke Zgierska bzw. Wigurastr.
7. Petrikauer Straße — Ecke Skorupkastr.
8. Petrikauer Straße — Ecke Emilienstraße.

Lodsch, den 9. Januar 1940.

Der Polizeipräsident

Bekanntmachung

Infolge übler Zustände in hygienischer Hinsicht stellt der Norden der Stadt Lodsch, insbesondere der fast ausschließlich von Juden bewohnte Teil, einen ständigen Infektionsherd, vor allem für Typhus, Ruhr und Fleckfieber, dar, so daß die Gefahr der Verschleppung dieser Krankheiten besteht.

Jede unnötige Berührung mit diesem Stadtteil hat daher ab sofort zu unterbleiben.

An alle Deutschen, sowohl Reichs- wie Volksdeutschen, die nicht im Norden der Stadt wohnen und nicht im Gesundheitsdienst, z. B. als Aerzte, Krankenschwestern, Gesundheitsaufseher, Desinfektoren usw., tätig sind, ergeht hiermit die dringende Aufforderung, diesen Stadtteil unter allen Umständen zu meiden. Darüber hinaus erwarte ich von der polnischen Bevölkerung, daß sie die Besuche der in dem bezeichneten Stadtviertel wohnenden Verwandten oder Bekannten auf unbedingt erforderliche Besuche einschränkt.

Die das in Frage kommende Stadtgebiet abgrenzende Bannlinie verläuft, im Norden beginnend, wie folgt:

Goplanska, Zurawia, Zabie, Zakrzewskiego, Marysinska, Brzezinska, Franciszkanska, Pomorska, Pilsudskiego, Lodka, Nowomiejska, Podrzeczna, Stodolniana, Drewnowska, Zamarska, Lutomierska, Rybna, Limanowskiego, Srednia, Zgierska bis zur Einmündung der Goplanska.

Eine weitere Gefährdung der Bevölkerung stellt die Trinkwasserversorgung dar. Ich untersage daher für den gesamten Stadtbereich das Trinken ungekochten Wassers.

Lodsch, den 9. Januar 1940.

Der Polizeipräsident

די נאַציִשע פאַראָרדענונג וועגן דעם געטאָ.



MÄRZ 1943 III–31		אדר ב׳ תש״ג פ׳ צו 29 טעג
Sonntag 21	געבורטסטאָג פון פרעזעס מ. ח. רומקאָווסקי / פורים	זונטאָג יד
Montag 22	שושן פורים	מאָנטאָג טו
Dienstag 23		דינסטאָג טז
Mittwoch 24	[illegible]	מיטוואָך יז
Donnerstag 25	heute	דאָנערשטאָג יח
Freitag 26	ליכט־צינדן 6.56	פרייטאָג יט
Sonnabend 27	ליכט מוצש״ק 8.18	שבת כ

13-טע וואָך

דער יידישער לוח פון לאָדזשער געטאָ, וווּ עס פיגורירט די דאַטע פון געבורטס־טאָג פון פרעזעס רומקאָווסקי.

דעם 26סטן סעפּטעמבער איז געשאַפן געוואָרן דער רעסאָרט פאַר שטרויענע שיך.

דעם 17טן אָקטאָבער האָט מען אָנגעהויבן בויען די נייע טראַמוויי־ליניעס אין געטאָ.

דעם 24סטן אָקטאָבער איז געשאַפן געוואָרן די באַקליידונגס־־אָפּ־טיילונג.

דעם 25סטן אָקטאָבער איז דערעפנט געוואָרן דאָס צווייטע דיעטע־געוועלב, נומער 3.

דעם 28סטן אָקטאָבער איז געשאַפן געוואָרן די פאַבריק פון האָלץ־וואָל.

דעם 3טן נאָוועמבער איז געשאַפן געוואָרן די מעבל־פאַבריק נומער 3.

דעם 10טן נאָוועמבער איז געשאַפן געוואָרן די פאַבריק פון כעמישער אָפּפאַל־אויסאַרבעטונג.

דעם 16טן נאָוועמבער איז געשאַפן געוואָרן דער גאָרסעטן־רעסאָרט.

דעם 1טן דעצעמבער איז געשאַפן געוואָרן דאָס אַמבולאַטאָריום נומער 4, אויף בזשעזשינער־גאַס נומער 40.

דעם 4טן דעצעמבער איז געשאַפן געוואָרן אַ ספּעציעלע אָפּטיילונג פאַר די נייע איינגעוואַנדערטע (פּליטים).

דעם 6טן דעצעמבער איז געשאַפן געוואָרן דאָס אָפיציעלע מושב־זקנים־הויז, פאַר 300 אַלטע לייט, פון די נייע פּליטים.

דעם 15טן דעצעמבער איז געשאַפן געוואָרן דער קאַמאַשן־שטעפּער־רעסאָרט.

דעם 28סטן דעצעמבער איז דערעפנט געוואָרן די נייע און גרויסע מילך־קיך פאַר זויגלינגען און קליינע קינדער, אויף בזשעזשינער נומער 10.

דעם 30סטן דעצעמבער איז אויסגעפּערטיקט געוואָרן דאָס קינדער־שפּיטאָל נומער 6, אויף לאַגעווניצקא 37, מיט 300 קינדער־בעטלעך.

ווער האָט רומקאָווסקין געצוווּנגען צו שאַפן אין דער געטאָ אַ צענט־ראַלע תפיסה, וואָס איז שפּעטער געוואָרן דאָס שעכט־הויז פאַר טויזנטער ייִדן? ווער האָט רומקאָווסקין געצוווּנגען צו שאַפן איבערפאַל־קאָמאַנדעס און זאָנדער־קאָמאַנדעס און נאָך אַנדערע קאָמאַנדעס, וואָס זאָלן טרעטן דעם אייגענעם געררודפטן ברודער? צי איז ווייניק געווען די נאָרמאַלע געטאָ־פּאָליציי, וואָס האָט אויסגעפירט אירע פונקציעס?

עס איז אַ באַוווסטע זאַך, אַז אַ דיקטאַטאָר שאַפט אַרום זיך קליינע דיקטאַטאָרן, וואָס פירן ברוטאַל אויס די באַפעלן פון זייער הערשער. דעריבער האָט רומקאָווסקי געשאַפן אַרום זיך פאַרשיידענע פּאָליציי־קאָמאַנדעס, כדי איין קאָמאַנדע זאָל צווינגען דער צווייטער אויסצופירן די באַפעלן פון דעם הויפּט־דיקטאַטאָר. אין אָנהייב איז די פּאָליציי צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן פון האַלבע און גאַנצע אונטערוועלט־מענטשן. שפּעטער, ווען דאָס לעבן האָט אָנגעהויבן שווערער צו ווערן און די געשאַפענע פּאָליציי האָט זיך אויפגעפירט אַזוי, אַז רומקאָווסקי אַליין האָט אָנגעהויבן צו דרייען מיט דער נאָז, האָבן פאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס ווי אויך געזעלשאַפטלעכע טוער, זיך געווענדעט צו רומקאָווסקי, אַז ער זאָל אין די רייען פון דער פּאָליציי אַריינעמען בעסערע און מער קולטורעלע מענטשן. די אינטערווענץ האָט געהאָלפן. אַ העלפט פון דער ערשטער פּאָליציי איז פון זייערע רעווירן באַזייטיקט געוואָרן און עס זענען אַריינגענומען געוואָרן אין דער פּאָליציי מענטשן פון דער אַזוי גערופענער בעסערער ספערע. אין אַלגעמיין איז דער געטאָ־סיסטעם געווען אַן אָפּשפּיגלונג פון היטלער־דייטשלאַנד, פּאָליציי זענען געווען פאַרשיידענע סאָרטן, פאַרשיידענע קאָמאַנדעס, מיט פאַרשיידענע קאָמיסאַרן.

די נעמען פון די פאַרשיידענע פּאָליציי קאָמאַנדעס זענען:

אָרדענונגס־דינסט־פּאָליציי (א. ד.). זייער אויפגאַבע איז אַכטונג צו געבן אויף די גאַסן, היטן די געטאָ־דראָטן און די געטאָ־טויערן, אָפּהיטן אויך די אַרבעטס־רעסאָרטן און שטיין גרייט צו יעדער שליחות. די פּאָליציי איז געווען איינגעטיילט אין 5 רעווירן און פאַר יעדן רעוויר איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך אַ פּאָליציי־קאָמיסאַר, מיט געהילפן, זייער אויפגאַבע איז געווען אָפּצוהיטן נאָר זייער ראַיאָן־רעוויר.

איבערפאַל־קאָמאַנדע־פּאָליציי. (א. ק. פּ.). זייער אויפגאַבע איז שטענדיק צו זיין גרייט איבערצופאַלן, דאָרט וווּ עס הערשט אַן אומאָרדענונג, צעטרייבן דעמאָנסטראַציעס, אַרעסטירן ווילע־יונגען און בכלל אָנוואַרפן אַ מורא אויף דער גאַנצער געטאָ־באַפעלקערונג.

זאָנדער־פּאָליציי (ז. פּ.). אַ ספּעציעלע קאָנטראָל־פּאָליציי, וואָס איר אויפגאַבע איז אַכטונג צו געבן אויף דער גאַנצערווירטשאַפט אין געטאָ. די זאָנדער פּאָליציי האָט געהאַט צוטריט צו אַלע אַרבעטס־רעסאָרטן, צו

אַלעווירטשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס, צו אַלע קאָמונאַלע געטאָ־צווייגן און אויך אַן איבער־קאָנטראָל איבער די געטאָ־פּאָליציי.

קרימינאַל־פּאָליציי (ק. פּ.). די אויפגאַבע פון דער פּאָליציי איז צו שטיין אויף דער וואַך אין קאַמף קעגן די קרימינאַליסטן אין געטאָ. די פּאָליציי איז נאָר אונטערגעליגן רומקאָווסקין, געריכט און תּפיסה.

קוכן־פּאָליציי. די אויפגאַבע פון דער פּאָליציי איז אַכטונג צו געבן אויף אַלעם וואָס ווערט אין דעם קעסל אַריינגעלייגט און אַרויסגענומען; היטן אַז די קוכן־אַרבעטער זאָלן נישט אויפעסן אָדער גנבענען דאָס, וואָס ווערט אַריינגעלייגט אין די קעסלען. די פּאָליציי אינטערליגט נאָר רומקאָווסקין און דעם קוכן־לייטער קויפמאַן.

אין אַלגעמיין האָט יעדער געטאָ־איינוווינער באַדאַרפט באַקומען יעדן טאָג אַ זופּ לויט אַ צוטיילונג פון קוכן־לייטער, אויף 3/4 ליטער זופּ, 2 דעקאָ קאַלאַניאַל, 5 דעקאָ קאַרטאָפל, 5 דעקאָ ריבן, פעטס איז קיינמאָל ניט געקומען אין באַטראַכט, דאָס הייסט, אין קעסל האָט מען דווקא יאָ אַריינגעלייגט פעטס, נאָר ביז עס איז געקומען צום קאָנסומענט איז דאָס פעטס אַנטרינען. דאָס זעלבע איז אויך געווען מיט די קאַרטאָפל. זעלטן איינער האָט באַקומען זיין ריכטיקע קאַרטאָפל־צוטיילונג, דאָס איז דערפאַר וואָס די קוכן־פּערסאָנאַלן האָבן צו ערשט זיך אַליין פאַרזאָרגט. דאָס פעטע און דאָס געדיכטע האָבן זיי אויפגעגעסן און דאָס וואַסער איז פאַרטיילט געוואָרן.

דעם 23סטן יאַנואַר.

היינט איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז 50 נפשות וואָס האָבן אין זייער צייט באַקומען אויסוואַנדערונגס־צעטלען האָבן באַקומען האַרץ־שלאַגן און זענען געשטאָרבן. די אַלע האָבן נישט געקענט אויסהאַלטן און איבערטראָגן דעם גרויסן צער פון מוזן פאַרלאָזן אין אַזאַ שווערן ווינטער זייערע היימען. אַ טייל פון די אומגליקלעכע האָבן באַקומען האַרץ־שלאַגן שוין זייענדיק אָנגעטאָן, מיט די פּעק אויף די אַקסלען. עס קען זיין, אַז מיר וועלן שפּעטער נאָך אַ סך זאַכן זיך דערוויסן וועגן די שרעקלעכע טראַגעדיעס פון די 10 טויזנט עוואַקוירטע פון געטאָ. שוין איצט איז דאָס בילד אַ שרעקלעכס, אַ גרויזאַמס. יעדער איינער ציטערט ווען ער דערמאָנט זיך, ווי אַזוי די אומ־

גליקלעכע ייִדן זענען אַוועקגעשיקט געוואָרן. איך גלייב אַז אַזאַ פּעדער איז נאָך נישט באַשאַפן געוואָרן, וואָס זאָל קענען דאָס בילד באַשרייבן.

דעם 24סטן יאַנואַר.

דער פּרעזעס האָט היינט צוזאַמענגערופן אַן עקסטרא זיצונג פון אַלע קהילה מושלים. עס זענען אויך געקומען אַ גרעסערע צאָל רעסאָרט־לייטערס מיט זייערע געהילפן. געקומען צו דער זיצונג זענען איבער 60 מאַן. אַ טייל האָבן אויך מיטגעבראַכט זייערע פרויען. דעם אויבן־אָן האָבן פאַרנומען די הויפּט־מושלים פון דער געטאָ, די ה״ה: שטשענשליווע, יאַקובאָוויטש, גער־שאָווסקי, יוסף רומקאָווסקי, נײמאַן, זאזשוע, קליגער, ד״ר שיקער, קאָמי־סאַר קאָל, קאָמיסאַר ריינגאָלד, קאָמיסאַר בלעמער, קאָמיסאַר ראָזענבלאַט, קאָמיסאַר דאַנציגער, שיפער, איזראַעלעוויטש, פּרל׳ פוקס, פּאַדלאַסקי, ראַ־זענזאָן און פּרל׳ וואָלק. געעפנט די זיצונג האָט ד״ר שיקער. אין זיין אַריינ־פיר רעדע האָט שיקער געשילדערט די שרעקלעכע לאַגע פון די מאַסן וואָס הונגערן. „מיר דאַרפן זוכן אַן עצה ווי אַזוי דעם שווערן הונגער צו לינדערן״. באַלד האָט גענומען דאָס וואָרט דער פּרעזעס און האָט דערקלערט:

איך וויל, אַז איר זאָלט מיך פאַרשטיין. די גאַס קען מיך נישט פאַר־שטיין. זיי מיינען, אַז איך מאַך דאָס, ווייל אַזוי וויל איך. זיי מיינען, אַז וואָס עס קומט פאָר אין דער געטאָ, איז צוליב מיין שולד. זיי ווייסן נישט די שוועריקייטן, וואָס איך האָב מיט די באַהערדן. זיי האָבן פון מיר געוואָלט 20 טויזנט ייִדן. איך האָב זיך אָפּגעבעטן אויף 10 טויזנט. דאָס איז געווען פאַר מיר אַ שווער שטיקל אַרבעט. דעם הונגער קען איך לײדער נישט שטילן. איך האָב נישט מיט וואָס אים צו שטילן. די קאַרטאָפל זענען פאַר־פרוירן געוואָרן. די וועגן זענען באַלייגט מיט מיליטער. איך קען איצט נישט פאָדערן, אַז מען זאָל מיר צושיקן קאַרטאָפל אָדער אַנדערע גרינ־ צייגן. מעל האָב איך יאָ ליגן. דאָס האַלט איך אָבער אויף פּסח. איך וויל, אַז אויף פּסח זאָלן די ייִדן האָבן אַ גוטן, זאַטן יום־טוב.

אַלע פאַרזאַמלטע האָבן מיט קיין איין וואָרט נישט אויפגעקלערט דעם פּרעזעס, אַז עס איז גלייכער איצט דאָס מעל צו פאַרטיילן און דערמיט צו לינדערן דעם גרויסן הונגער. אַלע זענען געזעסן, אויסגעהערט די שיינע רעדע פון פּרעזעס, פון צייט צו צייט אַפּלאָדירט אים, געשמייכלט צו אים

און געטרינקען שוואַרצע קאַווע. שפּעטער בין איך איבערראַשט געוואָרן, זעענדיק ווי מען ברענגט אַריין פאַר די געסט פון כל־טוב. נאָך דער פּעטער וועטשערע איז זיך דער עולם צעגאַנגען.

דעם 25סטן יאַנואַר.

דער בית־החיים־לייטער ה׳ ביאַלער האָט מיר היינט געזאָגט, אַז ער ווייסט נישט וואָס ער זאָל טון מיט די אָנגעזאַמלטע טויטע. אין היינטיקן טאָג ליגן 402 טויטע, וואָס אייניקע פון זיי ליגן שוין 8 טעג און קענען בשום אופן נישט קומען צו קבר־ישראל. איך פרעג דעם ה׳ ביאַלער: — פאַרוואָס איז דאָס אַזוי, פאַרוואָס קען מען נישט צושטעלן נאָך אייניקע אַרבעטער, כדי צו באַזייטיקן דעם חלול המת? ענטפערט ער מיר אַזוי:

— די מתים מערן זיך אַזוי ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן. יעדן טאָג קומען אויפן בית־עולם אַרויף פון 90 ביז 100 מתים. מיר מאַטערן זיך אויסער־געוויינלעך. אונדז איז שווער, מיר האָבן נישט קיין ברעטער, מיר האָבן נישט קיין תכריכים, מיר האָבן נישט אַפילו געגוג האָלץ אונטערצוהייצן די וואַסער־קעסלען צו טהרה. די אַרבעטער, וועלכע גראָבן די קברים האַלטן זיך קוים אויף זייערע פיס. זיי קומען צו דער אַרבעט אויסגעפרוירענע און אויסגעהונגערטע. אין אַזאַ מצב און אין אַזעלכע באַדינגונגען איז אוממעג־לעך, אַז עס זאָל אויפן בית־עולם הערשן אָרדענונג. און איצטער די ספּע־ציעלע איבער־שעהן וואָס מיר האָבן באַקומען פון דער געסטאַפּאָ. יעדע וואָך, און טיילמאָל צוויי־דריי מאָל אַ וואָך, באַקומען מיר פון דער געסטאַפּאָ מיטטיילונגען צו קומען אויפן בית־עולם, ווייל מען האָט געבראַכט טויטע פון אויסער דער געטאָ, וואָס מען מוז זיי ווי אַמשנעלסטן קובר זײַן. די אַרבעט איז אַ שווערע, ווייל מען מוז גראָבן קברים און דאָס אַלץ ווערט געמאַכט אין אַ שנעלן טעמפּאָ. שטעלט אייך פאָר, — זאָגט מיר ווייטער ה׳ ביאַלער, — פאַרן קריג האָט לאָדזש געציילט 250.000 יידן, די דורכשניט־לעכע שטערבלעכקייט איז געוועזן פון 10 ביז 15 מענטשן אַ טאָג, אַלע באַ־דינגונגען זענען געוועזן אויפן אָרט גוט אָרגאַניזירט, ווען עס האָט אַמאָל פּאַסירט, אַז די שטערבלעכקייט האָט איבערגעשריטן די נאָרמאַלע צאָל, האָט זיך געטון חושך. אַלע בית־עולם־אַרבעטער זענען אַהיימגעגאַנגען מידע, צעבראָכענע. ביים היינטיקן טאָג דערגרייכט די שטערבלעכקייט 100 אַ טאָג

און די באַדינגונגען זענען אויסער געוויינלעך שווערע. מיר דאַרפן אַלע בעטן דעם רבונו של עולם, אַז ער זאָל זיך דערבאַרעמען אויף אונדז „סלח נא לעון העם הזה״, ווען נישט וועלן מיר אַלע אונטערגיין.

דעם 26סטן יאַנואַר.

דער דריטער פּאָליציי־רעוויר האָט היינט מיטגעטיילט, אַז אויף יעראָזאָלימסקאַ־גאַס נומער 4 האָט די פּאָליציי אַנטדעקט אַ טויטן בחור, וואָס איז געלעגן אייניקע טעג אונטערן בעט פון זיין מוטער. ווען די פּאָליציי האָט געפרעגט די מוטער, פאַרוואָס זי האָט נישט מיטגעטיילט, אַז איר זון איז טויט, כדי אים צו ברענגען צו קבורה, האָט די פרוי גאַנץ פּשוט געענטפערט:

— צו וואָס דאַרף איך דאָס מאַכן אַזוי גיך? איך וועל אין קורצן אויך שטאַרבן. צוליב דעם וויל איך מיט מיין קינד זיך נישט שיידן. איך וויל, אַז מען זאָל אונדז ביידע צוזאַמען קובר זיין.

דעם טויטן זון האָט די פּאָליציי אַרויסגעפירט אויפן בית־עולם און די מוטער איז אַרעסטירט געוואָרן. בעת דער ערשטער אויספאָרשונג האָט די מוטער באַקומען אַ שווערע אַטאַקע און איז אין אַ פּאָר שעה אַרום געשטאָרבן.

אַזעלכע טראַגעדיעס פּאַסירן איצט אין גע[ט]אָ טאָג־טעגלעך. מענטשן פאַלן ווי די פליגן, קינדער טיילן נישט מיט ווען די עלטערן שטאַרבן און עלטערן טיילן נישט מיט ווען זייערע קינדער שטאַרבן.

דעם 27סטן יאַנואַר.

צום פּרעזעס האָבן זיך היינט געווענדעט אַ גרופּע קריסטן־יידן (משומדים) מיט אַ פּעטיציע, אַז דער פּרעזעס זאָל דערלויבן זייערע קינדער צו לערנען די קריסטלעכע רעליגיע און פאַר די עלטערע אַ ספּעציעל אָרט צו מאַכן אַ געבעט־הויז. דער פּרעזעס האָט די משומדים אויסגעהערט און זיי דערקלערט:

— אין דער געטאָ האָט ער נישט צו טון מיט קיין רעליגיע־זאַכן, אַלע די וועלכע טראָגן געלע לאַטעס זענען פאַררעכנט אַלס יידן. אויב איר געפינט זיך געטראָפן דערפון, שרייבט די פּעטיציע צו דער געסטאַפּאָ, אַז זיי זאָלן אייך פון דאַנען באַפרייען, דאַן וועל איך אייך גערן אַרויסלאָזן. כל־

זמן איר געפינט זיך דאָ מיט אונדז, זענט איר ייִדן. דעריבער שלאָגט אייך אַרויס פון אייערע קעפּ, אַז איך וועל פאַר אייך עפּעס מער טון ווי פאַר די איבעריקע ייִדן. איר ווילט זיך נישט מיט אונדז חברן, ביטע זייער, טראָגט אייך אָפּ פון דאַנען. קיין גרויס עגמת־נפש וועל איך נישט האָבן.

די דעלעגאַציע האָט אויף אַזאַ אָפּשניט זיך נישט געריכט און זי האָט אַן אַ גוטן טאָג געעפנט די טיר און געמאַכט ויברח.

דער פּרעזעס האָט אין דעם פאַל זייער גוט און ריכטיק געהאַנדלט.

דעם 28סטן יאַנואַר.

היינט איז ענדגילטיק אין אַרכיוו אַוועקגעלייגט געוואָרן די ליסטע פון די לעצט־אַרויסגעשיקטע פון דער געטאָ. צוזאַמען זענען אַוועקגעשיקט געוואָרן 10 טויזנט און 2 נפשות. ביים אַרויסשיקן איז יעדער אַדורכגעגאַנגען אַ ספּעציעלע קאָמיסיע, וואָס האָט פעסטגעשטעלט די אָרעמקייט, די קראַנקייט און דעם פאַרברעך צוליב וועלכן מען איז צוגעשטעלט געוואָרן דורך דער הויפּט־קאָמיסיע אַרויסגעשיקט צו ווערן. עס פאַרשטייט זיך, אַז די שפּיצן פון דער אונטערוועלט האָט מען נישט געריררט. זיי האָט מען איבערגעלאָזט. פאַר זיי האָט מען מורא. מיט זיי רעכנט מען זיך. זייערע נעמען זענען אַלעמען גוט באַקאַנט.

דעם 29סטן יאַנואַר.

היינט האָט די געסטאַפּאָ מיטגעטיילט, אַז דער גירוש איז אָפּגעשטעלט געוואָרן. אַלע רעסאָרטן זאָלן נאָרמאַל צוטרעטן צו זייער אַרבעט. פאַר פאַרנאַכלעסיקן די אַרבעט וועט מען שטרענג באַשטראָפט ווערן. אויך דער פּרעזעס האָט באַלד אַרויסגעלאָזט אַן אויפרוף. אין אויפרוף פאָדערט דער פּרעזעס: „נעמען זיך צו דער אַרבעט שטאַרקער. נישט פאַרנעמען זיך מיט קיין פּאָליטיק. די וועלכע זענען געווען אַ לאַסט פאַר דער געטאָ, זענען באַזייטיקט געוואָרן. זיי האָבן געמוזט אָפּטרעטן און מאַכן פּלאַץ פאַר די, וועלכע ווילן און קענען אַרבעטן. עס קומט אָן אַ פרישע אַרבעט, וואָס מען וועט זי דאַרפן ווי אַמשנעלסטן אויספאַרטיקן. אַרבעט, דאָס איז אונדזער לעבנס־דעוויז. פאַר דעם בין איך פאַראַנטוואָרטלעך״.

דעם 30סטן יאַנואַר.

די פּאָליציי האָט היינט מיטגעטיילט, אַז אין איינעם פון די גריבער אויף מאַרישין האָבן מיסט־זוכער אויסגעגראָבן פון אַ גרוב אַ געפּגרט פערד און שפּעטער איז דאָס געפּגרטע פלייש פאַרקויפט געוואָרן דער געטאָ־באַפעלקערונג פאַר 15 מאַרק אַ קילאָ.

דעם 31סטן יאַנואַר.

110 טויטע זענען היינט אַרויסגעשיקט געוואָרן אויפן בית־עולם. דער פּרײַז האַלט 22 גראַד. אַ ברויט פון צוויי קילאָ קאָסט 25 מאַרק. אַ קילאָ פערד־ווורשט 25 מאַרק. אַ קילאָ קאָרן־מעל 28 מאַרק. כמעט אַ העלפט פון דער געטאָ־באַפעלקערונג ליגט אין די בעטן געשוואָלענע און קען זיך נישט רירן. די געוואַלדן און די געשרייען פון די קראַנקע און הונגעריקע דערגרייכן עד לב השמים. אויף יעדנס פּנים ליגט אויסגעגאָסן אַ שרעק און אַ מרה־שחורה, אַז איין גאָט אין הימל זאָל זיך אויף דעם אומגליקלעכן פאָלק דערבאַרעמען.

דעם 1טן פעברואַר.

היינט פאַרטאָג ווען דער שניי איז נאָך נישט באַטרעטן געוואָרן פון קיין מענטשלעכן פוס, ווען דער זייגער האָט קוים געשלאָגן 6, האָבן די מענטשן וואָס וווינען האַרט ביי דער בריק זגערזשער ראָג לוטאָמירסקאַ, דערהערט אַ מוראדיקן קלאַפּ. אין זעלבן מאָמענט האָט דער דייטשער וואַך־פּאָסטן, וואָס איז געשטאַנען ביי דער בריק, אָנגעהויבן צו רופן הילף. עס האָט טאַקע לאַנג נישט געדויערט, ווי דער 5טער דייטשער פּאָליציי־רעוויר, האָט אַרויסגעשיקט אויפן אָרט אַ קאַרעטקע. דער דייטשער דאָקטאָר האָט פעסטגעשטעלט דעם טויט פון אַ יידישער פרוי, וואָס האָט זיך אַראָפּגע־וואָרפן פון דער בריק. זי איז געווען די ערשטע אַרויפגייערן אויף דער בריק און די ערשטע וואָס האָט פאַרפלעקט דעם ווייסן שניי מיט איר בלוט. די פרוי איז אַ טשעכישע בירגעריך. קיין דאָקומענטן האָט זי נישט איבער־געלאָזט. אין דער טאַש האָט מען געפונען אַ בריוול געשריבן אין דער טשעכישער שפּראַך:

„ווער עס וועט דער ערשטער מיין טויטן קערפּער אונטערזוכן, זאָל וויסן, אַז דאָס לעבן איז מיר פאַרמיאוסט געוואָרן. איך קען נישט אַזאַ לעבן

מער מיטמאַכן. הונגער, קעלט, שמוץ און ברוטאַלע באַהאַנדלונג, אויף דעם איז דאָס מענטשלעכע לעבן נישט אַוועקגעשטעלט געוואָרן. איך האָב גענוג געקעמפט מיט זיך און צום סוף האָב איך דעצידירט אויף דעם טויטן־שפרונג. איך האָב דאָס געטון מיט מיין פולן באַוווסטזיין. אַלע מיינע דאָקומענטן האָב איך פריִער פאַרניכטעט, כדי נישט צו געבן דער געסטאַפּאָ די מעגלעכקייט צו וויסן ווער איך בין און אויך, אַז מיינע נאָענטע זאָלן נישט וויסן פון מיין טאַט."

אין די מיטאָג־שעהן האָט די גיכע הילף געבראַכט אין שפּיטאָל אַריין נאָך צוויי פרויען, וואָס שטאַמען פון טשעכיען. זיי האָבן זיך פאַרסמט מיט סובלימאַט.

דעם 2טן פעברואַר.

היינט איז אין דער געטאָ אַריינגעקומען אַ קאָמיסיע פון דייטשע דאָקטוירים. זיי האָבן דערקלערט, אַז זיי זענען געקומען אויספאָרשן די גרויזאַמע שטערבלעכקייט, וואָס הערשט אין דער געטאָ. בעת זיי האָבן באַזוכט די שפּיטאָלן, האָט איינער פון די דאָקטוירים דערקלערט, אַז לאָדזש שטייט אויפן ערשטן אָרט אין פּרט פון שטערבלעכקייט פון די יידן. דער זעלבער דאָקטאָר האָט זיך אויסגעדריקט, אַז עס איז אים ווירקלעך שווער דאָס צו פאַרשטיין. פּראָפּאָרציאָנעל שטאַרבן אין דער לאָדזשער געטאָ מער מענטשן ווי אויפן פראָנט. שרעקלעך איז דאָ ביי אייך. ליידער קענען מיר אייך גאָרנישט העלפן. עס איז קריג און קריג קאָסט מענטשן.

אַ צווייטער דאָקטאָר האָט זיך אָנגערופן, צוליב צוויי טעמים איז די שטערבלעכקייט ביי אייך אַזוי גרויס: הונגער און שמוץ. דיביידע זענען אַן אומגליק פאַר אייך. איר האַלט זיך זייער שמוציק. לויט די טאַבעלע־צוטיילונג וואָס איך האָב געלייענט אויפן באַלוטער־מאַרק, זע איך נישט איין, אַז די צוטיילונג זאָל זיין דער הויפּט־גורם פון אייער הונגער. פון אַזאַ צוטיילונג קען מען לעבן און אויב איר שטאַרבט ביי דער צוטיילונג, זענט איר אַליין דערין שולדיק. אייער ווירטשאַפט איז אַ פאַרפוילטע. ביי אונדז לעבן אַלע גלייך און ביי אייך, האָב איך געהערט, זענען דאָ בעסערע לויטע און ערגערע לויטע. לויט מיין אויפפאַסונג, פרעסט איר איינער דעם צווייטן. מיר פאַרשרייבן אַלץ וואָס מיר האָבן געזען ביי אייך. די דריי

ייִדישע פאַרשטייער וואָס האָבן אָרומגעפירט די דאָקטוירים, יוזעף רומ־קאָווסקי, ד״ר שיקער און טשאַרנעבראַדע, האָבן געפּרוווט אַלץ פאַרגלעטן. די דאָקטוירים דאַקעגן, האָבן זיך געהאַלטן ביי זייערס און זענען פון דער געטאָ אַרויסגעפאָרן מיט אַ שלעכטער מיינונג וועגן די געטאָ־מושלים.

דעם 3טן פעברואַר.

היינט איז ווידער געטוישט געוואָרן די וואָך אַרום געטאָ. ביז היינט זענען געשטאַנען אַ גרויסע צאָל בייערן און פאָלקס־דייטשן, דערונטער אַ סך מערדער און סאַדיסטן, וואָס האָבן פיל צער און שמערצן פאַרשאַפט די ייִדן. נישט איינמאָל איז אויסגעקומען צו וויינען אויף דעם ביטערן גורל פון די, וועלכע זענען אַמאָל אַריינגעפאַלן אין די הענט פון דער וואַך־פּאָליציי. איצט איז די וואַך געטוישט געוואָרן. אויף זייער אָרט זענען געקומען עלטערע מענטשן. נישט קיין פּאָליציי־לייט, נאָר גרענעץ־פּאָליציי און באַן־באַאַמטע, באַלד ביים איבערנעמען די וואַך־פּאָסטנס, האָט מען באַמערקט, אַז דאָס זענען אַנדערע מענטשן. זיי האָבן נישט געשריגן, נישט געזידלט און נישט געשאָלטן. ביי די דורכגאַנגס־טויערן האָבן זיי אַרויסגעוויזן מיטגעפיל צו אונדזער טראַגישער לאַגע.

דעם 4טן פעברואַר.

מיר האָבן געמיינט, אַז דערמיט וואָס די געסטאַפּאָ האָט פון אונדזערע רייען אַרויסגעריסן 10 טויזנט ייִדן זענען מיר שוין אָפּגעקומען דעם גירוש. דאָס הייסט, אַז מער וועט מען שוין אונדז נישט טרייבן און אַזוי האָט אויך דער פּרעזעס אין זיינע רעדעס מיטגעטיילט. ווייזט זיך איצט אַרויס, אַז מיר זענען געווען צופיל נאַיוו, מיר האָבן געגלויבט דעם פּרעזעס און זיינע געהילפן, אַז נאָך דעם ווי די 10 טויזנט ייִדן וועלן באַזייטיקט ווערן, וועט שפּעטער ווערן שטיל און דאָס געטאָלע וועט רויִק ווייטער אַרבעטן.

וואָס ווייזט זיך איצט אַרויס? מיר זענען געוואָרן פאַרפירט און ווער ווייסט וואָס עס וואַרט נאָך אויף אונדז? די געסטאַפּאָ האָט היינט ווידער מיטגעטיילט דער געטאָ־פאַרוואַלטונג, אַז אין דעם חודש מוזן אויפסניי אַרויסגעשיקט ווערן 5.000 ייִדן פון דער געטאָ. די גזירה האָט אַריינגע־בראַכט אַ שרעקלעכע צערודערונג. אַלע האָבן אַראָפּגעלאָזט די הענט. דער

ווייטיק איז אַזוי גרויס, אַז הונדערטער פרויען האָבן אויף די גאַסן ספּאַז־מירט, געבראָכן זיך די הענט און געיאָמערט אויף דעם פרישן אומגליק. לויטן באַפעל דאַרף דעם 15טן שוין אָפּגעשיקט ווערן די ערשטע גרופּע, די וועלכע זענען אַמאָל באַגאַנגען אַ וואָסער עס איז געטאָ פאַרברעכן, האָבן שוין אָנגעהויבן צו פּאַקן זייערע פּעקלעך.

דעם 5טן פעברואַר.

איך האָב היינט זיך געטראָפן מיט די צוויי דיכטערס, יאַאַכימאָוויטש און גראַף־קאַלי. ביידע זענען שטאַרק נידערגעשלאָגן. יאַאַכימאָוויטש איז פאַרביטערט. ער גייט אַרום אַ צעבראָכענער, אַ נאָענטע משפּחה זיינע האָט גענומען פּאַקן די זאַכן. ער גלויבט, אַז ער וועט קענען די גזירה אָפּשרייען.

אויך דער גראַף קאַלי איז שוין נישט דער וואָס אַמאָל פאַרן קריג. ער וויצלט זיך שוין נישט. היינט, — זאָגט ער, — ליגן מיר נישט קיין וויצן אין זינען. די קינדער הונגערן, איך אַליין גיי אַרום אַ פאַרחלשטער. איך טראַכט נאָר וועגן אַ זופּ.

דעם 6טן פעברואַר.

דער פּרעזעס האָט היינט צוזאַמענגערופן אַן אויסער־אָרדנטלעכע זיצונג פון אַלע רעסאָרט־לייטערס מיט זייערע געהילפן. די זיצונג איז פאַרגעקומען אויף קראַוויעצקי־גאַס, אין גרויסן קולטור־הויז. געקומען זענען דאַסמאָל כמעט אַלע אָנפירער, צוזאַמען מיט זייערע געהילפן. ביים אַריינגאַנג אין זאַל זענען אַוועקגעשטעלט געוואָרן 4 זאָנדער־פּאָליציאַנטן, וואָס האָבן גענוי אַכטונג געגעבן, אַז פרעמדע, וואָס האָבן נישט קיין שייכות מיט דער געטאָ־לייטונג זאָלן זיך נישט אַריינקריגן. יעדער האָט געמוזט באַווייזן אַ צייגע־ניש, אַז ער איז גערופן געוואָרן צו דער זיצונג. ווען דער זאַל איז שוין פול געוואָרן, איז דער פּרעזעס מיט זיין פרוי אָנגעקומען אין אַ צוגעמאַכ־טער קאָטש. די פּאָליציאַנטן, וועלכע זענען געשטאַנען אין דרויסן האָבן זיך געשטעלט אין צוויי רייען און דער פּרעזעס מיט זיין ווייבל זענען אַריין אין זאַל. ווען דער פּרעזעס האָט זיך באַוויזן איז דער גאַנצער עולם אויפ־געשטאַנען פון די ערטער און עס איז געוואָרן שטיל ווי אין אַ קבר. אַ

ווילדער איז דער פּרעזעס אַרויף אויף דער טריבונע, אָראָפּגעשלונגען צוויי פּילן, דערביי אַ ביסל אונטערגעהוסט און אָנגעהויבן די רעדע:

„מיינע ליבע געטאָ־צוהערער, איך האָב אייך צוזאַמענגערופן, כדי איר זאָלט מיך פאַרשטיין, בעסער געזאָגט, איר זאָלט מיך אויסהערן, וואָס איך וועל אייך היינט זאָגן. די געטאָ מאַכט מיר גרוי און אַלט. איך האָב שוין קיין כוח נישט דאָס אַלץ איבערצוטראָגן. איך ווער מיט יעדן טאָג שוואַכער. די שוועריקייטן און די גרויסע לאַסט מאַכט מיך שוואַכער פון טאָג צו טאָג. איך ווייס, אַז די געטאָ הונגערט. איך ווייס, אַז די שטערבלעכקייט איז גרויס. איך ווייס, אַז די קראַנקע בעטן הילף. איך האָב אָבער דערויף קיין עצה נישט. דערווייל מוז עס אַזוי זיין. איך האָב נישט פון וואַנען צו נעמען. עס פעלט מיר אויס עסן, מעדיקאַמענטן. איך האָב נישט קיין האָפענונג, אַז עס זאָל בעסער ווערן, דערצו גייען אויף אונדז נאָך שווערערע צייטן, וואָס מיר וועלן ליידער מוזן איבערטראָגן. איך האָב אייך גערופן, אַז איר זאָלט אויך וויסן, ווי שווער עס איז אונדזער לאַגע. איר וועט דאַרפן מער אַכטונג געבן אויף אַלעם, וואָס עס קומט פאַר אין אייערע אַרבעטס־רעסאָרטן. איך מאַך אייך נאָך אַמאָל אויפמערקזאַם, אַז עס גייען אויף אונדז שווערע צייטן״.

דאָס איז געווען די גאַנצע רעדע. די לייטער האָבן שטילשווייגנדיק אויסגעהערט און קיינער האָט נישט געפּרוווט דעם פּרעזעס פרעגן, וואָס פאַר אַ שווערע טעג עס גייען אויף אונדז.

דעם 7טן פעברואַר.

היינט האָט דער פּרעזעס מיטגעטיילט דער געטאָ־באַפעלקערונג, אַז אַלע געטאָ־איינוווינער וועלן פון מאָרגן אָן באַקומען 33 דעקאָ ברויט.

די ידיעה האָט אַרויסגערופן פרייד. אַ קלייניקייט! אָנשטאָט 27 דעקאָ ברויט וועט מען באַקומען 33 דעקאָ!

דעם 8טן פעברואַר.

היינט איז געוואָרן צוויי יאָר, ווי די דייטשע מאַכט אין ליצמאַנשטאַט האָט באַשלאָסן צו מאַכן אַ געטאָ פאַר יידן. דער באַשלוס איז דעמאָלט פאַר־עפנטלעכט געוואָרן אין דער ליצמאַנשטעטער צייטונג, מיט אַ גענויער מאַפּע

פון די גאַסן, וואָס וועלן איינגעגלידערט ווערן אין דער געטאָ. דער באַשלוס האָט דעמאָלט שרעקלעך געטראָפן דער לאָדזשער יידישער קהילה.

דעם 9טן פעברואַר.

די פלעק־טיפוס־עפידעמיע האָט זיך שטאַרק אויסגעשפרייט. עס גייט נישט אַדורך קיין איין טאָג, אַז די גיכע הילף־קאַרעטקע זאָל נישט אַרויס־נעמען פון די שטובן צו עטלעכע קראַנקע אין די שפּיטאָלן אַריין. 90 % פון די קראַנקע שטאַרבן אַוועק אין גרויסע יסורים. קוים אַ קליינער טייל בלייבט לעבן. ביים אַרויסנעמען דעם קראַנקן פון צימער ווערט דאָס צי־מער איזאָלירט. די מענטשן פון דעם צימער ווערן געהאַלטן 21 טעג אונ־טער אַ פּאָליצייאישער וואַך, וואָס לאָזט די מענטשן נישט אַרויס אויף דער גאַס. דאָס עסן באַקומען זיי דורך אַ ספּעציעלן סאַניטאַר פון אַ באַזונדערער קיך. ווען די 21 טעג גייען אַדורך און ביי דער פאַמיליע האָבן זיך נישט באַוויזן קיין סימנים פון פלעק־טיפוס, ווערט דער קאַראַנטין אַראָפּגענומען און די מענטשן זענען פריי פון זייער שטוב־אַרעסט.

די שרעקלעכע קראַנקהייט האָט זיך אַזוי אויסגעשפרייט, אַז כמעט אויף יעדער גאַס זעט מען אַזעלכע טיפוס־וואָכן.

דעם 10טן פעברואַר.

האַרצרייסנדיק תפילות רייסן זיך איצט פון יעדן געטאָ ייד. אומעטום גיסן זיך טרערן. אין יעדער שטוב מורמלען דערשראָקענע ליפּן: „העלף אונדז, אַז מיר זאָלן חלילה נישט דאַרפן וואַנדערן און אויסגיין פאַר הונ־גער און קעלט אויף די פרעמדע אומבאַקאַנטע וועגן“.

עס איז נאָך נישט אַוועק אַ חודש און ווידער ווערן פינף טויזנט יידן אַרויסגעשיקט פון געטאָ. איצט בעט יעדער, אַז ער מיט זיינע קינדער זאָלן חלילה נישט זיין צווישן די פרישע פינף טויזנט אומגליקלעכע, צווישן די פרישע פינף טויזנט פאַרמשפּטע.

דעם 11טן פעברואַר.

היינט איז אויפן באַלוטער־מאַרק אָנגעקומען אַ בריוו פון דער געס־טאַפּאָ. אין בריוו ווערט מיטגעטיילט, אַז צוליב דער „באַן שפּערע“ ווערט

ציטערדיקן אויפגעהאַלטן די עוואַקואַציע פון די פרישע 5 טויזנט ייִדן. די ידיעה איז באַלד דורכגעלאָפן איבער דער געטאָ און עס האָט זיך אָנגע־הויבן אַ סעריע קאָמענטאַרן. אַ טייל האָבן געזאָגט, אַז מען וועט מער בכלל שוין נישט אַרויסשיקן, ווייל דער דייטש איז בעסער געוואָרן. ער קריגט געשלאָגן אין הינטן אַריין, לייטערט זיך אים אויס דער קאָפּ. די דאָזיקע גלייבן, אַז די דייטשן וועלן איצטער האַנדלען סאָלידער, זיי וועלן מער נישט זיין אַזוי ברוטאַל. אַ צווייטער טייל טענהט, אַז דאָס אַרויסשיקן האָט אויפגעהערט, צוליב דעם וואָס עס הערשט אין דער געטאָ פלעק־טיפוס. די דייטשן האָבן מורא, אַז די אַנשטעקנדיקע קרענק זאָל זיך נישט איבערטראָגן אויף דער אַרישער זייט. עס קורסירן אַרום נאָך אַנדערע קלאַנגען, וואָס איינער קלעפּט זיך נישט צו דעם צווייטן. יעדנפאַלס האָט די שווערע שטימונג אַ ביסל נאָכגעלאָזט.

דעם 12טן פעברואַר.

אַ קאַלטער ווינטער־טאָג איז היינט. דער שניי שימערירט מיט די־מענטן. די זון שטעכט אויס די אויגן. אַלץ אַרום איז באַדעקט, איז ווייס, ביי מיר אין דער וווינונג איז די קיך קאַלט, שוין לאַנג נישט אונטערגע־הייצט. דער הונגער שרייט געוואַלד.

מיין 22־יאָריקער ברודער, מאיר, וואָס איז שווער קראַנק אויף טור־בערקולאָז, ליגט אין גסיסה־צושטאַנד. ער האָט היינט אויפגעהערט צו ריידן. ער באַוועגט מיט די הענט און וויל עפּעס דערציילן. די וועלכע שטייען אַרום זיין בעט, צוזאַמען מיט זיין צעבראָכענער פאַרוויינטער מאַמען, פאַר־שטייען נישט וואָס ער וויל און וואָס ער מיינט. די מאַמע ברעכט די הענט און בעט דעם אַלמעכטיקן, אַז ער זאָל באַווייזן עפּעס אַ נס און ראַטעווען איר קינד. דער דאָקטאָר וויל מער נישט קומען. ער זאָגט, אַז עס איז מער קיין האָפענונג נישטאָ. די מינוטן פון דעם קראַנקן זענען געציילטע. אַזוי שטאַרבן ייִדן אין געטאָ.

צומאָרגנס האָב איך שוין מיטגעהאָלפן גראָבן דאָס קבר פאַר מיין יינגערן ברודער מאיר, ז״ל.

דעם 25סטן אַפּריל.

צוליבן טויט פון מיין ברודער, בין איך אַ לענגערע צייט געווען נידערגעשלאָגן. איך האָב בשום אופן נישט געקענט נעמען די פּעדער אין דער האַנט אַריין. ערשט היינט האָב איך זיך אַ ביסל באַרויִקט און ווייטער גענומען פאַרצייכענען די טאָג־טעגלעכע געטאָ־געשעענישן.

אין דרויסן איז נאָך פינצטער. דער רעגן האָט נאָך נישט אויפגעהערט צו גיסן. אַלץ אַרום איז פאַרוויינט. די געטאָ־שקלאָפן הייבן זיך אויף פאַמעלעך און נידערגעשלאָגן. טייל וואַשן זיך אָפּ און מאַכן זיך קוראַזש און אַנדערע גייען אַרום אַזוי ווי נעכטן, ווי אייערנעכטן, אָן לוסט צום לעבן. זיי אינטערעסירט שוין מער גאָרנישט. נישט זיי לאַכן, נישט זיי וויינען, נישט זיי פרעגן אַפילו ווי עס האַלט מיט דער וועלט־פּאָליטיק, מיטן געטאָ־לעבן. זיי אינטערעסירט נאָר איינאיינציקע זאַך: ווי אַזוי ווערט מען כאָטש איין מאָל זאַט? ווי אַזוי שטילט מען דעם אומברחמנותדיקן הונגער?

עס הייבט אָן ליכטיקער ווערן. די גאַס אין דרויסן זעט אויס ווי אַ שטיק מרה־שחורה, קאַלט, נאַס, פינצטער. דער הונגער און די שרעק פאַרן מאָרגן נעמט צו דאָס לעצטע ביסעלע לוסט צו לעבן. נישט קוקנדיק אויף דעם אַלעם, איילן די געטאָ־שקלאַפן צו זייערע אַרבעטס־פּלעצער. ווער אַליין און ווער מיט פרוי און קינד צוזאַמען, ווייל אַלע געטאָ־איינוווינער, קליין און גרויס, יונג און אַלט, מוזן אַרבעטן און אַלע די וועלכע אַרבעטן נישט, האָבן קיין רעכט נישט צו לעבן. זיי מוזן עוואַקויִרט ווערן, זיי מוזן שטאַרבן.

דעם 26סטן אַפּריל.

דאָס סטעמפּלעריי האָט פּלוצים היינט אויפגעהערט. פאַרוואָס, ווייסט קיינער נישט, אַפילו דער פּרעזעס מיט זיין גאַנצער באַנדע ווייסן פון גאָרנישט. דאַקעגן איז היינט פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַן אויפרוף, אַז אַלע פיזישגעזונטע מענטשן אין עלטער פון 10 ביז 60 יאָר, זאָלן זיך שטעלן צו אַ ספּעציעלער אַרבעטס־קאָמיסיע, די וועלכע די קאָמיסיע וועט פעסטשטעלן, אַז זיי זענען נישט פעיִק צו קיין אַרבעט, די וועלן דאַרפן פאַרלאָזן דאָס געטאָ, אויף זייערע ברויט־קאַרטן וועט זיין אַ סטעמפּל, „נישט פעיִק צו קיין

אַרבעט״. אַט ביי די וועט איצטער צוגענומען ווערן די רעכט צו וווינען אין דער געטאָ און ווער ווייסט וואָס נאָך עס גייט אויף די מענטשן. אויך ביי די נייע פאַראָרדענונגען קומען פאַר פאַרשיידענע שווינדלערייען. געזונטע, פעיִקע אַרבעטס־מענטשן ווערן פאַררעכנט אַלס קראַנקע און אויף זייער אָרט גייען אַריין אין די רעסאָרטן קראַנקע מענטשן. אויך ווערן געטוישט די יאָרן. אין אייניקע אַרבעטס־רעסאָרטן אַרבעטן מענטשן, וואָס זענען עלטער ווי 60 יאָר. זיי זענען אַריינגעזעצט געוואָרן אין די רעסאָרטן, ווייל זיי האָבן געהאַט גרויסע פּראָטעקציע. אַט צוליב די פּראָטעקציעס וועלן אין קורצן מוזן פאַרלאָזן די געטאָ געזונטע אַרבעטס־פעיִקע מענטשן און אויף זייער אָרט וועלן אַרבעטן אין די רעסאָרטן קראַנקע און עלטערע מענטשן.

דעם 27סטן אַפּריל.

היינט האָט חיים ווידאַווסקי אין דער וווינונג פון בערנאַרד פּרויגד אויף דער צימער־גאַס 6, איבערגעגעבן וועגן היטלערס רעדע, וואָס ער האָט געהערט דורך דעם ראַדיאָ אין געהיים.

דעם 28סטן אַפּריל.

אַ שרעקלעכע ידיעה איז היינט אָנגעקומען אין דער געטאָ אַריין. דער וואָס האָט געברענגט די ידיעה איז אַ טשענסטעכאָווער ייִד. זיין נאָמען איז האַרטמאַן. דער ייִד דערציילט: „מיט 8 טעג צוריק האָבן די לובלינער ייִדן באַקומען אַ באַפעל, אַז אין פאַרלויף פון פיר טעג, מוזן זיי פאַרלאָזן די שטאָט. דעם ערשטן טאָג האָבן פאַרלאָזט די ייִדישע אָרדענונגס־מענער, דעם צווייטן טאָג, די סאַניטאַרן־דאָקטוירים און אַלע געטאָ באַאַמטע. אויפן דריטן טאָג, — די אַרבעטער מיט זייערע פאַמיליעס וואָס האָבן די גאַנצע צייט געאַרבעט פאַרן מיליטער. אויפן פערטן טאָג האָבן פאַרלאָזט דער גאַנצער איבעריקער טייל פון דער באַפעלקערונג. מיטנעמען מיט זיך איז געווען דערלויבט נאָר אַזויפיל, וויפל יעדער איינער האָט געקענט אויף זיך נעמען. ווו די ייִדן זענען געשיקט געוואָרן, איז קיינעם נישט באַוווּסט. אַלע באַמיִאונגען געוווּיר צו ווערן, ווו מען פאַרשיקט די ייִדן, האָבן זיך נישט איינגעגעבן. דער אָפּמאַרש איז נישט געווען אַזוי פּשוט. עס זענען פאָרגעקומען האַרץ־רייסנדיקע סצענעס, טויזנטער מענטשן האָבן געחלשט און טויזנטער

האָבן געוויינט ווי קליינע קינדער; זקנים האָבן זיך געווונטשן דעם טויט אויפן אָרט. דאָס איז געווען אַ שרעקלעך בילד, אַפילו די לובלינער כלל־טוער, דער בייראַט מיט אַלע זיינע מענטשן האָבן ווי דערשראָקענע שעפסן זיך געשאַרט אין אַ זייט און אויסגעמיטן יעדע נישט פּינקטלעכקייט. עטלעכע הונדערט יידן זענען נאָך געבליבן. וויפל עס זענען פאַרבליבן, ווייסט קיין מענטש נישט.

דעם 29סטן אַפּריל.

היינט נאָכמיטיק האָט די געטאָ־פאַרוואַלטונג אויסגעקלעפּט גרויסע פּלאַקאַטן, געדרוקט אין דער דייטשער שפּראַך. דער פּלאַקאַט טיילט מיט: „אַלע דייטשע איינגעזידלטע דאַרפן פון מאָנטיק, דעם 4טן מאַי, צוריק אויסוואַנדערן פון דער געטאָ. פאַרבלייבן קענען נאָר די, וועלכע האָבן סטאַבילע פּאָסטנס אוז אויך די וועלכע האָבן געקעמפט אויפן פראָנט און באַקומען אַן אייזערנעם קרייץ. די ידיעה האָט געמאַכט אויף די דייטשע יידן אַ זייער שווערן איינדרוק.

ערשט נישט־לאַנג האָט מען זיי פון זייערע אַלטע איינגעזעסענע היימען געטריבן און איצטער מוזן זיי שוין ווידער וואַנדערן. אַריינגעקומען אין דער געטאָ זענען 23 טויזנט נפשות. דורך דער צייט זענען אויסגעשטאָרבן 7 טויזנט מאַן. אייניקע טויזנט ליגן געשוואָלענע אין די בעטן און וואַרטן ביז דער טויט וועט זיי אויסלייזן. איצט ווערן זיי אַן אַ פּאַרוואָס ווידער געטריבן און ווער ווייסט צי דאָס איז נישט זייער לעצטער מאַרש

דעם 30סטן אַפּריל.

דער פּרעזעס האָט היינט דורך אַ פּלאַקאַט מיטגעטיילט, אַז אַלע וועלכע זענען נאָך נישט געסטעמפּלט און האָבן קיין באַשעפטיקונג נישט, זאָלן פון מאָרגן אָן, קומען אויף די אָנגעוויזענע ערטער און לאָזן זיך סטעמפּלען. ווער עס וועט דאָס אויסמיידן, וועט שטרענג באַשטראָפט ווערן. באַלד ווי דער באַפעל פון פּרעזעס איז אויסגעקלעפּט געוואָרן, האָבן גרופּעס פּאָליציאַנטן גענומען קאָנטראָלירן יעדעס הויז. עס זענען אַרעסטירט געוואָרן הונדערטער מענטשן, וואָס זענען נאָך נישט געווען געסטעמפּלט. די מענטשן זענען אָפּגעשיקט געוואָרן אין די פּאָליציי־רעווירן אַזוי ווי זיי וואָלטן גע־

ווען די גרעסטע פאַרברעכער. צענדליקער אַרעסטירטע האָבן זיך געבעטן ביי די פּאָליציאַנטן: „ברידער, ייִדן, לאָזט אונדז אָפּ, מיר וועלן אַליין זיך צושטעלן און לאָזן זיך סטעמפּלען". די תחנונים האָבן נישט געהאָלפן. די פּאָליציאַנטן האָבן דערקלערט: „מיר האָבן באַקומען אַ שטרענגן באַפעל פון פּרעזעס און אָנהייבן מיט אים ווילן מיר נישט. דעריבער קענען מיר אייך נישט העלפן. איר מוזט אַרעסטירט ווערן און וואַרטן ביז אייער ריי צו סטעמפּלען וועט קומען". אַזוי־אַרום זענען דריי טויזנט מענטשן: מענער, פרויען, קינדער און אַלטע־לייט, איינגעזעצט געוואָרן און געוואַרט צוויי טעג און צוויי נעכט, ביז די דייטשע דאָקטוירים־קאָמיסיע איז צוגעטרעטן צו דער סטעמפּלעריי.

דעם 10טן מאַי

הײַנט זענען אין דער געטאָ אָנגעקומען 1.800 ניי־מאַשינען, אַ טייל נאָך פולשטענדיק נייע. די מאַשינען זענען צעטיילט געוואָרן צווישן איני־קע שניידער־רעסאָרטן. ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, זענען די מאַשינען אָנגעקומען פון די קליינע שטעטלעך: קוטנע, קאָנין און בלאַשקע. דאָס זענען מאַשינען צוגערויבטע ביי די ייִדן, וואָס זענען פון די אויבנ־דערמאָנטע שטעטלעך אַרויסגעטריבן געוואָרן. אויף אַ טייל מאַשינען האָט מען געפונען אויסגראַווירטע און אויסגעשניצטע נעמען פון די פאַמיליעס, צו וועלכע די מאַשינען האָבן געהערט. אין איין מאַשין־קעסטל האָב איך, צוזאַמען מיט יחיאל גוטרייך, געפונען עטלעכע מזוזות און אַ בריוו, געשריבן צום בלאַשקער רב, דער שרייבער פרעגט דעם רב, צי זיין משפּחה לעבט און צי זי געפינט זיך נאָך אויפן אָרט. חוץ דעם שרייבט דער מחבר פון דעם בריוו: „מאָרגן, גאַנץ פרי, מוז איך פאַרלאָזן מיין וווינונג. איך בין קראַנק און צעבראָכן. איך גלויב, אַז ביזן זאַמל־פּונקט וועל איך שוין נישט דערגיין. מיין גאַנצע משפּחה, די פרוי און מיינע 5 קינדער, זענען נעכטן אַרויסגעטריבן געוואָרן, ווו מען האָט זיי פאַרטריבן וויים איך נישט. איך האָב אַפילו נישט געקענט זיך מיט זיי געזעגענען, איך בין געווען באַהאַלטן, צוליב דעם וואָס מיט איניקע טעג צוריק האָט מען ביי אונדז אַרויסגענומען אַלע קראַנקע. איך האָב נישט מיט וועמען צו ריידן אַ וואָרט, דעריבער האָב איך אין דער לעצטער מינוט באַשלאָסן צו שרייבן אַ בריוול

און דאָס בריוול לייג איך אַריין אין מאַשין־קעסטל. אויב דאָס בריוול וועט אַריינפאַלן אין יידישע הענט, זאָלט איר, טייערע ברידער, וויסן, אַז ביי אונדז איז זייער טרויעריק. מען רודפט אונדז, מען לאָזט אונדז נישט לעבן און נישט שטאַרבן. מען שלאָגט אונדז און מען פייניקט אונדז. היינט איז שוין דער דריטער טאָג, ווי מען יאָגט אַרויס די ייִדן פון אַלע שטובן. מען טרעט אויף קליינע קינדער. דעם קליינעם ברוך מיט זיין ווייב האָט מען דערשאָסן. זיי ליגן נישט ווייט פון מיינע פענצטער. אייניקע ספרי תורות מיט נאָך פיל הייליקע ספרים האָט מען פאַרברענט. הלוואי וואָלט איך בלינד געוואָרן איידער מיינע אויגן האָבן געזען דאָס וואָס מען טוט מיט מיין פאָלק. אויב די וועלט וועט אַמאָל אויסגעלייזט ווערן, און דאָס ייִדישע פאָלק וועט פון דעם גרויזאַמען מערדער באַפרייט ווערן, זאָלט איר, ברידער, געדענקען, אַז עס וועט זיין אַ גרויסע מצוה צו נעמען נקמה אין די מערדער. קיין איינער פון זיי טאָר נישט בלייבן לעבן. אויסגעמעקט זאָל ווערן זייער נאָמען. פאַרשאָלטן זאָלן זיי ווערן אויף אייביק. געדענקט ייִדן, אויב די וועלט וועט נאָך ווייטער עקזיסטירן, זאָלט איר נישט רוען, ביז די נקמה וועט זיין אַ פולע". אונטערגעשריבן ישראל מנחם גראָסקאָפּ.

דעם 2טן מאַי.

דער פּרעזעס האָט היינט דערהאַלטן אַ בריוו פון דער געסטאַפּאָ. ווי ער האָט אים איבערגעלייענט, האָט ער צו זיך גערופן די פּריילין וואָלק, דעם אַדוואָקאַט יאַקובסאָן, ד״ר שיקער, טשאַרנעבראַדע און זיין ברודער יוסף. ווען דער פּרעזעס האָט געהייסן דער פּריילין וואָלק לייענען דעם בריוו, איז ער געווען אויסער זיך, ער האָט נישט געוווּסט וואָס מען רעדט צו אים. ער האָט דריי מאָל געהייסן איבערלייענען דעם בריוו. שפּעטער האָט ער זיך באַרויִקט און געהייסן די אָנוועזנדיקע געבן טיי. די געסטאַפּאָ האָט געשריבן אין דעם בריוו: „אַלע קראַנקע וואָס ליגן אין די שפּיטאָלן און זענען נישט היילבאַר, מוזן אויסגעליפערט ווערן פון געטאָ. פאַר זיי איז אין דער געטאָ נישטאָ קיין פּלאַץ, קיין שום עסן־צוטיילונג וועלן די קראַנקע מער נישט באַקומען. דאָס עסן וואָס מיר, דייטשן, גיבן, איז נאָר פאַר געזונטע, אַרבעטספעיִקע מענטשן. די וועלכע אַרבעטן פאַר דער ווער־מאַכט.

דאַקעגן די קראַנקע זענען נישט מער ווי אַ שטערונג און אַ לאַסט פאַר דער געטאָ. דעריבער מוזן די מענטשן באַזייטיקט ווערן״.

ווי נאָר די גזירה איז באַוווסט געוואָרן, איז געוואָרן אַ גרויסער טומל. טויזנטער משפחה־מענטשן פון די קראַנקע האָבן זיך געבעטן ביי דער לייטונג פון די שפּיטאָלן, אַז מען זאָל זיי אַרויסגעבן זייערע קראַנקע. זיי ווילן די קראַנקע האָבן ביי זיך. די לייטונג פון די שפּיטאָלן האָבן מיט קלע־מעניש איין האַרצן דערקלערט:

„מיר קענען דאָס נישט טאָן, ווייל די געסטאַפּאָ ווייסט פון יעדן קראַנקן און האָט אונדז פאַראַנטוואָרטלעך געמאַכט פאַר יעדן קראַנקן, וואָס וועט פעלן״.

די גזירה האָט געמאַכט אויפציטערן יעדן געטאָ־איינוווינער.

דעם 3טן מאַי.

עס זענען נאָך נישט אַריבער קיין גאַנצע 6 חדשים, ווי אין דער געטאָ זענען אַריינגעקומען 23 טויזנט דייטשע ייִדן. די ערשטע טעג פון זייער אַריינקום האָבן זיי ביטער געוויינט. זיי האָבן זיך נישט געקענט באַרויקן. כמעט אַלע האָבן דערציילט, אַז דאָרט אין דער אַלטער דייטשער היים, איז זיי געווען נישט שלעכט. מען האָט זיי באַליידיקט, אָבער עסן האָבן זיי גע־האַט; מען האָט זיי שלעכט טראַקטירט, אָבער געשלאָפן זענען זיי אויף אַ ריין געלעגער. דאָ אין דעם שמוציקן געטאָ, האָבן זיי שרעקלעך געליטן פון נויט, קעלט און קראַנקהייטן. אָבער נישט קוקנדיק דערויף, האָבן זיי זיך שוין צוגעוווינט צו די ביטערע צרות. איצט איז אָנגעקומען אַ נייע גזירה: די דייטשע איינגעוואַנדערטע ייִדן מוזן צוריק פאַרלאָזן דאָס געטאָ.

דעם 4טן מאַי.

צוליב דעם וואָס די דייטשע ייִדן וועלן, אין גיכן, פאַרלאָזן דאָס געטאָ, איז געוואָרן אַן אויסערגעוויינלעכער יקרות, וואָס אַזעלכער איז נאָך אין דער געטאָ נישט געווען. די דייטשע ייִדן גיבן אַוועק די בעסטע אָנצוגן, די בעסטע קליידער, די בעסטע וועש פאַר אַ שטיקל ברויט אָדער פאַר אַ פּאָר קאַרטאָפל.

פאַר איין דעקאָ מאַרגאַרין באַקומט מען די בעסטע קראַוואַטן, טאַשן־

טיכלעך, פינגערלעך און אַנדערע זאַכן. די פּרייזן אויף פּראָדוקטן זענען אַזוי געשטיגן, אַז ס'איז פּשוט אומגלויבלעך. אַ ברויט פון צוויי קילאָ קאָסט היינט 400 מאַרק; איין קילאָ קאַרטאָפל 500 מאַרק; איין דעקאָ מאַרגאַרין 10 מאַרק; איין קילאָ רויטע בוראַקעס 40 מאַרק.

דעם 5טן מאַי.

אויף אַ זיצונג אין דער אינטעליגענטן־קיך, אויף וועלכער עס זענען אַנוועזנד געווען כמעט אַלע לייטערס פון די אַרבעטס־רעסאָרטן, האָט דער „חשובער״ פּרעזעס געגומען שעלטן און זידלען אַלע לאָדזשער יידן איבער־הויפּט איז ער געווען אין כעס אויף די, וועלכע האָבן אויפגעגעסן צו פרי די קאַרטאָפל. בעת זיין שעלטן און זידלען האָט זיך נישט געפונען קיינער פון די רעסאָרט־לייטער, וואָס זאָל זאָגן: „פּרעזעס לעבן, שטעלט אָפּ די קללות, ווייל דאָס פאָלק איז שוין גענוג פאַרשאָלטן. אַנשטאָט די זידלערייען און די קללות, זאָגט אונדז בעסער אַ פּאָר טרייסט־ווערטער, כדי מיר זאָלן דאָס קענען איבערגעבן די אומגליקלעכע ברידער אונדזערע״. ניין, קיין איינער פון די לייטערס האָט זיך נישט דערוועגט צו זאָגן דעם פּרעזעס, אַז אַ פירער פון אַ פאָלק מוז נישט שטענדיק זיין אין כעס. מוז נישט שטענדיק אַרומגיין מיט קללות. אַ פאָלקס־פירער דאַרף אַמאָל אויך קענען זאָגן אַ פּאָר טרייסט־ווערטער.

דעם 6טן מאַי.

די דייטשע יידן האָבן היינט באַקומען אַ צוגאָב־באַפעל, אַז אַלע, וועלכע באַקומען די אויפפאָדערונג צו פאַרלאָזן דאָס געטאָ, דאַרפן מיטנעמען מיט זיך נאָר צו 6 קילאָ געפּעק. ביז היינט האָבן זיך געמאָלדן 16 יידן, וואָס האָבן באַקומען ביי דער ערשטער וועלט־מלחמה פון דער דייטשער רעגירונג אייזערנע קרייצן, פון די אַלע פאַרבליבענע איז דער געטאָ. אויף זיי איז נישט חל דער באַפעל צו פאַרלאָזן די געטאָ.

דעם 9טן מאַי.

היינט איז געוואָרן אַ יאָר ווי די 10 יידישע ריכטער האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון זייערע ריכטער־פּאָסטנס, צוליב דעם וואָס די דייטשע מאַכט האָט

זיי געצוווּנגען אַרויסצוגעבן טויט־אורטיילן אויף ייִדן. בעת די דעמאָלטדיקע אונטערהאַנדלונגען, האָט רומקאָווסקי זיי געוואָרנט, אַז אויב זיי וועלן דעם באַפעל נישט אויספירן, וועט ער זיי טראַקטירן ווי פאַרברעכער. די אונטערהאַנדלונגען זענען דעמאָלט פאָרגעקומען איינציקע טעג און די 10 ייִדישע ריכטערס, וואָס אין זייער שפּיץ איז געשטאַנען אַדוואָקאַט ווייסקאָפּ, האָבן קאַטעגאָריש דערקלערט, אַז זיי וועלן קיין איין ייִד נישט פאַרמשפּטן צום טויט, מעגן די דייטשן טון וואָס זיי ווילן. דערנאָך זענען קעגן זיי אָנגענומען געוואָרן די שאַרפסטע רעפּרעסיעס: זיי זענען באַזייטיקט געוואָרן פון אַלע געזעלשאַפטלעכע געטאָ־אַרבעטן. זיי האָבן זיך אַרומגעדרייט און געהונגערט. איינציקע זענען אָוועקגעשיקט געוואָרן אויף אַרבעט קיין דייטשלאַנד און איינציקע האָבן אין געהיים באַקומען שטיצע. היינט האָט דער פּרעזעס צו זיך גערופן דעם לייטער פון די מיסט־פירער און אים באַפוילן, אַז ער זאָל די געוועזענע ריכטערס איינשפּאַנען צו זייער שווערע אַרבעט. אַט אַזוי רעכנט זיך דער פּרעזעס אָפּ מיט די וועלכע האָבן מוט און ווילן נישט נאָכגיין זיין טיראַנישן וועג.

דעם 10טן מאַי.

1.000 לאָדזשער ייִדן האָבן זיך פרייוויליק געמאָלדן, אַז זיי ווילן מיטפאָרן מיט די דייטשע ייִדן. זיי דערקלערן, אַז זיי האָבן מער קיין כּוח נישט אויסצוהאַלטן און איבערצוטראָגן דעם גרויזאַמען הונגער. „אונדז איז שוין אַלץ איינס. עס איז פיל בעסער איין טאָג צו זיין זאַט און דערנאָך צו שטאַרבן, ווי אַ גאַנץ יאָר צו הונגערן און שפּעטער אויסגיין ווי אַ וואָרעם. סיי ווי סיי וועלן מיר דאָ נישט אויסהאַלטן. איינער פריִער און איינער שפּעטער. אַלע וועלן מיר אומקומען". אַ שרעקלעך בילד איז צו זען, ווי קליינע אויסגעדאַרטע קינדער שלעפּן זיך צוזאַמען מיט די עלטערן און רופן אויפן קול: „ווען וועלן מיר שוין אַרויס פון דאַנען? מיר גייען אויס פון הונגער!".

דעם 11טן מאַי.

אויפן בית־עולם איז היינט געווען אַ שווערער טאָג. 166 טויטע זענען היינט געבראַכט געוואָרן צו קבר־ישראל. די גרעבער האָבן נאָך אַזאַ טאָג נישט געהאַט. גאַנצע 12 שעה אַרבעט אָן איבעררייס. דעם גרעסטן טייל האָט

מען מקבר געווען אָן טהרה און אָן תכריכים. טייל מתים זענען פּשוט אַריינ־געוואָרפן געוואָרן אין גרוב און אויף שנעל פאַרשאָטן געוואָרן. ווען איך האָב געפרעגט דעם בית־עולם־לייטער: „וואָס איז דאָס היינט אַזאַ איילע־נישז?" האָט ער דערקלערט, אַז אַזאַ באַפעל איז געקומען, עס טאָרן נישט איבערבלייבן קיין מתים אויף צו מאָרגנס. די וועלכע שטאַרבן מוזן דעם זעלבן טאָג קומען צו קבר־ישראל.

דעם 12טן מאַי.

עס איז נאָך נישט פאַרענדיקט געוואָרן דאָס אַרויסשיקן די 12 טויזנט דייטשע יידן און עס ווערט שוין שטאַרק גערעדט, אַז אין גיכן וועלן אין דער געטאָ אַריינקומען 30 טויזנט יידן פון דער לאָדזשער פּראָווינץ. ווי עס ווייזט אויס, ווערן איצטער מקוים די ווערטער וועלכע מען האָט גערעדט מיט חדשים צוריק, אַז די לאָדזשער געטאָ וועט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ סאָרטיר־לאַגער פאַר די יידן פון דער גאַנצער לאָדזשער פּראָווינץ. ווי עס ווייזט אויס, וועט עס אַזוי זיין. מען וועט ברענגען יידן, דערנאָך וועט מען זיי אַרויסשיקן. שפּעטער וועט מען ווידער ברענגען יידן און ווידער אַרויס־שיקן. אַזוי לאַנג ביז אַלע יידן וועלן פאַרטיליקט ווערן. דערביי וועט מען רויבן, מאָרדעווען און פאַרניכטן. מען שמועסט, אַז אויך דאָס איז אַ שטיקל אַרבעט פון דעם שעף פון דער געטאָ־פאַרוואַלטונג, ביבאָוו. ער און זיינע געהילפן באַווייזן דער דייטשער מאַכט, אַז זיי טוען אויף וויכטיקע זאַכן. די נוצלעכע יידן ווערן גענומען אויף אַרבעט, זייער פאַרמעגן ווערט צוגע־רויבט און די נישט נוצלעכע ווערן געשלאָגן, געפּייניקט ביז זיי קומען אום.

דעם 13טן מאַי.

די געסטאַפּאָ האָט היינט פונאַנדערגעשיקט בריוו צו די דייטשע יידן וואָס באַזיצן אייזערנע קרייצן פון יאָר 1914, אַז יעדער איינער פון זיי מוז פּערזענלעך קומען אויפן באַלוטער־מאַרק, כדי מען זאָל פעסטשטעלן צי זיי זענען טאַקע די אויטענטישע קרייץ־באַזיצער. די וועלכע האָבן זיך צוגע־שטעלט זענען זייער העפלעך אויפגענומען געוואָרן. מיט אַ טייל פון זיי האָבן די געסטאַפּאָ־אַגענטן געשמועסט און געפרעגט, ווי עס גייט זיי אין דער געטאָ. איניקע פון די מונדירירטע ווערמאַכט־לייט האָבן אַפילו דער־

קלערט, אַז עס וועט זיך אין גיכן אַלץ ענדיקן צום גוטן און די דייטשע ייִדן וועלן קענען פריי לעבן און פריי עקזיסטירן. ווער ווייסט, וואָס די געסטאַפּאָ־מערדער מיינען מיט דעם? צי זיי שפּילן נישט אויף אונדזערע קראַנקע נערוון?

דעם 14טן מאַי.

היינט איז אָפּגעגאַנגען דער לעצטער טראַנספּאָרט דייטשע ייִדן. דער טראַנספּאָרט האָט געציילט 1.200 נפשות. אַ העלפט פון זיי זענען געווען אַלטע, קראַנקע און צעבראָכענע מענטשן. איבער 50 % וועלן אויפן אָרט נישט אָנקומען קיין לעבעדיקע, אַ טייל זענען אין די וואַגאָנען אַריינגע־טראָגן געוואָרן, ביז דער צוג האָט גערירט פון אָרט זענען פאַרנאַטירט גע־וואָרן 8 טויטע. דער טראַנספּאָרט־לייטער האָט די טויטע נישט געלאָזט אַראָפּנעמען פון די וואַגאָנען. ער האָט דערקלערט: „איך דאַרף צושטעלן 1.200 קעפּ און די זענען שוין אָפּגעציילט, דעריבער קען איך די טויטע פון די וואַגאָנען נישט אַרויסנעמען".

דעם 15טן מאַי.

די אַמאָל רייכע לאָדזשער פרוי בירענשטיין, וואָס ליגט שווער קראַנק, איז היינט ברוטאַל אַרויסגעוואָרפן געוואָרן פון איר וווינונג. זי איז פון דער וווינונג באַזייטיקט געוואָרן, ווייל זי האָט זיך נישט צוגעשטעלט צו דער סטעמפּל־קאָמיסיע. עס האָבן נישט געפּועלט די געשרייען פון די שכנים און פון אַנדערע מענטשן, וואָס האָבן נישט געקענט צוקוקן צו דעם גרויזאַמען ספּעקטאַקל. די פרוי בירענשטיין איז פאַרן קריג געווען גוט באַקאַנט אין לאָדזש. אַלע ייִדישע אינסטיטוציעס האָבן מיט אַ ברייטער האַנט געניאָסן פון איר הילף. אויך דער פרעזעס האָט נישט פאַרפעלט קיין איין וואָך זי צו באַזוכן און צו קריגן פון איר צדקה־געלט פאַר זיינע געזעלשאַפט־לעכע געשעפטן. איר מאַן מיט אירע צוויי זין זענען דערהרגעט געוואָרן אויפן וועג קיין בזשעזשין. די איינציקע טאָכטער, וואָס איז געווען באַרימט אַלס שיינהייט איז, בעת זי איז אַריינגעטריבן געוואָרן אין דער געטאָ, פּלוצים קראַנק געוואָרן און איז געשטאָרבן. די פרוי בירענשטיין איז שווער קראַנק געוואָרן און אויפגעהערט צו זען. ווען נישט די שכנים וואָלט זי

שוין לאַנג אויסגעהויכט איר נשמה. איצט וויינט זי שוין נישט מער. זי האָט אָנגעהויבן צו לאַכן. זי זאָגט:

„איוב דאָס וויינען האָט נישט געפּועלט, אַלע מיינע געבעטן און תפילות זענען ביי גאָט נישט אָנגענומען געוואָרן, וועט אפשר דער רבונו של עולם אָנעמען מיין געלעכטער און וועט מיך באַפרייען פון די רשעים״.

די פּאַביאַניצער טראַגעדיע.

דעם 16טן מאַי.

היינט האָט דאָס פּאַסירט! דאָס פון פריער באַוווּסטע, אַז עס וועלן קומען יידן פון די קליינע שטעטלעך אין דער לאָדזשער געטאָ אַריין איז מקוים געוואָרן. אָבער קיינער וואָלט זיך נישט פאָרגעשטעלט ווי אַזוי די פּאַביאַניצער יידן זענען פון זייערע איינגעזעסענע היימען אַרויסגעטריבן געוואָרן. עס דערציילט שמולע גרינבערג:

„די גאַנצע צייט האָבן מיר שווער געאַרבעט פאַר דער ווערמאַכט. פּלוצים איז געקומען אַ באַפעל, אַז אַלע יידן אָן אויסנאַם, אַלט און יונג, זאָלן זיך פאַרזאַמלען אויפן מאַרק. נישט קוקנדיק וואָס דער רעגן האָט געהאַלטן אין איין גיסן, האָבן זיך אַלע פאַרזאַמלט אויף דעם אָנגעוויזענעם פּלאַץ. 6 שעה אָן איבעררייס זענען מיר אַזוי געשטאַנען איינער צוגעדריקט צום צווייטן און געבעטן דעם גאָט פון ישראל, אַז ער זאָל ווי אַמשנעלסטן אַ סוף מאַכן מיט אונדז, ווייל גרויס איז געווען אונדזער צער און ווייטיק, זעענדיק ווי אונדזערע קינדער פאַלן פון די כוחות און קענען מער זיך נישט האַלטן אויף די פיס. ווען די נאַכט איז צוגעפאַלן האָט מען געהייסן די מענער שטעלן זיך באַזונדער און די קינדער, זקנים און פרויען אויך באַזונדער. אָפּשטייענדיק איבער אַ האַלבע שעה צייט איז געקומען אַ באַפעל, אַז אין 5 מינוט מוזן אַלע אַריין אין די טראַמוויי־וואַגאָנען און ווער עס וועט פאַרשפּעטיקן, דער וועט אויפן אָרט דערשאָסן ווערן. ווען דער טרויעריקער באַפעל איז אַרויסגעגעבן געוואָרן, האָבן די פרויען מיט די קינדער זיך געריסן צו זייערע מענער און געוואָלט צוזאַמען אָפּפאָרן. אין דעם מאָמענט האָט זיך פאַר אונדזערע אויגן אָפּגעשפּילט אַ טרויעריק בילד. די געסטאַ־פּאָוצעס, צוזאַמען מיט מונדירירטע פאַרשיידענע מינים מערדער, האָבן

אָנגעהויבן שלאָגן און טרעטן מיט די פיס יעדן איינעם וואָס האָט נישט באַוויזן צו אַריינלויפן אין וואַגאָן. קליינע קינדער זענען אַוועקגעריסן געוואָרן פון די מוטערס און זענען ברוטאַל אַוועקגעשליידערט געוואָרן אויפן נאַסן ברוק. אַ סך קינדער זענען אַזוי אַרום אויפן אָרט געטויט געוואָרן. די געוואַלדן פון די עלטערן און די שרעקלעכע קולות פון די קליינע קינדער האָבן פאַרהילכט דעם אַרום. ווען די 2.400 נפשות זענען שוין אַריינגעפּאַקט געוואָרן אין די וואַגאָנען, האָבן מיר ערשט געזען אונדזער גרויסן בראָך. איצט זענען מיר אין דער לאָדזשער געטאָ, מענער אָן פרויען, פרויען אָן קינדער און קינדער אָן עלטערן. צעראַבירט איז געוואָרן אונדזער גאַנץ פאַרמעגן. פאַר אונדזערע אויגן האָבן פּאָליאַקן געראַבעוועט און אַרויסגעטראָגן פון אונדזערע שטובן אַלץ, וואָס זיי האָבן געוואָלט.

דעם 17טן מאַי.

היינט פאַרמיטאָג איז אָנגעקומען די צווייטע פּאַרטיע פּאַביאַניצער ייִדן. דער גרעסטער טייל פון דער צווייטער פּאַרטיע זענען מענער. דער גרעסטער טייל זעט נישט שלעכט אויס, זיי זענען געזונט און אויף זייערע פּנימער דערקענט מען נישט, אַז זיי זאָלן האָבן געקריגן געשלאָגן. די צווייטע פּאַרטיע דערציילט:

„אַ גאַנצע נאַכט האָט מען אונדז געהאַלטן אויפן פרייען פעלד. מיר זענען געווען אַרומגענומען מיט אַ שטאַרקער וואַך. קיין עסן האָט מען אונדז נישט געגעבן. עס איז אונדז אויך נישט דערלויבט געוואָרן מיטצונעמען עסן פון אונדזערע שטובן. דאָס גאַנצע האָב און גוטס איז איבערגעלאָזן געוואָרן אויף הפקר. אַלע ייִדן זענען אַרויס נאַקעט און באָרוועס. אַ טייל האָבן באַקומען קלעפּ, אָבער אַזוי גרויזאַם ווי מען האָט באַהאַנדלט די ערשטע פּאַרטיע האָט מען אונדז נישט. קינדער ביז 10 יאָר איז אונדז נישט דערלויבט געוואָרן מיטצונעמען. די קינדער צוזאַמען מיט די זקנים זענען אָפּגעשיקט געוואָרן אויף אַ צווייט אָרט. וואָס מען וועט מיט די קינדער און זקנים דאָרט טון, ווייסן מיר נישט. עס קורסירן אַרום שוידערלעכע ווערסיעס. איינער פון די געטאָ־אַגענטן האָט געזאָלט זאָגן, אַז דאָס אַלץ גייט אויף שמעלץ. דער זעלבער האָט אויך געזאָגט, אַז עס איז דאָ אַ פאַראָרדענונג, לויט וועלכער ייִדן וואָס זענען נישט פעיִק צו קיין אַרבעט האָבן נישט קיין

רעכט צו לעבן. ווען מען האָט פון אונדז אַוועקגעריסן די קינדער האָבן זיי ספּאָזמירט, געוויינט און געריסן זיך אויף צוריק צו די עלטערן. עס האָט גאָרנישט געהאָלפן: די קינדער זענען מיט געוואַלד פון אונדז אַוועקגעריסן געוואָרן״.

נישט אַלע פּאַביאַניצער ייִדן זענען אַריינגעשיקט געוואָרן אין דער לאָדזשער געטאָ. אַרויסגעטריבן געוואָרן זענען 8.000 נפשות און אין דער לאָדזשער געטאָ זענען אַריינגעקומען אַן ערך 4.000 נפשות. די אַנדערע 4.000 זענען אָפּגעשיקט געוואָרן אין אַן אומבאַקאַנטער ריכטונג. אין אַלגע־מיין הערציילן די מענטשן פון דער צווייטער פּאַרטיע, אַז זיי איז ביז היינט נישט שלעכט געווען. זיי האָבן געהאַט גענוג צום עסן; ביי יעדן אין דער שטוב זענען איבערגעבליבן גאַנצע טעפּ איינגעמאַכטס, מעל, צוקער, שמאַלץ און אַנדערע פּאַרשיידענע פּראָדוקטן. זיי האָבן אַ סך געהערט פון דער לאָדזשער געטאָ, אָבער אַז זי איז אַזוי טרויעריק און אַזוי ביטער האָבן זיי זיך נישט פאָרגעשטעלט. אין פּאַביאַניץ, — האָבן די מענטשן דערציילט, — האָט יעדער געקענט קויפן ברויט וויפל זיין האַרץ האָט אים געגלוסט. פאַר 6 מאַרק האָט יעדער איינער באַקומען ברויט וויפל ער האָט געוואָלט. איצט לויפן די מענטשן אַרום דערשראָקענע, צעבראָכענע זוכן, נישטערן און פרעגן, ווי זענען אונדזערע נאָענטסטע, אונדזערע קינדער און אונדזערע טאַטעס און מאַמעס?

דעם 18טן מאַי.

אַ גרויסע בהלה איז היינט אין געטאָ. די געסטאַפּאָ האָט באַפוילן אָנצו־הייבן אַ רעגיסטראַציע פון אַלטע לייט, קראַנקע און קינדער פון 1 יאָר ביז 8 יאָר. ווי נאָר דער באַפעל איז באַקאַנט געוואָרן, האָב איך זיך געווענדט צוביידע אָנפירערס פון דער זאָנדער־פּאָליציי, מאַרק קליגער און דוד גערטלער, ביידע האָבן מיר געזאָגט, אַז עס גייען שווערע טעג און מען דאַרף זיין גרייט אויף אַלץ. אויך מיר, די ייִדן פון לאָדזש, וועלן טיילן דעם גורל פון די ייִדן אין די קליינע שטעטלעך. יעדנפאַלס, — האָט גערטלער צוגעגעבן, — איז דאָס נישט אויף היינט אָדער מאָרגן, די געסטאַפּאָ רייניקט איצטער אָפּ דעם גאַנצן וואַרטעגאַו געביט. דערנאָך קען זיין, וועלן זיי זיך נעמען צו דער געטאָ פון ליצמאַנשטאָט. אַ סך האָבן זיי געפרעגט,

ציי זיי ווייסן ווו די יידן קומען אַהין? האָבן זיי געענטפערט: „פאַר אונדז איז די זאַך פאַרהוילן". עס קען זיין, אַז דער פּרעזעס ווייסט יאָ עפּעס דערפון.

די בזשעזשינער טראַגעדיע.

דעם 19טן מאַי.

היינט פרי איז אָנגעקומען די ערשטע פאַרטיע בזשעזשינער יידן, די פרויען און די קינדער אין עלטער פון 10 יאָר זענען אַוועקגעשיקט געוואָרן אויף אַ צווייט אָרט און קיינער ווייסט נישט ווו. ד"ר וואָרהאַפט און יאשא זאַגאַן דערציילן:

„דעם 15טן מאַי האָט די געסטאַפּאָ באַפוילן, אַז אַלע קינדער אין על־טער פון אַ יאָר ביז צען זאָלן זיך פאַרזאַמלען. עס פאַרשטייט זיך, אַז מיט די קינדער זענען מיטגעגאַנגען די מוטערס און אויך עלטערע מענטשן. זיי זענען אַלע אַוועקגעשיקט געוואָרן אין אַן אומבאַקאַנטער ריכטונג. אַלע אונדזערע געבעטן און געוויינען האָבן נישט געהאָלפן. די דייטשן האָבן אונדז פאַרזיכערט, אַז די קינדער וועט גאָרנישט געשען, מען שיקט זיי אין אַ ספּעציעלן זאַמל־לאַגער פאַר יידן־קינדער".

ווייטער האָבן זיי דערציילט:

„4 אַזייגער פאַרטאָג האָט מען אונדז אויפגעוועקט. יעדער איינער האָט באַקומען נישט מער ווי 10 מינוט צייט מיטצונעמען מיט זיך דאָס ניי־טיקסטע, וואָס מען קען טראָגן אויף זיך. ווער עס וועט פּרוּוון נעמען עפּעס מער, וועט אויפן אָרט דערשאָסן ווערן. עס פאַרשטייט זיך, אַז דער באַפעל איז אויסגעפירט געוואָרן. מיט שרעק און האַרץ־קלעמעניש האָבן זיך די 6.000 בזשעזשינער יידן, מיט זייערע פרויען און קינדער, פאַרזאַמלט אויף די געטאָ־גאַסן. ווען אַלע זענען שוין אַרויסגעטריבן געוואָרן פון די שטובן האָט מען געמוזט דורכגיין אַ שפּאַלער פון געסטאַפּאָ־אַגענטן און די אַגענטן האָבן אונדז געציילט. קינדער ביז 10 יאָר צוזאַמען מיט זייערע מוטערס, ווי אויך זקנים און קראַנקע זענען אָפּגעזונדערט געוואָרן און מיר האָבן באַקומען אַ באַפעל זאָפאָרט אָפּצומאַרשירן".

דעם 20סטן מאַי.

היינט אין דער פרי איז אָנגעקומען די צווייטע פּאַרטיע בזשעזשינער ייִדן. די מענטשן האָבן יאָ געטראָגן פּעקלעך. זיי האָבן דערציילט, אַז זיי האָבן געקענט מער מיטנעמען. זיי האָט מען נישט רעווידירט. צוליב דער מורא אָבער האָבן זיי כמעט ווי גאָרנישט מיטגענומען. דעם גאַנצן וועג זענען זיי געגאַנגען צופוס און זענען באַגלייט געוואָרן דורך אַ שטאַרקער וואַך. די סאָלדאַטן האָבן זיי נישט געיאָגט, זיי האָבן זיך אַפילו עטלעכע מאָל אָפּ־גערוט. ווי נאָר אָבער זיי האָבן זיך דערנעענטערט צו לאָדזש, האָט גענומען אַ סוף צו דער גוטער באַנעמונג פון די סאָלדאַטן. זיי האָבן אָנגעהויבן שרייען יאָגן און אויך שלאָגן. די קראַנקע און די מידע זענען געטרעטן געוואָרן מיט די סאָלדאַטסקע שטיוול. אין בהלה האָבן אַ טייל אַוועקגעוואָרפן די אָפּגעראַטעוועטע פּעקלעך, כדי זיך לייכטער צו מאַכן דעם וועג. אַזוי איז אָנגעקומען די צווייטע פּאַרטיע אַרויסגעטריבענע ייִדן פון בזשעזשין.

דעם 21סטן מאַי.

היינט איז אָנגעקומען אַ דריטע פּאַרטיע ייִדן פון בזשעזשין. דאָס מאָל בלויז מענער. די פרויען און קינדער זענען אַוועקגעשיקט געוואָרן אין אַ צווייטער ריכטונג. די ייִדן פון דער דריטער פּאַרטיע דערציילן וועגן גרוי־ליקע זאַכן, וואָס זיי זענען אויפן וועג אַדורכגעגאַנגען:

„אַזוי ווי מיר זענען אַרויס פון בזשעזשין האָט מען אונדז אָנגעהויבן שלאָגן. פון דערווייטנס האָבן מיר נאָך געהערט די געוויינען פון אונדזערע פרויען און קינדער. די גאָר קליינע קינדער זענען מיט געוואַלד אַוועקגעריסן געוואָרן פון די מוטערס. זייערע געוואַלדן זענען דערגאַנגען עד לב השמים. 6 שעה דורך אַנאַנד, אָן איבעררייס, זענען מיר געשלאָגן געוואָרן. אַ קילאָ־מעטער פאַר לאָדזש האָט מען אונדז געהייסן זיך אויסשטעלן אין רייען. דעמאָלט האָבן מיר צייט געהאַט זיך אָנצוקוקן און מיר האָבן געזען ווי מיר זעען אויס. פון אַלע האָט גערונען דאָס בלוט און די מערדערס זענען געשטאַנען און געלאַכט און געוויצלט זיך איבער אונדזער טרויעריקייט. איין אָפיציר האָט געשריגן: „דאָס איז נאָך נישט אַלעס, אייער ענדע קומט“.

שלמה פראַנק

דעם 22סטן מאַי.

היינט גאַנץ פרי איז אָנגעקומען אַ פּאַרטיע ייִדן פון סטריקאָוו. מיט צוויי וואָכן צוריק, איידער מען האָט זיי אַרויסגעטריבן פון שטעטל האָט מען זיי צעטיילט אין צוויי מחנות. די עלטערע, קראַנקע און קינדער ביז 10 יאָר זענען פון זיי אָוועקגענומען געוואָרן און מען וויסט נישט ווו זייער געבליבן איז אַהינגעקומען. ווען עטלעכע האָבן געזוכט צוריקלויפן צו זייערע עלטערן האָבן די מערדער אָנגעהויבן שיסן אין זיי און זיי זענען אויפן אָרט געפאַלן. צוויי וואָכן שפּעטער איז אָנגעקומען אַ באַפעל, אַז אַלע ייִדן מוזן פאַרלאָזן דאָס שטעטל. צוויי שעה צייט איז זיי געגעבן געוואָרן בכדי איינצופּאַקן די נייטיקסטע זאַכן. געלט, פּראָוויאַנט און צירונג איז זיי נישט דערלויבט געוואָרן מיטצונעמען. די שליסלען פון די שטובן האָבן געמוזט בלייבן שטעקן אין די טירן. נישט קוקנדיק אויף דעם האָבן זיך אַ טייל געפרייט, ווייל עס האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז זיי פאָרן צו די פרויען און קינדער. דאָס האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ ליגן. דעם גאַנצן וועג האָט די וואַך זיי שלעכט באַהאַנדלט. זיי האָבן זיי נישט דערלויבט זיך אָפּצורוען, צו טרינקען אַ ביסל וואַסער און אַפילו נישט דערלויבט צו דערליידיקן די מענטשלעכע באַדערפעניש. זיי האָבן געטריבן פּונקט אַזוי ווי מען טרייבט היינט אָדער חזירים. פאַר יעדן קלענסטן „חטא" האָבן די געטריבענע געקריגן שמיץ איבערן לייב. אין מיטן וועג זענען זיי געוואויר געוואָרן, אַז מען פירט זיי קיין לאָדזש, דעמאָלט איז זיי נאָך ביטערער געוואָרן אויף דער נשמה, ווייל זיי האָבן געוווסט, אַז די לאָדזשער געטאָ איז אַ געטאָ פון טויט. איצט זענען זיי דאָ צווישן אונדז, נאַקעטע און באָרוועסע, אָן קיין שום מיטלען צום לעבן, אָן היים, אָן משפּחה און זיי האָבן נישט ווו דעם קאָפּ אַוועקצולייגן.

דעם 23סטן מאַי.

עס זענען נאָך נישט אויסגעטרוקנט געוואָרן די טרערן פון די פּאַביאַניצער, בזשעזשינער און סטריקאָווער ייִדן און שוין איז געשען אַ פרישע טראַגעדיע, נאָך אַ שרעקלעכערע. אַלע לאַסקער ייִדן זענען אין פאַרלויף פון 15 מינוט אַרויסגעטריבן געוואָרן פון זייערע היימען און זענען אויף אַ

מוראַדיקן אופן אַריינגעטריבן געוואָרן אין דער לאָדזשער געטאָ אַריין. זיי דערציילן:

„ווי נאָר דער באַפעל איז צו אונדז אָנגעקומען האָבן די געסטאַפּאָוו־צעס מיט זייערע פּוילישע געהילפן אָנגעהויבן אונדז צו שלאָגן, דאָס שלאָגן האָט אַזוי אָנגעהאַלטן 2 שעה צייט, דאָס בלוט איז גערונען פון אונדז אַזוי ווי וואַסער. שפּעטער האָבן מיר באַקומען 15 מינוט צייט, צונעמען דאָס ביי־טיקסטע און זיך צו שטעלן צום אָפּמאַרש. מיר האָבן באַלד פון אָנהייב געוווּסט, אַז מען טרייבט אונדז אין דער לאָדזשער געטאָ אַריין. מיר האָבן אַפילו געפּרוּווט בעטן, אַז מען זאָל אונדז לאָזן מיטנעמען אַ ביסל בעטגע־וואַנט, אָבער עס האָט נישט געהאָלפן. דער ענטפער איז געווען קורץ און שאַרף: „יידן מוזן שטאַרבן! פאַר יידן איז נישטאָ קיין בעטגעוואַנט, ווייל איר זענט נאָך ערגער ווי די קרעציקע הינט".

דעם 24סטן מאַי.

האַרצרייסנדיק זענען די בילדער, וואָס מען זעט איצט אויף די געטאָ־גאַסן. מען זעט מענטשן צעבראָכענע מיט אויגן געשוואָלענע פון וויינען, צעשלאָגענע, צעטראָטענע און הונגעריקע אָפּגעריסענע באַשעפענישן. אַ טייל פון די פריש־אָנגעקומענע ליגן אין די שפּיטאָלן און וואַרטן אויפן טויט. אַנדערע דרייען זיך אַרום און ווייסן נישט וואָס מען פרעגט זיי און וואָס מען רעדט צו זיי. זיי לויפן אַרום אַ גאַנצן טאָג און זוכן הילף. זיי זוכן אַן אַמאָליקן פריינט, אפשר וועט ער קענען מיט עפּעס העלפן. לײדער זענען אַלע טירן פאַרשלאָסן. נישט די קהילה ענטפערט זיי, אַזוי ווי מען דאַרף גערודפטע ברידער ענטפערן, נישט די אַמאָליקע פריינט קענען מיט עפּעס זיי העלפן, און נישט די געהאָלפענע זענען צופרידן מיט דער הילף. ביים טויער פון דרעווונאָווסקאַ 13 האָב איך היינט געזען דאָס בילד, וואָס האָט מיך אינגאַנצן צעבראָכן.

צוויי פרויען פון שטעטל פּאַביאַניץ האָבן זיך פלוצים געטראָפן, זענען זיי ביידע אויף זיך אַרויפגעפאַלן און אָנגעהויבן אויפן קול צו וויינען, ביידע מאַמעס האָבן געשריגן:

„ווו זענען אונדזערע קינדער?" ווו זענען אונדזערע מענער?"

ביידע פרויען האָבן אַזוי ביטער געוויינט, אַז ווער עס איז דורכגע־

גאַנגען האָט זיך אָפּגעשטעלט און מיטגעוויינט. זיי האָבן זיך בשום אופן ניט געקענט באַהערשן, ביז זיי זענען געפאַלן אין חלשות. שפּעטער, ווען מען האָט זיי אָפּגעמינטערט, האָבן זיי אָנגעהויבן אויפסניי וויינען און געבעטן זיך, אַז מען זאָל זיי נישט ראַטעווען.

דעם 25סטן מאַי.

היינט האָט דער פּרעזעס זיך געלאָזט הערן. ער האָט צו זיך גערופן אַלע רעדל־פירער און פאַר זיי געהאַלטן אַ גרויסע און אַ פייערדיקע רעדע.

דעם אויבן־אָן האָבן פאַרנומען: ראָזענזאָן, גוטמאַן, שטשענשליווע, רומ־קאָווסקי יוסף, אינזשיניער גוטמאַן, ל. ניימאַן, זייבערט, שוואַרץ, ערליך איזשעניער שפּער, קליימאַן, הערצבערג, טשאַרנעבראָדע, אינזשעניער סטרי־קאָווסקי, כימאָוויטש, אינזשיניער דאַווידאָוויטש, לעווין, ראָזן, שוואַרצאָוו־סקי, מאָזעלטשאַ, געטריימאַן, איזשביצקי, זאַנאָוונט, אַדוואָקאַט נאַפּטאַלין, ליטווין, יאַקובאָוויטש, ראַדזשעווסקי, זבאַר, וואַרשאַווסקי, יאַמניק, קליגער, קויפמאַן, ב. פוקס, מיכאל פראַנק אַדוואָקאַט יאַקובזאָן, פריילין וואָלק, גאַר־פינקעל, בלעמער און אַנדערע. איידער דער פּרעזעס האָט אָנגעהויבן רעדן, האָט ער זיך געסודעט מיט עפּעס אַ פריילין אַ 10 מינוט צייט. דער עולם איז געזעסן שטיל און געדולדיק געוואַרט ביז דער „חשובער פּרעזעס" וועט אָנהייבן רעדן צו די משרתים. ער האָט געזאָגט:

„איר זאָלט מיר אַנטשולדיקן מיין נישט טאַקטישקייט, וואָס איך האָב איך אַ ביסל אויפגעהאַלטן. גלייבט מיר אויף זיכער, אַז איך האָב גערעדט מיט דער פריילין וועגן זייער אַ וויכטיקן ענין, וואָס וועט פיל גוטס ברענ־גען. אַלזאָ, איך האָב אייך געוואָלט זאָגן, אַז איר זאָלט מער אַכטונג געבן אויף דער געטאָ־אַרבעט. פון היינט אָן מוז די אַרבעט נאָך בעסער אויס־געפירט ווערן. פאַר יעדער נישט פּינקטלעכקייט וועט איר זיין פאַראַנט־וואָרטלעך צוזאַמען מיט די אַרבעטער. איך וועל זיך נישט רעכענען מיט קיין סענטימענטן. איך וועל זיין נאָך מער שטרענג, נאָך מער האַרט און איך וועל באַשטראָפן מיט אַזעלכע מיטלען, וואָס מאַכן דעם מענטשן נידעריי־קער ווי דעם וואָרעם, וואָס קריכט אויף דער ערד.

איך וועל אויסראָטן יעדן מין עקשנות. די וועלכע וועלן, פון היינט אָן, קראַנק ווערן ביי דער אַרבעט, וועלן קענען באַקומען פון דאָקטאָר אַן

אָפּרו־צעטל אויף גאַנצע 7 טעג. וועט אָבער יענער ווײַטער קראַנק זיין, מוז ער (עס טוט מיר זייער לייד) אַוועקגיין פון דער אַרבעט און זיין אָרט מוז באַלד פאַרנומען ווערן פון אַ געזונטן. איך זאָג עס נאָך אַמאָל, דער קראַנקער מוז שטאַרבן, ווייל איך האָב מער נישט קיין רפואות. אויך דעם דאָקטאָר מאָך איך פון היינט אָן פאַראַנטוואָרטלעך אויב ער וועט דעם קראַנקן געבן אַן אָפּרו־צעטל אויף מער וויפל עס איז נייטיק. איך וואָרן נאָך אַמאָל די, וועלכע זענען ביזן היינטיקן טאָג נאָך אַלץ פרום און ווילן זיך בשום אופן נישט שיידן מיט דער לאַנגער־קאַפּאָטע אָדער מיט דער באָרד, אַז זיי וועלן קיין נחת נישט האָבן, כדי אָבער דאָס שלעכטס שוין אויסצומיידן, גיב איך אַ שטרענגן באַפעל, אַז פון היינט אָן אויף ווייטער זאָלן די אַלע יידן אויס־טאָן זייערע לאַנגע קאַפּאָטעס און אָפּשניידן זייערע בערד. עס איז פאַרפאַלן. איך אַליין בין אויך אַ נאַציאָנאַלער און רעליגיעזער ייד און ווען עס קומט אַ באַפעל וואָס איז קעגן מיינע נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע געפילן, קוק איך נישט דערויף און טו אַזוי ווי די מאַכט הייסט. מיר מוזן זיך צוגעוווינען צו דער שווערער פינצטערער צייט. נישט אַזוי גיך וועט קומען די הילף.

איך וויל אייך נאָך איבערגעבן, אַז עס האָט זיך נאָך נישט פאַרענ־דיקט דאָס אַרויסשיקן און דאָס אַריינקומען פון יידן אין געטאָ. די עמיג־ראַציע און עוואַקואַציע וועט נאָך אָנהאַלטן. אין די נאָענטסטע 4 וואָכן וועלן צו אונדז נאָך אַריינקומען אַן ערך 25.000 יידן. זיי וועלן קומען פון אַלע שטעטלעך אַרום לאָדזש. מען מוז זיין צוגעגרייט זיי אויפצונעמען, ווייל דער גרעסטער טייל וועט קומען כמעט נאַקעט און באָרוועס. זיי וועט נישט זיין דערלויבט מיטצונעמען גאָרנישט. גענוי ווען זיי וועלן קומען ווייס איך נישט, יעדנפאַלס ווייס איך נישט די טעג. איר ווילט דאָ אַוודאי הערן אַ פּאָר ווערטער מכוח אַ ביסל מער עסן, דעריבער דערקלער איך אייך, אַז צו ביסלעך וועט זיין. איך האָב איצטער איינגעקויפט אַ גרויסן טראַנספּאָרט קאַרטאָפל און אַנדערע גרינסן, דאָס וועט סטייען פאַר די וועלכע ווילן אַרבעטן און גייען מיטן ערלעכן וועג. איך האָב געענדיקט".

אַ געפּאַטשעריי און אַ געשריי: „זאָל לעבן דער פּרעזעס".

דעם 26סטן מאַי.

אַ טייל פון די יידן, וואָס זענען אָנגעקומען פון די קלענערע שטעט־

לעך ווערן שוין ווידער אַוועקגעשיקט. זיי ווערן צונויפגעזאַמלט אין גרופּן, אונטערזוכט דורך דאָקטוירים און אַרויסגעשיקט אין פאַרשיידענע אַרבעטס־לאַגערן. די וועלכע ווילן נישט גיין מיט גוטן, ווערן ברוטאַל אַוועקגעפירט צו הערצבערגן אין דער תפיסה.

דעם 27סטן מאַי.

אויף די גאַסן פון געטאָ האָט היינט געצויגן אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט אַ פרוי פון בזשעזשין, וואָס האָט באַוויינט איר מאַן און אירע דריי קינדער, וועלכע זענען איר צוגערויבט געוואָרן בעת דעם גירוש פון דער שטאָט. דער פּרעזעס האָט זי געהייסן אַוועקפירן צו זיך אַהיים, ער האָט געהייסן זי איינאָרדענען און גערופן צו זיך יאשא זאגאן, דעם לייטער פון שניידער־רעסאָרט אויף פראַנציסקאַנער 29 און געהייסן זיך פאַרנעמען מיט דער פרוי.

דעם 28סטן מאַי.

עס האָט היינט פּאַסירט אַ פאַל, וואָס האָט אַריינגעבראַכט אַ ביסל הייטערקייט אין דער געטאָ. דער פּאָליציי־קאָמענדאַנט, לעאָן ראָזענבלאַט, באַקאַנט אין דער געטאָ פאַר אַ שלעכטן מענטשן, האָט צוגערופן צו זיך אַ דראָזשקאַזש און אים באַפוילן צו פאָרן. דער דראָזשקאַזש האָט אים געזאָגט, אַז ער וואַרט אויף זיין קליענט, אַ דאָקטאָר פון שפּיטאָל, וואָס דאַרף אָט־אָט אָנקומען. דער פּאָליציי־קאָמענדאַנט, הערנדיק פון דראָזשקאַזש, אַז דער דאָקטאָר איז וויכטיקער ווי ער, האָט נישט לאַנג געטראַכט און אים אַריינגעוואָרפן אַ פּאָר פייערדיקע פּעטש. אין דעם זעלבן מאָמענט איז אָנגעקומען דער באַקאַנטער אין דער געטאָ, לייטער פון דער זאָנדער־פּאָליציי דוד גערטלער און געפרעגט דעם פּאָליציי־קאָמענדאַנט: — ווער דערלויבט דיר צו שלאָגן אומשולדיקע מענטשן? דערויף האָט ראָזענבלאַט געענטפערט: — דאָס איז מיין זאַך און דו טראָג זיך אָפּ פון דאַנען. ווען גערטלער האָט דערהערט די ווערטער איז ער געוואָרן אָנגעצונדן און האָט אָנגעכאַפּט ראָזנבלאַטן ביים קאָלנער און אים אַריינגעלאָזט אַ פּאָר אמתע פּעטש. עס איז געוואָרן אַ גרויסער סקאַנדאַל און אַ צוזאַמענלויף. ביידע האָבן זיך שטאַרק געזידלט און עס איז געוואָרן היימלעך. די פּאָליציי־לייט וואָס זענען געשטאַנען און

צוגעקוקט זיך ווי זייער קאָמענדאַנט באַקומט פּעטש, האָבן אין דער שטיל שטאַרק געלאַכט.

דעם 29סטן מאַי.

שוין עטלעכע טעג ווי עס פאָרן קיין וואַרשע הונדערטער יידן פון לאָדזש. דאָס פאָרן קומט פאָר אין געהיים. עס איז אַן אונטערנעמונג בשותפות מיט דער געסטאַפּאָ. אין דער שפּיץ פון דער אונטערנעמונג שטייט דוד גערטלער. יעדע וואָך פאָרט אָפּ אַ לאַסט־וואָגן, אָנגעפּאַקט מיט מענטשן אַזוי ווי די הערינג אין אַ פעסל. די פאָרער נעמען מיט בלויז האַנט־באַגאַזש. יעדעס מאָל ווען דער אויטאָ פאָרט אַוועק, פאַרבלייבן איבער מענטשן, וואָס האָבן זיך נישט געקענט אַרויפדראַפּען אויף דעם לאַסט־וואָגן. די מענטשן וועלכע פאַיז שיועק קומען פאַרטאָג אויף מאַרישין. זיי ווערן אויפגענומען פון ג׳ פאַרנאָטירט זייערע נעמען און באַשטעטיקט זייער פאָרן. ...נעזאַמלט אַ גרעסערע גרופּע און אַלע זענען שוין גרייט אָפּצופאָרן, קומט ... י מאַשין, געפירט דורך צוויי געסטאַפּאָוועס, זיי באַגריסן זיך מיט גערטלערן און באַלד שפּרינגען די מענטשן אַרויף אויף דער מאַשין, דערביי קומען אויך פאָר קאָמישע סצענעס. אַן עלטערע פרוי פון אַ יאָר 70 בעט זיך ביי אַ פּאָליציאַנט, אַז ער זאָל זי אונטערהייבן און אַרויפזעצן אויפן וואָגן. דער פּאָליציאַנט, קענטיק אַ גראָבער יונג, שרייט צו דער 70 יאָריקער פרוי: „ווו זענט איר געווען, ווען איר זענט אַלט געווען 17 יאָר?‟ אוי, זייט נישט אַזוי שלעכט, בעט זיך די אַלטיטשקע, איך וועל אייך באַצאָלן פאַר דער מי. איך וויל פאָרן צו מיינע קינדער. זיי וואַרטן דאָרט אויף מיר. די אַלטיטשקע איז פון צוויי פּאָליציאַנטן אַרויפגעוואָרפן געוואָרן, אַזוי ווי מען וואַרפט אַ באַלעם. אין זעלבן מאָמענט האָט דער לאַסט־אויטאָ גערירט פון אָרט און די אַלטיטשקע האָט נישט געהאַט מער קיין מעגלעכקייט די פּאָליציאַנטן אָפּצוצאָלן פאַר זייער טרחה.

דעם 30סטן מאַי.

היינט האָט די געטאָ פאַרוואַלטונג אויפגעקלעפּט אַ פּלאַקאַט, אַז יעדער ייד מוז באַגריסן יעדן אָנגעטראָפענעם דייטש. דאָס באַגריסן דאַרף פאָרקומען אַזוי: אַראָפּנעמען דאָס היטל און הויך אויפן קול זאָגן „גוט מאָרגן‟,

אין אמתן זעט די זאַך אַזוי אויס: אין דער געטאָ זענען קיין דייטשן נישטאָ. נאָר פון צייט צו צייט באַווייזן זיך אַ גרופּע דייטשן. דאָס זענען די קריפּאָ־אַגענטן אָדער די געסטאַפּאָ־אַגענטן, ווי אויך עלעקטראָמאָנטערן וואָס פאַר־ריכטן די איבערגעריסענע ליניעס. קומט אויס, אַז מען וועט דאַרפן באַגריסן די דייטשן וועלכע שטייען ביי די דורכגאַנג־טויערן. האָט היינט אין דער מיטיק־שעה פּאַסירט אַזאַ סצענע. עס האָט זיך פאַרזאַמלט אַ גרעסערע צאָל דורכגייער ביים טויער פון זגערזשער־בזשעזשינער און ווען דער דייטשער פּאָסטן האָט אַ מאַך געגעבן מיט דער האַנט, אַז מען קען אַדורכגיין, האָבן אַלע דורכגייער, אַראָפּגענומען די היטלען און הויך אויפן קול געשריגן: „גוט מאָרגן, ווער דערוואָרגן" און דער יעקע האָט פאַר פרייד געלאַכט: „זאָ געפעלט מיר".

דעם 31סטן מאַי.

די געסטאַפּאָ האָט היינט מיטגעטיילט, אַז אַלע אָרדענונגס־דינסט־מענער צוזאַמען מיט זייערע עלטצטע זאָלן 10 אַזייגער פאַרמיטאָג קומען אויפן באַלוטער־מאַרק, כדי זיי צו פילמירן. שוין שעהן פריער האָט מען געזען ווי גרופּן פּאָליציאַנטן, צוזאַמען מיט זייערע קאָמיסאַרן, מאַרשירן אָפּ אויפן באַלוטער־מאַרק. פּונקט 10 אַזייגער איז אויך אָנגעקומען דער קאָמענ־דאַנט ראָזענבלאַט מיט אַ גרעסערער גרופּע אָפיצירן, ווען אַלע זענען שוין געווען אויפן אָרט, זענען פאָרגעקומען מאַרשן און איבונגען. אַ האַלבע שעה צייט זענען פאָרגעקומען די מאַרשן און דורך דער צייט איז די יידישע פּאָליציי פילמירט געוואָרן. אַ טייל אַגענטן, ווי אויך אַ טייל פון דער געטאָ־פאַרוואַלטונג, האָבן זיך פילמירט צוזאַמען. זיי האָבן אַזוי הילכיק געלאַכט, אַז עס האָט אויסגעזען, ווי זיי טרייבן אַ חוזק־שפּיל. דערנאָך זענען אויך פילמירט געוואָרן די יידישע פייערלעשער.

דעם 1טן יוני.

500 יידישע אַרבעטער זענען היינט אין דער פרי געשיקט געוואָרן צו עפּנטלעכע אַרבעטן קיין פויזן. די אַרבעטער זענען געכאַפּט געוואָרן אויף די גאַסן. אַממיינסטן זענען געכאַפּט געוואָרן פּאַביאַניצער און בזשעזשינער יידן. דאָס אַפּשיקן זיי איז פאָרגעקומען אַזוי רעשיק, אַז זיי האָבן אַפילו זיך

נישט געזעגנט מיט זייערע נאָענטע. עס האָט נישט געהאָלפן אַלע זייערע טענות און געבעטן, אַז זיי זענען די אומגליקלעכסטע ייִדן אויף דער וועלט, ווייל זיי זענען ערשט נישט לאַנג געיאָגט געוואָרן, געשלאָגן געוואָרן, צע־ריסן געוואָרן. פאַרוואָס טוט איר זיך אַזוי ברוטאַל באַגיין מיט אונדז, — האָבן זיי געפרעגט, — אַזוי ווי מיר וואָלטן געווען אייערע שונאים?

דעם 2טן יוני.

דער טעלעפאָן פון באַלוטער־מאַרק האָט פּלוצים אָנגעהויבן צו קלינגען צו אַלע פּאָליציי־רעווירן, אַז די פּאָליציי זאָל שוין אָנהייבן צו קאָנטראָלירן צי די גאַסן זענען ריין און דאָרט וווּ עס איז שמוציק, זאָל זאָפאָרט גערייניקט ווערן. אין צוויי שעה אַרום קומט אין דער געטאָ אַריין דער גאָולייטער גרייזער מיט זיין גאַנצע סוויטע. עס פאַרשטייט זיך, אַז דער באַפעל איז בליץ־שנעל אַדורכגעפירט געוואָרן. אַלע פּאָליציי־רעווירן האָבן אַרויסגע־שיקט פּאַטרולן און עס איז געוואָרן פּסחדיק אין דער געטאָ. אויך דער פּרעזעס האָט זיך באַלד באַוויזן און געגעבן פאַראָרדענונגען, אַז די מענטשן זאָלן זיך נישט דרייען אין די גאַסן און איבערהויפּט זאָל מען נישט זען קיין קינדער.

פּינקטלעך 2 אַזייגער זענען דורכן טויער פון באַלוטער־מאַרק אַריינ־געפאָרן 8 לימוזינעס. זיי זענען פאַרפאָרן אויפן מאַרק, דאָרט האָט שוין געוואַרט דער פּרעזעס מיט דער פריילין פוקס, דער שטאָט־פּרעזידענט און די גאַנצע געטאָ־פאַרוואַלטונג מיט ביבאָוון בראש. אַרום דעם באַלוטער־מאַרק איז געשטאַנען די ייִדישע פּאָליציי מיטן קאָמענדאַנט ראָזענבלאַט אין דער שפּיץ.

נאָך דער באַגריסונג וואָס האָט געדויערט 5 מינוט, האָבן זיך די טירלעך פון די אויטאָס געעפנט און די „געסט" האָבן זיך אַריינגעזעצט צוריק אין די אויטאָס. ביבאָוו האָט זיי אַרומגעפירט און געוויזן אַלע וויכ־טיקע אונטערנעמונגען אין געטאָ. ביים סוף פון וויזיט האָט זיך גרייזער אויסגעדריקט: „איך בין צופרידן פון דער לאָדזשער געטאָ. די אַרבעט קומט אונדז שטאַרק צו נוץ". דורך דער צייט ווען גרייזער האָט גערעדט מיטן פּרעזעס האָבן צוויי פאָטאָגראַפיסטן געאַרבעט מעשים. צומאָרגנס האָט די ליצמאַנשטעטער צייטונג געדרוקט אַ בילד מיט דער אונטערשריפט:

„דער יודע רומקאָווסקי, דער עלטצטער פון די יודן אין געטאָ, מיטן גאָר־לייטער גרייזער". אין דער אינפאָרמאַציע וועגן דעם באַזוך איז געזאָגט געוואָרן:

„די יידן אין דער געטאָ לעבן זיך אַזוי ווי גאָט אין אָדעס. מען אַרבעט נאָרמאַל און מען באַקומט די זעלבע צוטיילונג וואָס די דייטשע אַרבעטער. מען שטערט זיי נישט אין זייערע אייגענע ענינים. זיי האָבן זייער אייגענע פּאָליציי, זייער אייגן געריכט און נאָך און נאָך פאַרשיידענע אַנדערע ווירט־שאַפטלעכע און קאָמונאַלע אינסטיטוציעס, אַזוי ווי אין פּאַלעסטינע".

צו וואָס די דאָזיקע קאָמעדיע, און צו וואָס אַזאַ אַרטיקל אין דער צייטונג, אַן זידלערייען און אַן נידערטרעכטיקע אָנפאַלן, ווייסט איין גאָט אין הימל.

דעם 3טן יוני.

היינט האָט די דייטשע מאַכט באַפוילן, אַז אין מאָמענט ווען עס וועלן געברויכט ווערן אַרבעטער, וואָס זאָלן אָפּפאָרן קיין דייטשלאַנד, זאָלן זיי צוגעשטעלט ווערן אין דעם זעלבן טאָג ווען דער באַפעל וועט געגעבן ווערן.

צוליב דעם באַפעל האָט דער פּרעזעס צו זיך גערופן דעם ברוטאַלסטן וואַגאַבונד און רויען־יונג פוקס, וואָס איז אַ פּליט פון דייטשלאַנד און אים באַפוילן, אַז ער זאָל אויפסניי אָרגאַניזירן שטענדיקע אַרבעטער־גרופּן, וואָס זאָלן גרייט זיין צו יעדער צייט צו אָפּפאָר.

ווי אַזוי פירט זיך אויף דאָס מיאוסע באַשעפעניש לגבי זיינע גערודפטע ברידער? ער האָוקעט אויף די אָפּפאָרנדיקע ווי אַ הונט, שלאָגט פרויען און קינדער, וואָס קומען זיך געזעגענען מיט זייערע מענער און טאַטעס, און ווען מען מאַכט אים אויפמערקזאַם, אַז ער זאָל אַזוי נישט האַנדלען, איז זיין ענטפער קורץ:

„עס געפעלט דיר נישט, קיש מיר אין ט...".

די געסטאַפּאָ־אַגענטן שטייען און קוועלן אַז, זעענדיק ווי דער „יודן־הונד" פרעסט זיינע אייגענע ברידער.

ווי שרעקלעך איז אונדזער שיקזאַל. מען דאַרף שטיין און צוקוקן זיך צו אַזעלכע גרויזאַמע בילדער און שווייגן, נישט אַרויסלאָזן אַפילו אַ קרעכץ. זאָל די נקמה, וואָס וועט אַ מאָל קומען, נישט אויסמיידן דעם

מיאוסן אויסוואורף. זאָל דער צאָרן אויף זיין קאָפּ אויסגעגאָסן ווערן. זאָל ער אומקומען צוזאַמען מיט אונדזערע שונאים.

דעם 4טן יוני.

די געהיימע ראַדיאָ־סטאַנציע „שוויט" האָט היינט מיטגעטיילט, אַז 40 טויזנט יידן זענען אומגעבראַכט געוואָרן אין די וועלדער אַרום קאָנין, קויל און קוטנע. אויסער דער ראַדיאָ זענען אויך פאַראַנען לעבעדיקע עדות, וואָס באַשטעטיקן די גרויזאַמע בשורה. די עדות זענען די פּוילישע לאָקאָ־מאָטיוו־פירער, וועלכע קומען אויף מאַרישין. עס באַשטעטיקט זי אויך דער פאַקט, וואָס די באַנען ברענגען כסדר גרויסע מענגעס טראַנספּאָרטן פון וועש, אָנצוגן, שיך, זאָקן און אַנדערע מלבושים, וואָס זענען אַלע צעלע־כערט און צעבלוטיקט.

שרעקלעך וויסט איז געוואָרן אין יעדן יידישן הויז. מען האַלט אין איין וויינען און באַוויינען די אָרויסגעטריבענע און ווער ווייסט וואָס פאַר אַ שווערע גזירות עס גייען נאָך אויף אונדז. די מפּלות אויפן פראָנט צווינגען היטלערן אויסצולאָזן דעם גאַנצן כעס אויף די קעפּ פון די יידן. די לאַגע איז אַזוי פאַרקלעמט און ביטער, אַז מיר גלייבן שוין נישט אין קיין אויסוועג. מיר זעען דעם אומקום מיט די אייגענע אויגן.

דעם 5טן יוני.

היינט האָט די געטאָ־פאַרוואַלטונג צום צווייטן מאָל אויפגעקלעפּט אַ פּלאַקאַט, אַז דער ייד וואָס וועט נישט באַגריסן די דייטש וואַך־פּאָסטנס, וועט באַשטראָפט ווערן מיט טויט. דער פּאָסטן וועט האָבן אַ רעכט צו שיסן. דאָס הייסט, אַז ביז היינט האָבן זיי געשאָסן אָן רעכט.

דעם 6טן יוני.

די געסטאַפּאָ האָט היינט באַפוילן, אַז די געטאָ־פּאָליציי זאָל אין פאַר־לויף פון 24 שעה צושטעלן 500 געזונטע מענער צו אַ ספּעציעלער אַרבעט. דערהערנדיק דעם באַפעל האָט די פּאָליציי זיך געלאָזט אויף די גאַסן און אנגעהויבן צו פאַרהאַלטן יעדן דורכגייענדיקן מאַנספּאַרשוין. די וועלכע האָבן נישט געהאַט ביי זיך קיין אַרבעטס־לעגיטימאַציע, האָט מען אויפן

אַרט פאַרהאַלטן און איבערגעשיקט צו הערצבערגן אין דער צענטראַלער תפיסה אַריין. 7 אַזייגער אין דער פרי זענען די פאַרהאַלטענע, אָן געפּעק און אָן געזעגענען זיך מיט זייערע נאָענטע אָפּגעשיקט געוואָרן צום מאַרי־שינער באַן־הויף.

דעם 8טן יוני.

ביים דורכגאַנגס־טויער אויף זגערזשער און לוטאמיערסקא, האָט היינט פּאַסירט אַ פאַל, וואָס האָט שיער נישט געקאָסט דאָס לעבן פון צענדליקער ייִדן. די מעשה איז אַזאַ: דער דייטשער וואַך־פּאָסטן, וואָס שטייט ביים דורכ־גאַנגס־טויער, האָט בעתן עפענען דאָס טויער נישט באַמערקט, אַז דער טראַמוויי קומט האַסטיק אָן פון זגערזשער וועג. אין דעם זעלבן מאָמענט האָט ער באַפוילן צו פאַרמאַכן דאָס טויער. אָבער ער אַליין איז פון טראַמ־וויי אָפּגעשטויסן געוואָרן אויף 6 מעטער און איז געבליבן ליגן באַוווסטלאָז, האַרט ביי די דראָטן. דער ייִדישער פּאָליציאַנט, וואָס איז געשטאַנען אַ פּאָר מעטער ווייטער, האָט דאָס באַמערקט און איז מאָמענטאַל געלאָפן אים ראַ־טעווען. ער האָט אים אַזוי לאַנג געמונטערט ביז דער סאָלדאַט איז געקומען צו זיך. דער טראַמוויי האָט זיך, נאַטירלעך, אָפּגעשטעלט און פון אים זענען אַרויס עטלעכע דייטשן, וואָס האָבן דעם ייִדישן פּאָליציאַנט געדאַנקט. עס האָט אויך נישט לאַנג געדויערט און עס איז אָנגעקומען אויפן אָרט אַ גאַנצע אויספאָרשונגס־קאָמיסיע, וועלכע האָט גענוי גענומען שטודירן דעם גאַנצן פאָרפאַל. איינער פון די אויספאָרשער, אַן ס. ס.־מאַן, האָט זיך הויך צעשריגן: „אויב עס וועט זיך אַרויסווייזן, אַז איר, יודן, זענט אין דעם שולדיקן, וועט אַך און ווי זיין צו אייך. 10 מאַן וועלן נאָך היינט דער־שאָסן ווערן“. מיט 4 שעה שפּעטער איז אָנגעקומען אַ מיטטיילונג אויפן באַלוטער־מאַרק, אַז די אויספאָרשונגס־קאָמיסיע האָט פעסטגעשטעלט, אַז שולדיק דערין איז דער פּאָסטן אַליין. אַזוי אַרום זענען היינט געראַטעוועט געוואָרן אַ פּאָר ייִדן פון אַ זיכערן טויט.

דעם 9טן יוני.

אין דער געטאָ אַריין זענען היינט אָנגעקומען צו פאַרריכטן 30 טויזנט פּאָר שטיוול. ווען די מענטשן האָבן אָנגעהויבן אַראָפּצוואַרפן די שטיוול

האָבן זיי באַמערקט, אַז זיי זענען באַפלעקט מיט מענטשלעך בלוט און ווען די שטיוול זענען אַריינגעקומען אין די הענט פון די שוסטערס האָבן זיי אין אַ טייל געפונען שטיקער מענטשלעך פליש, פּראָקלאַמאַציעס, אויפרופן אויף פאַרשיידענע שפּראַכן, ווי: „נידער מיטן קריג", „אַ טויט דעם פירער", „דייטשלאַנד, דייטשלאַנד ערוואַך", „באַפרייט אייך פון נאַציזם" און נאָך פיל אַנדערע לאָזונגען און בריוולעך צו פרויען און קינדער פון די אומגע־קומענע סאָלדאַטן. די יידישע שוסטערס האָבן געהאַט אַ שטיקל סאַטיס־פאַקציע. זיי האָבן מיט זייערע אייגענע אויגן געזען דעם סוף פון 30 טויזנט דייטשע סאָלדאַטן.

דעם 10טן יוני.

די וועלכע ווערן פון דער געטאָ מיט צוואַנג אַרויסגעשיקט אויף אַר־בעט, ווערן דורך אַ פּאָר אייגענע געטאָ מערדערס געשלאָגן און געזידלט אויף וואָס די וועלט שטייט. דער הויפּט־שלעגער איז דער אַרבעט־אינספּעק־טאָר אַליין, אַ דייטשער פּליט, וואָס איז געקומען קיין לאָדזש איידער עס איז אויסגעבראָכן דער קריג, זיין נאָמען איז ב. פוקס, אַ געוועזענער שניידער, אַ רויער יונג, מיט אַן אויסזען פון אַ אונטערוועלט־מענטש. אים האָט דער פּרעזעס אָנפאַרטרויט דעם רעסאָרט פאַר אַרבעט. ווען ער באַווייזט זיך אויפן באַלוטער־מאַרק ווערט באַלד היימלעך. ער שרייט, קאָפּעט, זידלט און מאַכט עס טיילמאָל פיל בעסער ווי די דייטשן אַליין. די געטאָ־פאַרוואַלטונג רופט אים: „פוקסעלע, דיינע שמוציקע יודן שטייען און שלאָפן. מאַך נאָר, אַז זיי זאָלן אַ ביסל לעבן". דעמאָלט צעבריקעוועט זיך דאָס פוקסל און עס ווערט לעבעדיק. וויפל מענטשן עס זענען פאַרזאַמלט צום אָפּפאָרן קריגן אַלע קלעפּ.

דעם 11טן יוני.

דער פּרעזעס האָט היינט מיטגעטיילט, אַז די איינוווינער פון פיר הייזער וועלן עוואַקויִרט ווערן, ווייל די הייזער וועלן פאַרוואַנדלט ווערן אין אַרבעטס־רעסאָרטן. עס וועלן צוקומען נאָך אַ שניידער־, טישלער־, שוס־טער־ און רימער־רעסאָרט.

די זעלבסטמאָרד־עפּידעמיע האָט זיך ווידער פאַרשטאַרקט. אַמיינסטן

נעמען זיך דאָס לעבן יונגע מענטשן. מען באַדויערט זיי נישט, מען באַוויינט זיי נישט, מען נעמט דאָס אויף אַזוי ווי דאָס וואָלט געדאַרפט זיין. אויב עס גייט אַוועק אַ טאָג־צוויי אָן אַ זעלבסטמאָרד, איז עס ממש אַ וווּנדער.

היינט האָט אָנגעהויבן צו קורסירן אין געטאָ דער טראַמוויי פאַר דער אַרבעטער־באַפעלקערונג. די טראַמווייען פאָרן נישט מער ווי אין דער פרי און פאַרנאַכט, ווען די אַרבעטער גייען צו דער אַרבעט און ווען זיי גייען פון דער אַרבעט. אַ בילעט קאָסט 10 פעניג.

דעם 13טן יוני.

היינט פרי זענען אין דער געטאָ אַריינגעקומען צוויי פּאַרטיעס ייִדן. איין פּאַרטיע פון בעלכאַטאָוו און די צווייטע פון זעלעוו. געקומען זענען בלויז מענער. זיי וועלן אין דער געטאָ לאַנג נישט פאַרבלייבן.

דעם 14טן יוני.

אַ שרעקלעכע ידיעה איז היינט אָנגעקומען אין דער געטאָ אַריין. אין שטעטל וואַרטאַ זאָל די געסטאַפּאָ האָבן אויפגעהאָנגען דעם דאָרטיקן רב מיט זיין זון. די געסטאַפּאָ זאָל האָבן דערקלערט, אַז ביים רב האָט מען געפונען ביכער, וואָס האָבן געלעסטערט דאָס דייטשע פאָלק מיט איר אַרמיי. די עקזעקוציע איז פאָרגעקומען פאַר די אויגן פון גאַנצן שטעטל. די מענטשן וואָס האָבן די טרויעריקע ידיעה געבראַכט האָבן צוגעגעבן, אַז דער רב איז געגאַנגען צו דער תליה ווי אַ העלד, געשטרעקט און נישט געבויגן. די אויגן האָט ער געהאַלטן צום הימל אַרויף און אויף דעם גאַנצן וועג, פון דער תפיסה ביז צום פּלאַץ ווו די עקזעקוציע איז פאָרגעקומען, האָט ער געזאָגט תהילים און ווידוי. דאַקעגן דער זון איז געווען געוואַלטיק צעבראָכן. קוים וואָס זיינע פיס האָבן אים געטראָגן. ער איז געגאַנגען און זיך גע־וואַקלט אַזוי ווי אַ שיכור. ער איז געגאַנגען מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט ביידע הענט זיך פאַרשטעלט דאָס פּנים. ווען ער איז צוגעקומען צו דער תליה, האָט ער פאַרמאַכט די אויגן, כדי נישט אָנצוקוקן זיין פאָטער און נישט זען ווי מען הענגט אים. ער איז אָבער פריִער געהאָנגען געוואָרן ווי דער פאָטער.

אַ גאַנצע נאַכט איז דעמאָלט קיין איין ייִד אין וואַרטאַ נישט געשלאָפן. קליין און גרויס זענען געלעגן און געוויינט און געבעטן דעם אַלמעכטיקן,

אַז ער זאָל באַווייזן עפּעס אַ נס און ראַטעווען דעם רב פון דער תליה. ליידער האָבן אַלע געבעטן און אַלע טרערן נישט געהאָלפן. דער רב מיט זיין קינד זענען אומגעקומען. געפירט צו דער תליה האָט דעם רב עפּעס אַ פרעמדער ייד, וואָס איז אין וואַרטאַ נישט באַקאַנט. נאָך דער עקזעקוציע זענען די מערדער געמיטלעך זיך צעגאַנגען און זיך געווונטשן, אַז אין גיכן זאָלן זיי זען, ווי מען הענגט טשווירטשילן און רוזוועלטן.

דעם 15טן יוני.

רומקאָווסקי האָט היינט מיטגעטיילט זיינע געהילפן, אַז יעדער איינער וועט באַקומען צו זיין דיספּאָזיציע אַ דראָזשקע מיט אַ פורמאַן, כדי פלינקער צו קענען דערליידיקן די ענינים וואָס זענען נייטיק פאַר דער געטאָ־פאַרוואַלטונג. דאָס צוטיילן דראָשקעס זיינע משרתים איז נישט דערפאַר, וואָס זייערע פיס זענען שוואַך. פונקט פאַרקערט, דאָס איז דערפאַר, וואָס זייערע קערפּערס זענען אַזוי דיק, אַז גיין פאַר אַזאַ מענטשן איז ממש אַ געפאַר. רומקאָווסקי האָט זיך אין אַן ענגער חברישער מסיבה אויסגעדריקט:

„כל־זמן איך בין דער פּרעזעס, וועט אייך ביי מיר גאָרנישט פעלן. איך וועל אייך געבן צו עסן צו דער זאַט און פאַרגעניגן אַזוי פיל, וויפל אייער האַרץ וועט נאָר פאַרלאַנגען. זיי, די גנבים, זאָלן זיי שטאַרבן, איר זענט אָרנטלעכע און פיינע מענטשן. אייך קומט אַלץ. איר גייט אין מיינע דרכים. דעריבער פאַרלאָזט זיך אויף מיר און גיט אַכטונג, אַז די גנבים זאָלן דאָס געטאָלע נישט באַגנבענען".

דעם 21סטן יוני.

היינט זענען אין דער געטאָ אַריינגעקומען 176 מענער פון טורעק, קויל און איזביטשע. די פרויען, קינדער און זקנים זענען אַ נאַכט פריער ערגעץ פאַרשלעפּט געוואָרן. די מענטשן דערציילן:

„אַ נאַכט פריער זענען אָנגעקומען אייניקע לאַסט־אויטאָס. די דייטשן האָבן באַפוילן, אַז די פרויען, קינדער און עלטערע זאָלן זיך בליץ שנעל פאַרזאַמלען אויף איין אָרט. ווען די קינדער האָבן אָנגעהויבן צו וויינען האָבן די מערדער זיי געכאַפּט און אַרויפגעוואָרפן אויף די לאַסט־אויטאָס, אַזוי ווי מען וואַרפט אַרויף ציגל. האָט ווער פון די עלטערן געפּרוווט זיך

אַנטקעגן שטעלן, איז ער אויפן אָרט מוראדיק צעממיתט געוואָרן. דעם גאַנצן וועג, — דערציילן די ייִדן, — האָט מען אונדז געפירט אין פאַר־שלאָסענע, פינצטערע וואַגאָנען. אויף יעדער סטאַנציע, ווו מיר זענען אָנגעקומען, זענען מיר אַרומגערינגלט געוואָרן דורך אַ שטאַרקער וואַך. ביי יעדן וואַגאָן, נישט ווייט פון לאַדזש האָבן די היטערס צו אונדז אַריינגעשריגן: „איר פאַרשאָלטענע יודן, מאַכט אייך גרייט, מיר גייען אייך אומברענגען. אין דער פרי וועט איר שוין ליגן אין מיסטקאַסטן און פוילן ווי משוגענע הינט. איר אומווירדיק פאָלק, וואָס האָט קריג געוואָלט. איצט וועט איר דעם קריג פאַר אייערע אויגן זען". דערהערנדיק די ווערטער האָבן אייניקע פון אונדז אָנגעהויבן וויינען און זאָגן ווידוי. מיר זענען נאָך געפאָרן אייניקע שעה. איצט געפינען מיר זיך מיט אייך צוזאַמען".

דעם 24סטן יוני.

היינט זענען אָנגעקומען אַ גרופע ייִדן פון לאסק און קושמינקע. די ייִדן דערציילן, אַז אַ העלפט פון די דאָרטיקע ייִדישע קהילות זענען דערמאָרדעט געוואָרן. אויף אַ טייל איז אָנגעווענדט געוואָרן גאַז. די קריסטלעכע שכנים דערציילן שווידערלעכע זאַכן. זיי קענען נישט פאַרשטיין, פאַרוואָס די ייִדישע וועלט לאָזט אומברענגען דאָס פוילישע ייִדנטום. אויפן גאַנצן וועג, — דערציילן די קושמינקער ייִדן, — האָבן מיר געטראָפן ליגן פאַרבלוטיקטע וועש און מלבושים.

דעם 25סטן יוני.

פינקטלעך האַלב 12 ביינאַכט, ווען אַלע געטאָ־שקלאַפן זענען מידע און אָפּגעשוואַכטע פון שווערן אַרבעטס־טאָג געשמאַק געשלאָפן, האָבן זיך די סירענעס מוראדיק צעברומט און אויפגעוועקט די גאַנצע פאַרשלאָפענע געטאָ. דאָס ברומען איז דאָסמאָל געוואָלט צאַרנדיק. עס האָבן געברומט צוזאַמען פאַבריקן, באַן־לאָקאָמאָטיוון, ראַדיאָ־הילכערס און אַנדערע גרעגערס. די אַלע צוזאַמען האָבן געמאַכט אויפציטערן אַלע איינוווינער. מען איז געווען זיכער, אַז די אַליאַנטן זענען דאָ און די לאַדזשער דייטשן וועלן אויך שוין אָנהייבן פילן אַ ביסל מלחמה־פולווער. דאָס פייפעריי האָט אַזוי אָנגעהאַלטן 10 מינוט צייט. דערנאָך איז געוואָרן שטאַק פינצטער. אין

האַרצן האָט יעדער ייִד געבעטן: הלוואי, גאָטעניו, זאָלן געוואָרפן ווערן אַ פּאָר באָמבעס און די באָמבעס זאָלן פאַרניכטן דעם גאַנצן אַרום, ווייל די כוחות אונדזערע זענען שוין אויסגעשעפּט. אָבער צו אונדזער גרויסן פאַר־דרוס האָבן מיר בלויז געהערט רוישן און מער גאָרנישט. די אַליִירטע, ווייזט אויס, האָבן נישט געפונען די שטאָט. זיי האָבן זיך אַרומגעדרייט אַרום דער שטאָט דערנאָך ווייטער געפלויגן.

דעם 26סטן יוני.

שוין אַ לענגערע צייט ווי די געטאָ האָט נישט געהאַט קיין באַזוכן פון קאָמיסיעס. פלוצים איז היינט אָנגעקומען אַ מיליטערישע קאָמיסיע פון 25 אָפיצירן. זיי האָבן באַזוכט די שניידער־, טישלער־ און שוסטער־רעסאָרטן. פאָטאָגראַפירט די ייִדישע פרויען און מיידלעך ביי דער אַרבעט, און גע־מאַכט זיך פאַרצייכענונגען. עס איז זיי זייער געפעלן צוזען ווי ייִדישע פרויען שלעפּן מיסט־וואָגנס אויף די געטאָ־גאַסן. יעדן אַזאַ מיסט־וואָגן האָבן זיי צוויי מאָל פאָטאָגראַפירט. אַ טייל אָפיצירן האָבן געלאַכט און זיך געוויצלט אויפן חשבון פון די ייִדישע אומגליקלעכע פרויען. ביים פאַרלאָזן די געטאָ האָבן זיי אַרויסגענומען פון זייערע טאַשן פלעשער ליקער און גע־טרונקען פאַרן ווייל פון פירער.

דעם 29סטן יוני.

מיט אַן אויסערגעוויינלעכער גיכקייט פאַרגרעסערט זיך די שטערב־לעכקייט אין געטאָ. מיט אַ יאָר צוריק איז די שטערבלעכקייט דערגאַנגען צו 40—50 מתים אַ טאָג. היינט דערגרייכט שוין די צאָל צו 100—125 מתים אַ טאָג. די געטאָ ציילט היינט צו טאָג 100 טויזנט ייִדן און פון די 100 טויזנט שטאַרבן טעגלעך 100 ביז 125.

דעם 1טן יולי.

דער היינטיקער טאָג איז אַ געוואַלטיק שווערער. די זון ברענט און בריט. מען פילט, אַז עפּעס שרעקלעכעס דערנענטערט זיך, עפּעס אַזוינס, וואָס קיינער ווייל פון מויל נישט אַרויסזאָגן.

וואָס טוט זיך היינט? פאַרוואָס איז עפּעס דער היינטיקער טאָג אַזוי

שווער? אזוי ביטער? אזוי טרויעריק? מיט וואס איז ער ערגער ווי נעכטן, ווי אייערנעכטן קיינער קען דאס נישט פארשטיין.

די היטלער־יוגנט האלט אין איין שטורעמען. זי פאדערט, אז ליצמאנשטאט מוז ווערן „יודן פריי“. די שפיצן פון דער היטלער־פארטיי באראטן זיך וועגן דעם. די געטא־פארוואלטונג איז קעגן. זי ווייזט אויף מיט ציפערן, אז די ייִדן, וועלכע זענען פארבליבן אין געטא, זענען א געזונטער עלעמענט און א פעיקער צו יעדער סארט ארבעט און די ארבעט — זאגן זיי — קומט אונדז שטארק צונוץ. די געטא פארוואלטונג לייגט דעריבער פאר, אז אלע קלענערע געטאס ארום לאדזש זאלן ראשיק ליקווידירט ווערן. די געזונטע זאלן אריינגעשיקט ווערן קיין לאדזש און דער שמעלץ זאל ליקווידירט ווערן. אזוי ארום, — זאגן זיי, — וועט מען שיסןביידע האזן. זיי נוצן אויך אויס דאס פארמעגן פון די ייִדן פון די קלייבע שטעטלעך. לויט זייער מיינונג וועט דאס צוגערויבטע פארמעגן פון די ייִדן באטרעפן א האלבן מיליאן מארק און דאס געלט זאל געגעבן ווערן דער „היטלער־יוגנט“. די באראטונגען וועגן דעם קומען פאר און לויט ווי מען שמועסט, וועט בלייבן אזוי ווי די געטא־פארוואלטונג וויל.

דעם 2טן יולי

„קריכט שוין פלינקער, איר שמוציקע בעטלער באנדע“, האט פלוצים א באסאווע שטימע האלב 6 פארטאג געשריגן. „ווי די היינט דארף מען אייך אלע אויסשיסן. איר האט דעם קריג געוואלט, איר האט די גאנצע וועלט אונטערגעהעצט קעגן אונדז, איצטער באקומט איר אייער באלוינונג. ווען אפילו דייטשלאנד וועט פארשפילן, וועט איר די פרייד נישט דערלעבן. 10 מינוט פאר דעם ווי דייטשלאנד וועט פאלן, וועט איר אומקומען. איר פארשאלטענע, איר קרעציקע“.

מיט אזעלכע קולות זענען היינט אריינגעטריבן געווארן אין געטא 200 ייִדן, וואס האבן די גאנצע צייט געארבעט אין ראדאגאשטש, געארבעט דארט 9 מאנאטן, געארבעט, געהונגערט און באקומען יעדן טאג קלעפ, אזוי לאנג ווי ביז פון 600 מאן זענען געבליבן 200 קראנקע, צעבראכענע מענטשן. 400 מאן זענען אין פארלויף פון 9 מאנאטן אויף דעם ארבעטס־פלאץ אומגעקומען. די 200 מאן זענען צו זייערע פאמיליעס אהיים געשיקט געווארן.

דער גרעסטער טייל פון זיי — געשוואָלענע. מיט איניקע האָב איך גערעדט, אויסגעפרעגט זיך פאַרשיידענע איינצלהייטן. אַלע זענען רעזיגנירטע און ווילן מער נישט לעבן. באַלד אין ערשטן טאָג זענען 6 מאַן פון זיי געשטאָרבן. געקומען זענען זיי נאַקעט און באָרוועס. וואָס זיי האָבן געהאַט האָט מען ביי זיי אויפן וועג צוגענומען. געשלאָגן האָט מען זיי מיט ספּעציעלע בייטשן, וואָס די צירק־מענטשן באַנוצן בעתן אויסדרעסירן פערד.

דעם 3טן יולי.

געוואַלד ייִדן, עס ברענט! ווו ברענט? דער קונסט־טישלער־רעסאָרט האָט אָנגעהויבן ברענען. באַלד האָט מען געהערט אַ פייפעריי און אַ קליינגעריי. דייטשע פייערלעשער זענען אָנגעקומען און האָבן צוזאַמען מיט די ייִדישע פייערלעשער געאַרבעט מעשים צו פאַרלעשן די שריפה. נאָך דער ערשטער אויספאָרשונג איז פעסטגעשטעלט געוואָרן אָט וואָס: נישט ווייט פון דער ניי־געשאַפענער קונסט־טישלעריי, איז פאַראַן אַ באַד־אַנשטאַלט, וואָס איז טעטיק אַ גאַנצע וואָך אָן איבעררייס. האָט זיך דער אויוון שטאַרק צעהיצט און די וואַנט וואָס גרענעצט זיך מיטן רעסאָרט האָט אָנגעהויבן צו ברענען און די נאַכט־וועכטער האָבן דאָס נישט באַמערקט. עס ווייזט אויס, אַז זיי זענען געשמאַק געשלאָפן, און ווער ווייסט צו זיי וועלן דערפאַר נישט באַצאָלן מיטן לעבן. אַ טייל פון דעם נייעם טישלער־רעסאָרט איז פאַרברענט געוואָרן. עס איז אויך פאַרברענט געוואָרן דער גאַנצער באַד־אַנשטאַלט און די וועכטער זענען גענומען געוואָרן אין דער קריפּאָ אַריין צו אַן אויספאָרשונג.

דעם 4טן יולי.

מען זעט אויף דער גאַס און ביי דער אַרבעט לויטער מתים. ווען מען פרעגט אַזאַ מת, ווי ער פילט זיך, ענטפערט ער:

— נאָך אַ פּאָר טריט און איך בין שוין אין גרוב.

היינט זענען געשען צוויי שרעקלעכע זעלבסטמאָרדן פון צוויי יונגע קינדער. איינס אַ מיידעלע פון 13 יאָר, וואָס האָט זיך אַראָפּגעוואָרפן פון דריטן שטאָק. דאָס קינד האָט זיך אַרומגעדרייט 4 וואָכן אָן עלטערן. איידער דאָס קינד איז באַגאַנגען דעם שרעקלעכן טאַט, איז זי אַריין צו אַ שכנה

און זיך באַקלאָגט אויף איר טראַגעדיע: — מיינע עלטערן זענען אין איך וואָך געשטאָרבן. מיין משפּחה וויל מיך נישט צו זיך אַריינגעמען. איך האָב שוין דעם דריטן טאָג נישט געהאַט גאָרנישט אין מיין מויל. איך וועל אויך באַלד שטאַרבן. מיט די ווערטער איז זי אַרויס אויפן באַלקאָן פון דריטן שטאָק און אַ סוף געמאַכט צו איר יונגן לעבן.

די צווייטע זעלבסטמערדערין איז אַ פריילין פון 19 יאָר, אַן אַמאָליקע גבירישע טאָכטער, איז געבליבן אַ קיילעכדיקע יתומה. אירע עלטערן זענען אויך אין איין וואָך אָפּגעשטאָרבן. די עלטערן האָבן געהייסן חיים און שרה רושקאָוואָלפיר. די פריילין האָט בשום אופן נישט געקענט צו זיך קומען נאָך דעם שווערן קלאַפּ. זי איז די גאַנצע צייט אַרומגעגאַנגען אַ דענער־ווירטע. צו קיין מענטש נישט אויסגערעדט קיין וואָרט. נישט געגעסן, נישט געשלאָפן, ביז זי האָט באַשלאָסן אַוועקצוגיין פון דער וועלט. זי האָט מיט אַ בלייפעדער אָנגעצייכנט אויף אַ שטיקל פּאַפּיר, אַז זונטיק דעם 5טן יולי, וועט זי מאַכן אַן ענדע מיט איר יונג לעבן. איין בריוול האָט זי געשריבן צו אַ פעטער אין אַמעריקע און געלאָזט דאָס בריוול ליגן אויפן טיש. עס איז דערין געווען געשריבן אָט וואָס:

„טייערער פעטער סימאָן!

זאָלסט וויסן, אַז מיינע עלטערן זענען פון הונגער געשטאָרבן. ביידע צוזאַמען אין איין וואָך. פאַרן טויט האָבן זיי ביידע דיין נאָמען אַ פּאָר מאָל דערמאָנט. וואָס זיי האָבן גערעדט, ווייס איך נישט. איינס וואָס איך ווייס יאָ, אַז דו ביסט דער שולדיקער אין זייער טויט. דו האָסט אויפגעהאַלטן דאָס אַרויסשיקן די שיפס־קאַרטן. צוויי מאָל האָבן די עלטערן דיך געבעטן, מאַך דאָס גיכער, ווייל די מלחמה איז נאָענט און דו האָסט בלויז צוגעזאָגט און נישט אויסגעפירט. זאָל דער אַלמעכטיקער באַצאָלט־נעמען פאַר אונדזערע ליידן. דו האָסט מורא געהאַט, אַז דו וועסט דאַרפן אָפּצאָלן די חובות, איצ־טער איז דאָס געלט דיינס, ווייל אויך איך גיי פון דער וועלט אַוועק".

דאָס מיידל — איר נאָמען איז עדזשאַ — האָט זיך צו ערשט פאַרסמט, דערנאָך מיט אַ זשילעטקע צעשניטן זיך די אָדערן און ווייל דאָס אַלץ האָט נישט באַלד געווירקט, האָט זי זיך מיט אַ קיך־מעסער געמאַכט כאַראַ־קירי. ווען די פּאָליציי איז אָנגעקומען איז שוין דער קערפּער געווען 48 שעה טויט און דאָס גאַנצע אויפגערוימטע צימערל איז געווען באַגאָסן מיט

בלוט. אַפילו דאָס בילד פון די עלטערן, וואָס האָט געהאָנגען איבער בײדע בעטן איז געווען באַפלעקט פון בלוט. דאָס בריוול און דער אויסטערלישער זעלבסטמאָרד האָט אויף אַלעמען געמאַכט זייער אַ שווערן אײַנדרוק.

דעם 7טן יולי.

היינט גאַנץ פרי זענען אָנגעקומען אין דער געטאָ אַריין אַ פּאָר הונדערט ייִדן פון קויל און קאַליש. די אָנגעקומענע זענען געווען אַזוי בידערגעשלאָגן, אַז זיי האָבן בכלל נישט געוווּסט, וואָס מיט זיי טוט זיך. כמעט אַלע זענען בלוטיק צעשלאָגן. די פרויען האָבן נישט זייערע מענער און די מענער האָבן נישט זייערע פרויען. זייערע דערציילונגען זענען אַזוי שרעקלעך, אַז האָר און נעגל שטעלן זיך קאַפּויר. דעם באַפעל צו פאַרלאָזן די וווינונגען האָבן זיי באַקומען 4 אַזייגער פאַרטאָג.

„מיר האָבן נישט געוווּסט, וואָס פריִער צו טון, ראַטעווען די קינדער, אָדער עפּעס אײַנפּאַקן, כדי צו האָבן צום עסן. די מערדער האָבן אונדז נישט געלאָזט אַפילו אָנטאָן זיך. פרויען זענען אַרומגעלאָפן נאַקעט און געזוכט זייערע אַרויסגעטריבענע קינדער. דאָס געשריי פון אַלע זייטן „ייִדן אַרויס" האָט אונדז אין גאַנצן צעטומלט. באַלד זענען געפאַלן שאָסן און אַ סך ייִדן זענען געבליבן טויט אויפן אָרט.

דעם 8טן יולי.

דער געטאָ־טראַמוויי האָט שוין באַוויזן איבערצופאָרן אַ יונגע פרוי צום טויט. די פרוי רחל מינץ האָט שטאַרק געאײַלט פון דער אַרבעט. זי האָט פאַרשלאָסן אַ קליין קינד און זי האָט אין אײַלעניש נישט באַמערקט דעם אָנלויפנדיקן טראַמוויי.

דעם 9טן יולי.

די געהיימע פּוילישע ראַדיאָ־סטאַנציע „שוויט" האָט היינט מיטגעטיילט, אַז אַלע קלענערע שטעט אַרום לאָדזש ווערן אויסגעליידיקט פון ייִדן. די עלטערע, קראַנקע און קליינע קינדער ווערן דערשאָסן און די געזונטע ווערן אָפּגעטראַנספּאָרטירט אין אַרבעטס־לאַגערן. פון אַ סך ייִדישע קינדער ווערט אָפּגעצויגן דאָס בלוט, כדי צו מאַכן טראַנספוזיעס די פאַר־

זוונדעטע דייטשע סאָלדאַטן. צענדליקער טויזנטער ייִדן, — טיילט די ראַדיאָ מיט, — זענען שוין אומגעקומען.

דעם 10טן יולי.

ביאַלער, דער לייטער פון דער קבורה־אָפּטיילונג אויף זגערזשער־גאַס נומער 7, האָט מיר היינט דערציילט, אַז דער פּרעזעס האָט אים באַפוילן מער נישט קובר צו זיין אין תכריכים. אויב ער וועט געוויר ווערן, אַז מען באַנוצט ווייטער תכריכים, וועט ער נישט קוקן אויף אַלע מיינע פאַר־דינסטן און מיך מיט דער ערשטער גרופּע אַוועקשיקן.

דעם 12טן יולי.

אַלאַרם! קוויטשערייען און פּייפערייען. פון אַלע זייטן לויפן די פּאָלי־ציאַנטן און שרייען, אַז די ליכט זאָל אויסגעלאָשן ווערן. אין געציילטע סעקונדעס איז שוין דאָס גאַנצע געטאָ איין שטיק פינצטערניש. מיר בעטן גאָט, אַז דער שונא זאָל קומען. ער זאָל באָמבאַרדירן די שטאָט, ער זאָל זי חרוב מאַכן. אונדזערע תפילות ווערן נישט מקוים.

דעם 13טן יולי.

מיטן מאַרישינער־וועג זענען היינט אָנגעקומען טראַנספּאָרטן מיט קישנס און פוך־דעקן. דאָס איז דאָס בעטגעוואַנט פון די ייִדן, וואָס זענען אַרויסגעטריבן געוואָרן פון די קלענערע שטעטלעך אַרום לאָדזש. דאָס בעטגעוואַנט איז אַריינגעלייגט געוואָרן אין דער גרויסער קירכע אויף ראָג זגערזשער־לוטאָמיערסקאַ. דאָרט וועט דאָס גערייניקט ווערן, דערנאָך וועט דאָס ייִדישע בעטגעוואַנט אָפּגעשיקט ווערן פאַר דער דייטשער באַפעלקערונג.

דעם 14טן יולי.

די געסטאַפּאָ האָט היינט באַפוילן, אַז די „מאַטקאַ באָסקאַ"־פיגור, וואָס שטייט ביי דער קירכע, אין וועלכער מען רייניקט דאָס בעטגעוואַנט, זאָל אַראָפּגענומען ווערן. עס האָט טאַקע נישט לאַנג געדויערט און עס זענען געקומען 4 קריסטלעכע אַרבעטער און האָבן אָנגעהויבן אַראָפּצונעמען די

פיגור. די אַרבעט איז צוגעגאַנגען זייער גיך און צאָרנדיק. שפּעטער האָבן די ייִדן צונויפֿגענומען די ברוכשטיקער און אָפּגערייניקט דעם פּלאַץ.

דער פּרעזעס האָט היינט גערופֿן די לייטערס פֿון אַלע רעסאָרטן. זייט וויסן ייִדן, — האָט דער פּרעזעס געזאָגט, — אַז עסן וועט אין געטאָ מער נישט זיין. די סיבה איז, וואָס אַלע באַנען זענען פֿאַרנומען מיטן מיליטער און ווען איך פּרוביר צו אינטערוועניִרן וועגן אַריינשיקן אַ פּאָר וואַגאָנען מעל אָדער קאַרטאָפֿל, ענטפֿערט מען מיר, אַז די דייטשן הונגערן אויך. צום ערשטן מוז פֿאַרזאָרגט ווערן דאָס מיליטער, דערנאָך די דייטשע ציוויל־באַפֿעלקערונג, דערנאָך די פּאָליאַקן און צום לעצט, ווען עס וועלן איבער־בלייבן וואַגאָנען, וועלן מיר באַקומען.

דעם 16טן יולי.

25 וואַגאָנען מיט צוגערויבטע מלבושים פֿון די ייִדן אין די שטעטלעך, זענען היינט דורך מאַרישין אָנגעקומען אין דער געטאָ אַריין. עס זענען אויפֿגעשטעלט געוואָרן ספּעציעלע סאָרטיר־רעסאָרטן. ביבאָוו האָט צו זיך גערופֿן די פֿאַרשטייער פֿון דער זאָנדער־פּאָליציי און זיי אויפֿגעפֿאָדערט, אַז זיי זאָלן אַכטונג געבן אויף אַלע סאָרטיר־פּלעצער און אויב עס וועלן געפֿינען ווערן ווערטזאַכן, זאָלן זיי באַלד איבערגעגעבן ווערן דער געטאָ־פֿאַרוואַלטונג. פֿאַרן נישט אויספֿירן די באַפֿעלן, וועט מען באַשטראָפֿט ווערן מיט טויט.

דעם 17טן יולי.

אַ קאָמיסיע פֿון דייטשע דאָקטוירים האָט היינט באַזוכט אַלע שפּיטאָלן. די דאָקטוירים האָבן אַפֿילו באַטראַכט עטלעכע קראַנקע. געפֿרעגט די ייִדישע דאָקטוירים צי די קראַנקע ווערן געזונט. צוויי דאָקטוירים האָבן פֿאָטאָגראַפֿירט די שפּיטאָל־צימערן, די קראַנקע. דערנאָך זיך פֿיין און העפֿלעך געזעגנט. צו די ייִדישע דאָקטוירים האָבן זיי גערעדט בלשון „קאָ־לעגע". איינער פֿון די ייִדישע דאָקטוירים האָט שפּעטער געזאָגט, אַז זייער העפֿלעכקייט וועט ברענגען אַן אומגליק. הלוואי זאָל ער פֿאַרבלייבן אַ ליגנער.

שלמה פראַנק

דעם 18טן יולי.

די היינטיקע דייטשע צייטונגען זענען אַרויס מיט וואָרענונגס־אַרטיקלען קעגן יידישן פאָלק. די צייטונג „וואָך" שרייבט:

די קריג איז נאָך נישט צו ענדע. אויב דייטשלאַנד וועט פאַרשפּילן די קריג 12 אַזייגער, וועלן שוין 11 אַזייגער קיין יידן אין אייראָפּע מער נישט זיין".

די ליצמאַנשטעטער צייטונג שרייבט, אַז עפּעס אַ פאַרשאָלטענער ייד אין אַמעריקע, מיטן נאָמען ברוך, האָט אָרגאַניזירט אַ פּאָגראָם אויף דער דייטשער באַפעלקערונג אין ניו־יאָרק. אַ צווייטער ייד מיטן נאָמען זיסקינד, האָט אָרגאַניזירט אַ פּאָגראָם אויף די דייטשן אין בראַזיל. די פאַרשאָלטענע יידן האָבן אומגעבראַכט טויזנטער אומשולדיקע דייטשן. דערפאַר וועלן די אייראָפּעיִשע יידן טייער באַצאָלן. עס וועט נישט זיין אַ קאָפּ פאַר אַ קאָפּ, נאָר הונדערט יידן וועלן באַצאָלן פאַר איין דייטש. אָט אַזוי זעען איצט אויס אונדזערע פּערספּעקטיוון. דער טויט־אורטייל איבער אונדז ווערט סיסטעמאַטיש אויסגעפירט. יעדן טאָג ווערן יידן דערשאָסן. יעדער טאָג ברענגט מיט זיך טויזנטער יידישע אומשולדיקע קרבנות.

דעם 19טן יולי.

עס קרייזן היינט אַרום אויסטערלישע קלאַנגען. די געסטאַפּאָ זאָל האָבן צוגעשיקט אַ בריוו צו דער געטאָ־פאַרוואַלטונג, אַז די לאָדזשער געטאָ מוז ליקווידירט ווערן. כאָטש די געטאָ־אַרבעט קומט זיי שטאַרק צו נוץ, מוז דער וואַרטיגאַו־געביט ווערן יודן־ריין. צוליב די אויסטערלישע קלאַנגען קומען טאָג־טעגלעך אום צענדליקער מענטשן. מענטשן לויפן אַרום ווי משוגע. טייל שפּרינגען פון די שטאָקן און לאָזן איבער בריוולעך, אַז זיי ווילן מער נישט מיטמאַכן נאָך אַן עוואַקואַציע.

דעם 20סטן יולי.

דער טישלער־רעסאָרט האָט היינט באַקומען פון דער געטאָ־פאַרוואַלטונג אַן אויפטראַג צו מאַכן 50 טויזנט קינדער־בעטלעך. צוליב דער גרויסער באַשטעלונג ווערט איצט דער טישלער־רעסאָרט פאַרגרעסערט און עס

ווערן צוגענומען נאָך אַרבעטער. נישט געקוקט דערויף, וואָס די קלאַנגען פאַרשטאַרקן זיך, באַקומט די געטאָ־פאַרוואַלטונג כסדר גרויסע באַשטעלונ־גען. איינער פון די געסטאַפּאָ־אַגענטן האָט געזאָלט זאָגן, אַז די בעטלעך ווערן געמאַכט פאַר יידישע קינדער, וועלכע געפינען זיך אין אַ ספּעציעלן גרויסן לאַגער נישט ווייט פון לובלין.

דעם 21סטן יולי.

די געסטאַפּאָ האָט היינט מיטגעטיילט רומקאָווסקין, אַז מאָרגן 11 אַזייגער פאַר מיטיק וועלן צוויי פּאַביאַניצער יידן געהאָנגען ווערן. ווער די יידן זענען און פאַרוואָס זיי וועלן געהאָנגען ווערן איז נישט באַוווסט.

דעם 22סטן יולי.

דער היינטיקער טאָג וועט נישט פאַרגעסן ווערן און ער וועט לאַנג, לאַנג בלייבן אין זכרון. באַלד באַגינען זענען זיך אַ סך געסטאַפּאָ־אַגענטן אָנגע־קומען אין דער געטאָ. זייער האַלטן זיך האָט אָנגעוואָרפן אַ מוראדיקע שרעק. מיט ציטער זענען די געטאָ־מענטשן געלאָפן אַהין און אַהער און געזוכט אַן אָרט ווו זיך צו באַהאַלטן.

פּינקטלעך 11 אַזייגער זענען אָנגעקומען צוויי אויטאָס. דער ערשטער איז געבליבן שטיין ביים עק באַזאַרנע און לוטאָמירסקאַ. די זיצנדיקע אין אים האָבן צוגערופן צו זיך דעם יידישן פּאָליציי־קאָמענדאַנט, ראָזענבלאַט, פריער אים עפּעס געפרעגט, דערנאָך זענען זיי אַרויסגעשפּרונגען פון אויטאָ, אַרויסגענומען פון די קעשענעס די רעוואָלווערן, אַרומגעקוקט זיך און באַוווּנ־דערט די רויקייט, וואָס עס הערשט אויף דעם עקזעקוציע־פּלאַץ. אין פינף מינוט אַרום איז אָנגעקומען אַ צווייטער אויטאָ. אויך פון צווייטן אויטאָ זענען אַרויסגעשפּרונגען דריי אויסגעפּרעסענע ס. ס.־מערדער. זיי האָבן אויפגעשלאָסן די הינטערשטע אויטאָ־טיר, דורך וועלכער עס זענען אַרויס־געקראָכן צוויי בלאַסע יידן. (איינער — גרינבוים פון פּאַביאַניץ, און דער צווייטער — מאַקאָווסקי פון לאָדזש). בעת זיי זענען צוגעפירט געוואָרן צו דער תליה, האָבן זיי אויפגעהויבן זייערע אויגן צום הימל און עפּעס גע־זאָגט אין דער שטיל. אין דער זעלבער רגע איז אונטערגעשפּרונגען דער גוט־באַקאַנטער געטאָ־אויסוואורף, גלאזער, ער האָט גענומען די צוויי קרבנות

און זיי צוגעפּירט ביז צום שטריקל, פאַרוואָרפן אויף זייערע העלדזער פּעט־ליעס און די צוויי אומשולדיקע ייִדן זענען געהאָנגען געוואָרן. זיי האָבן אַ צייט געצאַפּלט, געוואָרפן מיט די פיס, דערנאָך פאַרבליבן שטיל, שטום, שטייף און טויט.

נאָך דער עקזעקוציע האָבן די מערדער אַרויסגענומען פון די טאַש־ניקלעך פלעשער און אַריינגעגאָסן אין זיך ליקער און געדריקט זיך די הענט און הויך געשריגן: „מאָרגן ווייטער". דער ייִדישער הענקער, גלאזער, האָט באַקומען אַ שאַכטל ציגאַרעטן און זיי האָבן אים אַפּלאָדירט פאַר זיין „גוטער אַרבעט". די תליה איז געמאַכט געוואָרן אין טישלער־רעסאָרט אויף דרוקאַרסקאַ 12. די קרבנות זענען געהאָנגען ביז 4 אַזייגער נאָכמיטאָג. דערנאָך זענען זיי אַראָפּגענומען געוואָרן און מען האָט זיי אָפּגעפירט אויפן בית־עולם.

דעם 23סטן יולי.

די געהיימע פּוילישע ראַדיאָ־סטאַנציע „שוויט" האָט היינט מיטגע־טיילט, אַז די וואַרשעווער געסטאַפּאָ האָט באַפוילן, אַז אין פאַרלויף פון 10 טעג זאָל די וואַרשעווער ייִדישע קהילה צושטעלן 50 טויזנט ייִדן. אינזשע־ניער טשערניאַקאָוו זאָל האָבן דערקלערט, אַז די קהילה וועט נישט אימ־שטאַנד זיין אויסצופירן דעם באַפעל. די געסטאַפּאָ האָט געגעבן דער קהילה דריי טעג צייט, אויב נישט וועט זי אַליין קומען און נעמען די געפאָדערטע צאָל ייִדן, דעמאָלט וועט פאַר די ייִדן זיין פיל ערגער.

דעם 24סטן יולי.

שרעקלעכע ידיעות קומען אָן פון די קליינע שטעטלעך. די דייטשן לאָזן אויס דעם גאַנצן כעס אויף די שוצלאָזע ייִדן. וואָס ערגער עס גייט זיי אויף די פראָנטן, אַלץ מער פאַרביסענער ווערן זיי אויף אונדז. די וועלכע ברענ־גען די ידיעות דערציילן, אַז אַלע ייִדן ווערן אויסגעמאָרדעוועט. אַלע שטעט־לעך ווערן אָפּגערייניקט. דער גרעסטער טייל ייִדן ווערט דערשאָסן אויפן אָרט און אַ קליינער טייל ווערט געטריבן אין די אַרבעטס־לאַגערן. די ער־שטע קרבנות זענען פרויען און קינדער, קראַנקע און עלטערע מענטשן. כמעט אַלע שטעטלעך אַרום לאָדזש זענען שוין ייִדן־ריין. ביז איצט זאָלן די

מערדער שוין האָבן דערשאָסן אין דער לאָדזשער וואָיעוואָדזטווע איבער הונדערט טויזנט ייִדן.

אין דער נאַכט פון שבת דעם 18טן יולי, זאָל האָבן פּאַסירט א גאָר גרויסע שחיטה אין קאָנינער וואַלד. די געוואַלדן פון די אומגעקומענע זאָל מען האָבן געהערט אויף מײַלן ווײַט. אויך די דײַטשן, וואָס האָבן זיך ביז איצט אויפגעפירט אַ ביסל מענטשלעך, אויך זיי זענען אַגדערש געוואָרן, זיי ענטפערן שוין נישט נאָרמאַל, נאָר זיי שרײַען, שעלטן און זידלען. בײַ יעדע פּאָר ווערטער הערט מען ווי זיי שרײַען: אַלע וועט מען אייך אומ־ברענגען".

דעם 25סטן יולי.

די ליצמאַנשטעטער צײַטונג האָט הײַנט געשריבן:

„די ייִדישע מאַמעס האָבן אַוועקגעוואָרפן זייערע קינדער, כדי זיך צו ראַטעווען". דער מנובלדיקער שרײַבער דערציילט, אַז ווען די ייִדן אין די קליינע שטעטלעך האָבן באַקומען אַ באַפעל צו פאַרלאָזן די וווינונגען, ווײַל די וווינונגען וועלן באַנוצט ווערן פאַר סאָלדאַטן, וואָס קומען זיך אָפּרוען פון די שווערע פראָנט־קאַמפן, האָבן די ייִדישע מאַמעס אַרויסגעוויזן זייער חיהשקייט און זיי האָבן אַוועקגעוואָרפן זייערע קליינע קינדער, כדי זיך לײַכטער צו מאַכן דאָס לעבן. דאָס קענען נאָר טון ייִדן, — שרײַבט ער, — די וועלכע ווערן געהאַסט פון יעדן ערלעכן קריסט. אָבער נישט געזאָרגט, — מאַכט דער דאָזיקער שרײַבער אַן אויספיר, — די ייִדישע מאַמעס וועלן דערפאַר טייער באַצאָלן. זיי וועלן טאַקע די קינדער מער שוין נישט האָבן. דערפאַר אָבער וועלן זיי מיטן לעבן באַצאָלן".

אָט אַזוי ווערן מיר באַשמוצט. נישט גענוג וואָס טויזנטער צעבראָכענע מאַמעס האָבן זיך דאָס לעבן גענומען, ווען מען האָט זייערע קינדער פון זיי צוגענומען, נישט גענוג וואָס טויזנטער מאַמעס זענען צולים דעם אַראָפּ פון זינען; נישט גענוג וואָס צענדליקער טויזנטער מאַמעס האָבן נאָך נישט אויפגעהערט צו זוכן און צו וויינען אויף זייערע פאַרשווונדענע קינדער, קומט אַ מערדערישער שרײַבער פון אַ מערדעריש פאָלק און שרײַבט מיט אַזאַ נידערטרעכטיקער חוצפּה, אַז די ייִדישע מאַמעס האָבן אַוועקגעוואָרפן

זייערע קינדער, כדי זיך לייכטער צו מאַכן זייער לעבן! מען מוז שטאַרקער זיין פון אייזן, כדי די דאָזיקע שרעקלעכקייט איבערצולעבן.

דעם 26סטן יולי.

איינער פון די אָנפירער פון דער זאַנדער־פּאָליציי, דוד גערטלער, האָט היינט דערציילט פאַר זיינע פריינט, אַז די לאַגע פון די וואַרשעווער יידן איז טרויעריק. אינזשעניער טשערניאַקאָוו איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. די קהילה איז צעלאָזט געוואָרן און די דייטשן, צוזאַמען מיט דער יידישער פּאָליציי, עוואַקויִרן די געטאָ. ביזן היינטיקן טאָג האָט מען שוין עוואַקויִרט 80 טויזנט נפשות. הונדערטער טויטע ליגן אויף די גאַסן און ווערן נישט צוגענומען. די עוואַקואַציע גייט אָן, אָן איבעררייס. די דייטשע קרימינאַל־פּאָליציי האָט אַרעסטירט אַלע יידישע מוסרים. אייניקע פון זיי, דערונטער די צוויי לאָדזשער, העלער און קאָן, זענען מיט זייערע פרויען דערשאָסן געוואָרן. די צוויי זענען געווען מיטאַרבעטער אין דער געסטאַפּאָ. זיי האָבן אַרומגעפירט ביי דער נאָז דאָס גאַנצע וואַרשעווער יידנטום. וואַרשע איז געוואָרן אַ גהינום. די לאָדזשער, וואָס זענען פון דאָרטן אַנטלאָפן, ווילן איצט צוריקקומען, זיי בעטן זיך ממש רחמים, אַז מ׳זאָל זיי צוריקפירן קיין לאָדזש.

דעם 29סטן יולי.

די געסטאַפּאָ האָט היינט באַפוילן, אַז די יידישע פּאָליציי־קאָמאַנדע זאָל איר צושטעלן אייניקע געזונטע פּאָליציאַנטן, וואָס וועלן צוזאַמען מיט געסטאַפּאָ־אַגענטן אַרויספאָרן אין די קלענערע שטעטלעך, כדי אַריינצוברענגען אין דער לאָדזשער געטאָ דאָס איבערגעבליבענע יידישע פאַרמאָגן. פאַרשטייט זיך, אַז די פּאָליציי־קאָמאַנדע האָט באַלד צוזאַמענגעשטעלט אַ גרופּע פּאָליציאַנטן וואָס זענען 10 אַזייגער פאַרמיטאָג אָפּגעפאָרן קיין פּאַביאַניץ. די זעלבע פּאָליציאַנטן וועלן דערנאָך ווייטער פאָרן, ביז אַלע קליינע שטעטלעך אַרום לאָדזש וועלן געריניקט ווערן אויך פון יידישן פאַרמעגן.

דעם 31סטן יולי.

צוליב די גרויסע היצן, וואָס האַלטן שוין אָן עטלעכע טעג, האָט זיך די שטערבלעכקייט שטאַרק פאַרגרעסערט. די טשערוואָנקע (דיזענטעריע)

הערשט כמעט אין יעדער צווייטער שטוב. אויב דאָס איז ווייניק, האָבן זיך אויף די געטאָ־פעלדער אַראָפּגעלאָזט מיליאָנען ווערעם (ליסקעס) און פרעסן אויף דאָס גאַנצע אָנגעוואַקסענע קרויט און אַנדערע גרינסן. לויט ווי דער אַפּראָוויזאַציע־לייטער האָט איבערגעגעבן האָבן די ווערעם אויפגעגעסן צווי מיליאָן הייפּטלעך קרויט און פיר מיליאָן אַנדערע מינים בלעטער. דאָס קרויט איז אויפגעגעסן געוואָרן ביזן וואָרצל.

דעם 1טן אויגוסט.

היינט, דעם ערשטן אויגוסט, האָט דאָס געטאָ־יידנטום איבערגעלעבט אַן אויסערגעוויינלעכע טראַגעדיע. די טראַגעדיע האָט צעבראָכן טויזנטער לעבנס. אַ שרעקלעכער שבת איז היינט געווען. יעלות און געוואַלדן האָט מען געהערט אין יעדן הויז. איבעראַל האָבן זיך הענט געבראָכן און טרערן האָבן זיך געגאָסן. אייניקע האָבן געשריגן: „אונדזערע טייערע מאַמעס". אַנדערע האָבן געשריגן: „מיינע טייערע קינדער". שרעקלעך, שרעקלעך איז דער היינטיקער טאָג געווען. בעתן פאַרצייכענען קען איך אַפילו די געדאַנקען נישט צונויפנעמען, אויך מיין פאַמיליע האָט דערפון שווער געליטן.

פּאַסירט האָט עס פלוצים. אַזוי ווי אַ געוויטער זענען אין דער געטאָ אַריינגעפאָרן 8 גרויסע שוואַרצע לאַסט־אויטאָס, וואָס זענען געווען באַדעקט מיט שוואַרצע פּלאַכטעס. די 8 אויטאָס זענען זיך צעפאָרן אין עטלעכע ריכטונגען, זענען אַזוי ווי די רוחות צוגעפאָרן צו די יידישע שפּיטאָלן. די דייטשן, וואָס זענען פון זיי אויסגעשטיגן האָבן באַפוילן, אַז אין פאַרלויף פון 10 מינוט — מוזן אַלע קראַנקע, אָן אונטערשייד, זיך געפינען אויף די לאַסט־אויטאָס און ווער עס וועט פּרובירן זיך אויסצובאַהאַלטן, וועט אויפן אָרט דערשאָסן ווערן. אויך דער וואָס וועט פאַר אַ קראַנקן אינטערווענירן, וועט דערשאָסן ווערן. אין זעלבן מאָמענט האָט די יידישע פּאָליציי אָפּגעשלאָסן אַלע וועגן אַרום די שפּיטאָלן, כדי די באַפעלקערונג זאָל נישט קומען צולויפן און שטערן די אַקציע. נישט געקוקט דערויף זענען טויזנטער מענטשן דאָך געקומען צולויפן. מאַמעס, טאַטעס, שוועסטערס און ברידער, אַלע האָבן געשריגן, געוויינט, געלאַרעמט און געריסן זיך די האָר פון די קעפּ און געבעטן זיך רחמים ביי דער פּאָליציי, אַז מען זאָל זיי צולאָזן צו די שפּיטאָלן כדי זיך צו געזעגענען מיט זייערע נאָענטע. די פּאָ־

ליציי, פאַרשטייט זיך, האָט דאָס נישט געקענט דערלויבן, ווייל אויך זייער לעבן איז געווען באַדראָעט. חוץ מזה האָבן זיי געוואָלט אויסמיידן אַ פּיל גרעסערן אומגליק. נישט געקוקט אויף דער גרויסער שטרענגקייט האָבן זיך דאָך אייניקע פון פּובליקום אַדורכגעריסן און זענען טאַקע אויפן אָרט דערשאָסן געוואָרן. אַנדערע ווידער זענען מיטגענומען געוואָרן מיט די קראַנקע.

די קראַנקע אַליין האָבן נישט געוווּסט ווו מען פירט זיי, נאָר לויט די געוואַלדן פון די געסטאַפּאָווצעס האָבן זיי זיך משער געווען, אַז זיי ווערן שוין אָוועקגעפירט אויף אייביק. דער קראַנקער, וואָס האָט געפּרוּווט עפּעס פרעגן, אָדער פּראָטעסטירן פאַרוואָס ער ווערט ברוטאַל באַהאַנדלט, איז אויפן אָרט דערשאָסן געוואָרן. אַזוי אַרום זענען 18 קראַנקע דערשאָסן געוואָרן אויפן אָרט. איידער זיי זענען אָוועקגעפירט געוואָרן צום געמיינזאַמען ברידער־קבר. די שוואַרצע אויטאָס האָבן פון די שפּיטאָלן אַרויסגעשלעפּט צוויי טויזנט קראַנקע, דערונטער 400 קינדער און 80 שוואַנגער־פרויען. 1.000 קראַנקע זענען שוין געווען געזונט. זיי האָבן געזאָלט אין די נאָענטס־טע טעג אויסגעשריבן ווערן פון די שפּיטאָלן. צוליב דער נאַכלעסיקייט פון דער אַדמיניסטראַציע זענען זיי נאָך פאַרבליבן. אַזוי אַרום האָבן אויך 1.000 געזונטע מענטשן פאַרשפּילט זייער לעבן, אין פאַרלויף פון צוויי שעה צייט זענען אויסגעליידיקט געוואָרן אַלע 5 שפּיטאָלן און צוויי טויזנט נפשות האָבן פאַרלוירן זייער לעבן. איצט וועלן די שפּיטאָלן פאַרוואַנדלט ווערן אין אַרבעטס־רעסאָרטן.

דעם 2טן אויגוסט.

עפּעס אַ געהיימע קאָמיסיע איז היינט געקומען אין געטאָ. די קאָמיסיע פאַרשט אויס פאַרשיידענע איינצלהייטן. זי איז זייער שטרענג. זי לאָזט צו זיך נישט צו קיין שום געטאָ־פאַרשטייער. דער פאַרטרעטער פון פרעזעס, יאַקובאָוויטש, האָט שוין אייניקע מאָל געפּרוּווט רעדן מיט ביבאָון וועגן דער קאָמיסיע. ביבאָוו ענטפערט, אַז ער אַליין ווייסט גאָרנישט. ער זאָגט, אַז מען זאָל זיך נישט שרעקן. דערווייל איז דער עולם שטאַרק איבערגע־שראָקן. ווער זוויסט צי די קאָמיסיע וועט ווידער נישט ברענגען עפּעס אַ

צרה. מען האָט שטאַרק מורא, אַז די נעכטיקע טראַגעדיע זאָל נישט ברענגען אַ צווייטע.

דעם 3טן אויגוסט.

די געטאָ־פאַרוואַלטונג האָט היינט מיטגעטיילט, אַז אַלע 5 געוועזענע שפּיטאָלן דאַרפן אָפּגערייניקט ווערן און פאַרוואַנדלט ווערן אין אַרבעטס־רעסאָרטן. טייל ווערן רעמאָנטירט און עס וועלן אין זיי איינגעריכטעט אַרבעטס־פּלעצער. דאָס געוועזענע גרויסע שפּיטאָל אויף דרעוונאָווסקאַ, ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ גרויסן שניידער־רעסאָרט. עטלעכע קלענערע שניידער־רעסאָרטן ווערן איצט אויפגעלייזט.

דעם 4טן אויגוסט.

היינט זענען אָנגעקומען אין דער געטאָ איינציקע ייִדן פון שטעטל דוואָורד. די ייִדן מייראָוויטש, פרידמאַן, פּאַטשיק, געלבאַרד, קאָזע, בענעט און טיגער. דערציילן:

„מען האָט אונדז אַרויסגעטריבן נאַקעט און באָרוועס פון אונדזערע שטובן. מען האָט אונדז צעטיילט אויף פאַרשיידענע גרופּן. די געזונטע האָבן באַקומען פאַר די אויגן פון זייערע פרויען און קינדער מוראדיק געשלאָגן און געשלאָגן האָט מען נישט מיט די בלויזע הענט, נאָר מיט דרענגער, לאָפּאַטעס און סתם שטיקער אייזן. דורך דער צייט ווען מען האָט אונדז געשלאָגן, האָבן די מערדער דערווייל דערשאָסן די קינדער און קראַנקע און אַלע זקנים, און ווען דאָס קאַטעווען האָט אויפגעהערט, האָט מען אונדז געצוווּנגען צוזאַמענצונעמען די קרבנות און זיי אין איין קבר קובר צו זיין. בעת מיר האָבן אונדזערע קדושים געבראַכט צו קבורה האָבן נאָך אַ טייל געלעבט און געעפנט די אויגן.

פערציק פּראָצענט פון אונדזער שטעטל איז אויפן אָרט אומגעקומען. די איבעריקע, ד״ה מיר, זענען דאָ צו אייך אַהער געשיקט געוואָרן. דער חודש ניסן, אַזוי ווי ער האָט זיך נאָר באַוויזן, האָט ער געבראַכט אויף דעם שטעטל איין צרה נאָך דער אַנדערער. געשלעגערייען, אַרעסטן און מאָרדן. דאָס האָט אַזוי אָפּגעהאַלטן ביז דעם 27סטן ניסן, ווען דאָס גאַנצע שטעטל ייִדן איז מיט איינמאָל פאַרניכטעט געוואָרן. 7 אַזייגער אין דער פרי, האָט

דער דאָרטיקער פּאָליציי־פּרעזידענט גערופן צו זיך די ייִדישע פאָרשטייער און זיי דערקלערט: — „עס איז געקומען אַ באַפעל פון בערלין, אַז נאָך היינט מוזן געהאַנגען ווערן 10 ייִדן און די 10 ייִדן, וועלן מיר זעלבסט אויסוויילן. געוויס, האָט דער פּאָליציי־פּרעזידענט צוגעגעבן, וועלן מיר הענגען בלויז פאַרברעכער און אויסוואורפן און אַזעלכע פעלן ביי אייך נישט. דעריבער זייט וויסן, אַז צווישן די 10 ייִדן, וואָס וועלן נאָך היינט הענגען, וועט אויך זיין דער רב און זיין זון. ווי די ייִדישע פאָרשטייער האָבן דאָס געהערט, איז זיי פינסטער געוואָרן אין די אויגן, זיי האָבן אָנגעהויבן צו בעטן, אַז דער רב זאָל געשוינט ווערן, ווייל ער איז שוין סיי ווי סיי אַן עלטערער מענטש. עס האָט גאָרנישט געהאָלפן. דער פּאָליציי־פּרעזידענט האָט דערקלערט פעסט און קאַטעגאָריש, אַז ער וועט טון ווי ער וויל. עס האָט טאַקע לאַנג נישט געדויערט און די צען ייִדן זענען שוין געווען אין די הענט פון דער געסטאַפּאָ. אין גרויס איילעניש איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ תליה און אַלע איינוווינער פון שטעטל, ייִדן און קריסטן, האָבן זיך געמוזט פאַרזאַמלען אויפן מאַרק, כדי בייצוווינען די עקזעקוציע.

„נאָכמיטאָג האָט מען פון אַרעסט געבראַכט 10 בלאַסע, דערשראָקענע ייִדן, וואָס האָבן נעבעך נישט געוווסט, אַז זיי וועלן אַזוי טראַגיש אומקומען. ווען דאָס גאַנצע שטעטל איז שוין געווען פאַרזאַמלט און מיט האַרצקלאַפּעניש געוואַרט, זענען אָנגעקומען אייניקע געסטאַפּאָ־אַגענטן מיט אַ ייִדן, וואָס דאָס שטעטל האָט אים נישט געקענט, און גענומען זיך פאַרען ביי דער תליה. פאַר דער עקזעקוציע האָט דער עלטצטער פון די ייִדן געמוזט האַלטן אַ רעדע, אַז אַזוי וועלן אומקומען אַלע, וועלכע וועלן נישט פאָלגן די באַפעלן פון דער דייטשער מאַכט. באַלד נאָך דער עקזעקוציע איז יעדער אַהיימגעגאַנגען שוין נישט אויף זיינע פיס".

דעם 6טן אויגוסט.

היינט זענען אָנגעקומען 200 ייִדן פון שטעטל לאַסק. אַרויסגעטריבן האָט מען זיי, — דערציילן די ייִדן, — אַכט הונדערט און זעכציק נפשות. 600 נפשות, דערונטער פרויען, קינדער און זקנים, האָט מען אַוועקגעשיקט אין אַן אומבאַוווסטער ריכטונג; 60 מאַן זענען אויפן וועג אַוועקגעקומען און די איבעריקע האָט מען אַריינגעטריבן קיין לאָדזש. געקומען זענען די ייִדן

אָן עפּעס. דאָס קלענסטע פּעקעלע איז ביי זיי צוגענומען געוואָרן. אַ טייל האָבן באַקומען מערדערלעך געשלאָגן. אין שטעטל גופא איז די ייִדן נישט שלעכט געווען. זיי האָבן געאַרבעט און געהאַט צו עסן. שפּעטער אָבער, ווען די לאָדזשער געסטאַפּאָווצעס האָבן זיך באַוויזן אין שטעטל, האָט זיך אַלץ געענדערט. יעדן טאָג האָבן זיך געמערט די גזירות און די ביטערע צרות. דאָס האָט אַזוי אָנגעהאַלטן ביזן היינטיקן טאָג. צוויי שעה צייט האָט גע־דויערט דער פּאָגראָם. מער ווי אַ העלפט מענטשן זענען אויפן אָרט אומגע־קומען און די איבעריקע זענען דאָ אַהערגעבראַכט געוואָרן.

דעם 7טן אויגוסט.

פון דער אַרבעט אין פויזן זענען היינט צוריקגעקומען 60 מאַן. ווי נאָר זיי זענען אָנגעקומען האָט דער פּרעזעס געהייסן זיי איזאָלירן. זיי זע־נען אַריינגעזעצט געוואָרן אין דער צענטראַלער תפיסה. ווי לאַנג זיי וועלן זיצן און פאַרוואָס זיי ווערן אַזוי באַהאַנדלט, ווייסט נאָר דער פּרעזעס.

דעם 8טן אויגוסט.

די צענטראַלע תפיסה איז היינט באַלאַגערט געוואָרן פון הונדערטער פרויען און קינדער. זיי האָבן געפאָדערט, אַז מען זאָל באַפרייען זייערע מענער וואָס זענען נעכטן אָנגעקומען פון פויזן. עס איז געווען אַ גרויסער צער צו זען, ווי אַזוי די פרויען האָבן זיך געוואָרפן אויף דער ערד און געבעטן, אַז מען זאָל באַפרייען זייערע מענער און טאַטעס. אַלע געבעטן און אַלע געוויינען האָבן נישט געהאָלפן. דאָס לאַרעמען האָט אַזוי אָנגעהאַלטן ביז 4 אַזייגער נאָכמיטאָג. ווען די תפיסה־פּאָליציי האָט געזען, אַז זי קען זיך נישט קיין עצה געבן מיט דעם פאַרזאַמלטן עולם, איז שלום הערצבערג אַרויס צום עולם און געזאָגט:

„אויב איר וועט פאַרלאָזן דאָס אָרט און אַהיימגיין, וועט איר מאָרגן האָבן אייערע מענער ביי זיך אין דער היים. און אויב איר וועט ווייטער דאָ שרייען, וועט איר צוזאַמען מיט אייערע קינדער נאָך היינט אַוועקגע־שיקט ווערן, דאָרט ווו דער קעסל בריט".

הערנדיק די ווערטער האָבן אַלע פאַרלאָזט דאָס אָרט און זענען אַוועק אַהיים. ווי נאָר דער עולם איז אַוועק, זענען אָנגעקומען צוויי שוואַרצע לאַסט־

אויטאָס און האָבן אַלע 60 אַרעסטירטע אַוועקגעפירט. אַזוי אַרום זענען 60 יונגע מענטשן, וואָס האָבן די גאַנצע צייט געאַרבעט שווער פאַרן דייטשן מיליטער, אומגעקומען, ווייל זיי זענען ביי דער אַרבעט קראַנק געוואָרן.

דעם 9טן אויגוסט.

איך בין קראַנק געוואָרן. די הענט זענען מיר שוואַך געוואָרן. איך קען מער נישט נעמען די פעדער אין דער האַנט אַריין. די פיס מיינע האָבן אויפגעהערט מיך צו טראָגן. צוליב דעם וועל איך געצווינגען זיין אָפּצו־שטעלן אויף אַ געוויסער צייט מיינע געטאָ־פאַרצייכענונגען. איך לייד פון הונגער און אַן אַלגעמיינער דערשעפּונג. אַזעלכע קראַנקע ווי איך, זענען אין דער געטאָ דאָ טויזנטער. איך גלייב שטאַרק, אַז איך וועל זיך פון דעם אַרויסדרייען. עס זענען פאַראַן איניקע פריינט, וואָס אונטערשטיצן מיך. די פריינט זענען: בערנאַד פרוינד, ד״ר גוטמאַן, מאַרק קליגער און די פּרעזע־סאָווע. זיי דערהאַלטן מיך ביים לעבן. איצט, ווען איך ליג אין בעט האָב איך מער צייט צו טראַכטן וועגן דעם אַלעם אַרום. וועגן פּרעזעס מיט זיין קליקע, וועגן דער ידישער פּאָליציי, וועגן די אַלע לייטערס, וועגן די מוסרים און אַנדערע אויסוואורפן וואָס פרעסן און זויפן, וואָס שפּאָטן פון גאָט און מענטש, וואָס גלייבן נישט אין גערעכטיקייט. אָט פון זיי טראַכט איך איצט טאָג און נאַכט און פרעג זיך אַליין: ווי אַזוי קען דאָס מעגלעך זיין, אַז מענטשן וואָס האָבן פאַרן קריג געשפּילט אַ פיינע געזעלשאַפטלעכע ראָלע, געהאַט אַ פיינעם נאָמען, געפירט זיך מענטשלעך, זאָלן אין אַ צייט ווען מיר אַלע ווערן געמיינזאַם גערודפט, געפּלאָגט, דערנידעריקט, זאָלן די נעכטיקע פיינע געזעלשאַפטלעכע מענטשן אַזוי געמיין האַנדלען קעגן זייערע אייגענע ברידער?

נומער 1

דריי חדשים זענען אַוועק. איך הייב ווידער אָן צו שרייבן. דורך דער צייט זענען טויזנטער אומשולדיקע לעבנס אומגעקומען. דורך דער צייט זענען טויזנטער מענטשן פון צער פון זינען אַראָפּ. דורך דער צייט זענען טויזנטער מענטשן געפאַלן פון הונגער און די איינציקע רעטונג זייערע וואָלט געווען אַ ביסל עסן צו דער זעט. דורך דער צייט האָבן אַ טייל

ייִדן, איך מיין דעם טייל, וואָס אַרבעט מיטן שונא האַנט ביי האַנט, געבאָדן זיך אין וווילטיק און געמאַכט זיך בעלער. פון דעם טייל ייִדן וועט נאָך מיר אויסקומען אַ סך צו שרייבן. דערווייל מוז מען האַלטן די צונג צווישן די ציין און דערשטיקן אין זיך יעדעס וואָרט, אויב נישט — איז זייער ביטער. דאָן שטייט גרייט אַ שרעקלעכע תליה מיט הענקער, וואָס זענען דווקא אייגענע, וואָס קענען דאָס שרעקלעכע שפּיל מאַכן נישט ערגער ווי די דייטשן.

נאָך דריי חדשים נישט שרייבן און ליגן צו בעט און ראַנגלען זיך מיטן מלאך־המות, הייב איך איצטער צוריק אין אָרדענונג ברענגען מיינע געדאַנקען. דעם פאַרגאַנגענעם שווערן קאַשמאַר. איך פּרוּוו זיך דערמאָנען יעדעס פּיצעלע, יעדעס ברעקעלע ,יעדע גרויזאַמקייט, וואָס איז איבער אונדז אַדורכגעפּירט געוואָרן. איך וויל דאָס אַלץ פאַרצייכענען, באַשרייבן פאַר די וועלכע וועלן זיך אַמאָל פאַרנעמען מיט פאָרשן דאָס ייִדישע געטאָ־לעבן. איך וויל פאַרצייכענען דאָס וואָס איז מעגלעך און דאָס וואָס איז אמת, כדי שפּעטער, ווען די בייזע בלוט־באָד וועט זיך ענדיקן, זאָל די וועלט זען וואָס עס איז צווישן אייגענע ברידער פאָרגעקומען. דאָס וואָס איך האָב שוין ביז היינט פאַרצייכנט און דאָס וואָס איך פאַרצייכן היינט ווייטער איז אמת וצדק. אפשר נישט לויט די עיקרים פון דער הייליקער ליטעראַטור, דאָס לאָז איך איבער פאַר אַנדערע, פאַר די, וועלכע לעבן אין דער פרייער וועלט און שרייבן וועגן אונדז גאַנצע ביכער.

נומער 2

ווען די קריג וועט זיך אַמאָל ענדיקן און אַ טייל ייִדן וועלן זוכה זיין צו זען מיט זייערע אייגענע אויגן די פרייהייט, וועלן זיך שפּעטער געוויס געפינען אַזעלכע, וואָס וועלן זאָגן: „ער האָט דאָס אַלץ נישט געזען, ווייל בלויז פון זען אַזוי פיל צרות, קען מען דאָך משוגע ווערן". אויסער דעם וועלן זיי נישט גלייבן, אַז אין האַרץ פון דער אייראָפּעיִשער קולטור איז מעגלעך געוועזן אַזוינס זאָל קענען פאָרקומען, אַז דאָס האָבן לעבעדיקע מענטשן אַזוי פיל שלעכטס געטון אַנדערע מענטשן, ווייל די אַנדערע זענען כלומרשט פון אַ נידעריקער ראַסע. עס וועלן אויך זיך געפינען מענטשן, וואָס וועלן זאָגן, אַז איך האָב מגזם געוועזן, צופיל צעשריבן זיך. איבעריקנס

ווייס איך גאַנץ גענוי, אַז עס וועלן זיך געפינען מענטשן וואָס וועלן בשום אופן דאָס נישט קענען פאַרשטיין. וואָרום קען אַ מענטש וואָס וווינט אויף יענער זייט ים פאַרשטיין וואָס דאָ קומט פאָר? פרויען און קינדער וואָס זענען קראַנק און קענען זיך נישט באַוועגן, ווערן אַן רחמנות דערשאָסן פאַר די אויגן פון די געפייניקטע, און די געפייניקטע אַליין ווערן דערמאָרדעט און לעבעדיקערהייט באַגראָבן. פיר מיליאָן מענטשן, אַזעלכע וואָס האָבן נעכטן געלעבט, געווען פריש און געזונט, געלאַכט און געשטיפט, געזאָרגט וועגן פּרנסה, לערע, אידייען, דיסקוטירט וועגן וועלט־פאַרשקלאַפונג און וועלט־דערוואַכונג, ליגן איצט פאַרשיט אין מאַסן־קברים. הונדערטער טויזנטער יידן וואַלגערן זיך אַרום אויסגעהונגערטע, אָפּגעריסענע, מיט אַ פאַר־צווייפלטע שרעק אין די אויגן, אויך זיי קען טרעפן דאָס וואָס עס האָט געטראָפן זייערע נאָענטסטע. אויב די מלחמה וועט זיך חלילה לענגער פאַרציִען, ווער ווייסט צי עס וועט אין אייראָפּע איבערבלייבן איין ייִד. אויף טויזנטער קילאָמעטער ווייט ליגן אונדזערע מאַסן־קברים. ווער ווייסט צי די אַלע שוידערלעכע זאַכן זענען באַקאַנט די ייִדן אויף יענער זייט ים? ווער ווייסט, צי איר פון יענער זייט ים, האָט אַ באַגריף וועגן דעם גרויסן ייִדישן אומגליק, וועגן דעם גרויסן בראָך. די נאָענטסטע אייערע לעבן שוין נישט, און די וועלכע לעבן נאָך, וואַרטן אויפן טויט. דערווייל זענען זיי נאָך געזונט. מען קען נאָך פון זיי אַ ביסל נוצן האָבן. הײַנט אָדער מאָרגן, וועלן זיי אויך שוין קראַנק זיין און זייערע לעבנס זענען פאַרשפּילט. ווו זענען די אַלע „גוט האַרציקע" מענטשן, וואָס רעדן וועגן ראַטעווען די מענטשהייט פון אומקום? פאַרוואָס זענט איר, וועלט־פאַרזאָרגער, איינגע־שלאָפן? פאַרוואָס ווילט איר אין דער לעצטער שעה נישט העלפן? מיר ווילן לעבן.

איך ווייס, אַז מיין פאַרצווייפלטער רוף וועט נישט דערגרייכן דאָרט ווו ער וואָלט געדאַרפט דערגרייכן. דאָס וואָס איך שרייב און פאַרצייכן, וועט נישט זען די ליכטיקע שיין. אָבער איך שרייב מיטן געדאַנק, אַז אפשר וועלן מענטשן אַמאָל, אין בעסערע צייטן, לייענען און וויסן, וואָס אַ ייִד אין געטאָ האָט געטראַכט.

18 געהאָנגענע

איך ווייס שוין אַליין נישט, וואָס אַרום מיר קומט פאָר. איך זע אַרום זיך נישט מער ווי טויט און טויטע. איך זע נישט קיין פּיצעלע פרייד, קיין פּיצעלע האָפענונג. אַלץ אַרום מיר איז איינגעהילט אין טרויער. איך פיל, אַז איך שרייב שוין נישט מיט קיין טינט. איך שרייב מיטן בלוט פון מיינע צוויי יונגע ברידער, וואָס זענען שוין נישטאָ, וואָס געפינען זיך שוין צווישן די אויסגעלייזטע. זיי האָבן נאָך געהאַט אַ גרויסע זכיה, זיי זענען געקומען צו קבר־ישראל מיט טהרה, מיט טרערן און געוויינען. איך גלייב נישט, אַז עס וועט זיך געפינען עמיצער וואָס וועט קענען דאָס אַלץ באַשרייבן. הימל עפן דיך און זע וואָס דאָ געשעט! הער דעם יאָמער פון אַ פאָלק, וואָס גייט אָפּ אין טייכן בלוט! זע און פאַרנעם דעם וויי־געשריי פון קליינע קינדער, וואָס שטאַרבן פאַר שרעק, ווען זיי זעען דעם דייטשן אוניפאָרם. איך בין נישט אַזוי רייך אין שפּראַך, אַז איך זאָל קענען שילדערן אַזאַ גרויסן פאָלקס־חורבן.

דער טאָג איז הײַנט דווקא אַ שיינער. דער הימל אויסגעלייטערט. אַ קליין פּרעסטל ליגט אויף די דעכער און מאַכט זיי גרוי־ווייס. אָבער פון אַלע פענצטער קוקט אַרויס טרויער און געוויין. די שרעק פאַרן הײַנטיקן טאָג איז ביי יעדן זייער גרויס.

אויף די גאַסן — אַ געלויף. קיינער שטעלט זיך נישט אָפּ. יעדער האָט מורא אַ וואָרט אַרויסצוזאָגן. אַלע גאַסן זענען שטרענג באַוואַכט. פון אַלע ריכטונגען קומען אָן גרופּן מאַרשירנדיקע פּאָליציאַנטן צום עקזעקוציע־פּלאַץ. די אָנקומענדיקע פּאָליציאַנטן שטעלן זיך אויס אַרום דעם באַזאַר. ביי יעדער גרופּע שטייט דער קאָמיסאַר. דער פּאָליציי־קאָמאַנדיר, ראָזענבלאַט, רופט צו זיך צו דעם שעף פון צווייטן רעוויר, דעם קאָמיסאַר קאָל,ביידע צוזאַמען אינספּעקטירן זיי אַלע פאַרזאַמלטע פּאָליצייאישע גרופּן און ווען זיי קומען צו צום עק לוטאָמיערסקאַ און באַזאַרנאַ, קומט רעשיק אָן אַ צוגעמאַכטער לאַנגער אויטאָ און שטעלט זיך גלייך אָפּ. דער שאָפער רופט צו זיך צו דעם קאָמענדאַנט און פרעגט אים, אויב דאָס איז דאָס אָרט ווי ער דאַרף שטיין בלייבן. ראָזענבלאַט ענטפערט אים הויך אויפן קול: „יאַ־וואָל!“ אין דער זעלבער רגע שפּרינגען אַרויס פון אויטאָ צוויי געזונטע,

רויט־קאַרקיקע געסטאַפּאָוצעס מיט געפלאָכטענע לעדערנע נאַהייקעס אין זייערע הענט און קוקן זיך אַרום ווו זיי געפינען זיך. אין דער זעלבער צייט הייבט זיך פּאַמעלעך אויף די פלאַנדעקע פון אויטאָ און צוויי צעשראָקענע ייִדן ווייזן, אַז מען גייט זיי הענגען. די ייִדן רעדן עפּעס, אָבער קיינער הערט זיי נישט. זיי מאַכן מיט זייערע הענט פאַרשיידענע סמנים. אָבער קיינער פאַרשטייט זיי נישט. די אומגליקלעכע ייִדן מיינען, אַז מען וויל זיי נישט הערן, אַז מען וויל זייער געבעט נישט פאַרשטיין. אַ ביסל שפּעטער האָט מען שוין געהערט ווי אַלע צוזאַמען זאָגן הויך אויפן קול וידוי.

אַ קוויטשיק געשריי „שטיל שווייגן!" קלינגט אין דער לופט. „פאַר־דאַמט נאָך אַ מאל" ברילט אַ צווייטער מיט דער בייטש אין די הענט: „איך שלאָג אייך איבער די קעפּ, ווען איר וועט נאָך איין מאָל ברילן! נאָך איין שטונדע און אייערע קערפּערס וועלן געשליידערט ווערן צו די הונד, איר פאַרברעכער באַנדע!"

דורך דער צייט זענען זיך אויפן עקזעקוציע־פּלאַץ צוזאַמענגעקומען צענדליקער געסטאַפּאָוצעס פון פאַרשיידענע ראַנגען. עטלעכע הויכע פּלי־צײ־אָפיצירן, אַלע אַגענטן פון דער קרימינאַל־פּאָליצײ און איניקע אָפיצירן פון דער ווערמאַכט עס איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ תליה ווי אַ חית (ח) מיט אַכצן פינקלדיקע האָקנס. איינער פון די געסטאַפּאָוצעס האָט אויפגע־הויבן זיין האַנט און געגעבן אַ צייכן, אַז מען זאָל ברענגען די פאַרמשפּטע צו דער תליה. באַלד זענען די אַכצן ייִדן, געשלאָסענע אין קייטן, אַראָפּגע־קראָכן פון אויטאָ און זענען צוגעפירט געוואָרן צו דער תליה.

זיי זענען געגאַנגען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ. קוים וואָס זיי האָבן זיך אויף די פיס געהאַלטן. אַ טייל — מיט געשוואָלענע אויגן פון וויינען. אַ צווייטער טייל — מיט פאַרביסענע ליפּן. געוועזן רעזיגנירטע. אַנדערע מיט מרה־שחורה, מיט געלע אויסגעדאַרטע פּנימער. פיר פון די ייִדן, דערונטער דריי פּאַביאַניצער, האָבן בעת זייער לעצטן לעבנס־מאַרש אַרויסגעוויזן העל־דישקייט. איינער, אַ געוויסער רובינשטיין, האָט הויך אויפן קול געזאָגט עטלעכע קאַפּיטלעך תהילים און געקלאַפּט זיך אין האַרצן אַריין און עטלעכע מאָל אויפגעהויבן די אויגן צום הימל און געבעטן מחילה.

די עקזעקוציע האָט לאַנג נישט געדויערט. צוויי ייִדישע יונגען האָבן מיט אַ ראַפינירטער פלינקייט אַרויפגעפירט די פאַרמשפּטע אויף די תליה־

טרעפלעך. ווען די ערשטע צוויי זענען שוין געשטאַנען אויבן, איז אָנגעקו־מען אַן אויטאָ, פון וועלכן עס זענען אַרויס צוויי געסטאַפּאָווצעס. זיי האָבן אַרויסגענומען פון זייערע אַקטן־טאַשן אַ בריוו און דעם בריוו איבערגעגעבן דעם אָנפירער פון דער עקזעקוציע. נאָכן איבערלייענען דעם בריוו, האָט דער אָנפירער באַפוילן אָוועקצופירן די דריי פּאַביאַניצער ייִדן אין אַ זייט. מען האָט געזען, ווי ער באַראַט זיך מיט נאָך איינעם און יענער האָט צו זיך צוגערופן דעם ייִדישן פּאָליציי־קאָמענדאַנט, ראָזענבלאַט, און אים דער־קלערט: „נעם צו די דריי ייִדן זיי זענען פריי, זיי וועלן ניט געהאָנגען ווערן. זיי מוזן אָבער איינגעזעצט ווערן אין דער תפיסה צו דער דיספּאָזי־ציע פון דער געסטאַפּאָ". די דריי באַפרייטע ייִדן זענען פון דער תליה באַלד אָוועקגעפירט געוואָרן. די נעמען פון די דריי זענען: יחיאל רובינ־שטיין, לעמל מאַראַקאַ און שמעלקע שטיינהאָרן. דער פערטער פּאַביאַניצער, אַ געוויסער טענענבוים איז יאָ אויפגעהאָנגען געוואָרן. אין מאָמענט ווען די דריי ייִדן האָבן געהערט, אַז זיי זענען פון דער תליה באַפרייט געוואָרן, האָבן אַלע דריי מיט איינמאָל אויפגעהויבן די אויגן צום הימל און אָנגעע־הויבן אויפן קול צו וויינען. און ווען מען האָט זיי אָוועקגעפירט פון דעם עקזעקוציע־פּלאַץ, האָבן זיי געהאַלטן אין איין וויינען. די איבעריקע ייִדן זענען אויפגעהאָנגען געוואָרן. צווישן די געהאָנגענע איז אויך געווען אַ ייִנגל פון 17 יאָר, וואָס פאַרא חטא דאָס ייִנגל איז באַגאַנגען, איז ניט באַקאַנט.

נאָך דער עקזעקוציע האָבן די געסטאַפּאָ־אַגענטן אַרויסגענומען פון זיי־ערע אויטאָס עטלעכע פלעשער שנאַפּס און אָנגעהויבן טרינקען. זיי האָבן נאָך פאַרבראַכט אייניקע מינוטן און מיט געלעכטער און קוויטשעריי זיך אַריינגעזעצט אין די אויטאָס און אַוועקגעפאָרן. אויפן עקזעקוציע־פּלאַץ זענען פאַרבליבן אייניקע ייִדישע פּאָליציי־אָפיצירן מיט דער ספּעציעלער וואָך, וואָס האָט געהאַט דעם באַפעל צו היטן דעם פּלאַץ.

די טויטע קערפּערס האָבן געהאָנגען ביז 5 אַזייגער אין אָוונט. אַ קיל ווינטל האָט אָנגעהויבן בלאָזן. די טויטע קערפּערס, וואָס האָבן אויף די דינע שנורן געהאָנגען, האָבן זיך געוויגט אַהין און צוריק. די געהאָנגענע זענען פון שעה צו שעה אַלץ שוואַרצער געוואָרן. פון דער ווייטנס האָט דאָס אויסגעזען, ווי ליאַלקעס שפּילן אַ קאָמעדיע. פּלוצים האָט דער ווינט זיך מער צעברויזט. גענומען וואַרפן די געהאָנגענע און איינער האָט זיך אָנגעע־

קלאַפּט אין צווייטן, זיך איינגערוימט אַ סוד אין אויער. דער ווינט האָט אָנגעהויבן וואָיען און שרייען און די געהאַנגענע האָבן אין דער הויך גע־טאַנצט דעם לעצטן טויטן־טאַנץ.

די בלוטיקע עוואַקואַציע

עס איז געווען נאָך האַלבער נאַכט, ווען די ידישע פּאָליציי־קאָמאַנדע אויף לוטאָמיערסקא האָט אָפּגעהאַלטן איר זיצונג וועגן דער מאָרגנדיקער אַקציע. די פּאָליציי האָט געוווּסט, אַז די איצטיקע גרויסע עוואַקואַציע וועט נישט זיין אַזוי ווי ביז איצט, ד״ה, נישט די ידן וועלן באַפעלן און משפּטן ווער יאָ און ווער נישט, נאָר דער מלאך המות אַליין, אין געשטאַלט פון אַ געסטאַפּאָוויעץ, וועט משפּטן ווער צום לעבן און ווער צום טויט.

און אַזוי איז עס געווען. ביינאַכט האָט איבערן געטאָ געבלאָזן אַ שטאַרקער ווינט, וואָס האָט אויסגעקערט און טרוקן געמאַכט די געטאָ־גאַסן. ביימער האָבן זיך געשאָקלט און די צווייגן האָבן זיך צעבראָכן. קראָען זע־נען אַרויס פון זייערע נעסטן און יאָמערלעך געקראַקעט אויף דער צרה. צווישן די שוואַרצע כמאַרעס האָט זיך פון צייט צו צייט באַוויזן אַ קליינע אויסגעבלייכטע לבנה מיט אַ צעקרימט פּנים. עס האָט אויסגעזען ווי די גאַנצע באַטור האָט אויפגעציטערט פאַרן מאָרגנדיקן טאָג. און ווער ווייסט, צי דער מאָרגנדיקער טאָג וועט נישט זיין דער לעצטער פאַר דער צווייטער גרעסטער ידישער קהילה אין פוילן.

7 אַזייגער אין דער פרימאָרגן־שעה. אַלע געטאָ־איינוווינער זענען שוין וואַך. קיין איינער איז די נאַכט נישט געשלאָפן. אַלעמענס הערצער האָבן שטאַרק געקלאַפּט. די צעשראָקענע מאַמעס האָבן פעסטער צוגעדריקט זייע־רע קינדער צו זיך און דערביי געבעטן דעם אַלמעכטיקן, אַז ער זאָל שיצן זייערע קינדער פון דעם גרויסן אומגליק. אַלע פּאָליציי־רעווירן זענען שוין אין דער פולער גרייטקייט. יעדער קאָמיסאַר האָט געגעבן איבערגעגעבן זיינע פּאָליציאַנטן די אינסטרוקציעס פאַר דעם היינטיקן טאָג. קאָמיסאַר יוטקע האָט זיך אויסגעדריקט:

„קינדער, עס וועט היינט זיין זייער אַ הייסער טאָג. ווער ווייסט וויפל ידן עס וועלן היינט באַצאָלן מיטן לעבן. איר אָבער זאָלט שטיין אויף דער וואַך און אַכטונג געבן, אַז דאָס פאָלק זאָל זיך נישט צעבונטעווען. דאָס פאָלק

זאָל גיין דעם וועג, וואָס דער שוחט האָט אים אָנגעצייכנט, ווייל יעדער ווידערשפּעניקער וועט אויפן אָרט דערשאָסן ווערן און וועט נאָך ברענגען אַ צרה אויפן גאַנצן כלל ייִדן אין געטאָ״. קאָמיסאַר יוטקע האָט ווייטער גערעדט: „ווען איינער וועט נישט וועלן גיין, אָדער וועט מיט כוח זיך אַנט־קעגן שטעלן, זאָל ער מיט געוואַלט גענומען ווערן. קיין שום רחמנות זאָל נישט אָנגעווענדט ווערן, ווייל דאָרט ווי איר וועט אַרויסווייזן רחמנות, וועט איר דערפון אַליין לײַדן״.

נאָך די רעדעס פון די פּאָליצײַ־קאָמיסאַרן, האָבן די פּאָליציאַנטן אין גרופּן אָפּגעמאַרשירט צום באַלוטער מאַרק צו.

האַלב 8 אַזייגער אין דער פרי האָבן 16 געסטאַפּאָווצעס (נישט מער ווי זעכצן), מיט מאַשין־געווער אויף זייערע אַקסלען שטורמיש אַרײַנגעמאַר־שירט אין דער געטאָ אַרײַן. באַלד ביים אָנהייב האָבן זיי זיך מיט אַ פּאַר־שאַרפטער ווילדקייט צעלאָזט איבערן געטאָ און אָנגעהויבן שיסן אויף רעכטס און לינקס. דאָס שיסערײַ האָט אָנגעהאַלטן 10 מינוט. דערנאָך זענען לויט אַ פריִער אויסגערעכנטן סדר אָפּגעשלאָסן געוואָרן גאַסן און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ מוראדיק גיהנום. די באַפעלן זענען געווען שטרענג, צאָרנ־דיק און ווילד. 5 מינוט צייט איז געגעבן געוואָרן די מענטשן, אַז זיי זאָלן זיך אויסשטעלן אויף די הויפן און אָפּוואַרטן זייער גורל, מי באש ומי בחרב. נישט איינער האָט געזען דעם טויט פאַר די אויגן, און נישט איינער איז פאַר דער שוועל פון זיין הויז דערשאָסן געוואָרן. די געוואַלדן און די גע־שרייען זענען דערגאַנגען עד לב השמים. מאַמעס וואָס האָבן מורא געהאַט אַז מען זאָל זייערע קינדער נישט צונעמען, זענען פאַר שרעק אויפן אָרט משוגע געוואָרן. קינדער האָבן זיך געריסן צו די מוטערס, זיך געקלאַמערט אין זייערע פּיס און זיך געבעטן רחמים: מאַמעשי, דאָרט וווּ זיי וועלן דיך שיקן, נעם מיך מיט. צוזאַמען, צוזאַמען לאָמיר גיין. אַ טייל עלטערן האָבן די קינדער אין די שטובן פאַרשלאָסן, זיי באַהאַלטן אונטער בעטגעוואַנט, אונטער די שענק, אין די קעלערס, אויף בוידעמער, ווו נאָר עפּעס אַ גע־היים לאָך זענען געווען באַהאַלטן קינדער. די עלטערן האָבן נעבעך נישט געוווסט, אַז די אַלע באַהעלטעניש זענען פאַר די דייטשע מערדער אַ שפּילעכל. אַלע באַהעלטענישן זענען אויפגעדעקט געוואָרן און די קינדער זענען פאַר די אויגן פון זייערע עלטערן דערשאָסן געוואָרן. דאָס שלעפּן און

טרייבן די מענטשן האָט אַזוי אָנגעהאַלטן, פון 7 אין דער פרי ביז 4 נאָכ־מיטאָג. אַ שרעקלעך בילד איז דאָס געווען. עס איז נישט געווען קיין איין מענטש, וואָס זאָל נישט האָבן געוויינט אויף דעם גרויסן ייִדישן חורבן. אַפילו די קריסטן פון דער צווייטער זייט געטאָ, האָבן זיך געצלמט און געווישט זיך די אויגן, צוזעענדיק ווי קליינע קינדער מיט אויסגעשטרעקטע הענטלעך האָבן מיט זייער גאַנצן קול געשריגן: „מאַמע, מאַמע ראַטעווע אונדז, לאָז אונדז נישט טויטן". טייל קינדער זענען פון די וואַגאָנס געשפּרונגען, נישט קוקנדיק, וואָס מען שיסט אויף זיי און זיי פאַלן ווי אונטערגעהאַקטע אין טייכן בלוט. עס איז נישט געווען קיין איין גאַס, וואָס איז נישט באַפלעקט געוואָרן פון בלוט. די מערדער האָבן געשאָכטן די קרבנות, געטרעטן מיט די פיס און דערביי ציניש געלאַכט און געפרעגט די איבעריקע טויט־צעשראָקענע קינדער, צי זיי ווילן אויך אַראָפּשפּרינגען פון די וואַגאָנס. עס זענען געווען טויטן־שלעגער, וואָס האָבן נישט געלאָזט דעם דערשאָסענעם אין אַ זייט אַוועקלייגן, כדי ער זאָל נישט צעטראָטן ווערן. דער קרבן האָט געמוזט אַזוי ליגן פאַר די אויגן פון אַלע דורכגייער, ביז די אַקציע האָט זיך געענדיקט. מענטשן האָבן זיך געריסן פון רעכטס און פון לינקס, טייל האָבן געוואָרפן דער ייִדישער פּאָליציי גאָלדענע זייגערס, קופּעס אויסלענדישע וואַלוטע, פאַרשיידענע ווערט־זאַכן און געבעטן זיך: ראַטעוועט אונדז, לאָזט אונדז נישט אומקומען, העלפט אונדז באַפרייען. קוקט אַוועק און מיר וועלן זיך דורך דער בלאָקאַדע אַדורכרייסן. וואָס אַן אמת זענען אַזעלכע פאַלן אויך געווען. פּאָליציאַנטן האָבן אַוועקגעקוקט און פיל האָבן זיך אַזוי אַרום געראַטעוועט, געראַטעוועט צייטווייליק. פיל מאָל איז דאָס נישט געלונגען. דער אַנטלאָפענער איז אויפן אָרט דערשאָסן געוואָרן און דער פּאָליציאַנט האָט געמוזט אויפן אָרט אויסטאָן די באַנד מיטן היטל און מיטפאָרן מיט די געכאַפּטע. אַזוי אַרום זענען אייניקע פּאָליציאַנטן ביי דער ערשטער גרויסער אַקציע געשטרויכלט געוואָרן. זיי האָבן פאַר אַ פריינט, אָדער פאַר געלט באַצאָלט מיטן אייגענעם לעבן.

די ערשטע אַקציע האָט געקאָסט 18 דערשאָסענע און 8 וואָס האָבן זיך אַליין דאָס לעבן גענומען. אין דער ערשטער אַקציע זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן מער ווי אַ העלפט פון די געכאַפּטע. עס זענען אַוועקגעפירט געוואָרן אין די זאַמל־לאַגערן 1.800 קינדער, 864 מענער און 620 פרויען.

זיי זענען אַלע אין זעלבן טאָג אָפּגעשיקט געוואָרן אין אַן אומבאַקאַנטער ריכטונג, און קיינער ווייסט נישט ווו זייער געביין געפינט זיך.

זעקסטער צווייטער טאָג פון דער אַקציע

אין צווייטן טאָג פון דער עוואַקואַציע האָט זיך אויפסניי אָנגעהויבן דאָס זעלבע בלוטיקע שפּיל. דאָס מאָל אויף אַ צווייט אָרט. די זעלבע באַפעלן ווי נעכטן: „אַרויס פון די שטובן. גאַרנישט מיט זיך מיטנעמען. ווער עס וועט פּרובירן זיך באַהאַלטן, וועט אויפן אָרט דערשאָסן ווערן". די שרעק פון די מענטשן איז געווען אַזוי גרויס, אַז ביי טויזנטער האָבן זיך די האָר קאַפּויר געשטעלט פאַר פּחד. אַפילו די קינדער האָבן פאַרלוירן זייער ריי־רעוודיקייט. זיי זענען ממש פאַרגליווערט געוואָרן. פּונקט פאַרקערט ווי נעכטן האָט די היינטיקע אַקציע אויסגעזען. די מענטשן האָבן נישט געשריגן. געגאַנגען צו דער שחיטה רעזיגנירטע, מיט אונטערגעהאַקטע פיס. מען האָט מער נישט געזען, אַז פרויען זאָלן זיך רייסן די האָר פון די קעפּ. פון וואַנען האָט זיך גענומען די רעזיגנאַציע? ווען די פּאָליציי איז געקומען זענען שוין די מענטשן געשטאַנען אויף די הויפן און געוואַרט אויף זייער גורל.

אַן אַלטער זיידע, וואָס איז קוים געשטאַנען אויף זיינע פיס האָט בעת צוויי יידישע פּאָליציאַנטן האָבן אים אַרויפגעזעצט אויפן וואָגן, אָנגעהויבן זינגען: „הבט מן השמים וראה... קוק אַראָפּ רבונו של עולם פון הימל און זע". „כי היינו ללעג ולקלס בגויים..." פּלוצים איז פון אַ טויער אָנגעקומען אַ שאָס און דער אַלטער זיידע איז אויפן וואָגן געפאַלן און באַגאָסן זיך מיט בלוט. ער האָט נאָך געזאָגט אַ פּאָר אָפּגעהאַקטע ווערטער וואָס קיינער האָט זיי מער נישט פאַרשטאַנען. אין דער זעלבער רגע איז צוגעקומען דער מערדער מיטן רעוואָלווער אין דער האַנט און קאַלטבלוטיק אַריינגעשאָסן אין דעם שוין טויטן זקן נאָך פיר קוילן. דערנאָך, אַזוי ווי עס וואָלט גאַר־נישט געשען, האָט ער צוגערופן צוויי פּאָליציאַנטן און געהייסן זיי דעם טויטן „אַרונטערשמייסן" און אים ביי דער זייט אַוועקלייגן ביז דער קוואַר־טאַל וועט פאַרענדיקט ווערן. פינף פאַרנאַכט איז שוין דער צווייטער קוואַר־טאַל געווען פולשטענדיק אָפּגערייניקט. עס זענען ביי דער צווייטער עוואַ־קואַציע צוגענומען געוואָרן אין די זאַמל־פּונקטן 1.200 קינדער, 682 מענער

און 660 פרויען. צוזאַמען 2.862 נפשות. דערמיט איז פאַרענדיקט געוואָרן די אויסזידלונגס־אַקציע פון צווייטן טאָג.

דער דריטער טאָג פון דער אַקציע

דער דריטער טאָג איז ווידער געווען אַ בלוטיקער. בלוט אויף די גאַסן. טויטע, טויטע, טויטע. די פּאָליציי האָט נישט געוווסט, וואָס זי זאָל פריִער טון — אַוועקרוימען די טויטע, אָדער איינזאַמלען די עוואַקויִרטע אין די זאַמל־לאַגערס. די מענטשן זענען געלאָפן פון אָרט צו אָרט. די מענטשן וואָס זענען געוויר געוואָרן, אַז אין יענער גאַס איז שוין דער מלאך־המות געווען, האָבן געכאַפּט זייערע קינדער און געלאָפן איבער שטאָק און שטיין, צווישן לעבן און טויט, זיך דאָרט ראַטעווען, זיך דאָרט אויס־באַהאַלטן. עס זענען אויך געווען עלטערן, וואָס האָבן דייטלעך דערקלערט, אַז פאַר קיין פאַל אין דער וועלט וועלן זיי זייערע קינדער נישט אַוועקגעבן. זיי וועלן בעסער אומקומען מיט די קינדער אויף אַן אָרט. דער דריטער טאָג איז געווען אַ שרעקלעכער. אַ סך דערשראָקענע עלטערן האָבן זייערע קינ־דער אין די שוואַרצע טויטן־וואַגנס אַריינגעלייגט און דאָרטן זיי אויסבאַ־האַלטן. דאָס איבערלויפן פון איין אָרט צום צווייטן, האָט געקאָסט אַ סך קרבנות. די מערדערס האָבן געשאָסן פון אַלע זייטן. טייל מערדערס האָבן זיך אַרויפגעזעצט אויף דעכער און אָבסערווירט פון וועלכן אָרט די ייִדן אַנטלויפן. ווען אַ דערשראָקענע פאַמיליע האָט זיך באַוויזן אין גאַס, האָט מען זי מיט מאַשין־געווער אַוועקגעלייגט. בעתן לויפן און איבערלויפן האָבן אַ סך מענטשן צעבראָכן הענט און פיס. די זענען נישט דערשאָסן געוואָרן, די זענען אַזוי געלעגן און געראַנגלט זיך אַ גאַנצן טאָג אין גרויסע יסורים, ביז די בלוטיקע אַקציע איז פאַרענדיקט געוואָרן. אַזוי אַרום זענען אין דריטן טאָג פון דער אַקציע אומגעקומען 13 מענער, 8 פרויען און 8 קינ־דער. געכאַפּט צו דער אויסזידלונג זענען געוואָרן 800 מענער, 1.400 פרויען און 1.640 קינדער. צוזאַמען 3.840 נפשות.

דער פערטער טאָג פון דער אַקציע

באַלד אין דער פרי האָט מען שוין געזען מאַרשירן נישט אויסגעשלאָ־פענע פּאָליציאַנטן. דער גרעסטער טייל פון זיי האָבן געגעכטיקט אין די

פּאָליציי־רעווירן. זיי האָבן ארומגענומען אַ פרישן קוואַרטאַל. דאָס מאָל אַ קוואַרטאַל פון 6 גאַסן. ווידער וועלן היינט געמשפּט ווערן טויזנטער מענטשן, ווער צום לעבן און ווער צום טויט.

איידער וואָס־ווען, זענען שוין די אינקוויזיטאָרן אָנגעקומען אויפן אָרט. זיי האָבן זיך אַרומגעקוקט, צוגערופן איינעם פון די יידישע פּאָליציי־קאָמיסאַרן און אים באַפוילן אָוועקצונעמען פון דעם קוואַרטאַל אַלע פּאָליציאַנטן און זיי האַלטן פאַרשטעקט אין אייניקע הייזער און וואַרטן ביז צו אַ נייעם באַפעל. דאָס איז געווען אַ מיאוס נידערטרעכטיק שפּיצל פון די געסטאַפּאָ־מערדער. זיי האָבן געלאָזט הונדערטער מענטשן אַנטלויפן פון דעם אַרומגענומענעם קוואַרטאַל. שפּעטער האָבן זיי אַרומגערינגלט דאָס אָרט וווּ די מענטשן האָבן זיך באַהאַלטן און אַלע, אַזוי ווי זיי זענען געשטאַנען, אָפּגעשיקט אין די זאַמל פּונקטן. די מערדער האָבן היינט נישט געשאָסן. זיי האָבן אויך זיך נישט ברוטאַל אויפגעפירט. די הייניטיקע אַקציע איז פאַר־העלטעניסמעסיק צוגעגאַנגען רויק. געכאַפּט זענען געוואָרן 705 מענער, 880 פרויען און 1.440 קינדער. צוזאַמען 3.025 נפשות.

דער פינפטער טאָג

דער הייניטיקער טאָג איז געווען זייער אַ הייסער. דער חורבן זייער אַ גרויסער. איך האָב געזען ווי פאַרצווייפלטע מענטשן שפּרינגען פון די פענצטער, דעכער, פּלויטן. אַ סך זענען געפאַלן און צעבראָכן די פיס. אַנדע־רע האָבן זיך געשפּאָלטן די קעפּ. גאָר אַ סך זענען געטראָפן געוואָרן פון אַ קויל און אַראָפּגעפאַלן טויט. אין פאַרלויף פון צוויי שעה האָט דער ספּעציעלער טויטן־וואָגן אַוועקגעפירט אויפן בית־עולם 112 הרוגים. אַלע קרבנות זענען באַגראָבן געוואָרן אין איין קבר.

שיסנדיק אויף די יידן האָבן זיך די מערדער געוויצלט: „האַנץ, מיין רעוואָלווער טרעפט אויסגעצייכנט". „זעסט, דאָרט לויפט אַ יודע... פּאַס מאָל אויף, ער וועט באַלד ליגן". דער ייד האָט טאַקע גלייך מיט זיין לעבן באַצאָלט. אַ צווייטער מערדער, מיטן נאָמען שולץ, האָט, בעת ער האָט געשאָסן, אַרויסגענומען פון זיין טאַש אַן עפּל און באַוויזן, אַז מיט איין האַנט וועט ער האַלטן דעם עפּל און מיט דער צווייטער האַנט וועט ער שיסן און טרעפן. און אַזוי איז עס געווען. שפּעטער האָט דער מערדער זיך באַרימט,

אַז ער האָט היינט אויפגעגעסן 16 עפּל און ביי יעדן עפּל איז אַ יודע געטויט געוואָרן. אַ דריטער פון די מערדער (אַ געוויסער שמידט), האָט ספּעציעל הנאה געהאַט, ווען ער האָט דערשאָסן פרויען. מיט צוויי ביטערע קאַלמיקן־אויגן, גרין ווי ביי אַ קאַץ און פלינק ווי אַ שטשור, איז ער געלאָפן אַהין און צוריק און געזוכט קרבנות. ער האָט ליב געהאַט צו שיסן דעם קרבן פון דער נאָענט און דערנאָך אים פרעגן: „שמעקט עס גוט?" מער ווי איין שאָס האָט ער נישט געגעבן. ער האָט געצילט אין קאָפּ אָדער אין בויך און ווען זיין מערדעריש בלוט איז נאָך נישט געזעטיקט געוואָרן, האָט ער צוזאַמענ־גענומען 4 קליינע יינגלעך, געהייסן די קינדער אַנידערקניען און עפענען די מיילער. ווען די אויף טויט־דערשראָקענע קינדער האָבן געעפנט די מיילער, האָט ער אַריינגעשאָסן יעדן קינד אַ קויל אין מויל אַריין. 4 קינ־דערלעך זענען אַזוי אַרום דערמאָרדעט געוואָרן. אַלע 4 קינדער האָבן קיין איין געשריי נישט געגעבן. פאַרגליווערט זענען זיי געבליבן ליגן אויפן טראָטואַר פון לאַגעווניצקאַ גאַס. 4 הייליקע, אומשולדיקע, 10־יאָריקע קינ־דער־קדושים, האָבן ביז דער לעצטער מינוט נישט געגלויבט, אַז דער מער־דער וועט זיי אויף אַן אמת אויסקוילן. זיי האָבן געמיינט, אַז דער מערדער ווילצלט זיך מיט זיי. די רציחה פון דעם בלוט־דורשטיקן מערדער שמידט איז נישט צו באַשרייבן און עס איז מיר אויך נישט מעגלעך דאָס געננוי אַלץ צו באַשרייבן. נאָך יעדן מענטשן וואָס ער האָט אומגעבראַכט, האָט ער אונטערגעברומט עפּעס אַ לידל. לויט ווי איך בין געוויר געוואָרן, האָט ער געזונגען דאָס „האָרסט וועסל ליד".

דער פינפטער טאָג איז געווען אַ שרעקלעכער. פיל קרבנות האָט דער טאָג געקאָסט. בלוט איז גערונען אויף אַלע גאַסן. נאָכן ענדיקן די בלוטיקע שחיטה האָבן זיך די מערדער צוזאַמענגענומען אויפן באַלוטער־מאַרק און איינער האָט געשילדערט דעם צווייטן, ווי אַזוי ער האָט געאַרבעט, און וויפל יידן ער האָט געטויט.

דער פינפטער טאָג פון דער בלוטיקער עוואַקואַציע האָט געבראַכט 112 טויטע. געכאַפּט צו דער אויסזידלונג זענען געוואָרן 1.200 מענער, 880 פרויען און 860 קינדער. צוזאַמען 2.940 נפשות.

דער זעקסטער טאָג

די שחיטה האָט זיך היינט אָנגעהויבן מיט 15 מינוט שפּעטער ווי זי האָט זיך געזאָלט אָנהייבן. די בעסטיעס זענען זיך צוזאַמענגעקומען. פון יעדן איינעם האָט געשטונקען דער בראָנפן אויף אַ קילאָמעטער ווייט. זיי זענען געגאַנגען און געטרונקען. פּלוצים האָט איינער אַרויסגענומען זיין זייגער און אַ קוויטש געגעבן: — „עס איז דאָך שוין 15 נאָך 7 אור, וואָן פאַנגען וויר אַן״? אין זעלבן מאָמענט האָט איינער אויסגעשאָסן פון זיין רעוואָלווער און דאָס איז געווען דער סיגנאַל צו דער שחיטה.

אין די ערשטע פינף מינוטן זענען שוין צען טויטע געלעגן אויף די גאַסן און פאַרגאָסן די שטיינער מיט זייער בלוט. זיי זענען דערשאָסן געוואָרן אָן שום פאַרוואָס. נישט זיי זענען געלאָפן און נישט זיי האָבן זיך באַהאַלטן. דאָס זענען געווען מענטשן, וואָס האָבן געטראָגן בענדער אויף זייערע אָרעמס. זיי זענען געגאַנגען צו זייער אַרבעט. צווישן די ערשטע 10 דערשאָסענע זענען אויך געווען צוויי קינדער, וואָס האָבן פאַרלוירן זייערע עלטערן.

דאָס בלוטיקע שפּיל איז געווען דער אָנהייב פון דער גרויסער מערדערישער שחיטה, וואָס איז אין אַ פּאָר שעה שפּעטער פאָרגעקומען.

דער מערדערישער הוראַגאַן האָט אַזוי אָנגעהאַלטן פולע דריי שעה. דערנאָך האָט דאָס שיסעריי אויפגעהערט. עס האָט אויסגעזען ווי עס איז פּלוצים געקומען אַ באַפעל: גענוג געמאָרדעוועט! צוטרעטן צו דער „נאָר־מאַלער״ אַקציע! וכך היה, אַזוי איז געווען. דער קוואַרטאַל איז אַרומגע־רינגלט געוואָרן; די געכאַפּטע מענטשן זענען אויסגעשטעלט געוואָרן אויף די גאַסן, די וועלכע האָבן אויסגעזען געזונט, זענען איבערגעבליבן און די וועלכע האָבן אויסגעזען קראַנק זענען אָפּגעשיקט געוואָרן אין די צוויי זאַמל־פּונקטן. די אויסגעזידלטע זענען אַרויפגעוואָרפן געוואָרן אויף לאַסט־אויטאָס. די וועלכע האָבן פּרובירט אַראָפּצושפּרינגען פון די אויטאָס זענען אויפן אָרט דערשאָסן געוואָרן. עס איז אויך געווען אַזאַ פאַל: אַ יינגל, אין עלטער פון 17 יאָר, איז פון אויטאָ אַראָפּ און האָט העגדום פעגדום אָנגע־הויבן צו לויפן, אין דער זעלבער רגע האָבן צוויי געזונטע היצלעס, מיט די רעוואָלווערן אין די הענט, אָנגעהויבן צו יאָגן דעם אַנטלאָפענעם יינגל.

בעתן יאָגן אים האָבן זיי געהאַלטן אין איין שיסן, ביז דאָס אומגליקלעכע קינד איז אומגעפאַלן און האָט נאָך באַוויזן אויסצושרייען: בעסער דאָ, אויפן אָרט, צו שטאַרבן, איידער דאָרט לעבעדיקערהייט באַגראָבן צו ווערן. אין איין מינוט אַרום זענען אַ גרופּע ידישע פּאָליציאַנטן צוגעגאַנגען צום אָרט ווו דאָס קינד איז געלעגן, זיי האָבן באַמערקט, אַז ער לעבט נאָך און רעדט אין דער שטיל איייניקע ווערטער.

אין זעקסטן טאָג פון דער בלוטיקער עוואַקויציע, זענען אויפן אָרט אומגעקומען 134 טויטע, געכאַפּט געוואָרן 2.080 מענער, 1.650 פרויען און 1.630 קינדער. צוזאַמען זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן 5.360 נפשות.

דער זיבעטער טאָג

דער היינטיקער טאָג איז נישט געווען אַזוי גרויזאַם ווי דער נעכטיקער. די מערדער זענען נישט געווען שיכור. ווען זיי האָבן זיך פאַרזאַמלט אויפן באַלוטער־מאַרק, האָבן זיי דעם לייטער פון אַרבעטס־אַמט, פוקס, געמאָלדן, אַז היינט וועלן קיין טויט־פאַלן נישט זיין. זיי גלייבן, אַז די ידן וועלן מער זיך נישט באַהאַלטן און מער נישט אַנטלויפן. היינט, האָבן זיי צוגעגעבן, וועלן זיין נאָר פינף געסטאַפּאָס ביי דער אויסזידלונגס־אַקציע. די איבעריקע זענען אָפּגעשיקט געוואָרן קיין וואַרשע. צו די דאָרטיקע ידן מוז מען האָבן בראַווע יונגען. ווען פוקס האָט זיי געפרעגט: ווי לאַנג וועט די אַקציע ביי אונדז אָנהאַלטן? האָבן זיי דערקלערט: ביז עס וועלן דערגרייכט ווערן 20 טויזנט מאַן. דאָס מאָל האָבן די מערדער פריער געזאָגט, וועלכע גאַסן עס וועלן עוואַקוירט ווערן און די אַקציע האָט זיך אָנגעהויבן. די גאַסן קרוטקאַ, קעלבאַך, נאַוואַק און צימערא זענען דורך דער פּאָליציי אַרומגערנומען געוואָרן. די געסטאַפּאָ האָט נישט געלאַרעמט. די פּאָליציי האָט נישט געשריגן. די אַקציע איז צוגעגאַנגען פאַרהעלטניסמעסיק רויק. פון די פיר גאַסן זענען אויסגעזידלט געוואָרן 340 מענער, 400 פרויען און 360 קינדער. צוזאַמען 1.100 נפשות.

די לעצטע פיר עוואַקואַציע־טעג

אין די איבעריקע פיר טעג איז די עוואַקואַציע פאַרגעקומען שוין אָן געפילדער און אָן קרבנות. עס זענען בלויז פאַרנאָטירט געוואָרן דריי

זעלבסטמאָרדן און פינף טויט־פאַלן פון עלטערע מענטשן, וואָס האָבן באַקו־מען האַרץ־שלאַגן, ווען מען האָט זיי געהייסן פאַרלאָזן זייערע וווינונגען.

אין די איבעריקע פיר עוואַקואַציע־טעג זענען געכאַפּט געוואָרן צו־זאַמען 4.880 נפשות. אַזוי זענען פאַרגאַנגען 11 פאַרשאָלטענע טעג, אין וועלכע זיבן געסטאַפּאָ־מערדער האָבן פאַרניכטעט, פאַרטיליקט און אומ־געבראַכט איבער 20 טויזנט ייִדן.

אָט זענען די נעמען פון די מערדער ימ״ש: ריבער, די אויסגעפּרעסענע מענטשן־חיה, דאָס אומגליק פון די לאָדזשער ייִדן. דער מערדער האָט אויף זיין געוויסן איבער טויזנט קרבנות. דער מענטשן־פרעסער האָט נישט בלויז געשאָסן, נאָר אויך באַוויזן, אַז ער קען מיט די פיס טרעטן טויטע, און די וועלכע וויזן נאָך אַרויס סימנים פון לעבן דערשטיקן צום טויט. דער מערדער האָט אַראָפּגעשלעפּט אַ ייִדן פון אַ וואָגן און אים געצוווּנגען, אַז ער זאָל אָפּלעקן מיט דער צונג דאָס פרישע בלוט פון אַ פרוי, וואָס איז דורך אים דערשאָסן געוואָרן.

ריכטער — אַ מענטש, וואָס האָט געטויט און דערביי געלאַכט. בעתן שיסן האָט ער געפרעגט דעם דערשאָסענעם, צי עס שמעקט גוט? באַרימט זיך, אַז זיין רעוואָלווער האָט קיין איין מאָל נישט אויסגעשאָסן אומזיסט.

פוקס — אַ מענטשן־מערדער, וואָס האָט נאָר געזוכט צו שיסן פרויען. זיין בעסטער פאַרגעניגן איז געווען ווען ער האָט זיך צוגעצירט צו דער פרוי און באַפוילן — קער זיך אום און ווען די פרוי האָט זיך אומגעקערט, איז זי מאָמענטאַל פון הינטן דערשאָסן געוואָרן, פאַלנדיק אויפן פנים און באַגיסנדיק זיך מיט בלוט. ווען די פרוי האָט נאָך אַרויסגעוויזן סימנים פון לעבן, האָט זיך דער מערדער אָוועקגעשטעלט איבערן קרבן און אַזוי לאַנג געשטאַנען און זיך צוגעקוקט ביז זי האָט אויסגעהויכט דעם לעצטן אָטעם.

קריסטיאַן — אַ הויכער אָפּגעברענטער מערדער, וואָס האָט זיך קיין איין מאָל נישט באַוויזן אָן מאַשין־געווער אויף זיין אַקסל, שטענדיק גע־שריגן און געריטשעט אַזוי ווי אַן אָפּגעבריט חזיר און פון צייט צו צייט געוואָרפן וויצן צו די דערשראָקענע ייִדן: „דאָרט וועט אייך בעסער זיין. די הימל־קאָמאַנדע וואַרט אויף אייך". אָט דער בלוט־זויפער האָט אויף זיין געוויסן הונדערטער קרבנות. ער האָט מיט זיין מאַשין־געווער געשאָסן אין די מאַסן אַריין און מיטאַמאָל געטויט צו טוצנדליקע מענטשן. ער איז אַרומ־

געלאָפּן ווי אַ ווילדער אָקס און געניוכעט מיט זיינע נאַזלעכער ווו עס ליגן באַהאַלטן קינדער. דאָרט ווו ער האָט אַזאַ ווינקל אַנטדעקט, האָט ער נישט באַפוילן, אַז די קינדער זאָלן פון דאָרט אַרויסגיין, נאָר ער האָט קאַלטבלוטיק אָראָפּגענומען זיין מאַשין־געווער פון אַקסל און אייניקע מאָל אַריינגעשאָסן אין דעם באַהעלטעניש, שפּעטער געהייסן די שכנים אַריינקריכן אין דעם באַהעלטעניש און „אַרויסשלעפּן דאָס דרעק". פון צוויי אַזעלכע באַהעלטענישן האָט מען שפּעטער אַרויסגעשלעפּט צעשאָסענע מענטשן. אויף איין אָרט אַ מאַמע מיט אירע דריי קינדער און אויפן צווייטן אָרט, צוויי זקנים און דריי פרויען. דער מאָסן־מערדער האָט באַוויזן, אַז ער קען אויך טויטן פייגל צוזאַמען מיט ייִדן. דאָס איז געווען ווען ער האָט פון דערווייטנס געזען צוויי יונגע מענטשן אַרויסלויפן פון אַ הויז. ער האָט צו די מענטשן געשאָסן און זיי געטויט אויפן אָרט. אין דעם זעלבן מאָמענט האָבן אייניקע פייגל איבערגעוואַנדערט פון איין אָרט צום צווייטן אָרט. דער מערדער האָט לאַנג נישט געטראַכט און אויך די פייגל אַרונטערגעשאָסן. די פייגל זענען אַרונטערגעפאַלן אויף די טויטע קערפּערס פון די צוויי יונגע מענטשן.

אַזוי האָט אויסגעזען די בלוטיקע עוואַקואַציע, וואָס האָט אָנגעהאַלטן עלף טעג. עס זענען אומגעקומען אויפן אָרט אייניקע הונדערט נפשות, דערונטער אַ סך קינדער. עוואַקויִרט זענען געוואָרן איבער צוואַנציק טויזנט נפשות, דער גרעסטער טייל — פרויען מיט זייערע קינדער. אַ סך פרויען האָבן זיך נישט געוואָלט שיידן מיט זייערע קינדער, זענען די פרייוויליק מיט געפאָרן מיט די קינדער. די פרויען האָבן דערקלערט:

„מיר וועלן שטאַרבן צוזאַמען מיט אונדזערע קינדער".

די נאָכווייען

ווי נאָר די בלוטיקע עוואַקואַציע האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָב איך זיך געווענדט צום סעקרעטאַר פון דער ייִדישער פּאָליציי, כימאָוויטש, און אים געבעטן, אַז ער זאָל מיר געבן די גענויע צאָל פון די עוואַקויִרטע און פון די אומגעקומענע אין די עלף בלוטיקע עוואַקואַציע־טעג. כימאָוויטש האָט מיר באַלד אויפן אָרט איבערגעגעבן די גענויע צאָל:

אויסגעזידלטע זענען געווען 19.839 נפשות. דער גרעסטער טייל פרויען

און קינדער. אומגעקומען אויפן אָרט זענען 164 נפשות. מיר גלייבן, — האָט כימאָוויטש צוגעגעבן, — אַז אויסגעזידלט זענען געוואָרן איבער צוואָנציק טויזנט ייִדן. די לעצטע דריי טעג פון דער אויסזידלונג האָבן די דייטשן נישט איבערגעגעבן די ריכטיקע צאָל געכאַפּטע. אייניקע מאָל האָבן זיי אַליין געכאַפּט און די מענטשן אויפן אָרט אַוועקגעשיקט. עס זענען געווען פאַלן, ווען קינדער וואָס זענען שוין געווען אויף די וואָגנס, האָבן פּלוצים באַמערקט זייערע עלטערן, האָבן זיי געמאַכט גוואַלדן, אַז די עלטערן זאָלן זיי ראַטעווען. די עלטערן האָבן די קינדער נישט געקענט ראַטעווען, אָבער זיי זענען מיטגעפאָרן צוזאַמען מיט די קינדער. די דאָזיקע מענטשן זענען דורך די דייטשן נישט געציילט געוואָרן. בעתן כאַפּן די קינדער האָט מען באַמערקט פאַרשיידענע מינים רעאַקציעס. עס זענען געווען קינדער וואָס האָבן היסטעריש געוויינט. אַלע מיטלען זיי צו באַרויִקן האָבן נישט געהאָלפן. עס זענען אָבער געווען קינדער, וואָס האָבן רויִק אויפגענומען זייער שרעק־לעכן גורל. די קינדער האָבן דייטלעך דערקלערט: מיר ווייסן גאַנץ גענוי ווו מיר פאָרן און וואָס פון אונדז וועט ווערן. אויב מיר וואָלטן געקענט שוין, דאָ אויפן אָרט שטאַרבן, וואָלט פאַר אונדז פיל בעסער געווען. עס זענען אויך געווען פאַלן ווען ייִדישע פּאָליציאַנטן האָבן אַראָפּגעכאַפּט באַ־קאַנטע קינדער פון די וואָגנס און זיי באַהאַלטן אין אַן אויסגעליידיקט הויז. די קינדער זענען געלעגן אין די באַהעלטענישן און געוואַרט ביז די רעטער וועלן קומען זיי אַהיימפירן. די פּאָליציאַנטן האָבן דערווייל פאַרגעסן די עררטער ווו צו זוכן די קינדער, אָדער האָבן זיי בכלל פאַרגעסן. די אָרעמע קינדער זענען אַזוי געלעגן אייניקע טעג אָן עסן און אָן טרינקען. אַ טייל קינדער זענען פון הונגער אומגעקומען. אין אייניקע טעג אַרום האָט מען פון איין באַהעלטעניש אַרויסגעהערט הילף־רופן און קרעכצן און ווען די דורכגייער זענען אַריין אין באַהעלטעניש האָבן זיי דאָרטן געטראָפן אַ שרעקלעך בילד. 4 קינדער, דריי מיידלעך און 1 ייִנגל, אין עלטער פון 7 ביז 10 יאָר, זענען געלעגן צוזאַמען אין איין קנויל. די צוויי מיידלעך זענען שוין געווען טויט, דאַקעגן די אַנדערע צוויי קינדער האָבן זיך געהאַלטן. זיי האָבן שרעקלעך אויסגעזען. די פּנימלעך אין גאַנצן צעדראַפּעט, די הענט־לעך און די פיסלעך בלוי און געשוואָלן. ביידע קינדער זענען נאָך אין זעלבן טאָג געשטאָרבן.

שרעקלעך איז אויך געווען צו זען ווי מען האָט די געכאַפּטע געפּאַקט אין די אויטאָס. די מענטשן זענען אויסגעשטעלט געוואָרן אין אַזאַ ענגשאַפט, אַז עס איז נישט מעגלעך געווען צווישן זיי אַיין איינציקע שפּילקע אַריינצוּוואַרפן. די קליינע קינדער זענען איבערגעגעבן געוואָרן אין די הענט פון די עלטערע פרויען און ווען אַ פרוי האָט דערקלערט, אַז זי איז צו שוואַך צו האַלטן אַ קינד, איז זי מיט אַ שפּיץ־רוט געשלאָגן געוואָרן ביז בלוט. עס זענען אויך געווען מערדער וואָס האָבן נישט געשלאָגן. זיי האָבן צו אַזאַ פרוי געזאָגט: „שוין נישט לאַנג וועט איר ליידן. אין איניקע שטונדן וועט אַלץ דערליידיקט ווערן!".

עס האָט אויסגעזען, אַז די בלוטיקע טעג וועלן זיך שוין נישט ענדיקן, אַז זיי וועלן זיך שוין אַזוי ציִען ביז אַלע ייִדן וועלן אומקומען. און אַז אַלע וועלן אומקומען, האָבן דייטלעך געזאָגט די, וועלכע האָבן געשאַכטן. זיי האָבן דאָס אַרויסגעזאָגט ביי יעדער געלעגנהייט. ביבאָוו, דאַקעגן, האָט געהאַלטן אין איין צוזאָגן, אַז ער וועט זיך באַמיִען, אַז די לאָדזשער געטאָ זאָל איבערבלייבן, זאָל געשוינט ווערן. מיר ווייסן, אַז ביבאָווס רייד זענען פאַלש.

מיר האָבן ליידער קיין אַנדער ברירה נישט, מיר מוזן גלייבן און האָפן, אַז גאָט וועט נאָך רחמנות האָבן אויף אונדז.

די טראַגעדיע זדונסקאַ וואָלאַ

וואָס דערציילן די זדונסקאַ וואָלער ייִדן? „דער לייטער פון דער לאָדזשער געטאָ, האַנץ ביבאָוו, האָט מיט זיינע אייגענע הענט געהרגעט צענדליקער ייִדן. ווי אַ חיה איז ער געלאָפן מיטן רעוואָלווער אין דער האַנט און געשאָסן אויף רעכטס און לינקס. ער אַליין האָט דערמאָרדעט אין זדונסקאַ וואָלע איבער הונדערט ייִדן. אויב אַ ייִד איז פון אים אַנטלאָפן, האָט ער אים אַזוי לאַנג נאָכגעיאָגט און נאָכגעשאָסן, ביז דער ייִד איז געפאַלן טויט. די ייִדן, וואָס זענען געשטאַנען נישט ווייט פון אים, די האָט ער געשוינט, די זענען געבליבן לעבן. בעת זיין נאָכלויפן אַ ייִדן האָט ער נישט באַפוילן, אַז דער אַנטלויפנדיקער זאָל בלייבן שטיין, נאָר פונקט פאַרקערט, זיין פאַרגעניגן איז געווען צו שיסן דעמאָלט ווען דער קרבן איז געווען ווייט פון אים. אויסער דעם דערציילן די זדונסקאַ וואָלער, אַז אויפן בית־עולם

זענען באַגראָבן געוואָרן איבער 400 ייִדן, וואָס האָבן נאָך געלעבט. זיי זענען אַריינגעשליידערט געוואָרן אין איין גרויסן מאַסן־קבר. נאָכן באַגראָבן די אַלע קרבנות, האָט זיך איינער פון די מערדער אַנגערופן: „ווו איז אייער גאָט? פאַרוואָס העלפט ער אייך נישט און לאָזט אייך ווי הינט אומברענגען? איר זענט קיין פאָלק נישט. איר האָט נישט קיין רעכט צו לעבן אויף דער וועלט. איר האָט אַפילו נישט קיין מוט זיך אַנטקעגן צו שטעלן. הונדערטער זענט איר דאָ פאַרזאַמלט, און מיר זענען נישט מער ווי צען מאַן. פאַרוואָס וואַרפט איר זיך נישט אויף אונדז?“ ווען איינער פון די ייִדן האָט אים געוואָלט ענטפערן, האָט ער באַלד באַקומען מיט אַן אייזערנעם שטעקן איבערן קאָפּ און דער ייִד איז געפאַלן טויט אויפן אָרט. אַט אַזוי האָבן אונדז די לאָדזשער געסטאַפּאָ־מערדער אומגעבראַכט און די איבעריקע, דאָס הייסט מיר, זענען צו אייך אַהערגעשיקט געוואָרן“.

אַ בריוו פון פּויזן

פאַר דער גרויליקער עוואַקואַציע זענען 800 יונגע, געזונטע אַרבעטער אַרויסגעשיקט געוואָרן קיין פּויזן אויף ספּעציעלער, גוטער אַרבעט. אַזוי האָט עס געהייסן. יעדער פון די וואָס זענען פרייוויליק געפאָרן האָט פון רומקאָווסקין באַקומען אַ ספּעציעלע צוטיילונג: אַ ברויט מיט צוואַנציק דעקאָ פערד־ווורשט. איצט זענען דורך די קאָנספּיראַטיווע שליחים אָנגעקומען עטלעכע בריוו פון די אַרבעטער. אייניקע בריוו האָבן איך געלייענט. אַ געוויסער יוטקאָוויטש שרייבט צו זיין פרוי:

„זיי וויסן, טייערע פרוי, אַז רומקאָווסקי מיט זיינע מענטשן זענען מערדער. זיי וועלן פאַר אַלעם טייער באַצאָלן. אַז די צייט וועט קומען וועלן מיר נקמה נעמען. אַ העלפט פון די געשיקטע אַרבעטער לעבט שוין נישט. צווישן די טויטע געפינט זיך אויך דיין קוזין מאיר. אַ גרויסער טייל איז אומגעבראַכט געוואָרן ביי דער אַרבעט, אַן אַנדערער טייל האָט זיך גענומען דאָס לעבן. זיי האָבן מער נישט געקענט אויסהאַלטן און איבערטראָגן די שווערע פּיין. מיר וואָרענען אייך, אַז איר זאָלט טון, וואָס איר קענט און נישט אַרויספאָרן קיין פּויזן אויף אַרבעט. נישט לאָזן זיך מער כאַפּן אויף דער ווענדקע פון דער ספּעציעלער צוטיילונג. ווער עס וויל האָבן דאָס גיהנום ביים לעבן, דער זאָל פאָרן קיין פּויזן. צום גרויסן באַדויערן, מוז

איך דיר מיטטיילן, אַז אויך ייִדן נעמען אָנטייל אין מאָרד. דאָס זענען אויס־ווורפן פון פאַרשיידענע שטעט און שטעטלעך. אויך צווי לאַדזשער נעמען אָנטייל אין דער מערדעריי".

צום סוף פון בריוו האָט אַ צווייטער, אַ געוויסער מיזעס, צוגעשריבן אין פויליש צו זיין פרו חנה: „טייערע, זיי וויסן, אַז איך וועל מער צו דיר נישט קומען. ביז איצט האָב איך זיך גוט געפילט. איך האָב אויסגעהאַלטן אַלע קלעפּ. איצט בין איך קראַנק און שוואַך. איך גלייב, אַז זיי וועלן מיך איבערשיקן אין אַ שפּיטאָל אַריין. אויב נישט בין איך פאַרלוירן. זע אַז דאָס קינד זאָל מיך געדענקען. איך גרוס און קוש אייך ביידן, אויף אייביק...".

אַזעלכע בריוו קומען איצט פון די ערשט נישט־לאַנג קיין פּויזן אַרויסגעשיקטע אַרבעטער. דער פּרעזעס מיט זיין מערדערישן אַדיוטאַנט, פוקס, האָבן פייערלעך צוגעזאָגט, אַז די וועלכע וועלן פרייוויליק אַרויספאָרן קיין פּויזן וועלן האָבן אַ גוט לעבן. זיי וועלן זיך און זייערע פאַמיליעס ראַטעווען פון אַ זיכערן אונטערגאַנג. „די געטאָ וועט איבער זיי האָבן אַ ספּעציעלן אויפזיכט". אַזוי אַרום זענען אויף אַ מיאוסן אופן אַרויסגעַנאַרט געוואָרן 800 יונגע מענטשן, כדי זיי זאָלן אויף אַ בעסטיאַלישן אופן אומגעבראַכט ווערן. אַט אַזוי פירט היטלער אויס זיין אויסראָטונגס־פּלאַן און זיין ייִדישער פאַרטרעטער, חיים רומקאָווסקי, העלפט אים צו.

צוויפל ייִדן זענען געשטאָרבן אין יאָר 1942

לויט ווי דער סטאַטיסטישער אַמט האָט היינט פעסטגעשטעלט, זענען אין יאָר 1942, געשטאָרבן אין געטאָ 15.384 ייִדן. עס זענען געווען טעג, ווען מען האָט קובר געווען פון 80 ביז 100 מענטשן. נישט צורעכענענדיק די טויט־פאַלן דורך די דייטשן, וואָס פאַטרולירן דאָס געטאָ און אויך נישט די ייִדן וואָס זענען דערמאָרדעט געוואָרן דורך דער קריפּאָ. די אויבנדערמאָנטע צאָל נעמט אויך נישט אַרום די 30 טויזנט אויסגעזידלטע און די טויזנטער, וואָס זענען אַרויסגעפאָרן אויף אַרבעט און זענען מער אין דער געטאָ נישט צוריקגעקומען.

די געהיימע זיצונג

ווי נאָר עס זענען אָנגעקומען בריוו פֿון די פּויזנער און אַנדזשאווער אַרבעטער, ווי אויך די געהיימע ראַדיאָ־נאַכריכטן וועגן אומקום פֿון הונדערטער טויזנטער ייִדן, דערונטער אויך פֿון די טויזנט לאָדזשער ייִדן, האָבן זיך איניקע פּאַרטיי־פֿאָרשטייער צוזאַמענגעטראָפֿן און באַשלאָסן צו רופֿן אַ געהיימע זיצונג און איינצולאַדן די פֿאָרשטייער פֿון אַלע פּאַרטייען, ריכטונגען און שטרעמונגען, וואָס זענען באַקאַנט אין דער געטאָ. אינטערעסאַנט איז, אַז צו דער געהיימער זיצונג זענען אויך געקומען צוויי פֿאָרשטייער פֿון דער פּאָליציי, וואָס האָבן געהערט צו די קאָמבאַטאַנטן. איניקע פֿאָרשטייער האָבן זיך אַרויסגעזאָגט קעגן צולאָזן די צוויי פּאָליציאַנטן צו דער זיצונג, זיי האָבן דערקלערט, אַז זיי האָבן נישט קיין צוטרוי צו דער ייִדישער געטאָ־פּאָליציי. נאָך אַ קליינער אַמפּעריי און אויפֿקלערונג זענען די צוויי פּאָליציאַנטן צוגעלאָזט געוואָרן צו דער זיצונג. די פּאָליציאַנטן האָבן דערקלערט, אַז זיי זענען 18 מאַן, צעשפּרייט אין אַלע רעווירן און זיי טראָגן די פֿולע פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿאַר דער איבערגעגעבענער געהיימער אַרבעט. נאָך דער זיצונג האָבן אַלע אָנוועזנדיקע געשוווירן און עס איז אָנגענומען געוואָרן פֿאָלגנדער באַשלוס: אויפֿקלערן דער ייִדישער באַפֿעלקערונג, נישט אַרויסצופֿאָרן מער פֿרייוויליק אויף אַרבעט, ווי ווייט מעגלעך שטערן רומקאָווסקין מיט פֿוקסן אין זייער טעטיקייט. אָנהייבן אַ ברייטע אַגיטאַציע אויף דער גאַס און אין די אַרבעטס־רעסאָרטן צו סאַבאָטירן די אַרבעט. זאַמלען מאַטעריאַלן קעגן די ייִדישע פֿאַרברעכער. פֿאַרצייכענען באַזונדער די אויפֿפֿירונג פֿון יעדן פֿאַרברעכער לגבי דער ייִדישער מאַסע. אויפֿן אָרט זענען פֿאַרצייכנט געוואָרן די פֿאָלגנדיקע מענטשן אַלס פֿאַרברעכער קעגן לאָדזשער ייִדנטום: חיים רומקאָווסקי, ב. פֿוקס, לעאָן ראָזענטאַל, שלום הערצבערג, קאָמיסאַר קאַל, ב. קליימאַן, אדוו׳ יאַקובזאָן און דער לייטער פֿון מעטאַל־רעסאָרט כימאָוויטש. די זיצונג איז געווען אַ זייער דראַמאַטישע.

עס זענען אַרומגערעדט געוואָרן אַלע אָנגעוויטיקטע פֿראַגן. איינער פֿון די אָנוועזנדיקע האָט אַריינגעטראָגן אַ פֿאָרשלאַג, אַז מען זאָל שוין גרינדן אַ קאַמפֿס־אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל זיך אַנטקעגנשטעלן די באַפֿעלן

פון רומקאָווסקין מיט זיין קליקע און אויך אָנהייבן אַ קאַמף מיט דער פּאָ־ליציי. דער פּאָרשלאָג איז דעבאַטירט געוואָרן און איז דורך דער מערהייט אָפּגעוואָרפן געוואָרן. די מאָטיוון זענען געווען: די געטאָ האָט קיין אייַן רעוואָלווער נישט. די געטאָ איז אַרומגערינגלט מיט פּאָלקס־דייטשן. צווישן די ייִדן זענען פאַראַן אַ סך מוסרים. 60 % פון דער פּאָליציי זענען פּאַר־רעטער. דאָס פּאָלק איז פולשטענדיק צעבראָכן און מיט אַזעלכע צעבראָ־כענע מענטשן קען מען קיין קאַמף נישט אָנהייבן. די מורא פאַר די פּאָלגן פאַר דעם גאַנצן געטאָ־ייִדנטום. דער וואָס האָט אַריינגעטראָגן דעם פּאָר־שלאַג האָט דערקלערט, אַז ער רעזיגנירט נישט און אין גיכן וועט אַזאַ קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אַנטשטיין.

איינע פון די געהיימע ראַדיאָ־אויפנעמער אין געטאָ, האָט פאַרגעלייענט די לעצטע נייעס און די זיצונג איז געשלאָסן געוואָרן.

דאָס איז געווען די ערשטע געטאָ געהיימע זיצונג, וואָס איז גערופן געוואָרן דורך אייניקע מיטגלידער פון פועלי־ציון, אַלגעמיינע ציוניסטן, פרייהייט, החלוץ, פּאָלקס־פּאַרטיי און קאָמבאַטאַנטן.

אינטערעסאַנטע מיינונגען וועגן געטאָ־לעבן

די מיינונגען גיב איך איבער אַזוי ווי איך האָב זיי געהערט.

דער שרײַבער זעלקאָוויטש דערקלערט: — דעם גרעסטן כעס טראָג איך אויף דער ייִדישער פּאָליציי. ווען עס וואָלט נישט געווען קיין ייִדישע פּאָליציי, וואָלטן אַזוי פיל צרות נישט געווען. ד״ה. צרות וואָלטן געווען, אָבער זיי וואָלטן נישט געקומען דורך ייִדישע הענט. עס איז פיל שענער פאַר אַ פּאָלק, ווען עס ווערט נישט געשלאָגן דורך אייגענע אויסוואורפן.

דער דיכטער יאַאַכימאָוויטש דערקלערט: פּאָליציי־וויי, דאָס איז אַיין געשריי. ווי איז צו זיי און ווי איז צו אונדז. ווען עס וואָלט נישט געווען קיין ייִדישע פּאָליציי, וואָלטן געווען אַנדערע אויסוואורפן, וואָס וואָלטן פיל ערגער געווען ווי די ייִדישע פּאָליציי. וואָס זיי זענען זענען זיי, דאָך זענען זיי אונדזערע ברידער, וואָס פילן אויך דעם זעלביקן ביטערן טעם וואָס מיר. די צרה איז נאָר וואָס זיי מיינען, אַז זיי וועלן זיך ראַטעווען, ווען דאָס פּאָלק וועט אומגעבראַכט ווערן. זיי וועלן צוזאַמען מיט אונדז אין איין גרוב ליגן באַגראָבן.

דער געוועזענער סעקרעטאַר פון דער ייִדישער גימנאַזיע, קאַרא: וואָס זאָל איך זאָגן, אַז אַלץ וואָס דער פּרעזעס טוט איז פֿיין און כּשר? דאָס קען איך נישט זאָגן. איך קען אָבער אויך נישט זאָגן, אַז אַלץ וואָס ער טוט איז שלעכט. מען מוז פֿאַרשטיין, אַז די צייט איז שלעכט זענען במילא די מענטשן אויך שלעכט. רומקאָווסקי וויל באמת, אַז אַלע ייִדן אין דער געטאָ זאָל גוט זיין. אָבער ליידער — ער וויל און אַלע זיינע פּלענער ווערן צונישט געמאַכט. ווייל אין אמתן געזאָגט האָט ער קיין שום דעה נישט. ער איז בלויז דער אויספירער פון ביבאָוון מיט זיינע מיטהעלפער. איין פעליער און דווקא אַ גרויסן פעלער האָט ער: דאָס וואָס ער לאָזט זיך נישט לערנען. ער דערקלערט, אַז אַלע מיינונגען זענען אים באַקאַנט און זענען אין אַזאַ צייט ווען טויט און לעבן הענגען אויף אַ האָר, נישט אויספיר־באַר. דאָס אַלץ וואָס ווערט געטון, מוז געטון ווערן מיט אַ שטאַרקע האַנט, אויב נישט, וועט אייגער דעם צווייטן לעבעדיקערהייט אויפעסן. ביים שאַפן די אַרבעטס־רעסאָרטן האָט ער געפּרוווט איינגיין אויף פֿאַרשיידענע הנחות. וואָס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן? מען האָט געגנבעט אויף רעכטס און אויף לינקס, מען האָט נישט אָפּגעהיטן די פֿאַרשריפטן בנוגע דער אַרבעט, מען האָט באַגאַטעליזירט אים און זיינע באַפעלן. דעריבער איז ער געקומען צום באַשלוס, אַז ער וועט קיינעם נישט הערן און וועט מיט אַ שטאַרקער האַנט אַלץ אַדורכפירן אַזוי ווי מען פאַרלאַנגט פון אים.

דער געוועזענער האַנטווערקער פּרעזעס ב. פּרווינד דערקלערט: איך בין נישט רומקאָווסקיס חסיד. איך האַלט בכלל נישט פון אַלע זיינע דערקלערונגען און פון אַלע זיינע אויפטועכצן. נאָר איינס מוז איך זאָגן. ווען נישט רומ־קאָווסקי מיט זיין שטאַרקער האַנט, וואָלט דער לאָדזשער ייִדישער קיבוץ שוין לאַנג אונטערגעגאַנגען. ווי עס איז באַוווסט האָבן די דייטשן געוואָלט באַלד ביים אָנהייב פֿאַרניכטן דאָס גאַנצע לאָדזשער ייִדנטום. זיי האָבן אין לאָדזש קיין געטאָ נישט געוואָלט מאַכן. זיי האָבן געוואָלט דאָס גאַנצע לאָדזשער ייִדנטום אַרייניאָגן קיין בזשעזשין און דאָרטן אַדורכפירן אַלע זייערע פינצטערע פּלענער. דער געדאַנק צו מאַכן אַ געטאָ, וואָס איז געקו־מען פון רומקאָווסקין, האָט דערמעגלעכט, אַז די לאָדזשער ייִדן זאָלן דער־ווייל זיצן אויפן אָרט און באַקומען אַרבעט און עסן. פון צייט צו צייט ווערן טאַקע מענטשן אָפּגעריסן פון זייערע פאַמיליעס, פון זייערע היימען,

אַבער אין כּלל ווערט דערווייל דער לאָדזשער קיבוץ נישט גערירט. מיר האָבן ליידער נישט קיין אַנדער עצה. דער שונא זוכט אונדז צו פאַרניכטן. ער באַהאַלט נישט זיינע כּוונות. ער דאַרף אָבער אויך ביליקע אַרבעטס־הענט און ווען ער נעמען זאָל ער נעמען אויב נישט די ייִדן? נישט רומקאָווסקי, נישט די פּאָליציי, נישט די וועלכע אַרבעטן מיט רומקאָווסקין טראָגן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט. מיר זענען דורך די דייטשן פאַראורטיילט געוואָרן פאַרניכטעט צו ווערן. די וועלט האָט אין אונדז פאַרגעסן. דעריבער מוזן מיר שטיין אויף דער וואַך און אַכטונג געבן, אַז דער שונא זאָל אונדז נישט מיט איינמאָל פאַרטיליקן. מיר גלייבן, אַז אָט־אָט וועט צו אונדזערע צרות קומען אַן ענדע. מיר גלייבן, אַז לאַנג וועט אַזאַ שווערע צייט נישט קענען אָנהאַלטן. דעריבער מוזן מיר, מיט אַלע מיטלען וואָס מיר פאַרמאָגן, אָפּ־שטויסן דעם סוף. דאָס הייסט, מיר מוזן שווער אַרבעטן, מיר מוזן גוט אַרבעטן און דערווייל שוייגן, נישט אַרויסרופן דעם וואָלף פון וואַלד, כּדי ער זאָל אַלץ מיט איינמאָל נישט איינשלינגען. פאַרפאַלן, מיר זענען אויפן פראָנט און דווקא אויף דער ערשטער ליניע. מיר קעמפן מיט דער גאַנצער וועלט קעגן דעם פיינט. ווער עס וועט לעבן בלייבן דער וועט קענען שפּע־טער אויפקלערן דאָס ריכטיקע, דאָס אמתע און דאָס וויכטיקע. אויף אויס־לאַנד קענען מיר זיך נישט פאַרלאָזן, ווייל נישט זיי וויסן וואָס דאָ קומט פאָר און נישט זיי זענען פאַראינטערעסירט אַזוי שטאַרק אין אונדזער לעבן. מיר מוזן קענען לאַווירן מיט אונדזער ביסל לעבן. דעריבער מוזן מיר שווייגן און אויספירן אַלע באַפעלן פון די, וואָס זענען שטאַרקער פון אונדז, כּדי וואָס לענגער צו פאַרציִען ביז צו דערגרייכן די ענדע.

דאָקטאָר עפּשטיין, געוועזענער מיטגליד אין פּרעזידיום פון די ייִדישע קאָמבאַטאַנטן אין לאָדזש, דערקלערט: „איך וואָלט קיין מאָל אין מיין לעבן געגלויבט, אַז ייִדן זענען פעיִק צו אַזעלכע אַכזריותדיקע מעשים, צו אַזעל־כע נידעריקע שטיק. איך וואָלט קיינמאָל נישט געגלויבט, אַז צווישן ייִדן זאָלן זיך געפינען אַזויפיל אויסוואָרפן, אַזויפיל מוסרים און קרעציקע הינט. איך בין אַ דאָקטאָר. מיין פאַך איז היילן מענטשן, ברענגען זיי צום נאָרמאַלן געזונט און לויט מיין פאַך מוז איך זיין העפלעך צו יעדן פּאַ־ציענט. אָבער דעם אמת געזאָגט, האָב איך זיך שטאַרק געענדערט. איך האָבן פיינט געקריגן מענטשן. ווען עס קומט צו מיר אַ דעלעגאַציע און וויל,

אַז איך זאָל אַרבעטן געזעלשאַפטלעך, כדי צו לינדערן די נויטן, זאָג איך זיך אָפּ. איך הייל נאָר קראַנקע, וועלכע זענען אונטער מיין אויפזיכט. איך וויל אויך באַמערקן, אַז אַלץ וואָס מען זאָגט אויף אונדז איז, לײדער אמת. דעריבער האָבן מיר אַזויפיל פיינט. דעריבער שלאָגט מען אונדז. דעריבער וויל קיינער מיט אונדז נישט ריידן און קומען אונדז צו הילף. זייט צוויי וואָכן פיר איך אין געהיים אונטערהאַנדלונגען מיט אַ דייטש, וואָס שטעלט מיר פון צייט צו צייט צו פאַרשיידענע מעדיקאַמענטן, וואָס עס איז זיי אוממעגלעך צו באַקומען אין דער געטאָ. די מעדיקאַמענטן באַנוץ איך פאַרשטייט זיך פאַר קראַנקע, וועלכע נייטיקן זיך אין זיי. פּלוצים קומט צו מיר דער דייטש און זאָגט מיר: פון היינט אָן וועט ער מיט מיר קיין געשעפטן מאַכן, ווייל איך בין נישט גענוג פאָרזיכטיק. איך קוק אים אָן און פרעג: צי איז נישט אַמאָל קיין טעות? ער דערקלערט מיר, אַז ניין. מיט דריי טעג צוריק האָט אים פאַרהאַלטן אַ דאָקטאָר פון שפּיטאָל און אים פאַרגעלייגט אַ פיל גרעסערן רווח מיטן תנאי, אַז איך זאָל אים אויך באַזאָרגן מיט מעדיקאַמענטן. דער דייטש האָט דעם דאָקטאָר אויסגעזידלט און מיט אים נישט געוואָלט מער רעדן. נו, וואָס זאָגט איר צו אַזאַ זאַך? קען מען פון אונדזערע יידן אויסהאַלטן? זענען זיי נישט פרעך? איך שטעל איין מיין לעבן, איך וויל העלפן די קראַנקע, קומט אַזאַ פאַרשוין און וויל מאַכן געשעפט. איך בין איבערצייגט, — זאָגט דאָקטאָר עפשטיין, — אַז מיר וועלן דאָ אומקומען, היינט אָדער מאָרגן אָדער אין אַ יאָר אַרום. מיר וועלן פון דאַנען נישט אַרויס. דער פיינט איז שטאַרק און מיר מיט אונדזערע אייגענע הענט העלפן אים צו צו אונדזער אויסראָטונג".

הרב פיינער: „גאָט זאָל זיך דערבאַרעמען אויף אונדז. מיר זענען אָן קראַפט, אָן ווילן. איך מיין נישט קראַפט צו אַנטקעגנשטעלן זיך. צו דעם זענען מיר בכלל נישט בכוח. איך מיין פון בטחון, קראַפט פון געבעט, קראַפט פון אונדזער הייליקער תורה הקדושה. ווו איך גיי און ווו איך שטיי, זע איך ווי גאָט ווערט געלעסטערט. מען טרעט אויף אַלץ וואָס איז הייליק. מען האָט פאַרגעסן, אַז נאָר דער רבונו של עולם קען אונדז העלפן. אונדזערע ברידער זענען געוואָרן איינער צום צווייטן פרעך און אָן ווילן צו העלפן. אויב דאָס וועט אַזוי ווייטער גיין, וועלן מיר אַלע אומקומען. נאָר מיט אמתן בטחון און מיט יושר וצדק וועלן מיר דעם פיינט איבערלעבן".

דער פּאָלקיסט סקשעפּיצקי דערקלערט: „ווי זינגען די קינדער „רומ־קאָווסקי חיים — גיט אונדז קלאַיען״. פּיל בעסער וואָלט געווען, ווען ער גיט אונדז סם. ער איז געווען אַן אויסוואָרף נאָך אין די צייטן פון העלענ־וועק, ווען די וועלט איז נאָך געווען נאָרמאַל. עס איז טרויעריק, אַז אַזאַ עדה יידן זאָל זיך לאָזן פון אַזאַ סאַדיסט אַרומפירן ביי דער נאָז״.

דער זשורנאַליסט ראזענשטיין: „עס איז נישט געווען קיין צוריטער אין לאָדזש, וואָס זאָל קענען איבערנעמען אַזאַ גיהנום־רודער ווי רומקאָוו־סקי. דער ערשטער ראַט איז געוואָרן אַרעסטירט, פּאַרשיקט און געטויט. וועמענס שולד עס איז, וועט מען אפשר שפּעטער, נאָך דער מלחמה, גע־וווירן ווערן. דער צווייטער ראַט וואָס איז נאָמינירט געוואָרן, האָט באַלד ביים אָנהייב נישט געהאַט בדעה אַרויסצושטעלן קיין יידן־עלצטן. עס האָט געזאָלט זיין אַ יידן־ראַט. בעת אַ רעוויזיע אין ראַט, האָט דער אָבערלויטע־נאַנט, רישאַרד העפּלער, געפרעגט די ראַט־מענטשן: „ווער פון אייך איז דער עלצטער?״ דערויף האָט זיך רומקאָווסקי אָנגערופן: „איך, הערן לוי־טענאַנט, בין דער עלצטער״. ווען דער לייטענאַנט האָט געזען דעם אַלטן, מיט זיין גרויען קאָפּ האָר, האָט ער אים מיטגענומען מיט זיך און אין צווי שעה שפּעטער איז דער ראַט געוואויר געוואָרן, אַז רומקאָווסקי איז געוואָרן דער עלצטער איבער די לאָדזשער יידן. מיט אַ פולמאַכט, גע־שריבן שוואַרץ אויף ווייס, פון דעם דעמאָלטדיקן ערשטן שטאַט־פּרעזידענט. באַלד ביים אָנהייב האָבן כמעט אַלע ראַט־מיטגלידער געוואָלט זיך אָנגעבן אין דימיסיע. דער גרעסטער טייל איז צו דער זיצונג נישט געקומען. רומ־קאָווסקי, זעענדיק, אַז די ראַט־מיטגלידער זענען נישט צופרידן, וואָס ער איז געוואָרן דער עלצטער פון די יידן און זיי קומען נישט צו קיין זיצונג, האָט ער געשיקט צו יעדן אַ בריוו מיט דער אויפפאָדערונג פון שטאַט־פּרעזידענט, אַז אויב די ראַט־מיטגלידער וועלן נישט קומען צו קיין זיצונג, וועלן זיי שווער באַשטראָפט ווערן. אַזוי אַרום האָבן זיי אָנגעהויבן קומען צו די זיצונגען און אָנטייל נעמען אין רומקאָווסקיס מלוכה. די וועלכע האָבן נישט קיין אַקטיוון אָנטייל גענומען און האָבן נישט אין אַכט גענומען די דראָאונגען פון רומקאָווסקין, זענען: ברוך שולמאַן, משה פרידריך, חיים בוים און הרב טריסטמאַן.

שוידערלעכע ידיעות פון שטעטל כעלמנא

זייט אייניקע טעג קומען אָן שוידערלעכע ידיעות וועגן גרויסע מערדערייען און שחיטות איבער ייִדן אין שטעטל כעלמנא, וואָס ליגט נישט ווייט פון שטעטל קויל. דאָרט זאָלן די היטלעריסטן האָבן צוגעגרייט אַ קרעמאַטאָריום פאַרן גאַנצן פוילישן ייִדנטום. די ידיעות־ברענגער דערציילן, אַז אַלע ייִדן וואָס זענען אין פאַרלויף פון דעם יאָר אַרויסגעטריבן געוואָרן פון לאָדזש, זענען דאָרטן אויף אַ שוידערלעכן אופן אומגעקומען. אויב דאָס זאָל זיין אמת, זענען דאָרט אומגעקומען איבער 40 טויזנט לאָדזשער ייִדן. אַ האַלב יאָר צייט האָבן די היטלעריסטן צוגעגרייט דעם מאַסן־קבר פאַרן פוילישן ייִדנטום. עס זאָלן זיך דאָרטן געפינען אייניקע גרויסע אויוונס און אייניקע גאַז־קאַמערן, ווי אויך אייניקע גרויסע קאַלך־גריבער. נאָך אַ גענויער אויפאָרשונג, וואָס האָט געדויערט אייניקע טעג, אָנפרעגנדיק בייַ פאַרשיידענע מענטשן, וואָס האָבן מער ווייניקער אַ שטיקל שייכות מיט די מאַסן־עוואַקואַציעס, מוז איך, לײַדער, פעסטשטעלן, אַז אַלע ידיעות זענען ריכטיקע. אַלע פאַרטיעס, וואָס זענען ביזן הייַנטיקן טאָג אַרויסגעשיקט געוואָרן פון געטאָ זענען אומגעקומען. איך האָב גערעדט מיט די מאַשיניסטן וואָס האָבן געפירט די צוגן; איך האָב גערעדט מיט באַן־אַרבעטער; איך האָב גערעדט מיט די וועלכע האָבן עסקאָרטירט די וואַגאָנען מיט די אַרויסגעשיקטע. די זיכערסטע און קלאָרסטע ידיעות האָב איך אָבער באַקומען פון אַ דייטשן מיליטער־מאַן, וואָס האָט אַליין אָנטייל גענומען אין אַזאַ עסקאָרטע. ער האָט מיר קודם כל דערקלערט, אַז נישט אַלע פון די דײַטשע סאָלדאַטן זענען מסכים מיטן היטלעריזם. מיר ווייסן, — האָט ער געזאָגט, — אַז די היטלער־פאַרטיי איז אַ מאָרד־פאַרטיי, וואָס מאָרדעט אויס מיליאָנען אומשולדיקע מענטשן. די הויפּט־מערדער פון די ייִדן זענען: די געסטאַפּאָ, די ס. ס. און די ס. ד. זיי, און נאָר זיי, טראָגן די גאַנצע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער ייִדן־אויסראָטונג אין פוילן. מיר, די סאָלדאַטן צווישן זיך, האָבן מורא איינער פאַרן צווייטן אַ וואָרט אַרויסצוזאָגן. איך האָב שוין לאַנג געזוכט אַ געלעגנהייט, אַז איך זאָל זיך קענען אַראָפּרעדן פון האַרצן און זיך דורכריידן מיט אַ ייִדן, וואָס זאָל מיך פאַרשטיין. איך וועל, — האָט ער ווייטער געזאָגט, — איבערגעבן אַלץ, וואָס איך ווייס,

וואָס איך האָב אַליין געזען און וואָס איך האָב געהערט. איך אַליין האָב דאָס שווידערלעכע בילד אין כעלמנאָ נישט געזען. דאַקעגן האָבן דאָס אַנדערע יאָ געזען און האָבן דאָס שפּעטער אונדז, סאָלדאַטן, איבערגעגעבן. אַ טייל — מיט פרייד און אַ טייל מיט גרויס פּאַרדרוס. צוויי עסקאַרטן האָב איך אַליין באַגלייט. איין פּאַרטיע פון קראַנקע און אַ צווייטע פּאַרטיע פון פרויען און קינדער. מיר האָבן זיי עסקאַרטירט ביז צו דער באַנסטאַנציע. פון דער גרויסער סטאַנציע זענען די פּאַרטיעס צוגענומען געוואָרן דורך דער געסטאַפּאָ און ליטווינער, אוקראַינער, סלאָוואַקן און פּאָליאַקן. קומענדיק אויפן אָרט און דערזעענדיק די טויטן־קעפּ, די הימל־קאָמאַנדע, האָב איך גלייך פּאַרשטאַנען, אַז די מענטשן וועלן שוין פון דאָרט מער נישט צוריק פאָרן. זייט ווייסן, אַז עס רעדט צו איך אַן אויפריכטיקער מענטש, באַמיט זיך ווי ווייט מעגלעך נישט צו קומען אויף דעם אָרט, ווו די קברים זענען פאַר איך אָפן. לויט ווי מיינע קאָלעגן האָבן מיר דערציילט, ווערן דאָרט אַהינגעטריבן יידן פון דער גאַנצער לאָדזשער וואָיעוואָדסטווע. ביז איצט זענען שוין אָפּגערייניקט געוואָרן כמעט אַלע שטעטלעך, וואָס ליגן אַרום קאַליש ביז לאָדזש. דער גרעסטער טייל ווערט אויפן אָרט דערשאָסן, אַ טייל מוזן זיך אַליין גראָבן גריבער, לעבעדיקערהייט זיך דאָרט אַריינלייגן און דאַן ווערן זיי פּאַרשיט. בעת די מאַסן־שיסערייען ווערן די מאָטאָרן פון די אויטאָס געלאָזן אין גאַנג און עס ווערט אַ געוואַלדיקער גערויש, אַזוי אַרום הערט מען נישט די געוואַלדן און די געשרייען פון די אומגליקלעכע שוצלאָזע פרויען און קליינע קינדער. די קראַנקע ווידער, וועלכע זענען פון די שפּיטאָלן אַרויסגענומען געוואָרן, זענען נאָך אויפן וועג אין די אויטאָס דערמאָרדעט געוואָרן. זיי זענען פּאַרגאַזעוועט געוואָרן, פּאָרנדיק ביז צום אָרט צו. די אויטאָס זענען עסקאַרטירט געוואָרן דירעקט דורך די ס. ד.־קאָמאַנדע. מיר האָבן נאָר עסקאַרטירט די מענטשן, וואָס זענען געפאָרן מיט וואַגאָנען. איינער פון די סאָלדאַטן, אַליין אַ מיטגליד אין דער פּאַרטיי, וואָס איז אויף דעם אָרט יאָ געווען, האָט דערקלערט, אַז אַזעלכע מאַסן־מאָרדן האָט ער זיך נישט פּאָרגעשטעלט, דאָס איז שווידערלעך. מען קען פון זינען אַראָפּ, ווען מען זעט ווי קליינע קינדער ווערן מיט אַן אייזערנער רייף אַרומגענומען און ווערן פאַר די אויגן פון זייערע עלטערן אויסגעשאָסן. דערנאָך ווערן די עלטערן געצוווּנגען די

טויטע קינדער אין די גריבער אַרײַנצוואַרפן און זיי מיט שטיינער פאַרשיטן. פריש־געברענגטע פרויען און מענער זעען ווי מען צערייסט אַנדערע אויף שטיקער, ווי מען פאַרברענט זיי לעבעדיקערהייט. יעדער מערדער־גרופּע טוט איר אַרבעט לויט איר אייגענעם מערדערישן סאַדיזם. צום ערגסטן פירן זיך אויף די ליטווינער. זיי מאָרדן די פרויען נאַקעטערהייט. זיי שלאָגן די פרויען ביז צום טויט. דערנאָך ווערן די טויטע פרויען ביי די הענט און פיס געשלעפּט צו די קאַלך־אויוונס און ווערן פאַרברענט. גלייבט נישט די דייטשן, גלייבט נישט ביבאָוון, גלייבט נישט אַלע זייערע מיטהעלפער. זיי זענען אייערע מאַסן־מערדער. לאָזט אייך נישט אויסמאָרדן. עס איז פיל בעסער דאָ אויפן אָרט צו שטאַרבן, ווי דאָרטן אין דעם גרויסן שמעלץ־טאָפּ. זייט וויסן, אַז די געסטאַפּאָ האָט באַשלאָסן אַלע ייִדן פון אייראָפּע אומצוברענגען. עס איז אַפילו אויסגערעכנט וויפל ייִדן עס דאַרפן אומקומען אין יעדן טאָג. צוליב דער אויסראָטונג איז ספּעציעל געשאַפן געוואָרן אַ קאָמאַנדע, וואָס רופט זיך: „הימל־קאָמאַנדע". די מענטשן זענען אַרויסגענומען געוואָרן פון די ס. ס.־גרופּן און פון די ס. ד.־גרופּן, ווי אויך פון די פעלקער פון ליטווינער, אוקראַיִנער, סלאָוואַקן, פּאָליאַקן, סודעטן און רומענער. זיי באַקומען אַ ספּעציעלן עקסטראַ־געהאַלט, וואָס רופט זיך „ייִדן געהאַלט". זיי באַקומען אויך אַ טייל פון דעם צוגערויבטן פאַרמעגן, אויסער דעם באַקומען זיי בעסערע שפּייז. די מאָרד־אָרגאַניזאַציע באַשטייט פון צוויי טיילן: איין טייל רופט זיך „ראָל־קאָמאַנדע" און דער צווייטער טייל רופט זיך „הימל־קאָמאַנדע". די „ראָל־קאָמאַנדע" ראָלט אויף (טרייבט צונויף) פון אַלע שטעט און שטעטלעך די ייִדן און ברענגט זיי אויף דעם טויטן־אָרט און די „הימל־קאָמאַנדע" פירט אַדורך אויפן אָרט די מאַסן־מאָרדן. עס איז אויסגערעכנט, אַז ביזן סוף יאָר 1943, זאָלן זיך אין גאַנץ פּוילן מער נישט געפינען קיין איין קראַנקער, זקן אָדער קינד פון דער ייִדישער אָפּשטאַמונג. די אַלע וואָס זענען נישט נוצלעך דעם דייטשן פאָלק מוזן אומקומען. די איבעריקע וואָס זענען נאָך געזונט, וועלן אויך סיסטעמאַטיש פאַרניכטעט ווערן. די טויט־קאָמאַנדע האָט שוין צוגעגרייט אין אייניקע ערטער פון פּוילן קרעמאַטאָריומס. די ערטער זענען: כעלמנא, סאָביבור, טרעבלינקע, בעלדזשעץ. אַ גרויסער טייל פון אונדז גלייבט נישט, אַז דאָס דייטשע פאָלק וועט אַזאַ מאַסן־שחיטה אויספירן. אַ טייל פון אונדז

גלייבן, אַז דאָס וועט אָפּגעשטעלט ווערן. אויך גלייבן מיר, אַז די וועלט וועט דאָס נישט צולאָזן. לײדער געפינען זיך ביי אונדז אַזעלכע עלעמענטן, וואָס וואַרטן דערויף ווי אַ קאַץ אויף אַ מויז. אויך מיר וואַרטן אויף דער גרויסער, אָנגעזאָגטער אָפענסיווע, וואָס וועט אַ סוף מאַכן צו דעם היטלער־ריזם. דאָס איז אַלץ וואָס איך האָב אייך צו זאָגן. אויב מיינע ווערטער וועלן אייך קענען ראַטעווען, וועט דאָס מיך שטאַרק פרייען. האַלט אייך און היט אייך אויס פון „יודן־שמעלצטאָפּ״.

דער ווינער דייטשער סאָלדאַט, דער אויפריכטיקער מענטשן־פריינט, האָט זיך פון אַלע זייטן אַרומגעקוקט, אַרויסגענומען אַ פּעקל פון 100 שטיק לומינאַל און מיר איבערגעגעבן, זאָגנדיק דערביי:

„דאָס איז דער בעסטער מיטל צו ראַטעווען זיך פון „יודן־שמעלצטאָפּ״. איך האָב אים האַרציק באַדאַנקט און געבעטן, אַז ער זאָל מיר איבערגעבן זיין נאָמען, ווי ער הייסט און וווּ ער וווינט. אין אָנהייב האָט ער נישט געוואָלט מיר זאָגן, דערקלערנדיק: „איך האָב געטון מיין מענטשלעכע פליכט און דאָס איז פאַר מיר גענוג. ווען איך האָב אים שטאַרק געבעטן און אים דערקלערט, אַז איך בין אַ פאַרשטייער פון אַ סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און פיר אין דער געטאָ קאָנספּיראַטיווע אַרבעט, און אויב ער האָט ביז איצט געהאַט צו מיר צוטרוי, זאָל ער ווייטער האָבן דעם צוטרוי, האָט ער ענדלעך באַשלאָסן זיין נאָמען מיר איבערצוגעבן. ער הייסט פריץ באַנקער, וווינט אין ווין אין דריטן באַצירק. זיין פרוי פירט אַ פּאַרפומעריע־געשעפט. ער איז אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט, זיין פאָטער איז אין יאָר 1923 געווען ראַטמאַן אין ווינער שטאָט־ראַט.

די נייע שניידער־רעסאָרטן

די נייע איינגעאָרדנטע שניידער־רעסאָרטן, אין די לאָקאַלן פון די געכטיקע שפּיטאָלן, האָבן שוין אָנגעהויבן צו אַרבעטן. אין די נייע רעסאָרטן ווערן אַריינגעליפערט טויזנטער מעטער שטאָף, ווי אויך האַלב־אויסגעפאַר־טיקטע מיליטערישע מונדירן, וואָס זענען אָנגעקומען פון פאַרשיידענע אַנ־דערע שטעט און זענען צוליב דער דאָרטיקער יידן־עוואַקואַציע נישט אויס־

געפּערטיקט געוואָרן. דער אַרבעטס־„מיניסטער", יאַקובאָוויטש, לויפט אַרום פון איין רעסאָרט צום צווייטן, גיט אינסטרוקציעס, אַז די נייע רעסאָרטן זאָלן ווי אַמשנעלסטן אָנהייבן אַרבעטן און אַרויסווייזן מער אַקטיוויטעט ביז וואָס מען האָט איבערגעגעבן, אַז פון היינט אָן וועט שוין זיין אין געטאָ רויק, מער קיין עוואַקואַציע וועט נישט פאָרקומען. די באַפעלקערונג קען זיין רויק און זיך נעמען צו דער אַרבעט. בלויז די וועלכע וועלן שטערן אָדער נישט אויספירן די אַרבעט, וועלן געשיקט ווערן דאָרט ווו אַלע פאַרברע־כער ווערן געשיקט.

אויך דער גוטהאַרציקער פּרעזעס האָט אַזש אַרויסגעקלעפּט צוויי אויפ־רופן. אין דעם ערשטן אויפרוף שרייבט דער פּרעזעס אַזוי: „ברידער יידן, די עוואַקואַציע האָט אויפגעהערט. די דייטשע מאַכט האָט מיר פייערלעך צוגעזאָגט, אַז מער קיין אויסזידלונג וועט נישט פאָרקומען. דעריבער פאַר־לאַנג איך, אַז איר זאָלט זיך נעמען צו דער אַרבעט, כדי צוריק צו נאָר־מאַליזירן אונדזער לעבן. די נעכטיקע וועלן מער נישט צוריקקומען, די אי־בערגעבליבענע מוזן ווייטער לעבן, מוזן ווייטער שטרעבן צו אַ נאָרמאַל לעבן". דער צווייטער אויפרוף: „שוועסטער און ברידער, איך פאָדער אייך אויף צו שטעלן זיך צו דער אַרבעט, יעדער צו זיין רעסאָרט, דאָרט ווו ער האָט פריער געהערט. די וועלכע האָבן נישט קיין אַרבעט, זאָלן קומען אין די ביי־געשאַפענע שניידער־רעסאָרטן און דאָרטן זיך פאַרשרייבן, ווייל די אַרבעט איז נייטיק און יעדער מענטש אין געטאָ מוז אַרבעטן. אויב די מאַכט וועט געוויר ווערן, אַז עס געפינען זיך נאָך מענטשן אין דער געטאָ וואָס אַרבעטן נישט, קען חלילה פאָרקומען אַ פרישע עוואַקואַציע. איך האָב געפּועלט ביי דער מאַכט, אַז די איבערגעבליבענע קינדער זאָלן צוגעטיילט ווערן צו די אַרבעטס־רעסאָרטן. יעדעס קינד אין עלטער פון 8 ביז 14 יאָר מוז זיך שטעלן צו דער אַרבעט. אין קורצן וועט געשאַפן ווערן אַ נייער רעסאָרט פאַר כאַלופּניקעס. הונדערטער מענטשן וועלן קענען צו זיך אַהיים נעמען די אַרבעט. עס איז מער נישטאָ קיין מורא. אַרבעטן און ווייטער אַר־בעטן — דאָס איז אונדזער איינציק געווער און מיט דעם געווער וועלן מיר זיך קענען פאַרטיידיקן".

שלמה פראַנק

דאָס יאָר 1942 איז פאַרענדיקט

ווידער אַ יאָר אַוועק. איך האָב ביים סוף פון יאָר זיך פאַראינטערע־סירט, וויפל יידן עס זענען אין פאַרלויף פון די דריי געטאָ־יאָרן אומגעקו־מען. איך האָב וועגן דעם גערעדט מיט די מענטשן, וואָס פירן אָן די רע־סאָרטן, ה׳ ביאַלער, דער אויפזעער פון בית־עולם, האָט מיר געזאָגט, אַז פון טאָג אָן ווען מען האָט פאַרמאַכט די געטאָ, ביז דעם 31סטן דעצעמבער 1942, זענען אויפן יידישן בית־עולם באַגראָבן געוואָרן דרייסיק טויזנט אַכט הונדערט און אַכציק נפשות. כימאָוויטש, דער הויפט־סעקרעטאַר פון דער געטאָ־פּאָליציי האָט מיר געזאָגט, אַז אין פאַרלויף פון די דריי יאָר געטאָ־הערשאַפט זענען אומגעקומען 8.000 מאַן, דערונטער 1.700 קינדער. דער הויפט־לייטער פון דער אויסזידלונגס־קאָמיסיע, אַדוואָקאַט יאַקובסאָן, האָט מיר דערקלערט, אַז עס זענען אין פאַרלויף פון די דריי יאָרן אַרויס־געשיקט געוואָרן פון געטאָ 52.550 נפשות.

צוזאַמען באַקומט זיך אַ שרעקלעכע ציפער: דורך די דריי יאָרן געטאָ האָט דאָס לאָדזשער יידנטום פאַרלוירן 91.430 נפשות.

דאָס יאָר 1942 איז אַוועק. די געשטאָרבענע וועלן מער צו אונדז נישט צוריקקומען. די איבערגעבליבענע, די וועלכע לעבן נאָך, קוקן צען מאָל דעם טויט אין די אויגן אַריין. אַ גרויזאַמער פּחד האָט אַרומגענומען די נאָך לעבנגעבליבענע. מען האָט מורא פאַר דעם נייעם יאָר. אַפילו דער פּרעזעס, וואָס גייט איבער טויטע, איז אויך עפּעס נישט צופרידן. אויך אים פּייניקט דאָס געוויסן. שוין אייניקע טעג, ווי ער וויל עפּעס דערציילן. ער גייט אַרום פאַרביטערט. יעדן טאָג רופט ער צו זיך זיינע נאָענטסטע מיטאַרבעטער און פרעגט זיי אויס, ווי די אַרבעט אין די רעסאָרטן זעט אויס? וויפל באַ־שטעלונגען די דייטשן מאַכן? ווי זעט אויס די שטימונג אין דער גאַס? מען זעט דערביי ווי ער שטיקט זיך מיט ווערטער און קען זיי נישט אַרויס־ברענגען. איינעם פון זיינע נאָענטסטע, דעם אַדוואָקאַט באַפּטאַלי, האָט ער דערקלערט, אַז דער הימל איז אַ ביסל פאַרוואָלקנט. מען דאַרף אָפּוואַרטן אייניקע טעג. ער גלייבט, אַז קיין בלוטיקע אויסזידלונג וועט מער נישט פאַרקומען. ביבאָוו און בראַספּיש האָבן אים פייערלעך צוגעזאָגט, אַז קיין עוואַקואַציע וועט מער נישט זיין, נאָר שרעקן שרעקט ער זיך דווקא איצ־

טער מער ווי פריער. די דייטשן ליידן אויף אַלע פראָנטן מפּלות. זיי האָבן אויפגעהערט צו באַשטעלן קינדער־זאַכן. די געסטאַפּאָ וויל פאַרקלענערן דאָס געטאָ. די אַלע זאַכן דערנערווירן דעם פּרעזעס און ער קען מער נישט שלאָפן.

דערמיט פאַרענדיקט זיך דאָס טרויעריקע און דאָס בלוטיקע 1942סטע יאָר.

דאָס פּוילישע ייִדנטום

ביכער־סעריע פון דעם צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן אין אַרגענטינע

רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַג־לייטער: אבֿרהם מיטלבערג

ביז איצט דערשינען:

1) מאַרק טורקאָוו — מלכה אַוושיאַני דערציילט... (אויספאַרקויפט)
2) ה. ד. נאָמבערג — י. ל. פּרץ (אויספאַרקויפט)
3) וו. גראָסמאַן־וויערניק — טרעבלינקע (אויספאַרקויפט)
4) פּרץ גראַנאַטשטיין — מיין חרובֿ שטעטל סאָקאָלאָוו (אויספאַרקויפט)
5) ישראל טאַבאַקסבלאַט — חורבן לאָדזש (אויספאַרקויפט)
6) זרובבל — באַרג חורבן (אויספאַרקויפט)
7) אלחנן צייטלין — אין אַ ליטעראַרישער שטוב (אויספאַרקויפט)
8) ד״ר ח. שאָשקעס — פּוילן — 1946 (אויספאַרקויפט)
9) ז. סעגאַלאָוויטש — טלאָמאַצקע 13 (אויספאַרקויפט)
10) מ. נודעלמאַן — געלעכטער דורך טרערן (אויספאַרקויפט)
11) ד״ר מאיר באַלאַבאַן — די ייִדן־שטאָט לובלין (אויספאַרקויפט)
12) ישראל אפרת — היימלאָזע ייִדן (אויספאַרקויפט)
13) ד״ר יעקבֿ שאַצקי — אין שאָטן פון עבֿר (אויספאַרקויפט)
14) דוד פלינקער — אַ הויז אויף גזשיבאָוו (אויספאַרקויפט)
15) ד״ר הלל זיידמאַן — טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ (אויספאַרקויפט)
16) זאַמלונג פון דאָקומענטן — קינדער־מאַרטיראָלאָגיע (אויספאַרקויפט)
17) חיים גראַדע — פּליטים (אויספאַרקויפט)
18) ש. קאַטשערגינסקי — פּאַרטיזאַנער גייען!... (אויספאַרקויפט)
19) פרידע זרובבל — נע ונד (אויספאַרקויפט)
20) מרדכי שטריגלער — מאַידאַנעק
21) יעקבֿ לעשצינסקי — אויפן ראַנד פון אָפּגרונט (אויספאַרקויפט)
22) ז. סעגאַלאָוויטש — געברענטע טריט (אויספאַרקויפט)
23) אבֿרהם טייטלבוים — וואַרשעווער הויף
24) טאַניאַ פוקס — אַ וואַנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן
25) ש. ל. שניידערמאַן — צווישן שרעק און האָפענונג (אויספאַרקויפט)
26) לעאָ פינקלשטיין — מגילת פּוילן (אויספאַרקויפט)
27) יאָנאָס טורקאָוו — אַזוי איז עס געווען... (חורבן וואַרשע)
28) ש. איזבאַן — „אומלעגאַלע״ ייִדן שפּאַלטן ימען
29) יעקבֿ פאַט — הענעך
30) ד״ר י. קערמיש — דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ

31) שמחה פּאָליאַקיעוויטש — אַ טאָג אין טרעבלינקע
32) מרדכי שטריגלער — אין די פאַבריקן פון טויט
33) אברהם נחתומי — אין שאָטן פון דורות
34) יחיאל לערער — מיין היים (אויספאַרקויפט)
35) יוסף וואָלף — לייענענדיק פרצן...
36) צפורה קאַצענעלסאָן־נאַכומאָוו — יצחק קאַצענעלסאָן
37) י. הירשהויט — פינצטערע נעכט אין פּאַוויאַק
38) נחום סאָקאָלאָוו — פערזענלעכקייטן
39) רחל קאָרן — היים און היימלאָזיקייט (לידער)
40) א. אלמי — מאָמענטן פון אַ לעבן
41) מנשה אונגער — פּשיסכע און קאָצק (אויספאַרקויפט)
42) מ. בורשטין — איבער די חורבות פון פּלוינע
43) מ. קיפּניס — הונדערט פאָלקס־לידער (אויספאַרקויפט)
44) ז. סעגאַלאָוויטש — מיינע זיבן יאָר אין תל־אביב (אויספאַרקויפט)
45) ד״ר ח. שאָשקעס — אַ וועלט וואָס איז פאַרביי... (אויספאַרקויפט)
46) שלמה וואַגאַ — חורבן טשענסטאָכאָוו
47) אברהם זאַק — יאָרן אין וואַנדער (לידער)
48־49) ש. איזבאַן — פאַמיליע קאַרפּ (אויספאַרקויפט)

(פּרעמירט דורכן צבי־קעסעל־ליטעראַטור־פאָנד, מעקסיקע 1950)

50) ד״ר א. מוקדוני — מיינע באַגעגענישן (זכרונות)
51) ר. שושנה־קאַהאַן — אין פייער און פלאַמען (אויספאַרקויפט)
52) י. י. טרונק — די יידישע פּראָזע אין פּוילן
53) יאָנאַס טורקאָוו — אין קאַמף פאַרן לעבן (אויספאַרקויפט)
54) יצחק פּערלאָוו — די מענטשן פון „עקזאָדוס 1947״ (ראָמאַן)
55) פּנחס ביזבערג — שבת־יום־טובדיקע יידן
56־57־58) שלום אַש — פּעטערבורג — וואַרשע — מאָסקווע
59) ד״ר פיליפּ פרידמאַן — אָשוויענטשים
60) ב. ראָזען — טלאָמאַצקע 13
61־62) דוד פלינקער — אין שטורעם (ראָמאַן)
63) יאַנוש קאָרטשאַק — משהלעך, יאָסעלעך, ישראליקלעך
64־65) מרדכי שטריגלער — „ווערק צע״

(פרעמירט דורכן האָפּער־לייב ליטעראַטור־פאָנד ביים
יידישן קולטור־קאָנגרעס, בוענאָס־איירעס, 1951)

66) חיים גראַדע — שיין פון פאַרלאָשענע שטערן
67) רבקה קוויאַטקאָווסקאַ — פון לאַגער אין לאַגער
68) יואל מאַסטבוים — מיינע שטורמישע יאָ״. (זכרונות)
69) אליהו טראָצקי — גלות דייטשלאַנד
70) ד״ר י. שאַצקי — קולטור־געשיכטע פון דער השכלה (אויספאַרקויפט)
71) נחמן מייזיל — געווען אַמאָל אַ לעבן... (אויספאַרקויפט)
72) י. י. טרונק — סימכע פלאָכטע פון נאַרקאָווע (אויספאַרקויפט)

73) **יהודה עלבערג** — אונטער קופּערנע הימלען **(אויספאַרקויפט)**
(פּרעמירט דורכן ליטעראַטור־פאָנד אין סאַן־פּאַולאָ, בראַזיל, 1951)

74) **ד״ר א. מוקדוני** — אויסלאַנד

75) **זיגמונט טורקאָוו** — פראַגמענטן פון מיין לעבן

76) **יהושע פּערלע** — ייִדן פון אַ גאַנץ יאָר
(פּרעמירט מיט דער פּרץ־פּרעמיע פון ייִדישן פּען־קלוב אין פּוילן און ליטעראַטור־פּרעמיע פון „בונד״ אין פּוילן, וואַרשע, 1937

77) **יעקב לעשצינסקי** — ערב חורבן

78) **דניאל טשאַרני** — ווילנע

79) **ז. סעגאַלאָוויטש** — דער לעצטער לאָדזשער ראָמאַן

80) **יזכור־בוך** — בעלכאַטאָוו **(אויספאַרקויפט)**

81) **מ. י. שעליובסקי** — אויף אַ פּולער וואָך

82—83) **יצחק פּערלאָוו** — דער צוריקגעקומענער **(ראָמאַן)**

84) **יוסף אָקרוטני** — דאָס בוך פון די עלנטע

85—86) **מרדכי שטריגלער** — גורלות

87) **ד״ר יוסף טענענבוים** — גאַליציע — מיין אַלטע היים

88) **זלמן שזר** — שטערן פאַרטאָג **(זכרונות)**

89) **משה דוד גיסער** — דאָס געזאַנג פון אַ לעבן **(אויספאַרקויפט)**

90) **ז. י. אנכי** — ר׳ אבא און אַנדערע כתבים

91—92) **עמנואל רינגעלבלום** — קאַפּיטלען געשיכטע

93) **שמעון האָראָנטשיק** — אין גערויש פון מאַשינען **(ראָמאַן)**

94) **גרשם באַדער** — מיינע זכרונות **(קראָקע)**

95—96) **יאָנאַס טורקאָוו** — פאַרלאָשענע שטערן **(זכרונות)**
(פּרעמירט דורכן צבי קעסעל ליטעראַטור־פאָנד, מעקסיקע 1954).

97—98) **אַלטער קאַציזנע** — שטאַרקע און שוואַכע **(ראָמאַן)**

99) **פּועה ראַקאָווסקי** — זכרונות פון אַ ייִדישער רעוואָלוציאָנערין

100) **מאַרק טורקאָוו** — די לעצטע פון אַ גרויסן דור

101) **י. הירשהויט** — ייִדישע נאַפט־מאַגנאַטן
(פּרעמירט דורכן מרדכי־סטאָליאַר־ליטעראַטור־פאָנד, ביי „די אידישע ציייטונג״, בוענאָס־איירעס, 1955).

102) **משה זאַנשיין** — ייִדיש וואַרשע

103) **פ. מינץ (אַלעקסאַנדער)** — די געשיכטע פון אַ פאַלשער אילוזיע

104) **י. י. טרונק** — די וועלט איז פול מיט נסים **(ראָמאַן)**

105־106־107) **מיכאל באָרוויטש** — אַרישע פּאַפּירן

108—109) **מרדכי שטריגלער** — געאָרעמט מיטן ווינט **(ראָמאַן)**

110—111) **ד״ר א. מוקדוני** — וואַרשע און לאָדזש
(פּרעמירט דורכן האַפּער־לייב ליטעראַטור־פאָנד ביים ייִדישן וועלט־קאָנגרעס, ניו־יאָרק, 1956).

112) **ברוך האַגער** — מלכות חסידות
(פּרעמירט דורכן מרדכי־סטאָליאַר־ליטעראַטור־פאָנד, ביי „די אידישע ציייטונג״, בוענאָס־איירעס, 1956).

113) **ב. שעפנער** — נאָוואָליפּיע 7 **(זכרונות)**

114) פנחס שטיינוואַקס — ייִדן צום געדענקען
115) ק. צעטניק — דאָס הויז פון ליאַלקעס
116) מאַקס ווײַנרײַך — פון בײַדע זײַטן פּלויט
117) אליעזר וויזל — און די וועלט האָט געשוויגן
118) ש. בערלינסקי — ירושה
119) ד״ר יוסף טענענבוים — צווישן מלחמה און שלום
120) יוסף אָקרוטני — סוף קאַפּיטל
121) זיגמונט טורקאָוו — טעאַטער־זכרונות פון אַ שטורמישער צײַט
122) בער י. ראָזען — פּאָרטרעטן
123) אברהם טענענבוים־ארזי — לאָדזש און אירע ייִדן
124—125) משה קאַגאַנאָוויטש — די מלחמה פון ייִדישע פּאַרטיזאַנער אין מזרח־אייראָפּע
126—127) אברהם זאַק — קנעכט זענען מיר געווען
128) יעקב גלאַטשטיין — ווען יאָש איז געפאָרן
129—130) דוד פלינקער — נײַע צײַטן (ראָמאַן)
131) משה יודל שעליובסקי — אין דער וועלט אַרײַן
132) ד״ר יצחק שוואַרצבאַרט — זכרונות פון קראָקע
133) לעאָן לענעמאַן — דער חשבון בלײַבט אָפן
134) שלמה פראַנק — טאָג־בוך פון לאָדזשער געטאָ

עס דרוקט זיך און דערשײַנט בקרוב:

מ. באַקאַלטשוק — זכרונות פון אַ ייִדישן פּאַרטיזאַן

הירש אַבראַמאָוויטש — פאַרשווונדענע געשטאַלטן

אלימלך ראַק — זכרונות פון אַ ייִדישן האַנטווערקער־טוער

עס גרייט זיך צום דרוק

יאָנאַס טורקאָוו — נאָך דער באַפרייאונג

י. ל. וואַלמאַן — פּוילישע ייִדן (ראָמאַן)

דוד דאַווידאָוויטש — קונסט־געשיכטע פון שולן אין פּוילן

פּנחס וועלנער — דערציילונגען

פרעסע־שטימען וועגן דער ביכער־סעריע

דאָס פּוילישע יידנטום

משה שענדעריי שרייבט וועגן דעם בוך „פון אברהם טענענבוים—ארזי „לאָדזש און אירע יידן" („די אידישע צייטונג", בוענאָס איירעס, דעם 9טן סעפּטעמבער):

דער טערמין „אַמעריקאַניעץ" איז אַריין אין דער וועלט־טערמינאָלאָגיע, ווי אַ סינאָנים פון געשיקטקייט,

געוווינהייט, אונטערנעמערישקייט, בריהשקייט, גרויסצוגיקייט און ענ־לעכע מעלות.

דאָס בוך פון ר' אברהם טענענבוים וועגן לאָדזש און אירע יידן טראָגט אונדז אַריבער אין אַ שטיק אַמעריקע אויף פּוילישן באָדן, ווו יידן האָבן אַ דאַנק די אַלע אויבן־אויסגערעכנטע מעלות, דערהויבן אַ קליין, נישטיק דערפל, צו אַן ערשט־קלאַסיקן אינדוסטריעלן צענטער, וואָס האָט, ווידעראַמאָל, אַ דאַנק דער שפּרודלדיקייט פון די „קוועקזילבער"־יידעלעך, ווי שלום עליכם האָט, לויטן בוך, באַטיטלט די לאָדזשער יידן, פאַרשפּרייט זיינע סחורות אין די ווייטע ווייטקייטן פון מאַמע־רוסלאַנד, ביז העט ווייט אין סיביר, און אין די סאַמע גרענעצן פון כינע.

און דאָס בוך איז געשריבן נישט פון קיין פאַנטאַסטישן וויזיאָנער, נאָר פון אן עד־ראיה, אַליין אַ לאָדזשער בן לאָדזשער, אַ מיטאייגנטימער פון אַ יידישער צייטונג, „לאָדזשער טאָגעבלאַט", וואָס איז געשטאַנען אין

סאַמע צענטער פון ייִדישן לעבן אין לאָדזש און האָט עס געקענט אין אַלע פּיטשעווקעס און איינצלהייטן. און די דערציילונג איז אַ לעבעדי־קע, אַ בילדערישע, אַ מיטרייסנדי־קע, אַזוי, אַז ווען מען לייענט דעם בוך, לעבט מען מיט די אַלע פּאַסי־רונגען און עפּיזאָדן, סיי פון דראַ־מאַטישן, סיי פון אידילישן כאַראַק־טער.

ווייל שוין פון דער התחלה איז פאַראַן דראַמע אין דעם ייִדישן לעבן פון „לאָדזש", מען לאָזט זיי נישט קומען צום פּסוק. דייטשישע ענג־האַרציקייט און שנאת־ישראל, סו־מירט צו רוסיש־פּוילישן אַנטיסעמי־טיזם, האָבן נישט געוואָלט צולאָזן ייִדן זאָלן אויפקומען אין לאָדזש. ווידמעט א. טענענבוים־ארזי די ער־שטע טייל פון זיין בוך אָט דעם אויסטערלישן געראַנגל. גאַנצע 29 קאַפּיטלען דערציילן מאַלעריש און גיבן איבער בילדלעך, אַלע נגישות, אַלע רדיפות, אַלע שיקאַנעס וואָס ייִדן האָבן געהאַט אויסצושטיין, ביז זיי האָבן געזיגט אויף ביידע פראָנ־טן, ניט נאָר אויפגעשטעלט אַן איי־גענע גרויס־אינדוסטריע, נאָר אויך געצוווּנגען די דייטשישע שונאים צו מאַכן שלום, ווייל זיי האָבן געמוזט אָנקומען צו ייִדישער דינאַמישקייט אַלס פאַרקויפער און „גלאַב־טראַ־טערס".

אויף זייט 116 ברענגט א. טענענ־בוים־ארזי אַ פולע רשימה פון לאָ־דזשער דייטשישע גרויס־אינדוסט־ריאַלן וואָס האָבן איבערגעגעבן צו ייִדן דעם פאַרקויף פון זייערע סחו־רות און גיט צו צוויי פראַזן, וואָס האָבן די ווערט גאָלד:

„און אַזוי האָבן אויך אַלע דייטשע גרויס־אינדוסטריאַלן פון די אַרומי־קע שטעט, ווי זגיערזש, טאָמאַשאָוו, אַזאָרקאָוו, אַפּאַטוווקע א"אַ, איבער־געגעבן ייִדן דעם פאַרקויף פון זיי־ערע פאַבריקאַטן".

„און אין וועג פון די לאָדזשער דייטשע אינדוסטריאַלן זענען במי־לא אויך געגאַנגען די איבעריקע נישט־ייִדישע גרויסע פירמעס, וואָס האָבן איבערגעגעבן ייִדן די לייטונג פון זייערע פאַרקויף־אָפּטיילונגען".

און פון שלום אויפן געביט פון מסחר איז געקומען קאָאָפּעראַציע אויפן געביט פון גרינדן אינסטיטו־ציעס און אַפילו אויפן קולטור־גע־ביט ווי די גרינדונג פון „טהאליא־טעאַטער". און די דייטשישע „לאָ־דזשער צייטונג" שרייבט אין דעם נומער צו איר ערשטן יובל (50 יאָר):

„אויך האָט די ייִדישע באַפעלקע־רונג אין לאָדזש, אַ גרויסע נעץ פון אינטעררילכט־שולן, און דאָס איז טאַקע די סיבה, וואָס צווישן די לאָ־

דזשער ייִדן זענען כמעט קיין אַנאַל־פאַבעטן נישט פאַראַן".

אַזאַ ייִדישער זיג אויף אַלע פראָנ־טן, אַזוי פיין געמאָלן און גרינט־לעך דערציילט, רופט אַרויס געדאַנ־קען וועגן אונדזער עקאָנאָמישער וויכטיקייט אין אַ סך לענדער און צייטן, וואָס איז איינער פון די „יסו־דות" און „סודות" פון אונדזער קיום און דערהאַלטונג, טראַץ אַלץ און אַלעמען.

און ווי דראַמאַטיש דאָס בוך הייבט זיך אָן, אַזוי אידיליש פאַר־ענדיקט זיך עס. די באַזוכן פון מענ־דעלע מוכר ספרים, פון שלום עליכם, פון נחום סאָקאָלאָוו, זכרונם לברכה, און דאָס וואָרט פון באַגייס־טערונג וואָס יעדער איינער פון אָט די דריי אַזוי פאַרשידענע ייִדישע שיינגייסטער האָבן געהאַט פאַר די פוילישע אַמעריקאַנצעס.

זאָגט דער זיידע מענדעלע אין זיין געזעגענונגס־רעדע:

„איר, לאָדזשער ייִדן, קענט שטאָלץ זיין מיט אַלעם וואָס איר האָט געשאַפן אין אייער שטאָט — שאַפונגען וואָס קענען פאַקטיש די־נען אַלס מוסטער פאַר פיל ייִדישע קהילות".

און שלום עליכם זאָגט:

„כ'האָב זיך איבערצייגט, אַז לאָ־דזשער ייִדן זענען ווערט די אָנער־קענונג וואָס די וועלט ווייזט זיי אַרויס, ווייל זיי האָבן באַוויזן, אַז זיי זענען בריות נישט נאָר אין געע־שעפט, נאָר אויך אין ענינים פון פאָלקס־קולטור" (זייט 314).

שלום עליכם האָט אויך אַ רייע טרעפלעכע הומאָריסטישע באַצייכע־נונגען פון פאַרשיידענע גרופּן פון לאָדזשער ייִדן; אויסער די כאַראַק־טעריסטיק פון „קוועקזילבער ייִדי־לעך", וואָס מיר האָבן שוין צי־טירט, הייסן ביי אים כלל־טוער — „לאָדזשער גענעראַל־שטאַב"; און יוגנט — „יונג־ייִדישע לאָרדן"; און זקנים — „זיידעס מיט נשמות פון אייניקלעך"; און פריילינס — „טאַנ־צנדיקע סאָרנעס אויף גילדענע פּי־סעלעך"; און „ביזנעס"־לייט — „לאָדזשער וועוויארקעס" אאַז"וו.

און נחום סאָקאָלאָוו, זאָגט:

„איר לאָדזשער ייִדן, זענט אימ־שטאַנד דורך אייער פעיִקייט און ענערגיע, מיט אייער ווילן און פלייס, מיט אייער איניציאַטיוו און קאַפּיטאַל אויפצולעבן אונדזער היס־טאָריש־היימלאַנד, ארץ־ישראל, פון ביידע זייטן ירדן".

און אין אַ רייע קאַפּיטלען דער־ווייזט ר' אברהם טענענבוים־ארזי, אַז נחום סאָקאָלאָוו האָט קיין טעות נישט געהאַט. וועלן מיר דאָ ברענ־גען בלויז אַ פּאָר „קעפּלעך": „אַ לאָדזשער ייִד — איניציאַטאָר פון תל־אביב"; „לאָדזש — די וויג פון

דער „העברעיִשער הבימה״; „וואָס האָבן אַלץ לאָדזשער געטון פאַר ארץ ישראל״; „לאָדזשער אין דער ארץ־ישראל־אַגריקולטור״. עס לאָזט זיך אויס אַ גאַנצע רייע התחלות אויף די פאַרשיידנסטע געביטן זענען אין ארץ־ישראל געמאַכט געוואָרן פון אָט די „פּוילישע אַמעריקאַנצעס״.

און דער איניציאַטאָר פון תל־אביב, עקיבא ווייס, דערקלערט אַמאָל אין אַ רעדע ווי אַזוי ער איז גע־קומען צום געדאַנק פון אַ יידישער גאָרטן־שטאָט אין ארץ־ישראל: „באַ־טראַכטנדיק אַלץ וואָס די משפחה טענענבוים (ארזי) האָט דאָרטן אין „קאַלי״ (ביי לאָדזש) אין אַזאַ קור־צער צייט געשאַפן, האָב איך מיר כסדר געטראַכט: מה דאָך איין איינ־ציקע ציוניסטישע משפחה איז אימ־שטאַנד געווען איבערצוואַנדערשן אַ וויסט שטיק באָדן און פאַרוואַנדלען אים אין אַזאַ פראַכטפולן פאַרק, מכל שכן, וואָס ווען שוין באַווייזן אַ סך יידישע משפחות, ווען זיי וועלן זיך אַ נעם טון דערצו אין ארץ־ישראל גופא?״ (זייט 346).

אָבער נישט בלויז אין ארץ־ישר־אל, אויך אויפן אָרט זענען די „פּוי־לישע אַמעריקאַנצעס״ געווען וואַכ־זאַם און שפרודלדיק. ברענגען מיר ווידעראַמאָל אַ סעריע פון „קעפלעך״ פון קאַפיטלען: „ווי לאָדזשער יידן באַשיצן העלדיש זייערס אַ ברודער״; „די יידישע זעלבסטשוץ ביים פּאָ־גראָם אין לאָדזש״. „לאָדזשער יידן אָרגאַניזירן אַ חרם אויפן „לאָ־דזשער טאַרמווייַ״; „יידישע שמי־רה אויפן מיליטער־טעלעגראַף״; „לאָדזשער הילף פאַר יידישע פּלי־טים״; „לאָדזשער יידנס־הילף פאַר יידישע בעזשענצעס אין מאָסקווע״ אאַז״וו. עס זענען קאַפּיטלען וואָס וואָלטן געדאַרפט אַריין אין ספר פון יידישער גבורה פון אַלע צייטן.

אָבער ר׳ א. טענענבוים־ארזי, מאָלט נישט דאָס בילד איינזייטיק; ער קען אויך באַשרייבן די נעגאַ־טיווע שטריכן. זענען פאַראַן צוויי קאַפּיטלען וועגן מחלוקת: „די קאַצק־איזשביצער״־מחלוקת; און „די צייַ־טונג־מלחמה וואַרשע־לאָדזש״. ווי עס איז צו זען האָט זיך דער מחבר באַמיט צו געבן אַן אַלזייטיק בילד פון זיין שטאָט, און דאָס האָט זיך אים אויך אין אַ גאָר גרויסן גראַד איינגעגעבן. דער מחבר באַנוצט זיך אויך געשיקט מיט סטאַטיסטישע ציפערן. דער וווקס פון לאָדזש, פון איר יידישער באַפעלקערונג, פון דער אינדוסטריע און איר פּראָדוקציע, ווערן אָפּגעשפּיגלט סטאַטיסטיש און אויף אַן אופן וואָס גיט אַ באַגריף פון דעם קאָפּ־שווינדלערישן, עכט־אַמעריקאַנישן טעמפּאָ, מיט וועלכן די שטאָט מיט איר יידישן ישוב זענען געוואָקסן.

דאָס בוך „לאָדזש און אירע ייִדן" דאַרף פאַררעכנט ווערן צווישן די גרעסטע דערפאָלגן פון דער סעריע „דאָס פּוילישע ייִדנטום"; עס איז אינפאָרמאַטיוו, אינטערעסאַנט, היס־טאָריש באַגרינדעט און טעמפּעראַ־מענטפול געשריבן, עס פילט זיך ממש דער דופק פון לאָדזש, פון ייִדיש־פּוילישן אַמעריקאַניזם, פון ייִדישער שעפערישקייט, פאַרכאַפּט עס ממש ביים האַרצן ווען מען לייי־ענט איבער אין דער ווידמונג פון מחבר, די טראַגישע פּראָזע: „און מיינע פאַרשטאָרבענע און אומגע־בראַכטע שוועסטער און ברידער"... דער צופאַל האָט געוואָלט, אַז זייער צאָל זאָל זיין די סימבאָלישע צאָל פון צוועלף, צעטיילט אין צווי העלפ־טן, זעקס פרויען, זעקס מענער, ווי די צאָל וואָלט געדאַרפט סימבאָלי־זירן נישט נאָר דעם פאַמיליען־אומ־גליק, נאָר אויך דעם נאַציאָנאַלן בראָך. אָבער די כוונה פון דעם מחבר איז נישט נאָר סימבאָליזירן דעם אומקום פון יענער גרויסער אַזוי אייגנאַרטיקער ייִדישער קהי־לה, נאָר זי איז ווי פון אַן עכטן לאָדזשער, עקשנותדיק האַפּערדיק, מיטן פּנים צו דער צוקונפט — שרייבט ר' אברהם טענענבוים־אַרזי:

„די לאָדזשער ייִדן, וועלכע וועלן זיך פון דער דאָזיקער אַרבעט דער־וויסן פאַרשיידענע פּרטים וועגן זייער פאַרגאַנגענהייט, וועלן, האָף איך, פון דער דאָזיקער פאַרגאַנגענהייט שעפּן מוט און עקשנות פאַר זייער ווייטערדיקן ייִדישן קיום אין די נייע באַדינגונגען פון זייער היינט־צייטיקן לעבן. און אין דעם דאָזיקן מוט און עקשנות וועט דאָס בילד פון דעם ייִדישן עבר אין לאָדזש, גלויב איך, שפּילן גאָרנישט קיין קליינע ראָלע"...

קאָן מען פולשטענדיק מסכים זיין מיטן חשבון פון מחבר, מיטן צו־גאָב, אַז נישט נאָר אויף לאָדזשער וועט דאָס בוך אַזוי ווירקן. עס איז אַ דערמוטיקנדיק בוך, אַ בוך וואָס אילוסטרירט ייִדישן געראַנגל און נצחון און פעיִקייט אויפצוהייבן זיך פון אַלע חורבנות — „נצח ישראל לא ישקר"; און פאַר דעם אַלעמען קומט דעם חשובן מחבר אַ גאַר ספּעציעלער יישר־כוח; אַ סך ייִנגע־רע שרייבער פון אים מעגן זיך ביי אים לערנען אָפּטימיזם און טראַצי־קע אמונה פון ואף על פי כן. ער איז טאַקע אַן אמתער לאָדזשער, אַ „פּוילישער אַמעריקאַניעץ", וואָס האָט אויך געבויט ארץ־ישראל".

דעם פאַרלאַג „דאָס פּוילישע ייִדנ־טום" האָט נאָך אַ וויכטיק בוך מיט וואָס צו גרויסן זיך.

י. צודיקער שרייבט וועגן ש. בערלינסקיס בוך „ירושה“ (אונדזער געדאַנק“, בוענאָס איירעס, יאַנואַר 1957):

אונדזערע אַמאָליקע שטעט און שטעטלעך פון געוועזענעם פוילן — און פון מזרח־אייראָפּע בכלל — ליגן איצט אין אַש און אין שטויב.

— אין שטויב פון דורות און אין אַש פון דעם דורכגעגאַנגענעם שטורעם.

אַמאָל — און דער דאָזיקער

„אַמאָל“, ציילט נאָך נישט קיין גאַנצע צוויי צענדליק יאָרן, — אַמאָל איז דאָרטן אַ לעבן געווען; אַ פּולבלוטיק ייִדיש לעבן, מיט ליידן און פּיין, אָבער אויך מיט האָפענונגען און פרייד, מיט ייִדישע גאַסן, ייִדישע ביימער און אַפילו אַ ייִדישע לבנה.

איצט איז דאָס אַלצדינג פאַרשוווּנדן — חרוב געוואָרן, נאָר בלויז אַ ירושה פון דעם אַלעמען איז אונדז געבליבן.

און אַ טייל פון דער דאָזיקער ירושה, גיט אונדז איבער דער טאַלאַנטפולער און שטילער דערציילער ש. בערלינסקי אין זיין נישט־לאַנג דערשינענעם בוך, אַרויסגעגעבן פון צענטראַל־פאַרבאַנד פון פוילישע ייִדן אין אַרגענטינע — אַ בוך וואָס טראָגט טאַקע דעם נאָמען „ירושה“.

***

עס איז זיכער נישט קיין צופאַל, וואָס דאָס ערשטע בוך — אָדער איינס פון די ערשטע ביכער פון ש. בערלינסקין — דערשינען אין אַמאָליקן פוילן אין יאָר 1927, האָט געטראָגן דעם נאָמען „אַ לעבן גייט אויף“, און עס איז אויך נישט קיין צופאַל, וואָס דאָס איצטיקע בוך — אַרויסגעגעבן פון נאָכפאַלגער און נאָכפאָלגער און יורשים פון אַמאָליקן פוילישן ייִדנטום — טראָגט דעם נאָמען, דעם אַזויפיל־זאָגנדיקן נאָמען „ירושה“.

— אין יאָר 1927 איז ביים פוילישן ייִדנטום געווען אַ מעכטיקער באַרג־אַרויף. נישט געקוקט אויף

כלערליי רדיפות און פאַרפאָלגונגען, האָט זיך געפילט, אַז עס גייען אויף נייע לעבנס; מעכטיקע, אונטערער־דישע, שעפערישע קוואַלן האָבן זיך אַרויסגעריסן אויף דער אויבערפלאַך פון לעבן. איצט, מיט דרייסיק יאָר שפּעטער, בלייבט אונדז נישט מער ווי צו דערציילן פון דעם גרויסן, גלאָררייכן אַמאָל, פון דער אַמאָלי־קער ירושה.

און ש. בערלינסקי דערציילט דאָס אונדז אויף אַ טאַלאַנטפולן, קינסטלערישן אופן.

פון די 24 דערציילונגען, פון וועל־כע עס שטעלט זיך צוזאַמען דאָס בוך, זענען גאַנצע 19 געווידמעט דאָס פּוילישע, דאָס יידיש־פּוילישע שטעטל. צוויי דערציילונגען „אַ געשריי" און „שטערן אין שטוב" זענען פון ווייטן, הייסן, האַלב־עקזאָ־טישן אוזבעקיסטאַן. אָבער די העלדן פון די צוויי דערציילונגען, זענען צוגלייך מיט די אוזבעקן — ריכטי־קער: אוזבעקישע פרויען — אויך פאַרוואָגלטע יורשים פון יידישן פּוי־לן. דריי דערציילונגען: „אַ זינגע־רין", „די יונגע שוישפּילערין" און „די טענצערין", האָבן נישט אויף זיך קיין ספּעציעלן לאַנד־שטאַמפּל; קאָנען זיין אַזוי פּוילישע ווי ישר־אלישע — די העלדן אָבער זענען ווידער אַמאָל יורשים פון יידישן פּוילן.

שיין פּרעכטיק און מיט אַ סך טאַ־לאַנט איז אָנגעשריבן די דערציי־לונג „צוויי גאַסן". פון איין זייט זעט איר די יידישע געסלעך, די ענגע אָרעמע געסלעך פון דער יידי־שער אָרעמקייט „פון אונדזערע ליי־מיק־קלעפּיקע געסלעך, ווו מען פלעגט קונציק שפּרייזן פון איין אַנידערגעוואָרפן ברעט אָדער שטיין אויפן אַנדערן" און פון דער צווי־טער זייט — די הויפּט־גאַסן, ווו עס וווינען דער גרעסטער טייל נישט־יידן „די גאַסן זענען דאָ געווען אויף ביידע זייטן אויסגעפלאַסטערט מיט גלאַטע שטיינער. אין דער מיט — אַ גלאַנציקער אַספאַלט".

אין די אָרעמע יידישע געסלעך איז „יעדער דראַנג, אָדער צייכן אויף אַ פלויט איז אויסגעוואַקסן אין אַ נישט־גוטן, אין אַ פאַרזעעניש" און „אין אונדזערע געסלעך זענען אומ־געגאַנגען לידער וועגן יתומים, וואָס די מאַמע איז זיי אָפּגעשטאָרבן און זיי האָבן נישט ווער עס זאָל זיי קע־מען און צוואָגן; וועגן אַ סאָלדאַט, וואָס וואָלט געפלויגן אַ היים ווי אַ פויגל אין נעסט אַריין; וועגן אַן עלנטן מענטשן, וואָס איז געשטאָר־בן אין שפּיטאָל" אאַז"וו. און אין די הויפּט־גאַסן „פלעג איך דאָ שוין

הערן מוזיק פון די פענצטער אַרויס. טענער פון קלאַוויר, פון פידל, קלאַנ־גען פון געזאַנג, האָבן לוסטיק גע־צאַפּלט איבער די שטילע הויפן אַאַז״וו.

צווישן די ביידע גאַסן איז געווען אַ גרענעץ, וואָס נישט אַלעמאָל איז געווען לייכט אַריבערצוגיין. אָט האָט ער, דער קליינער שלמהקע געדאַרפט אַ פּאָר מאָל אָפּטראָגן אַרבעט אין די הויפּט־גאַסן אַריין, האָט מיט אים געטראָפן פאַרשיידענע פּאַסירונגען; איינמאָל, ווען ער איז אַריין אין הויז פון אַ רוסישן אָפיציר; אַריין איז ער מיט אַ סך שרעק, סיי פאַר די גרויסע הינט, סיי פאַר די רעוואָל־ווערן, ביקסן און שווערדן וואָס זע־נען געהאָנגען אויף די ווענט און סיי פאַר דער פרעמדער סביבה בכלל און אָט קומט צו צו אים דעם גענע־ראַלס טאָכטער, גלעט אים דעם פּנים און שרייט אויס אַ באַגייסטער־טע: „גאָספּאָדאַ, זעט נאָר דעם יעוו־רייטשיק! ער טרינקט דאָך דאָס ליכט מיט די אויגן. פון אים וועט אויסוואַקסן אַ גרויסער פּאָעט״. פאַ־רן אַוועקגיין רעדט זי אים איין ער זאָל קומען, זי וועט אים לערנען און גיט אים אַ פינף־רובלדיק גאָלד־שטיקל... אַ צווייטן מאָל פאַלט ער אַריין צו אַ באַנדע שיכורע פּוילישע פּריצים, וואָס מאַכן מיט אים אַ „שפּאַס״ און ווילן אים דערשיסן; אַ דריט מאָל ווילן אים די גלחים אָפּ־שמדן און נאָך אַ סך ענלעכע פּאַ־סירונגען.

די דאָזיקע דערציילונג איז אָנגע־לאָדן מיט אַ סך דראַמאַטישן שטאָף. ש. בערלינסקי דערציילט דאָס אָבער אַלץ אויף אַ שטילן, געמיטלעכן, בנעימותדיקן אופן.

אָט די שטילקייט און געמיטלעכ־קייט הערשט אין גרעסטן טייל דער־ציילונגען פונעם בוך, אַפילו אין דער טיטל־דערציילונג „ירושה״, ווו ער דאַרף דאָס דערציילן פון זיין בייזן, כעסדיקן טאַטן, פון וועמען ער זאָל דאָס האָבן געירשנט די זעלבי־קע אייגנשאַפטן, אַפילו דאָרט זעט איר העכסטנס עקשנות, אָדער טראָ־ציקייט; דער „בייזער״ טאַטע זיי־נער, שטייט מיט אַ שטענדיק שמיי־כלעכע פאַר די יעניקע, וואָס זענען שטאַרקער ווי ער און „ווען די מאַ־מע אָדער ווער פון די קינדער איז קראַנק, איז דער טאַטע געשטאַנען אַ פאַרצווייפלטער און פאַר די לעצ־טע גראָשנס געשיקט נאָך אַ רופא און אויב עס איז גאָר שלעכט גע־וואָרן, פלעגט ער אָן אויפהער בייסן די שפּיצן פון דער באָרד״.

און ער אַליין — ש. בערלינסקי גופא — כאָטש ער פּרוּווט זיך צו־צושרייבן אכזריותן קעגן לערן־ייִנגל, קעגן אַ מיידל מיט וועלכער ער

פירט די ערשטע ליבע, קעגן זיי־נעם אַ חבר אַאַזו״ו, איז ווייט נישט קיין אַכזר — גלייך ווי עס איז נישט ריכטיק זיין סוף־באַמערקונג אין דערזעלביקער דערציילונג אַז „סוף־כל־סוף בין איך פון דער היים אַנט־לאָפן. ביי אַלע געווינען פון דער מאַמען האָב איך אַפילו קיין העמד נישט געוואָלט מיטנעמען. דאָס האָט געזאָלט הייסן — איך רייס איבער, וויל גאָרנישט האָבן קיין זכר פון יענער היים״. ש. בערלינסקי האָט נישט איבערגעריסן מיט יענער היים!

און די אַלע דערציילונגען פון בוך „ירושה״ זענען אַרויסגעריסענע בלעטלעך פון יענער היים, — פון אונדזער אַלעמענס געוועזענע היים.

אַן אינטערעסאַנט בלעטל פון יע־נער היים, איז „אַ יידישער בוים״, וואָס וואַקסט קרום, אַלכסונדיק, מיט אַ קרומען רוקן און וואָס נוצט אויף אויסצולופטערן מלבושים, בעט־געוואַנט, אָדער אויף אַוועקצושטעלן געוואַשענע געשיר צו טריקענען א״אַנד זאַכן.

דער „יידישער בוים״ נוצט אָבער נישט בלויז אויף גשמיותדיקע זאַכן, נאָר אויף עפּעס העכערס; ווען אַ קינד לערנט זיך גיין, הייבט אָן צו שטעלן די ערשטע טריט, טוט ער דאָס ביים בוים. ביים זעלביקן בוים וויגט מען אויך דאָס קינד און עס איז במקום אַ זומער־וווינונג״, פרי־שע לופט. כלות העפטן דאָ אויס פאַרשיידענע בלומען אָדער מאָנאָ־גראַמען פאַר זייער בעטצייג, שבת בייטאָג זיצן דאָ ווייבער און לייע־נען די סדרה פון דער וואָך און צייטנוויץ דערציילט ש. בערלינסקי

„דער בוים האָט אין מיינע אויגן אָנגענומען אַזאַ יידישע צורה. ער פלעגט אויסזען מיט זיין שיינעם בלעטערדיקן קאָפּ און אויסגעבויגע־נעם רוקן, ווי אַ יידישער תלמיד־חכם מיט אַ הדרת־פנים און אַ שיי־נער נאָר די פלייצע איז ביי אים איינגעבויגן פון זיצן און לערנען״.

— דאָס איז אַ קליינטשיקע דער־ציילונג וואָס פאַרדינט און איז ראוי אַריינגענומען צו ווערן אין אַ כרעס־טאָמאַטיע.

שטאַרק שטימונגספול איז די דערציילונג „די לבנה אין שטאָט״, — אַ שטימונגס־זאַך, וואָס דער־מאָנט אין דוד איינהאָרנס אַ פּאָעמע וועגן אַ לבנה־נאַכט, ווו „עמעץ האָט זיך פאַרבענקט״.

***

ש. בערלינסקי דאַרף זיך געפי־נען אין מיטן פון זיין שאַפונגס־וועג

און מיר דערוואַרטן פון אים ער זאָל אונדז נאָך אַ סך דערציילן פון דעם פאַרשוווּנדענעם ייִדישן שטעטל, אַז ער זאָל נאָך מיט אַ סך באַרייכערן די דאָזיקע ירושה.

און מיר דערוואַרטן אויך, אַז דער פאַרבאַנד פון פּוילישן ייִדן אין אַר־גענטינע, וואָס האָט אַזוי פיל צוגע־טראָגן צו אונדזער חורבן־ליטעראַ־טור, וועט אויך מיטהעלפן צוזאַמענ־צונעמען און פאַראייביקן אונדזער גייסטיקע ירושה.

SHLOMO FRANK (FRENKEL)

DIARIO DEL GHETTO DE LODZ

★

Editado por la

UNION CENTRAL ISRAELITA POLACA EN LA ARGENTINA

Buenos Aires, 1958

COLECCION
"EL JUDAISMO POLACO"
DIRECTOR:
MARC TURKOW
DIRECCION ADMINISTRATIVA:
ABRAHAM MITELBERG
Volumen 134

IMPRESO EN LA ARGENTINA — PRINTED IN ARGENTINA

Copyright by:
SHLOMO FRANK, ISRAEL

The publication of this volume was made possible by a grant from the Cultural Fund of the Conference on Jewis Material claims against Germany.

ESTE LIBRO SE TERMINO DE IMPRIMIR EL DIA 2 DE ABRIL DE 1958 EN LOS TALLERES GRAFICOS "ZLOTOPIORO HERMANOS", CALLE SAN LUIS Nº 3149, BUENOS AIRES, REPUBLICA ARGENTINA.